
עלינו ניתך אסון, שלא נראה כמוהו מיום ברוא ד' שמים וארץ. לא כעבור מאה שנה, כי אם בדורנו אנו, לעינינו ממש, כלו ועברו מן העולם כל אלה שהיו עמנו, חלמו אתנו ולבותיהם הלמו בקצב אחד עם לבותינו. אנו עומדים עתה אחרי „נעילה" גדולה ומחרידה בחיינו.

המוות, על כל צורותיו, השתולל בציחנוביץ. הטבע האנושי האכזרי הרס כל הסכרים, רמס חוקי אדם ואלוה, והגיר דם יקירינו באכזריות שאין לה דוגמא. יהיו דפים אלה דפי-זכרון — להם ולסבלם העל-אנושי.

מקורות

M. Balinski-Lipinski — Starożytna Polska.

S. Orgielbrand — Encykłopedyja powszechna.

Słownik Geograficzny Królestwa Polskiego i innych krajów Słowianskich.

מפתח ההסכמות, מאת ד"ר ליאופולד לוונשטין, — Index Approbationum
1923, הוצאת קויפמן, פרנקפורט ע"נ מיין.

„המליץ" — 1883 ; 1886 ; 1887 ; 1889 ; 1891.

„הצפירה" — 1880 ; 1894 ; 1895 ; 1903 ; 1917.

„המגיד" — 1858 ; 1867 ; 1872.

„צייטשריפט", מינסק, 1929 כרכים II—III.

געשיכטע פון יידן אין ביאַליסטאָק — מאת אברהם־שמואל הערשבערג.

פנקס ועד ארבע־ארצות, מאת ישראל היילפרין, עמודים: 304, 331, 360, 362, 364, 365, 369, 373, 388, 404, 407, 432, 435.

קריה נאמנה — מאת שמואל־יוסף פין (וילנה, שנת תרע"ה).

כנסת ישראל — מאת שמואל־יוסף פין (ורשה שנת תרמ"ז).

עיר ווילנא — מאת הלל־נח מגיד (שטיינשניידר) — שנת תר"ס.

זה ספר תולדות אדם — מאת יחזקאל פייביל (שנת 1864).

ספר אש דת — מאת משה־הלוי רובינשטיין (שנת 1906).

תולדות חכמי ירושלים — מאת פרומקין.

דור רבניו וסופריו — מאת בן־ציון אייזנשטט (וילנה, שנת 1901).

מדור דור — מאת מ. ליפסון.

פרנק ועדתו — מאת אלכסנדר קרויזהאאר (ורשה, שנת 1896).

חלקת מחוקק — מאת אשר־ליב בריסק.

עונג יום־טוב — מאת רפאל יום־טוב ליפמן־היילפרין (וילנה 1880).

שם הגדולים החדש — מאת ואַלדן.

גליא מסכת — מאת ר' דוד אב"ד נאוואהרדאק (שנת 1844).

בית דוד — מאת הרב דוד קאמיען (ורשה 1902).

אהלי־שם — מאת שמואל־נח גוטליב (ורשה, שנת תרע"ב).

מאיר נתיב — מאת שבתי ברב אליעזר זוסמן (אַלטונא תקנ"ג).

מאיר־שלום שצ׳דרוביצקי [1]
(תל־אביב)

הרב דוד־שאול בצנלבויגן אב״ד רציחנוביץ

הגאון מוהר״ר [2] דוד־שאול, הנודע בשם „הצדיק מציחנוביץ״, נולד לאביו הצדיק יעקב כצנלבויגן מבריסק־דליטא בשנת תצ״ד (1744).

הוא היה מגזע היחס לרבנו מהר״מ [3] מפדוה, הט״ז [4] והב״ח [5].

בשנת תק״ט (1749) נסע ללמוד בישיבת רבנו יחזקאל לנדא, בעל „הנודע ביהודה״, שמושבו היה אז בעיר יאמפולי. בישיבה זו למד עד שנת תקי״ח (1758). בשנה זו עבר „הנודע ביהודה״ לגור בעיר ריטשוול ונסע עמו גם תלמידו ר׳ דוד. שם נשא את בת הגאון אלכסנדר־משה־הלוי הלר, שהיה מגזע היחס ל„תוספות־יום־טוב״.

בשנת תקכ״א (1761) עזב ר׳ דוד את ריטשוול, לאחר שנתקבל כאב״ד בעיר בודקי. כעבור ארבע שנים, בשנת תקכ״ה (1765), נתקבל כאב״ד בציחנוביץ. שם נתפרסם לא רק כגדול בתורה, כי אם גם כגדול ב„חכמת האמת״ (חכמת הקבלה) וכבעל מופת.

אחרי חתונתו עברו 7 שנים ולא זכה לבן. היה ר׳ דוד שרוי בצער גדול. גיסו, הרב דוד־טבלי הלוי־הלר, הציע לו לנסוע ללבוב, לקבר הקדוש רבנו ט״ז, שהוא נקרא על שמו. הוא קיבל את ההצעה ויצא לדרך בלוית אשתו וגיסו. בליל הגיעם לקבר נגלה אל ר׳ דוד הט״ז ואמר לו: „שמע נכדי, אנכי מבטיח לך בנים, זרע ברך ד׳, בתנאי שלכל בניך תקרא בשמות חיות הקודש ויתקיימו לך בעזרת השם״.

למחרת קם ר׳ דוד מהקבר הקדוש וחזר לביתו בציחנוביץ. ואמנם, בערב פסח של

---

1. המחבר בן ה־16, הוא בנו של הרב שמואל שצ׳דרוביצקי שליט״א מביאליסטוק, דור תשיעי בשושלת ר׳ דוד זצ״ל.

2. מוהר״ר — מורנו הרב רבי.

3. המהר״מ מפדוה היה גאון מפורסם באיטליה במאה הט״ו. הוא נולד בשנת רל״ג (1433) ונפטר בשנת שכ״ה (1565) ביום ו׳ בשבט. הוא נקבר בפדוה.

4. הט״ז, על שם הספר „טורי זהב״, נולד בשנת ש״מ (1580). היה אב בית־דין בלבוב ונפטר שם בשנת תכ״ז (1667) ביום כ״ו בשבט. היה חתנו של הב״ח.

5. הב״ח, על־שם הספר „בית חדש״, שהוא ביאור על ה„טורים״ לרבנו יעקב בן הרא״ש. הוא נולד בבריסק בשנת ש״כ (1560), עבר לקראקא ושימש שם כאב״ד (אב בית־דין). נפטר שם ביום כ׳ באדר שנת ת׳ (1640) ונקבר במקום.

שנת תקכ״ז (1767) נולד לו בנו בכורו ר׳ צבי־הירש פרילוקר זצ״ל. הבן הזה היה במעלה גבוהה וקדושה כזו, עד שמספרים שהגאון מוילנא אמר לתלמידו ר׳ חיים מוולוזין: „איני יודע מי חשוב ממי — אם הרשלה חשוב בגלל היותו בן ר׳ דוד, או ר׳ דוד חשוב בגלל היות לו בן כרב צבי״.

לרב דוד נולדו עוד שלשה בנים: ר׳ זאב־וולף, ששימש כאב״ד בקמיניץ; אריה־לייב, ששימש כאב״ד בבודקי ור׳ דב־בר מורשה. כמו־כן נולדה לו בת בשם צפורה, שנישאה לרב שלמה־זלמן הלוי רגנסבורג, שהיה מנכדי המרש״א.

מנהגו של ר׳ דוד היה, שכל תלמיד־חכם שבא לציחנוביץ היה מתאכסן אצלו. ביתו היה לתלפיות, ביחוד, לאחר שפורסם ע״י הגר״א מוילנא, תומכו ומרבה בשבחו.

ר׳ דוד היה נערץ לא רק בעולם הרבני, כי אם גם גדולי החסידות לא חסכו שבחם מאתו. הרב שלמה מקרלין ביקר פעמים אחדות אצל ר׳ דוד בציחנוביץ והביא לו דרישת־שלום מאת המגיד הגדול ר׳ דב־בר ממזריטש. מסופר גם שלאחר פטירת הרב רבי אלימלך מליזנסק, כשהחלו חסידים מליטא נוסעים ללובלין ולקוזניץ, אמר להם ה„חוזה״ מלובלין: „מה לכם להטריח עצמכם אלי, אם בקרבתכם שוכן צדיק כרב דוד מציחנובצי״.

ה„חוזה״ מלובלין סיפר גם כמה סיפורי מעשיות מופלאים בשמו של ר׳ דוד. אחד מהם אספר בזה: בהיות ה„חוזה״ קרוב ללובלין, צווה לאחד מחסידיו לרדת מהעגלה ולנסוע לעיירה פלונית. בהגיעו סמוך אליה, תשמענה אזניו קולות מחרידים, ואז עליו לחוש להציל.

החסיד עשה כמצוות ה„חוזה״, ואמנם, בהגיעו קרוב לעיירה שמע קול צווחה בוקע מהיער. ביער ראה, שעגלת פריצים טובעת בבוץ ואינה יכולה להיחלץ מתוכו. החסיד אזר כוח וברוב עמל ויגיעה חילץ את העגלה מהבוץ. הפריץ ביקש להעניק לחסיד תשורה נאה עבור המעשה שעשה, אך החסיד סירב לקבל. ביקש ממנו הפריץ שיגיד לו את שמו וכשיצטרך פעם לעזרתו — יפנה אליו והוא יושיעו.

החסיד הזה גר בציחנוביץ והוא המשיך לביתו.

באמצע הדרך פגע בו המהר״ד (מורנו הרב דוד) ואמר לו: דע לך, בני, כי על־ידי המעשה שעשית ביטלת גזירה קשה שנגזרה על היהודים. לכן, קום וסע אל הפריץ ובקש ממנו שיעביר את רוע הגזירה. ואמנם, הפריץ קיים את הבטחתו וביטל את הגזירה.

הרב דוד ניהל ישיבה בציחנוביץ, שנתאספו אליה לומדים ממקומות קרובים ורחוקים. את הרבנות לא נשא ברמה ולא זרק מרה בתלמידיו, כי היה בעל רוח עדינה ושקטה. אולם, כשהדבר נגע בשמירת הדת — היה קפדן גדול. הוא תיקן גם תקנות שונות, שאחת מהן חייבה את בעלי המאפיות לתת את הקמח של הפרשת חלה לעניי העיר. כמו־כן היה הראשון בציחנוביץ, שהתקין בית־תמחוי (מטבח) לנצרכים.

ביום ז׳ באייר שנת תקע״ט (1819) נתבקש ר׳ דוד לישיבה של מעלה והוא זקן ושבע ימים, בשנת השבעים וחמש לחייו. הוא נקבר בציחנוביץ בבית־העלמין הישן.

וזה נוסח מצבתו:

(מצד הראש)

פ״נ

האדם השלם בכל מידותיו
רחב־הלב וצר־השפתיים
בעל מידות תרומיות
דרכיו דרכי־אמת היו
וכל מעשיו אך לשם שמים נעשו
דעתו ופסקיו לכלם נעמו
בקי בכל ימא דתלמודא
רובא דרובא דפוסקים לא נעלמו ממנו
יושב על מדין פה בקהלתנו
עת של ד״ן[6] שנה
קרוב היה לכל הזקוק לקרבה
בעל רחמנות לאין שיעור וערך

זה שמו וזה זכרו לעולם
מוהר״ר[7] דוד־שאול קצנלבויגן
בעדן ישכון נצח עד בוא עת שילה

(נוסח המצבה מצד הרגליים)

האב״ד[8] והר״מ[9] דעירנו במשך ד״ן שנה
אשר דננו דין אמת וביושר
הרב הגאון הצדיק המפורסם
היוחסין הגדול כמוה״רר דוד
שאול זצוקלה״ה[10] לבית כצנלבויגן
בהרה״ג[11] מוהר״ר יעקב זצ״ל מתושבי בריסק
תגן נשמתו הקדושה עלינו ועל כל ישראל אמן

---

6. ד״ן — בהוראה כפולה, דהינו, שדן את יהודי ציחנוביץ במשך ד״ן — חמישים וארבע שנה.
7. מוהר״ר — מורנו הרב רבי.
8. האב״ד — האב בית־דין.
9. והר״מ — והריש מתיבתא (ראש הישיבה).
10. זצוקלה״ה — זכר צדיק וקדוש לחיי העולם־הבא.
11. בהרה״ג — בן הרב הגאון.

מספרים, שאחרי פטירתו קרה מעשה נורא, שהדהים את כל יהודי־העיירה והדו הלך למרחקים. וזהו דבר המעשה: בנו, ר׳ זאב־וולף, שימש תחילה רב בציחנוביץ ואחר־כך עבר לקמניץ. לפני פטירתו הביע משאלה להקבר על־יד קבר אביו בציחנוביץ. ביום מותו נפטרה גם אחותו צפורה, שאף היא כתבה בצוואתה שיקברוה ליד קבר אביה.

עלו על בית־הקברות וראו שמצד ימין ומצד שמאל של הקבר נשארו פסי־אדמה צרים מדאי כדי כריית שני קברים. החליטו אנשי ה„חברה קדישא" לכרות שני קברים ולנסות לכווץ בהם את שני הנפטרים. קודם שמו את ר׳ זאב והוא לא נכנס, אולם כשהכניסו את גופת הבת צפורה — זז הקבר ממקומו ופינה לה מקום. ראו בכך סימן, כאילו, אין ר׳ דוד רוצה שבנו ינוח לצידו. בלית־ברירה הובילו את ר׳ זאב לבריסק ושם נטמן.

מקורות

1) „דעת קדושים" — מאת ישראל־טוביה אייזנשטט.

2) „גדולת שאול" — מאת מנחם־מנדיל הנדלמן — הוצאה א׳.

3) „גדולת שאול" — הוצאה ב׳ עם תוספות — מאת אריה־יהודה ליפשיץ.

4) „סדר היוחסין" — מאת הרב אפרים רגנסבורג.


5) „נפלאות החוזה מלובלין" — על־ידי נכדו הרב קלמן שפירא.

כמו־כן השתמשתי בכתב יד של בנו של רב זאב מקמניץ.

מגיפה של העיירה

פרץ הירשביין ז״ל

דער נורעץ



פאָט. : ש. דרורי

נהר נורץ — The River Nuretz — דער טייך נורעץ

ערגעץ ווייט, ביי די גרעניצען פון ליטע און פוילן, איז פאַרהאַן אַ קליין וואַסער־מיהל׳כעל מיט צוויי הויכע וואַסער־רעדער, בעהאַלטן צווישען האָלשענע בוימער און ווערבעס, לאָנקעס און קרעניצעס.

אַ קליין טייכל מאַכט זיך אַרויס פון צווישען די בוימער, לויפט אָהן רעש; פון ערגעץ קומט עס אָן און ווערט פערהאַלטן ביים בריק פון מיהל. און אַז דאָס וואַסער קלייבט זיך אָן, שפּאַרט זיך עס דורך שפּאַלטען און לעכער, פּרובירט רייסן די גרעבליעס און אַ וועג זיך מאַכען. עס קומען פּויערים מיט דראָבנע פערדלעך, ברענגען תבואה אין מיהל אַריין — יעמאָלט עפענט מען דעם וועג פאַרן וואַסער. דער וועג איז אַ שמאָלער און ער פיהרט צו די וואַסער רעדער. דורך דעם ענגען וועג רייסט זיך דאָס וואַסער אַריין אונטער דעם ראָד, דרעהט איהם פונאַנדער און מיט גערויש און געפּילדער טראָגט זיך עס אַוועק ווייטער פון די רעדער, פערשוימט און מיט פרייד...

דאָרט בין איך געבוירען. דאָרטן איז ביז צוואַנציג יאָהר געווען מיין היים.

— וואוהין לויפט דאָס וואַסער? איך בין געווען אַ קינד און נישט פֿערשטאַנען דעם סוד. ערשט שפּעטער, אַז איך בין עלטער געוואָרען; אָנגעהויבען צו פֿערשטעהן דעם ערנסטען שמועס וואָס האָט זיך גאַנץ אָפּט געפֿיהרט ביי אונז אין שטוב צווישען די פּויערים, וואָס האָבן געבראַכט מלאכה אין מיהל אַריין, ווען עס האָבן זיך מעשיות געצויגן דורך די לאַנגע ווינטער־אָבענדען, מעשיות איבער ווייטע מקומות, פֿרעמדע מיהלען, אַנדערע טייכען — דעמאָלט איז מיר אויסגעקומען צו הערן, אַז אַ גרויסער טייך איז ערגעץ פֿאַראַן — דער נורעץ!

אין דעם נורעץ פֿאַלט עס אַריין אונזער טייך, — אַהין ציהט ער זיך אָהן אויפֿהער.

גאַנץ אָפּט, פֿאַר פּסח, איז אויסגעקומען צו הערען ווי פּויערים פֿון ווייטע מקומות דערצעהלען מיט גרויס ערענסט אַז דער נורעץ ביי טשעכאַנאָווצע האָט זיך צושפּיעלט און אַז די טשעכאַנאָווצער מיהלען זיינען אין געפֿאַהר. ס'האָט שוין דאָרט אַלע גרעבליעס אַראָבגעטראָגען.

איך האָב מיר דערוואוסט, אַז די מיהלען אויפֿן נורעץ געהען טאָג און נאַכט אַ קיילעכדיקן יאָהר, און כ'האָב שטאַרק מקנא געווען יענע אונבעקאַנטע מילנער, וואָס האָבען זייערע מיהלען אויף אַזאַ גרויסען טייך.

איין מאָל פֿאַר פּסח האָט זיך אונזער טייכעל שטאַרק צושפּיעלט; די גרעבליעס ערטערוויז צוריסען און איבער די גרעבליעס גלייך מיט די לאָנקעס זיך געטראָגען. אויפֿן בריק ליגען די „זאַסטאַווקעס", טריקענען זיך אַנטקעגען דער זון און אונטען רייסט דאָס וואַסער, טראָגט זיך אויף הפקר, צושלאָגענדיג זיך אָן די זיילען פֿון בריק.

אַ גאַנצע וואָך האָט עס געדויערט; די לאָנקעס פֿאַרטרונקען; די הויכע מיהל־רעדער — ביז העלפֿט אין וואַסער. ס'וואַסער צו גרויס פֿאַר אַזאַ קליין טייכעל.

איך שטעה אויפֿן בריק און קוק ווי דאָס וואַסער טראָגט זיך, טראָגט זיך אַוועק פֿון אונז, קיין מאָהל זיך שוין נישט אומקעהרענדיג זיך צוריק. אימיצער לויפֿט מיט שמחה און שרייט, אַז פֿיש זיינען אָנגעקומען פֿון אַ פֿרעמד וואַסער צו אונז; באַלד קומט אַ פּויער און ער טראָגט אַ גרויסען, ברייטען, ווייסען פֿיש... נאָך אימיצער לויפֿט און דערצעהלט, אַז מחנות פֿיש שווימען אום איבער די פֿאַרגאָסענע לאָנקעס און מען קען זיי מיט די הענט כאַפּען.

אין פֿריהלינג, ווען די פֿיש לאָזען זיך אַנטקעגען וואַסער אין מחנות גרויסע, פֿערבלאָנדזשען זיי אמאָהל פֿון זייער היים, און דאָס מאָהל האָבען זיי אַזש ביז צו אונז זיך דערקליבען.

— דאָס זיינען די פֿיש פֿון נורעץ! ביי אונז אין טייך זיינען גאָר אַזעלכע פֿיש נישט געווען. איך האָב גוט געקענט די גרויס פֿון אונזערע פֿיש, זייער אויסזעהן; אַזעלכעס אָבער איז ביי אונז אין טייך נישטאָ.

דער גרויסער ווייסער פֿיש ליעגט אויף אַ באַנק, עפּענט און פֿאַרמאַכט די

באַקען, און דער עולם אין שטוב באַטראַכט איהם שווייגענדיג. איך קוק אים אָן, פּרוב אים עפענען ס׳מויל און זעהן צי האָט ער ציינער — ניין, ער האָט נישט.

איך שטעל מיר פאָר ווי גרויס עס מוז זיין דער נורעץ, אַז אַזעלכע גרויסע פיש זיינען אין אים פאַראַנען.

יאָהרען זיינען פערביי... מעהר האָבען זיך צו אונז שוין נישט דערשלאָגען אָט די גרויסע געסט פון דעם טייך נורעץ.

יאָהרען זיינען פערביי; איך האָב דעם נורעץ קיין מאָהל נישט געזעהן. און כאָטש כ׳האָב פאָר דער צייט די גרעסטע און שעהנסטע טייכען געזעהן, פונדעסטוועגען דאַכט זיך מיר, אַז מיין טייכעל איז דאָס שעהנסטע און דער אונבאַקאַנטער נורעץ — דער גרעסטער: — אויפן נורעץ געהען די מיהלען טאָג און נאַכט!

בריעף, וואָס זיינען אָנגעקומען פון דער היים, דערצעהלען, אַז ביי טשעכאַנאָווצע זיינען גרויסע שלאַכטען פאָרגעקומען און אַז דעם נורעץ האָט מען אָנגעפיהלט מיט הרוגים.

איך האָב געטראַכט פון מיין היימיש טייכעל, וואָס טראָגט זיינע שטילע וואַסערען צום נורעץ און העלפט דאָרט אָבשווענקען דאָס בלוט, וואָס איז ביי די ברעגען פון נורעץ פאַרגאָסען געוואָרען...

אפרים־אליהו ריבאק ז״ל

נאטור און קלימאט פון ציעכאנאוויעץ

אונזער שטעטל איז אייגענטליך, נישט געווען קיין איין שטעטל, נאָר אַ צווילינג־שטעטל, ווי, למשל, וואַרשע און פּראַגאַ, אָדער ניו־יאָרק און ברוקלין. די צוטיילונג איז געווען א געאָגראַפישע — אַ דאַנק דעם טייכל נורעץ, וואָס איז געפלאָסן אין מיטן.

דער נורעץ האָט ביים שטעטל געהאַט זיין אייגענע צעטיילונג, וואָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דעם, וואָס אויף זיינע ברעגן, זענען אויפגעשטעלט געוואָרן צוויי וואַסער־מיהלן, און די וואַסערן פונם טייכל האָבען געמוזט איינגעשפּאַנט ווערן אַלס טרייב־קראַפט פאַר די מיהלן. צוליב דעם איז דער נורעץ צעטיילט געוואָרן אויף צוויי שטראָמען — דער הויפּט־שטראָם און אַ זייטיקער שטראָם וואָס האָט זיך פאַרקירעוועט צו דרום־מערב, און נאָך אַ שטרעקע פון, בערך, צוויי ווערסט איז ער צוריק אַריינגעפאַלן אינם הויפּט־שטראָם. דאָס האָט פאַרמירט אַן אינזעלע וואָס איז גערופן געוואָרן בלאָן. אַנטקעגן דעם האָבען די צוריקגעשטויסענע וואַסערן פונם הויפּט־שטראָם, צו מזרח־זייט, פאַרמירט אַ האַלב־אינזעל, וואָס מהאָט גערופן גאַוועניץ.

די צוויי אינזעלאַך האָבען זיך שטאַרק אונטערשיידט אין אויסזעהן. דער גאַוועניץ איז געווען זומפּיק, באַוואַקסן מיט מאָך, קאַרטשעס און אַנדערע געוויקסן. אויף זיינע ברעגן האָבען זיך געזען שטעקעלאך מיט רייצנדיג־באַבלומטע קעפּעלאַך, קריגעלאַך, אַ שפע פון דיקע, גרינע בלעטער, וואָס זענען אַרויסגעוואַקסן פון די וואַסער־פלאַנצן מכל המינים.

דער גאַוועניץ האָט אויך צוגעשטעלט וואַסער־געוויקסן אַלס אונטערשפּרייט ביים באַקן גרויסע לאַבענס ראזעווע ברויט, גרינס אויף שבועות, ערבות צו די „ארבעה מינים״ אויף סוכות, און „הושענות״ אויף הושענא־רבה.

דער בלאָן, זייענדיק אַרומגערינגלט מיט וואַסער, איז זיין זאַמד־ברעג געווען זילבער־ווייס און ערטערווייז גאָלד־געל, באַשפּרינקעלט מיט זשאַבע־שיסעלאַך און מעער קעפּעלאַך. קונדסים פלעגן אין זיי זוכען פּערל, וואָס זיי האָבען, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל ניט געפונען. ווייטער, נעענטער צום צענטער, זיינען געווען נידריקע בערגלאַך און טאָלעכלאַך, איבער וועלכע ס׳האָט זיך גשפּרייט אַ פיינער־גרינער גראָז, מיט צוואָרפענע, דאָ און דאָרט, רומיאַניקס און מאַן־בלימעלאַך.

דער זאַמדיקער בלאָן האָט באַזאָרגט דאָס גאַנצע שטעטל מיט זאַמד, אויסצושיטן אויף די פּאָדלאָגעס אין די הייזער לכבוד שבת און יום־טוב. אָרעמע און קאַרגע אידען

האָבען דעם זאַמד אַליין געבראַכט אין זעקלאַך. בעל־הבתישע אידען האָבען די סחורה איינגעהאַנדלט פון אַ גוי, וואָס האָט געהאַט אַ חזקה אויף בריינגען זאַמד. צוליב דעם האָט מען איהם גערופען „פיאַסעק“ (זאַמד). צוליב דער פרנסה זיינער האָט דער גוי שוין געמוזט אויך האָבען אַ היפּשע ידיעה אין אידיש, און ווען אַן אַנדער גוי האָט געוואָגט ווערן פיאַסעקס קאָנקורענט, האָט אים דער בעל־חזקה גערופען צו אַ דין־תורה. איז טאַקע פיאַסעק אַרויס מיט לשון און געזאָגט: „עס איז מיין „קאַזאַקאַ“ (חזקה). דער קאָנקורענט האָט נישט אָנגעהויבען פאַרשטיין וואָס „קאַזאַקאַ“ מיינט, האָט ער פאַרשטאַנען אַז פיאַסעק האָט „קאַזאַקן“. האָט ער זיך גענומען צלמ׳ען און געזאָגט פיאַסעקן, אַז פאַר קאַזאַקן האָט ער מורא, ווייל זיי האָבן אין זיין דאָרף פאַרשמיסן צום טויט אַ שליאַכטשיץ. אַזוי אַרום איז פיאַסעק געבליבען דער „מולך־בכיפה“, אָן קאָנקורענטן...

ביים אינזעל בלאָן איז דער טייך געווען שמאָל און ניט טיף. אין אייניגע פלעצער האָט מען געקאָנט אַריבערגיין אַ באָרוויסער. אין אַנדערע פלעצער האָבען אַרויסגע־סטאַרטשעט שטיינער, איבער וועלכע מ׳איז גשפּרונגען ביז מ׳האָט דערגרייכט דעם בלאָן. דאָרט זענען געשטאַנען ווייבער און האָבען געקלאַפּט געקלאַפּט און געשווענקט דאָס געוואַשענעס וועש.

אין אַ געוויסן ווינקל פון טייך זענען געגאַנגען די „פּני“ פון שטעטל זיך באָדן. און, הגם פון קיין „בגד־ים“ האָט מען נאָך דאַן ניט געוווּסט, איז אַלעס צוגעגאַנגען אויף אַ צניעותדיקען און פּריוואַטן אופן. מחמת דער טייך איז דאָרט געווען טיפער און שטורעמ־דיקער האָט אַ שווימער געקאָנט זיך בעסער צעפירן די הענט און די מוטיקערע צווישן זיי האָבען געקאָנט באַווייזן זייער בריה׳שקייט.

איבערן וועג, אַנטקעגן דעם צאָל־אַמט, איז געווען אַ הויז וואָס האָט באַלאַנגט צו בעריל דעם שטריקנמאַכער. ביי דער גרעבליע איז געווען אַ פאַסיגער פּלאַץ פאַר פלעכטן און דרייען לאַנגע שטריק.

קונדסים האָבן געהאַט נוצן פון בעריל שטריקנמאַכערס נחלה און פון זייער שטאַנדפּונקט איז עס, אפשר, געווען וויכטיקער פון אַלעס. כדי אויסצוהיטן דאָס שטיבל פון געוויסער, איז עס אויפגעבויט געוואָרן אויף סלופּעס און דער אַרויפגאַנג איז געווען דורך טרעפּ. „חברה“ האָט אויסגענוצט די טרעפּ אויף אויסצוטאָן זיך צום באָדן און פון דאָרט אַראָפּגעשפּרונגען אין וואַסער אַריין. דאָ האָבן זיי זיך געפּליוסקעט אונטער דער ווערבע און „געשטעלט טריט“ צו לערנען זיך שווימען אין טייך.

דער אונטערשטער דעק ביי די איינגעצוימטע וואַסערן איז געווען דער הויפּט־פּלאַץ פאַר „עמך“ זיך צו באָדען. אויך פערד זענען אַהערצו געפירט געוואָרן זיך צום באָדען. נו, איז עס טאַקע געווען אַ רשות הרבים און די פיינשמעקער אין „אדם הראשונ׳ס טראַכט“ האָבן ניט ליב געהאַט אַהער צו קומען.

פרויען האָבן געהאַט אַ באַזונדער אָרט, וואָס איז גערופען געוואָרן מיט אַ מאָדנעם נאָמען „אונטער דער שאבע“. די דייטשע שקצים און שיקסעס האָבען זיך געבאָדען ווייטער

צו מעריב־צו, ביים פּלאַץ וואו דער זייטיקער שטראָם האָט זיך פֿאַראייניקט מיטן הויפּט־שטראָם. זיי האָבן זיך שוין געבאָדען אין אַ מין באָד־אַנצוג.

ווייטער אַ ביסל, צו מעריב־זייט, איז געווען אַ היסטאָרישער פּלאַץ, וואָס מ׳האָט גערופֿען „דער פֿאַרעיפּושטער בית־עלמין”. הגם ס׳איז ניט געווען קיין שום סימנים פֿון אַ בית־עלמין, דאָך איז געווען אָנגענומען, אַז מיט עטליכע הונדערט יאָר צוריק האָט געבושעוועט אַ מגיפֿה, און גרויסע צאָלן מענטשען זענען געפֿאַלן קרבנות. זיי זענען אַלע געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל אינעם „פֿאַרעיפּושטן בית־עלמין”. צי דאָס איז ן פֿאַקט, בלייבט אַ אָפֿענע פֿראַגע.

אין יענעם געגענט איז אויך געווען אַ שטח, וואָס איז גערופֿען געוואָרן דער „לאַגער”. דאָרט זענען געווען אויסגעאַרבעטע בערגלאַך און טאָלען וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַ איבערבלייב פֿון אַמאָליקע טראַנשייען אָדער שוץ־פּונקטן. זענען טאַקע געווען ביי אונז די „חכמי לעזשאַנקע”, שאַרפֿע פּאָליטיקער און סטראַטעגיקער, וואָס האָבן זיך משער געווען אַז וואו צוויי מדינות קומען זיך צונויף, איז נויטיג אַ שלאַכט־פֿעלד און אַז אָט דער לאַגער האָט אַמאָל געדינט אַלס מלחמה־טעאַטער.

׳יבען וויאָרסט, בערך, האָט זיך געצויגן כראַביניעס (גרעפּינס) וואַלד. אַ באַצויבערנדער פּלאַץ, מיט הויכע סאָסנאָווע ביימער. די ביימער, צעצווייגטע און צעבליטע, האָבן געשאַפֿען אַ חופּה איבערן קאָפּ און זענען געשטאַנען מאַיעסטעטיש מיט זייער ברוינרויטלעכער אַרומגעהובלטער קאָרע. זייערע צווייגן, אויסגעצויגענע און באַוואַקסענע מיט גלאַטע דינינקע נאָדלען זיינען פֿאַרבליבן גרין אַ גאַנץ יאָר, מחמת זיי האָבן געצויגען זייער יניקה פֿון די וואָרצלען, הגם די ווינטן, רעגנס און שנייען האָבן די בעל־גאווה׳דיקע ביימער אויך ניט אויסגעלאָזן און צונויפֿגעשאַרט אַרום זיי בערגלאַך מיט פּגרים־בלעטער.

דער וואַלד האָט געשווימבלט מיט כל המינים פֿייגל, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך געפֿונען זינגער און זעלטענע „קראַסאַוויצעס” (שיינהייטן). דאָרט האָט אויך גענעסטעט די חנוודיקע ווערוויאָרקע מיט איר שפּיציקער מאָרדע און אויסגעדרייטן פּוכיגן עק, וועלכע האָט געקראָגען חיונה פֿון קאָרע־ניס.

אין דעם וואַלד זענען אויך געוואַקסען שוואָמען, יאַגעדעס — שוואַרצע און רויטע — וואָס האָבן געשמט אין דער סביבה. זיי וואָלטן געקענט גענוצט ווערן אַלס גוטע שפּייז, ווען ניט די ביזוויליגע „כראַביניע”, וועלכע האָט ניט פֿאַרגינען מ׳זאָל פֿון זיי געניסן, הגם זי אַליין האָט ניט געקענט פֿאַרברויכן, אַפֿילו, אַ טויזנט חלק פֿון דער שפֿע. זי האָט דאַריבער געהאַלטן „ליעסניקעס” (וואַלד־היטער) מיט בייזע הינט, וועלכע האָבן שוין אַכטונג־געגעבן, אַז מענטשען זאָלן פֿון די יאַגאָדעס ניט הנאה האָבן.

די ניט־פֿאַרגינערישע גרעפֿין האָט געוואוינט אין אַ פּראַכטפֿולן ווייסן פּאַלאַץ ביים ברעג וואַלד. זי האָט, אַ סברה, מורא געהאַט פֿאַר אַן עין־הרע, האָט זי איהר פּאַלאַץ

פאַרשטעלט און פאַרבאַרגען ווי הינטער אַ פּאַרהאַנג. זי האָט מיט קיינעם ניט געהאַט קיין מחזקות. דאָך איז ניט ווייט פון דאָרט געווען אַ גרויס איינפאָהר־הויז וואָס איז געלעגען ביי אַ ריטשקע (אַ טייכל) און האָט באַלאַנגט צו אַ אידען מיטן נאָמען חיים פּאַקער (לעווין).

איינע פון די וואונדערבאַר־שיינע נאַטור אוצרות איז געווען די נחלה פונם פּוילישען דאָקטאָר שוועניצקע. אויף דער נחלה איז דאָס וויכטיגסטע געווען דער פרוכט־גאָרטן, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן לויט די לעצטע אַגריקולטור מעטאָדן. דאָרט איז געווען אַ שפע פון אַגרעס מכל המינים: לאַנגע, מאַט־גרינליכע, מיט געלע פּאַסן, און זיי האָבען געהאַט אַ טעם גן־עדן. אַנאַנדער אויסנאַם־פּרי זענען געווען די ווייַנפּעלאַך, וואָס זענען געוואַקסן געדיכט אויף קורצע צווייגעלאַך, און ווען מ'פּלעגט אַריינעמען דאָס גאַנצע צווייגל אין מויל, האָט מען זיך אָנגעטרונקען מיט אַ ווייניקן זאַפט.

אין דעם גאָרטן־סאַד האָט מען אויך קולטיווירט אייניקע סאָרטן וויינטרויבן, מעלאָנען און קאַווענעס. אויסער דעם איז דאָרט געווען אַ „אָדם וחוה" גן־עדן פון זעלטן שיין געוואַקסענע ביימער און וואונדערבאַרע בלומען, צווישן וועלכע ס'האָבען זיך געדרייט און געשלענגעלט וועגעלאַך און סטעזשקעלאַך און ס'האָבן אַרויסגעבליקט בערגעלאַך. אונזער שטעטל האָט אַ סך תענוגים געהאַט פון אָט דעם גן־עדן.

צו די וואונדערבאַר־שיינע נאַטור פלעצער דאַרף פאַררעכנט ווערן „מאזארעקס סאַד", וואָס איז געווען אַן איבערבלייב פון דער אַמאָליקער פּוילישער פּראַכט, און איצט האָט דער „סאַד" באַלאַנגט צו אַ געוועזענעם רוסישן גענעראַל. געפינענדיג זיך אויפן צווייטן זייט טייך, האָט ער אַמאָל געדינט אַלס סטראַטעגישער פּונקט, אָדער אַלס פעסטונג, מיט זיינע שאַנצן, בערגלאַך און איינגעבויגענע טאָלן. דאָ זענען געווען רואינעס פון אַמאָליקע שטאַרקע ווענט, אַ פּראַכטפולער אַלטער פּאַלאַץ, לאַטאַנקעס אין שאָטן פון אַלטע ביימער מיט פאַרפלאָכטענע פלאַנצונגען, צווישן וועלכע ס'האָבען זיך געשלענגעלט סטעזשקעס ביי אַ לויפנדיקן וואַסער צווישן גרויע, ברוינע און גרינע שטיינער, מיט נידעריקע וואַסערפאַלן, וועלכע האָבן זיך געבלעזלט זייטיק און אַרונטער, און פיש פון פאַרשידענע קאָלירן האָבן זיך דאָרט אַרומגעשפּילט. פון ביידע זייטן אַלייען האָבען זיך געפונען פּראַכטפולע בלומען וואָס האָבן געכישופט מיט זייערע קאָלירן און ריחות.

אָבער, ס'איז אין דער נאַטור פון אונזער שטעטל געווען ניט נאָר פרייליכעס און אינטערעסאַנטעס, נאָר אויך פיל טרויריקעס און שרעקליכעס. ווען ס'איז געקומען חודש סעפּטעמבער האָבען אָנגעהויבן בלאָזען קאַלטע ווינטן און דריבנע רעגנדלאַך האָבען אָנגעהויבן צו נידערן. אפילו, די געוואַגטסטע זענען מעהר ניט געגאַנגען זיך באָדן אין טייך. די ביימער אין די גאָרטנס האָבן אָראָפּגעטרייסעלט פון זיך די לעצטע בלעטער. ווו ניט ווו האָט נאָך אַרויסגעקוקט אַ פאַרעקשנטער עפּל אָדער אַ פלאָם וואָס קלאַמערן זיך מיט די לעצטע כוחות צו די צווייגעלאַך.



פאָט. : ש. דרורי

אחת מזרועות הנורץ — איינער פון די נורעץ־אויסגיסן

One of the Arms of Nuretz

אין די גאָרטנס זעט זיך אַרויס די צורונצלטע נאַקעטע ערד. אויך דער וואַלד איז פאַרלאָזן. די שפּאַצירער ווערן ווייניקער. ס'איז דאָרט נאַסלאַך און קאַלט. און, ווען מ'גייט אין וואַלד אַריין איז דער ציל ניט אַזוי נהנה צו זיין פון גאָט'ס בליענדיגער וועלט, וואָס שטאַרבט אָפּ פאַר די אויגן, נאָר צונויפקלייבן די לעצטע יאַגאָדעס און קאַטשענעס.

פורים־צייט איז דער שניי צעשמאָלצן געוואָרן און ס'האָבן זיך געמאַכט ריטש־קעלאַך, וואָס האָבן געגנידערט פון העכער צו נידעריקער. ווען ס'פאַלט אַ רעגענדל, שפּאַלט זיך דאָס אייז און ס'שטראָמט אַרויס וואַסער פון אונטן. די ריטשקעלאַך פאַר־אייניקן זיך מיט די וואָס ביים ברעג און צוזאַמען שווימען זיי אונטער דאָס אייז. קיינער שטעלט זיך ניט איין מער צו פאָרן אויפן אייז. די וואַסערן פאַרשפּרייטן זיך און פאַרטרינקן די אינזלען אויףביידע זייטן נורעץ. פון שעה צו שעה פאַראייניקן זיך ביידע שטראָמען. ס'ווערט אַ גרויסער ברויזיקער טייך. די שפּיצן פון גאַווענישן זעען זיך קוים אַרויס. שטראָמען דרייען זיך ווי אין אַ קאַלעכאוויזון, פאַרמעסטן זיך צו באַדעקן די יבשה און די גרעבליעס. זיי רוקן זיך הינטערוויילעכטס, ווי ביים אויסגיין „שמונה־עשרה“. זיי פלייצן דורך דעם קאַנאַל און פאַרגיסן דעם מיטן פון דער הויפּישער גאַס, טיילן פון שול־הויף און די קאָזאַר גאַס. דאָס זעלביקע קומט אויך פאָר אויף ניי־שטאָט — ווו נאָר אַ נידעריגער דורכגאַנג ווערט ער פאַרפלייצט.

אויף די בריקן שטייען שומרים, וועלכע היטן דאָס אייז ווען ס׳וועט אָנהויבן פּלאַצן און דער געוויסער וועט נעהמען בושעוון. מענשן, וואָס וווינען נאָענט צו די גרעבליעס און אויף אַנדערע נידריגע מקומות, ציען זיך אַרויס באַצייטנס, וואָרים זיי ווייסן פון פריערדיקע יאָרן וואָס דער מחבל קאָן טאָן. פּלוצלינג הערן זיך קולות. ס׳קראַכט, טרעשטשעט, עקספּלאָדירט דאָס אייז. די מילן ווערן אָפּגעשטעלט פּונקט דאַמאָלסט ווען מ׳נויטיגט זיך אין זיי — צו מאָלן פּסח׳דיגע מעל. די גרויסע רעדער זענען איצט פאַרטרונקען. די שטראָמען פליִיצן זיי אַריבער. די זאַסטאַוועס ווערן געעפנט דורכצולאָזן דאָס וואַסער. דער געוויסער טראָגט מיט זיך פאַרשיידענע זאַכען: אויסגעריסענע בוימלאַך, כלי־בית, כלערליי מטלטלין, עופות־שטייגן, וואָס זענען אונטער־געשווייינקט געוואָרן.

ס׳באַווייזן זיך די גרויסע „אורחים״. אמת, נאָך אַלץ ניט די גרויסע, מוראדיקע ברעכער און צעשטערער. מ׳ווייסט, אָבער, אַז אויך זיי וועלן קומען. די איצט אָנקומענדיקע קלענערע קריעס דערגרייכן די צעעפנטע זאַסטאַוועס־טויערן און טוקן זיך אונטער זיי ווי אין אַ קאַדריל, ווי עמיצער זאָל זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זאָלן גיין ווייטער.

ביי די פאָרענטשעס שטייען די שומרים, באַוואָפנטע מיט לאַנגע באסאקעס, כדי אויב אַ מחבל פאַרטשעפּעט זיך און וויל ניט גיין ווייטער זאָל מען אים העלפן זיך אויסצופּלאָנטערן, מאַכן פאַר אים אַ וועג, אונטערשטופּען אים אַז ער זאָל גיין ווייטער צום טיול.

ס׳דערהערט זיך אַ ווייטערדיקער בראַזגן און קראַכן, ווי אַ שיסעריי פון האַרמאַטן, אַדער אַ עקספּלאָדירענדיגער ווולקאַן. ס׳באַווייזן זיך אומגעלומפּערטע אייז־פעלדער. טייל פון זיי גייען בדרך הישר, צום בריק אויף דער פּוילישער זייט. זיי זענען ניט צו בעכמאַטנע גרויס, און דורכשטופּנדיק זיך דורך די צעעפנטע טויערן, טוקן זיי זיך אונטער ביים וואַסערפאַל און שווימען ווייטער. אַנדערע, אָבער, קומען מיט אַ ירגזון. זיי זיינען צו גרויס. זיי קריכן אויף גלאַטע ווענט און קריגן דעם ריכטיגן בוכטשע, פאַרקירעווונדיג זיך צום רוסישן בריק. ס׳איז מיט חסד וואָס זיי שטופּן זיך דאָרט דורך. איין מזיק יאָגט נאָך דעם צווייטן. און ווען איינער פּוילט זיך אונטער קריגט ער דעם ריכטיקן זעץ פון אונטן, און כאַפּ־לאַפּ קומט אָן אַנאַנדערער, ווי ער זאָל פרעגן: וואָס האָסטו זיך אָפּגעשטעלט שלימזל? דער ווערט בייז, שטעלט זיך פאָפּערעק און לאָזט אויס דעם כעס צום בריק.

ס׳ווערט דער גאַנצער מאַרש אָפּגעשטעלט. אַ שטופּעניש, אַ ראַנגלניש פון גיגאַנטישע כוחות: די נאַטור־עלעמענטן און די פעסט־געבויטע בריקן. געוואַגטע „חברה״ באַווייזן זייער העלדישקייט, כאַפּן זיי זיך אַרויף אויף די אייז־שטיקער און ווילן זיי פונאַנדערטיילן. אָבער זעלטן ווען ס׳געלינגט זיי. דער מענש האָט קיין ווערט ניט ביי די אייז־ריזן. אַמאָל מאַכט אַ טאָלק דער באַהאַלטענער וואַסער־שטראָם, אָבער

אָפּטמאָל ענדיקט עס זיך מיט אַ קאַטאַסטראָפע. קראַך! קראַך! די צוקוקער אַנטלויפן. די בריקן ווערן צעשמעטערט. באַלד — און זיי זיינען שוין ניטאָ.

די מאָדנע קריעס טראָגן מיט זיך פאַרשיידענע זאַכן: שטיבלאַך, בודקעס, בינשטאָקן, עופות שטייגן, אַ שטעלכל מיט אַ ריטשנדיקן חזיר, אַ קעלבל וואָס מעקעט אומבאַהאָלפן, ציגעלאַך, בילנדיגע הינט, מיאַקענדיגע קעץ. אַמאָל געפינט זיך אויך אויף זיי אַ מענש וואָס בעט הילף. בראַווע מענשן שטעלן זיך איין דאָס לעבן צו ראַטעווען, דערהויפּט ווען ס׳האַנדלט זיך צו ראַטעווען אַ מענש.

דער געוויסער שטורעמט און רוישט. דאָס צווילינג־שטעטל איז צעטיילט אויף צווייען, ווי צוויי באַזונדערע מדינות. אָבער ביסלעכווייז שטילט זיך איין די סומאַטאָכע. די וואַסערן דערגרייכן די הויפּטטייכן, און פון די קריעס ווערט אַ סאָרט אייזיגער שניי. דער געוויסער הויבט אָן אָפּציען פון נורעץ. און די מענשן, דערזעענדיג אַז דער סדר קומט ווידער אַריין, שטעלן זיי איין צייטווייליגע קאָמוניקאַציעס: שיפלאַך, לאָדקעס, פּראָמס, קליאַטקעס. דורכגאַנגען פאַראייניקן ווידער אַמאָל פּוילן מיט רוסלאַנד. סוחרים, משרתים, מלמדים הויבן אָן קומען אַ היים אויף פּסח. מ׳קומט מיט דער באַן און מ׳שיפט זיך אַריבער קיין רוסלאַנד.

ווי דער חומש שילדערט דעם מבול און די טעג נאָכן מבול, הויבן זיך אָן אַרויסווייזן שפּיצן פון בוימער, בערגלאַך און פאַרטרונקענע הייזקעס. די מילן דרייען זיך ווידער אַמאָל, אָבער פיל שנעלער ווי פריער כדי אָנצויאָגן די פאַרלאָרענע צייט. אַ צייטווייליגער בריק ווערט אויפגעשלאָגן.

תהילה אשלגי (זילברברג)
(כפר ויתקין)


הנורץ והיער

עיירתנו היתה, כידוע, עיירת־תאומים, שבותרה ע״י הנורץ המשתפך לבוג. מהנהר הזה נתמשכו כמה מעלות טובות, מהן כלכליות ומהן שהן לעינוגו של האדם.

הקשר בין שתי העיירות נוצר באמצעות הגשרים. היו „די אלטע בריקן״ (הגשרים הישנים) ע״י טחנת־הקמח של זילברברג־ווינר, שנשרפו יחד עם העיירה במלחמת העולם הראשונה. כשנכנסו לעיירה הגרמנים בנו גשרים חדשים, שכונו בשם „די נייע בריקן״ (הגשרים החדשים). הם נמצאו במרחק מועט מהגשרים הקודמים. גשרים אלה נשרפו אחר־כך בזמן נסיגת הצבא הפולני מפני הבולשביקים בשנת 1920, וחודשו כעבור זמן מה.

לנו, בני־הנעורים, שימש הנהר מקור לא־אכזב לבידור מימי — רחיצה ושייט. סירות היינו חוכרים אצל „יענקל דער פישער״ שהתגורר ב„דבוריק״. היה זה בית עתיק־יומין, שנבנה לפני הרבה שנים ע״י הגרף צ׳צ׳ירסקי, שהיה בעל קרקעות העיירה. הבית נבנה בסיגנון של טירה ועמד בתוך גן עצי־פרי.

לפני מלחמת העולם הראשונה גרו בו מאנשי השלטון הרוסי, אולם לאחר שריפת



צילם: ש. דרורי

הנהר בין הסכרים — The River between the Dams — דער טייך צווישן די „גרעבליעס״

העיירה השתכנו בו כמה משפחות מדלת־העם, מחוסרות גג, ובתוכן „יענקל דער פישער".

ליד הבית היה מקום לעגינת סירות, שפעם עינגו את פקידות הצאר, ואחר־כך עגנו בו הסירות של יענקל, להנאתנו אנו, בני־הנוער הציחנובצאי.

בכל עונה ועונה הפקנו מהנהר תענוגות אחרים. בחורף, כשהנהר קפא, היו ילדי־העיירה מנצלים אותו לספורט־חורף.

עם בוא הקיץ „לנה" ממש, העיירה על חופי הנהר ובמימיו. ביחוד, היתה מאוכלסת שפת־הנהר ביום ששי אחה"צ. אז המה הנהר מקול המון המתרחצים, שבאו לטהר את עצמם לכבוד שבת.

אם כי בציחנוביץ היה נהוג חינוך משותף, דהינו, נערים ונערות למדו בכיתה אחת — בהגיעם לנהר נתפלגו לפלגותיהם ו„כל עורב למינו" — אלה התרחצו לחוד ואלה — לחוד. כי בימים ההם טרם נודע דבר הבגד־רחצה בציחנוביץ. הבנות התרחצו על־יד ה„קאזארער קארטשעס", מעבר לשיחים הגבוהים, ואדם שיצרו שחוט לא היה „מעז" להפנות ראשו ולהציץ מעבר ל„גבול" שהוקצב לו, אבל צעירים שיצרם מתגבר עליהם היו מתגנבים בחשאי והציצו במה שמעבר לשיחים. ואמרו הליצנים שבדור: הציצו ולא נפגעו... זקני־העיירה היו מרעישים עולמות, שהנהר מסית ומדיח, מקלקל את בני־הנעורים וגורם להפסד המידות הטובות. אבל, היתה זו אמירה בעלמא, בחינת, „החושד בכשרים", שכן גם לאחר שהופיע בגד־הרחצה נשארה הרחיצה המשותפת „בלתי ליגלית".

אגדה היתה מתהלכת בעיירתנו, שהנהר תובע, מדי שנה בשנה את קרבנו. ואמנם, זכורים לי כמה מקרי־טביעה. חקוקה, בעיקר, בזכרוני טביעתו של הנער ברלה שטינברג, שהילכה עלינו רוח־נכאים.

הנהר שימש מקור עיקרי להספקת מי־שתייה לתושבי ניי־שטאט. לא היתה קיימת אצלנו רשת־צינורות ואת מימי־השתייה והרחיצה היו מביאים בדליים. רוב המשפחות הביאו במו־ידיהן את המים מהנהר, אולם לבעלי־היכולת היה מספק מיצרך חיוני זה חיים „איז׳בה", שפרנסתו היתה על־כך.

אלה, שדרו הרחק מהנהר, היו שואבים את המים מבארות, ששתיים היו: אחת במרכז השוק והשנייה על הגבעה שב„וּוליה". אניני־הטעם שאבו את המים לבישול הטה מזו שעל הגבעה, כי הם היו מזוקקים וטעימים יותר.

הנהר שימש גם, מעין, „מקרר" קולקטיבי. הרי לא היו אצלנו מקררי־חשמל וגם לא מקררים רגילים. בחורף היו מנסרים גושי־קרח גמלוניים ומאחסנים אותם במרתפי־קירור („ליודאווניעס"). הקרח הזה שימש לקירור התבשילים, לתעשיית הגזוז, הקבס ובעיקר למרוז׳נה (הגלידה) הטעימה, שנעשתה על טהרת הביצים, השמנת והחלב.

שלמה׳לה „גונשר" היה בעל תעשיית משקאות קרים ובעל מרתף־קירור גדול. בזמן שאדם חלה והיה צורך בקרח לשם הפגת החום, היה שלמה׳לה נותן קרח חינם אין־כסף, לשם מצווה.

בסתיו שונה הנהר שקשה היה להכירו. הוא כוסה כולו במרבד של עלים וסוף, ונדמה היה שאפשר „לחתוך" את מימיו. אולם, בשעת הפשרת השלגים היה הנהר יוצא מגדרו ואז היה איום מראהו.

עיירתנו היתה משופעת בפינות־טבע יפות להפליא, אולם גולת־הכותרת שבהן היה היער. היה זה יער עצי־אורן, שהשתרע על הרבה קילומטרים. הוא גבל, ממש, בעיירה. בסמוך לו עמדו כמה בתי־עץ, שלפני מלחמת העולם הראשונה שימשו שיכוני־קיץ לנופשים שהגיעו מורשה הבירה.

את היער חצה הכביש, שהוביל לצ'יז'ב. במרחק של 3־4 קילומטרים התפצל הכביש לשתי הצטלבויות: אחת הובילה לצ'יז'ב והשניה לדאניר, ומצ'יז'ב למלכין ולטרבלינקה... מקום ההצטלבות נקרא Zakręt (סיבוב). המקום הזה היה מגמת פני המטיילים שהרחיקו בטיולם.

בימות החמה המה היער מרוב הנופשים, ובעיקר, בשבתות. בערבים שלט בו הנוער.


יפה להפליא היה היער בחורף, בהיותו עוטה מעטה של שלג וכפור. בחורף שימש הכביש „שדה־קרב" למלחמת כדורי־השלג (גאמולקעס).

מפי מבוגרים ממני שמעתי, שבתקופת הצאר שימש היער מקום לאספות חשאיות של מפלגות בלתי ליגליות. אך, לעתים, שימש גם מחבוא לשודדים, שהיו מלסטמים את העגלונים שעשו דרכם דרך היער.

באותן השנים היפות, שנות הילדות והבגרות, עת שאבנו מהיער מלוא־חפניים שמחת־חיים וחדוות־עלומים, לא ידענו שבדרך זו, בכביש הזה החוצה את היער, יעברו יהודי־עיירתנו בדרכם האחרונה לכבשני־האש שבטרבלינקה...

ישעיהו לונדון
(נשר)

פינות־חמד בציחנוביץ



הכניסה לפארק The entrance to the Park דער אַריינגאַנג אינם פּאַרק

ב„אלט־שטאַט" עמד הפּאַרק (Park) מרהיב העין שבתוכו זרם נחל. חן המקום הזה הקסים את הנוער ושימש מקום לבילויים. בימות־החמה היו מתרחצים בו ובערבים הפליגו בדוגיות במימיו. הנחל זרם באפיקו, מהצד האחד עמד הפּאַרק הנאה נטוע עצים וגני־פרי ומצדו השני השתרעו שדות מוריקים, ששבו את עין־הרואה בסס־גווניותם.

בפּאַרק נמצא בית־הספר העממי הרוסי, שבראשו עמד ה־Pop (הכומר) הפּרבוסלבי. בית־הספר הוקף ע"י תעלה רחבת־ידיים ששימשה כאגם לגידול דגים. שלושה עצים, שבכל הסביבה עין לא ראתה כמותם, עמדו ליד בית־הספר. היו אלה עצים גבוהים ותמירים. לכאן נמשכו הזוגות הצעירים.

ב„ניי־שטאַט", בדרך לצ'יז'ב, עמד יער עצי־אורן. נמצאו בו מיבנים לקיטנים, שהתלקטו אליו מהסביבה כולה. בעונת הקיט כוסו העצים בעשרות ומאות ערסלי־בד לנוחיות הנופשים. בין הקיטנים המרובים נמצאו גם מורי ציש"א מביאליסטוק.

בתוך היער עמד אַרמון, שהיה שייך למשפחת מרושבסקי (Maruszewski).



השדרה המובילה לארמון

די אַלייע וואָס פירט צום פּאַלאַץ

The Boulevard to the Palace

צייר : ש. דרורי

בתקופות מסוימות פתחו שעריו וקהל הסקרנים זרם לתוכו. ובאמת, העין נהנתה ממה שראתה. היה שם חדר בנוי על אגם מים, מחופה ברצפת זכוכית. כשהסתכלו דרך הרצפה באגם ראו בו כל מיני אַצות, גידולי־מים שונים ודגים.

שדרה נאה ומטופחת כהלכה הובילה לארמון. הטיול בשדרה מקסימה זו נחשב לחוויה גדולה. בצד השני של היער זרם יובל הנורץ בשם בינקי, שמימיו זכים וקרירים היו. נעים היה לטבול בו את הרגלים וגם ליהנות משפע האוכמניות שצמחו בשתי גדותיו. ליד היובל הזה השתרעו שדות, שבתקופת האביב התכסו במרבד פרחים מרהיב־עין.

תלמידי בית־הספר המקצועי ומוריהם היו יוצאים ליער בל״ג בעומר ומבלים בו כל היום. הילדים הצטידו באוכל וכלי־משחק ובילו בחברת מוריהם בשירים וריקודים. גם ילדי ה„חדרים״ יצאו היערה ביום זה כשהם מזוינים בקשתות־עץ.

הקונדסים הראו ביום זה מעשי־גבורה. אספו את הערסלים, קשרום לעצים, אחד על גבי השני, מעין, 6—7 קומות, וטפסו למעלה, לגובה רב, כדי להתערסל בהם.

היער קשר את הנוער לטבע. לכאן נזדמנו גם חובבי התבודדות, ששעות מרובות טילו בין העצים אחוזי הגות על ענינים שהם מכבשונו של עולם הרוח. ביקרו בו גם צעירים משכילים, חולמים והוזים, כשבידיהם ספרי מחקר ועיון, כדי להשתקע בקריאתם בדמי־היער.

את
אשר
נזכּוֹרה

אפרים־אליהו ריבאַק ז״ל

אונזער צווילינג־שטעטל ציעכאַנאָוויעץ *

גאַסן און מאַרקן אין ציעכאַנאָוויעץ

נאָענט צום וואַלד האָט זיך אָנגעהויבן ניי־שטאָט, אַ פּלאַץ וואָס איז געווען אָן אַ באַשטימטער פאָרם. צעוואָרפענע הייזער, וואָס האָבן געקראָגן אַ ספּעציעלן נאָמען — „וואָליע״ („וואָליע״ מיינט דער טייל פון אַ הון ווו עס געפינט זיך די געגעסענע שפּייז און איז אויך פאַרמלאָז). דער טייל פונם שטעטל האָט דורכגעשניטן דעם הויפּט־טראַקט ביז ס׳האָט זיך באַוויזן אַ דרייעקיגער ניט ברוקירטער פּלאַץ וואָס מ׳האָט גערופן „מאַרק״, וועלכער איז געווען אַרומגערינגלט מיט הייזער, דאָס רוב שענקען, קראָמען, און ביי זיין שפּיץ וואָס האָט זיך פאַרקירעוועט צום טייך איז געשטאַנען אַ סאָרט פּריצישעס הויז, וואָס איז געווען אָפּגעפאַרבט און האָט געהאַט אַ לאָנקע מיט גראָז, בלומען און בוימעלאַך.

ווייטער מיט עטלעכע געסלאַך, דורך דער הויפּט־גאַס, צווישן דער געמויערטער קאַזאַרמע ביז צום שליאַך, האָט זיך געפונען דער בית־מדרש און, להבדיל, דער מרחץ.

דורך דעם הויפּט גאָשטשעניץ און דער פּוילישער מיל, איבער די גרעבליעס און בריקן, ביים זייטיקן שטראָם פונם נורעץ, איז געווען די באָד־גאַס, וואָס איז געווען באַוווינט לרוב מיט בעלי־מלאכה׳ס. זי איז געלאָפן אַרונטער צום טייך און דעם בלאָן און זיך געענדיקט מיטן מרחץ, אַרויסשניידנדיק זיך צו דער קאָזער גאַס.

אונטערן גאָשטשעניץ איז געווען אַ קאַנאַל, מיט אַן אויסגעוועלבטער עפנונג פאַר צוריקשטופנדיגע וואַסערן. דאָ האָט זיך פאָרמירט אַ ברייטע גאַס, מיט אַ זאַמדיגן גראָבן אין מיטן, וואָס פלעגט גענוצט ווערן אַלס חזיר־מאַרק. אויף בערגלאַך פון איין זייט זענען געווען עטלאַכע גרעסערע הייזער ווו ס׳האָבן געוווינט גבירים און אויך דער רב. דאָס האָט מען גערופן „גבירישע״ אָדער „הייפישע״ גאַס. דאָרט זענען אויך געווען דריי קליינע בתי מדרשים. (דאָס וואָרט „קלויז״ איז אין שטעטל ניט באַנוצט געוואָרן). די נעמען פון די שולן זענען געווען: ראָזענבלומ׳ס, דעם רב׳ס און די שליאַכעצקע שול.

עטלאַכע געסלאַך ווייטער זענען געווען די יאַטקעס, דאָס שעכט־הויז און גאַוועניץ. די גבירים האָבן, דוקא, געוווינט אין דער פיינער שכונה אין פראָנט פון חזיר־מאַרק און הינטן זענען געווען די יאַטקעס און פון דער זייט האָבן גערוישט די זאַסטאַוועס.

---

* די זכרונות באַהאַנדלען די תקופה פונם אָנפאַנג פון 20־טן יאָרהונדערט



פאָט. : ש. דרורי

כיכר השוק ב„אַלט־שטאָט" — דער מאַרק־פּלאַץ אויף „אַלט־שטאָט"

The Market-Square in the ,,Old-Town"

די צווייטע בערגלאַך פון דער גאַס זענען געווען די הינטערשטע זייטן פון די מאַרק־קראָמען, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ שטאָטישער הילצערנער געביידע, וואָס איז גערופן געוואָרן שאָפּע. די דאָזיקע געביידע האָט געדינט צייטנווייז פאַר געוויסע צוועקן: אַהין פלעגט פאַרבלאָנדזשען אַ פינף־קלאַסיגע גרופּע אַקטיאָרן וואָס האָבן געשפּילט טעאַטער. דאָרט פלעגט מען אויפשטעלן אַ קאָמעדיע־קאַראָסעלע צו רייטן אויף אַ הילצערנעם פערדל אָדער אַ גאָלדענעם רייטוואָגן.

די הויפּט־זאַך איז אָבער געווען, וואָס דאָרט האָבן זיך געפונען די פייער־לעשער אַפּאַראַטן, מיט אַ פייער־פּאָמפּע פון „מלך סאָביעסקיס" צייטן, צוויי הילצערנע פעסלאַך אויף רעדלאַך, עטלאַכע באָסאַקעס וכדומה. דאָ איז אויך געווען אַ אָפענער טויער און אַ מעשענער גלאָק. פון דאַנען האָט געדאַרפט אַוועקבראַזגען דער ערשטער וואָס האָט דערזען אַ פייער אין שטעטל.

דאָרט האָט זיך אויך צוזאַמענגעשלאָסן אַ ברייטער אַריינקום אין מאַרק און די

גאַס האָט זיך אָוועקגעשלענגלט צו איינע פון די 4 פּאַראָווקעס, וואָס איז געווען אַ יידישע. עטוואָס ווייטער איז געווען דער אַזוי־גערופענער „מאַזאַרעקס סאַד״.

אין ווינקל פון דעם סאַד האָט געוווינט אַ טשיקאַווער ייד, אַ זקן, טיף אין די אַכציגער מיטן נאָמען ר׳ בנימין יאָשעס. הגם ניט קיין למדן, איז ער אָבער געווען אַ חובב־תורה און געשטיצט תלמוד־תורה׳ס און ישיבות. דער דאָזיקער ר׳ בנימין האָט פאַר זיך אַליין געדונגען אַ רבין ר׳ דוד זכריה׳ס, וועלכער האָט מיט אים געלערנט אינם אַלטן בית־מדרש, וואָס איז געווען אַ ביסל ווייט פון דאָרט, אָבער דער אַלטער ייד האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט צו קומען יעדן פרימאָרגן און פאַרנאַכט צו לערנען. אויפן וועג פלעגט ער זיך אָפּשטעלן ביי פיל טירן צו קושן די מזוזות.

מקבלים האָבן שוין געוווסט אַז נאָכן לערנען אַ פּרק משניות אָדער „עין־יעקב״ וועלן זיי שוין פון אים באַקומען זייער קצבה, און זיי פלעגן רעגולאַר וואַרטן אויף דעם אין בית־מדרש. אויסער דעם האָט ר׳ בנימין געהאַט נאָך אַ ספּעציאַליטעט, נעמלאַך, דאָס וואָס ער פלעגט אויסטיילן, צו אָרעם און רייך, אין אַ פּאַפּירל, ווי אַ פּראָשעק, ארץ־ישראל זאַמד. דאָס האָט ער געטאָן ביי יעדער לוויה וואָס פלעגט פאַרבייגיין זיין הויז.

גלייך מיטן הויפּט גאַשטשעניק, נאָך די בריקן און הויפּישער גאַס, איז געווען אַ געסל צווישן די קראָמען. זיי זענען באַשטאַנען פון פיר לאַנגע און שמאָלע מויערן. דאָרט זענען ס׳רוב געווען אייזן־קראָמען, לעדערוואַרג און אַנדערע שוסטער־צודאַטן.

נאָכן שמאָלן געסל צווישן די קראָמען איז געווען דער גרויסער מאַרק, וואָס איז געווען ברייט און לאַנג און ברוקירט. דאָ זענען געווען קרעמלאַך פון גאַלאַנטעריי, גלאָזוואַרג און עטלעכע גרעסערע שניט־קראָמען. אין פראָנט פון זיי איז געווען אַ צאָל הילצערנע בודקעס וואָס האָבן אַריינגענומען גאָר קליינע פּדיונות. דאָ זענען אויך געזעסן די מאַרק־זיצערקעס מיט קוישלאַך געבעקס, גרינסן און פרוכט.

אויף דער צווייטער זייט זענען געווען שענקן און עטלעכע אַפּטייקן. ביי דרום־מזרח איז געווען דער שפּאַציר־גאָרטן מיט אַ צענדליק בוימעלאַך און עטלעכע סטאַטועס. אַ קורצע שטרעקע ווייטער איז געווען דער הויפּט־אַפּטייק, דאַן דער צוויי־גאָרנדיקער מויער ווו ס׳האָט זיך געפונען די שטאָט־אַדמיניסטראַציע.

צו מעריב פונם מאַרק איז געשטאַנען אַ ריי מיט אַלטע מויערן. אויך דאָ זענען געווען קראָמען און אין פראָנט פון זיי די פּישערס. פון דאַן האָבן זיך געצויגן גאַסן און געסלעך צום שול־הויף און דעם בית־המדרש. דאָס איז געווען אַ מיש־מאַש פון ברייטערע פלעצער אָן אַ באַשטימטן אָנהויב אָדער סוף. טייל בלאָטיג, טייל זאַמדיג. דאָ האָט זיך אויך צעלייגט דער פערד־און־בהמות־מאַרק און דאָ האָבן געוווינט בעלי־מלאכה׳ס, „עמך״ און מלמדים. די אַלטע הילצערנע געביידע וואָס האָט געהערט צום קהל האָט זיך אויך דאָ געפונען. דאָ איז געשטאַנען די וואָג מיט די שווערע אײַזנס און שטיינער, אויף וועלכע מ׳האָט געוווגן פונט פאַר פונט.


פון מעריב־דרום ווינקל אין מאַרק האָט זיך פאַרנומען די מאלצער גאַס. זי האָט זיך געצויגן צו דרום ביז דער רוסישער קירך און ווייטער צום גאשטשעניץ קיין סעמיאַטיטש. די באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון פאָליאַקן און יידן.

די מלחמות אויף די בריקן פון שטעטל

דער „בין־המצרים״, ווי די משכילים אין יענער צייט פלעגן באַצייכענען די בריקן און גרעבליעס, האָט אויך געדינט פאַר אַ רעליגיעזן צוועק. אַהין פלעגן יידן גיין דעם ערשטן טאָג ראש־השנה צו תשליך — די מענער פון יעדער מדינה אויף זייערע בריקן און די פרויען אויף זייערע בריקן.

ליצני־הדור האָבן זיך געוויצלט, אַז דער אייגענטימער פון די מיהלען גרייט זיך אָנצוקלאָגןביידע קהילות, אַז זיי פאַרשטאָפן דעם סטאַוו מיט זייערע אויסגעטרייסלטע עבירות, רחמנא לצלן, פאַרמינערן די קראַפט וואָס באַוועגט די רעדער און פאַר׳סמ׳ען די פיש.

אַזאַ משפט איז טאַקע אָנגעגאַנגען צווישן אייגענטימער פון די מיהלן און די בעלי־בתים פון דער אידישער פאַרוווקע. דער משפט איז פאַרגעבראַכט געוואָרן פאַר די פאלאטעס פון די גובערניע־שטעט גראָדנע און לאָמזשע. מ׳האָט אָבער באין אופן



די אַלטע בריקן The Old Bridges הגשרים הישנים

ניט געקאָנט קומען צו קיין טאָלק צו וועלכן לאַנד־געריכט דער סכסוך באַלאַנגט. די יורידישע אויטאָריטעטן האָבן ניט געקאָנט אַנטשיידן ווי אַזוי דאָס זאָל געטאָן ווערן און ווו. מ׳האָט געשמירט פון ביידע זייטן, ווי דער שטייגער איז, אָבער באַלד האָבן די בעלי־הדין איינגעזעהן אַז דאָס וועט זיי שטעלן בדלות, האָט מען געמאַכט אַ דין־תורה און פּרובירט גיין אויף פּשרות. אָבער אויך די בוררים האָבן ניט געקאָנט אויספּלאָנטערן די טענות ותביעות.

ס׳האָט, אַפילו, געטראָפן אַ עפּיזאָד, וואָס האָט געבראַכט, כמעט, צו אַ נאַסער מלחמה. אַ גליק וואָס ס׳זענען געווען בעלי־עגלה׳ס, וואָס האָבן געהאַט בייטשן און דאָס האָט אויסגעהיט פון אַ בלוט־פאַרגיסונג.

די גרויסע סכנה איז אַנטשטאַנען ווען מ׳האָט געבראַכט א נייעם קעסל, וואָס איז געפירט געוואָרן מיט צען פערד — אַזוי שווער איז ער געווען. דער וועג האָט, פאַרשטייט זיך, געפירט דורך די בריק, און זייער אייגענטימער האָט באַשלאָסן אַז איצט איז די פּאַסענדע צייט זיך אָפּצורעכענען מיט זיינע געגנער. ער האָט גענומען זיין פאַמיליע און אַ מענגע געדונגענע גוים, און ווי אַמאָל אין חומש די מלכים סיחון און עוג געגן די יוצאי מצרים, האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט און דערלאַנגט אַ זאָג: „מיר וועלן ניט דערלאָזן אַז די „באַנדורא״ זאָל דורכגעפירט ווערן, מחמת זי וועט פאַרשאַפן היזק די בריקן״. הכלל, ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט די וואַסער־כוחות געגן די דאַמף־כוחות און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה פון קללות און זידלערייען אַז דער אויבערשטער זאָל שומר און מציל זיין. דערנאָך איז מען אַריבערגעגאַנגען צו טרוקענע קלעפּ אויך. ס׳וואָלט געוויס געקומען צו שפיכות דמים. אָבער די בעלי־עגלה׳ס זיינען דאָ געקומען צו הילף און באַוויזן אַז זיי זענען די בעלי־בתים איבער די פערד. זיי האָבן די סוסים מכבד געווען מיט די ריכטיקע בייטשן, און זיי האָבן געשטעלט פיס און די בעלי־עגלה׳ס נאָך זיי.

דער מלחמה־גייסט וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די בריקן, האָט זיך אַריבער־געטראָגן אין דער וועלט פון די קונדסים פון ביידע מדינות. דוקא ראש־השנה, ווען די טאַטעס, זיידעס און מאַמעס האָבן פרום אויף ביידע זייטן אָפּגעטרייסלט פון זיך די חטאים פון מחלוקת׳ן און שנאת־חינם, האָבן די יינגלעך זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ פּאַטריאָטישער מלחמה — יעדער צד פאַרטיידיגנדיק זיין בריק און זיין גרעבליע. דער מיטלסטער בריק, וואָס האָט געדינט אַלס נייטראַלע טעריטאָריע, איז געווען „קיין מאַנס לאַנד״. די מחנות האָבן געוואָרפן שטיינער פון רוסלאַנד קיין פוילן און צוריק. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳זענען געווען ביילן, צעבלוטיגטע נעזער, לעכער אין די קעפּ און ענלאַכע ווונדן וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין באַנדאַזשן און מעדיצינישע באַהאַנדלונג בכלל.

די יינגעלשע מלחמות האָבן, אַפילו, איינמאָל אַריינגעצויגן אין היץ פון קאַמף

די מעכטיקע רוסלאַנד: ויהי היום (און ווו אַ „ויהי" זאָגט רש"י איז אַ צרה) ווען אַ אַרטילעריע־קאַפּיטאַן וואָס האָט געוווינט אין דער „אַלט־שטאָט" איז דורכגעגאַנגען אַ בריק, איז ער געטראָפן געוואָרן פון אַ שטיין, וואָס אַ קונדס האָט זיך פאַרגלוסט אַ וואָרף צו טאָן באותה שעה. אמת, ערנסט איז עס, חלילה ניט געווען און דער קאַפּיטאַן איז גראָד געבליבן גאַנץ. אָבער פרינציפיעל איז עס געווען אַ שרעקלעכעס פאַרברעכן געגן רוסלאַנד וואָס איז „אַנגעגריפן" געוואָרן ביי דער גרעניץ. דער קאַפּיטאַן האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן אַזאַ גרויסע באַליידיגונג און ער האָט באַשלאָסן צו טאָן אַ מעשה רב: ניט אַרויסגעבענדיג קיין פאָרמעלע קריג־דערקלערונג, לויט די היינטיקע מעטאָדן, איז ער אַריין אין „קאַנוישנא" (שטאל) און אַרויסגעגעבן אַ „אוקאַז" (באַפעל) צו אַ גרופּע העלדן אַז זיי זאָלן ניט מאַכן קיין מחזקות און טאָקע באַלד, אויפן שטעל, אַנלערנען די יידן. די מעכטיקע אימפּעריע פון די צאַרן האָט געהאַט אַ גרויסן נצחון איבער די אידען. פאַרוווּנדעטע זענען געפאַלן סיי פון די יינגלאַך, סיי פון די עלטערע תשליך־זאָגער, וואָרים, כידוע, „משנתנה רשות למשחית"... אַז מ'האָט געהייסן שלאָגן, האָט מען שוין געשפּאָלטן קעפּ פון שולדיגע אַזוי גוט ווי אומשולדיגע. ס'איז געוואָרן אַ בהלה און יידן האָבן געשריען אַז ס'איז אַ פּאָגראָם.


אַ גליק נאָך וואָס ס'זיינען געווען שתדלנים און ציווילע באַאַמטע, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט און עס פאַרשמירט. אַ ברירה האָט מען געהאַט? יידן וועלן זיך דאָך ניט אָנהויבן מיט מיליטער... ניט מער, דער קאַפּיטאַן איז געקרוינט געוואָרן מיט די נעהמען ווי: „המן", „טיטוס הרשע", „משומד" און האָט אַריינגעקראָגן אַ פּעקל מיט הייסע קללות...

דער אינצידענט האָט געמאַכט אַ סוף צו די יינגלשע מלחמות און די „תשליך"־זאָגער זיינען שוין אין דעם זכות אויך געראַטעוועט געוואָרן.

די גרויסע שוהל און די בתי־מדרשים

אַ זעלטן פּראַכטפולע פּאַנאָראַמע האָט זיך אַנטפּלעקט פאַרן באַאָבאַכטער אין שולהויף: אַ בנין וואָס האָט באַגייסטערט מיט זיין אַלטקייט. ביים סוף פונם 19־טן יאָר־הונדערט איז ער שוין אַלט געווען עטליכע הונדערט יאָר.

די אַרכיטעקטור איז געווען אַ מייסטערהאַפטע. דער בית הכנסת איז געווען אינגאַנצן געבויט פון ציגעל און מאַסיווע שטיינער וואָס זענען גלאַט געטעסעט געוואָרן. דער הויפּט־אַריינגאַנג פון מעריב האָט געצויגען דאָס אויג. דער מיטל טייל איז געווען, בערך, 70—80 פוס הויך, אימפּאָזאַנט און שיין מיט זיין טרעפּן־אַרויפגאַנג איבער דעם פונדאַמענט, וואָס מ'האָט געזאָגט אַז ער איז גענוג ברייט צו קאָנען אויף אים פאָהרן מיט אַ קאַרעטע. דאָ זענען געווען מאַזאַאישע אויסאַרבייטונגען און דעקאָראַציעס פון טייל פלאַכע און טייל האַלב־רונדע זיילן.



בית־הכנסת הגדול בחורבנו — די חורבה פון דער גרויסער שוהל

The Great Synagogue after Demolition

די זיילען זענען אַרויסגעמויערט געוואָרן פונם פונדאַמענט צו אַ הויך פון צענדליקער פוס און געשלאָסן געוואָרן מיט אַ האַלב רונדן געוועלב. אין־צווישן זיינען געווען שיין־אויסגעאַרבעטע און באַצירטע בוי־פאָרמען פון געזימסען, קאַרניזען, קוגלען, פאַרדרייטע און איינגעפלאָכטענע אין פאַרשידענע פאָרמען, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען אין אַ שפּיץ אָדער זיך פונאַנדערגעגאַנגען ווי צווייגען פון אַ בוים. צווישן די זיילען זיינען געווען איינגעפּאַסט גאָר גרויסע פענסטער וואָס זייערע אָפּשפּיגלונגען האָבען רעפלעקטירט פונוויטענס. איבער די זעלטן אַרטיסטישע און דעקאָראַטיווע באַפּוצונגען פון וואַפּנע און צעמענט, איבער דעם משופּע פונם הויפּט־בנין, וואָס האָט געטראָגען נאָך אַנדערע מאָזאַאישע אויסאַרבייטונגען, איז געווען ביים סאַמע סוף אַן אויסגעאַרבעטער אָרון־קודש מיט די עשרת הדברות געמאַכט פון גאָלד־גלאַנציגע אותיות.

צוויי פליגלען פון דרום און צפון האָבען זיך געזען פון אונטער די פענסטער אין די צוויי זייטען. דאָס דאָזיקע בילד האָט האַרמאָניזירט מיט דער מיטעלער געביידע בערך דריי שטאָק הויך, פלאַך ביי די ברעגען און אַ רונדער געוועלב אין מיטן, ביי דער מעריב זייט. זיי האָט מען גערופען קהל־שטיבלאַך. איבער זיי איז געווען דער אַרויפגאַנג צו דער גאַלעריע פון הויפּט־בנין, ווו ס'האָט זיך געפונען די „עזרת־נשים“ און אונטן די שטיבלאַך פאַר דער „תלמוד־תורה“, צימערן פאַר אספות און אַ פלאַץ

פאַר די בית שני דאַוונער. די לאַנגע פליגלען פון דער געביידע האָבן געדינט אַלס גרויסע „עזרת־נשים". די מזרח־וואַנט האָט געהאַט פון אונטן נאָר בלינדע פענסטער, אָבער אויבן זיינען געווען קלענערע פענסטער. גאָר אויבן איז געווען איבערן סופיט אַ קליינער פענסטער צו וועלכן נאָר מוטיקע קינדער האָבן געוואַגט אַרויפצודראַפּען זיך פון דער ווייבערישער שוהל דורך אַ שמאָלן לייטער. דער פּלאַץ האָט אָנגעיאָגט אַ אימה צוליב די לעגענדעס וואָס זענען דערציילט געוואָרען, אַז דאָרטן ליגט אַ איבערבלייב פון אַ גולם, ווי דער וואָס דער מהר״ל מפּראָג האָט באַשאַפן. אָבער אויסער דעם איז אויפן דאַך געווען זייער אינטערעסאַנט, ווייל פון יענער הויך האָט מען קלאָר געזעןביידע שטעטלאַך, די טייכן, די פעלדער און וועלדער. דער שול־בנין איז געווען געדעקט מיט אַ רויט־געפאַרבטן בלעכענעם דאַך.

ווי אָנציענד־שיין דער גאַנצער שול־בנין איז געווען, האָט נאָך מעהר ערפּורכט אַרויסגערופען די זייט וואָס מ'האָט גערופען די „כותל המערבי" און ווו ס'האָט זיך געפונען דער הויפּט־איינגאַנג. די פּראַכטפולע דעקאָראַציעס און דער מאַסיווער אויסזען האָט זיך איינגעשניטן אין זכרון.

קומענדיג אין שול פריה איז מען באַגעגנט געוואָרן פון גאַנצע קאַפּעליעס קראָען, וועלכע האָבן געבויט זייערע נעסטן אין די געוועלבן און קאַרניזן און אויף די גזימסן. יעדער סאָרט פויגל האָט געזונגען שירה אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן און לויט זיין „תפילה־נוסח".

אַרויפשטייגענדיק אַ צאָל טרעפּלאַך איז מען אַריין אין אַ פּאָליש וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס דער ברייט פון גאַנצן בנין. אין זיינע ווינקלען זענען געווען די קהל־שטיבלאַך און „תלמוד־תורה". אין די פּראָסטיגע טעג, ווען אַפילו מ'איז געווען אָנגעטאָן אין גוטע פוטערלאַך און פעלצן, איז געווען צו קאַלט אין דער גרויסער שול. האָט מען, דערפאַר, געדאַווענט אין פּאָליש. אין שמחת־תורה האָט מען דאָ געלייענט די תורה פאַר באַזונדערע מנינים, כדי צו קענען איינטיילן אַלעמען עליות.

אין שול איז מען אַריינגעגאַנגען דורך צוויי פּאַראַדנע טויערן־טירן, וואָס נאָר דער הויפּט־שמש, אָדער דער אונטער־שמש, האָבן געמעגט עפענען נאָכן אָנקלאַפּן אויף אַ געוויסן אופן און זאָגענדיג פּסוקים, אַז די נשמות פון די מתים, וואָס קומען אַהין מתפּלל זיין, זאָלן אָפּטרעטן פאַר די לעבעדיקע. אַז ס'דאַרפן געפינען זיך נשמות, איז מען געווען זיכער און אַ סך האָבן עדות געזאָגט, אַז זיי האָבן אַליין געהערט, ווי א מת איז אויפגערופן געוואָרען צו דער תורה אין מיטן דער נאַכט.

אַריינגעגאַנגען איז מען אויף אַ פּלאַטפאָרם און פון דאָרטן אַרונטערגעגאַנגען צו די דריי זייטן דורך טרעפּלאַך. דאָס איז געמאַכט געוואָרן, כדי מקיים צו זיין דעם פּסוק: „ממעמקים קראתיך ד'". גלייך ביים ערשטן בליק איז דאָס אויג פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער הייליקער פּראַכט און מ'איז אַריין אין אַ עקסטאַז. די הויכקייט פון דער

שול, די גיגאַנטישע פּירעקעדיקע עמודים, אַן אימיטאַציע פון אַ פונדאַמענט און פּראַ־פאַרציאַנעל שמעלערע אָבער העכערע עטאַזשען, קינסטלאַך אויסגעאַרבעט פון מאַרמאַר און גראַניט, און גרין־פּיאַלעט, ברוין, דורכגעשפּרינקלט מיט גאָלדענע, זילבערנע און בראָנזענע אָדערלאַך — האָבן האַרמאָניזירט מיט די געמאָלענע ווענט. דאָס אַלעס איז פאַראייניגט געוואָרן מיט די אַרטיסטישע מוסטערן פון סופיט, פון וועלכן ס׳זיינען אַרונטערגעהאָנגען קינסטלאַך אויסגעפּורעמטע הענג־לייכטער, צענדליגער ליכט־רערן, וואָס זיינען געווען גרויס גענוג, אַז אַ מענש זאָל קענען אַריינקריכן אין זיי, צו רייניקן אָדער פאַרריכטן.

אין דרום־מעריב ווינקל איז געשטאַנען אַ פיר־זייטיקער לייטער מיט אַ ראָד אין יעדן ווינקל און שטיגן אויף וועלכע מ׳האָט געקאָנט שטיין און אַרויפשטייגן. גאָר אויבן איז געווען אַ פּלאַטפאָרם וואָס האָט דערגרייכט זייער הויך, כדי קאָנען צוקומען איבעראַל ווען מ׳האָט געדאַרפט עפּעס רייניקן אָדער פאַרריכטן. אין צפון־מעריב איז געווען אַ קליינע בימה, הויפּטזעכלאַך פאַר ברית׳ן, אַ טאַפּעצירטער „כסא של אליהו״, אַ צוגע־פּאַסטער פּוסבענקל, אַ טישעלע מיט אַ גרייטן זאַמד־קעסטעלע און אַ פּלאַץ פאַר אַ וויין־קאַראַפינקע. גאָר אין מיטן, צווישן די עמודים, איז געווען אַ הויכע בימה פאַר קריאת התורה, פאַרן שמש וכו׳.

נענטער צו מזרח איז געווען אַ שיינער געשניצטער עמוד פאַרן חזן און זיינע משוררים. דער עמוד האָט געהאַט זעלטענע אויסשניצונגען, סצענעס פון ארץ־ישראל — פון ירושלים, הר־הבית, כותל־המערבי, די מנורה און דער מזבח, מיט צוגעפּאַסטע פּסוקים און אָנווייזונגען, וואָס זענען געשריבען געוואָרען קינסטלאַך דורך אַ כתבא רבה. ביי די זייטן זענען געווען טרעפּלאַך אַרויפצושטייגען צום אָרון־קודש. די טרעפּלאַך, די פאַרענטשעס און דער אַרומיקער גדר זיינען געווען אַ קונסט־אַרבעט, וואָס איז אויסגעטאַקט געוואָרן דורך אַ היימישן אַרטיסט־טאָקער.

דער אָרון־קודש איז געווען אימפּאָזאַנט און גרויסאַרטיג. וועגן אים פּלעגן די אידען זאָגען און באַריהמען זיך, אַז דער וואָס האָט ניט געזען דעם אָרון־קודש, האָט קיין פּראַכטפולע זאַך ניט געזען. און, באמת, פּלעגן קומען מענשן פון נאָענט און וייט צו באַוווּנדערן אונזער אָרון־קודש.

דער אָרון־קודש האָט זיך זיין געשיכטע. אין שול איז געווען אַ געוויינלאַכער אָרון־קודש, אָבער ס׳האָבן זיך געפונען ענטוזיאַסטן און זיי האָבן אָנגעהויבן זאַמלען געלט פאַר אַנאַנדער אָרון־קודש. ס׳זענען אַוועק פיל יאָרן ביז דאָס געלט איז געזאַמלט געוואָרען.

מ׳האָט געבראַכט קינסטלער־שניצער פון וואַרשע און אויך פון אויסלאַנד, וועלכע האָבען געאַרבעט אַ צאָל יאָרן ביז זיי האָבן פאַרענדיגט די הייליק־גראַנדיעזע אַרבעט. דער אָרון קודש איז געווען הויך ביזן סופיט און כמעט איבער דער גאַנצער ברייט פון דער מזרח־וואַנט. שרפים, אופנים וחיות הקודש זיינען געווען אויסגעשניצט אויף אים,

און אויך עלעפאַנטן, לייבן, לעמפערטן, הירשן, פיפערנאַטערס און אַנדערע פאַנטאַסטישע חיות. ס׳זיינען אויך געווען אויסגעשניצט אָדלערס, שטרויס־פויגלען, טייבעלאַך און פיש. דאַן זענען אויך געווען ווייַנטרויבן, מאַנדלען, מילגרוימען, אתרוגים, לולבים, הדסים און ערבות. אַלעס איז געווען געמאַכט אין גלאַנציגן מאַטן גאָלד מיט פילע אַנדערע קאָלירן פון רעגענבויגן.

ניט האַרמאָניש אין דער גרויסער, שיינער שול, איז געווען אַן אויפטוה, וואָס איז געבליבן פון עטליכע דורות פריער. ביים סאַמע אויבנאָן האָט מען געמאַכט פון ביידע זייטן פיר־עקעדיגע קאַסטנס, אויסגעפורמטע ווי גרויסע שטענדערס. די הילצערנע קאַסטנס זיינען אָנגעשאָטן געוואָרן מיט זאַמד און זיינען געברויכט געוואָרן אַריינצושטעקן אין זיי הונדערטער נשמה־ליכט אין דער נאַכט פון „כל נדרי״. דאַן איז דאָס בילד געווען אימפּאָזאַנט און האָט איבערגעלאָזט אַ ערפורכטיקן איינדרוק. די הונדערטער ליכט האָבן זיך געשמאָלצן, געשפּריצט און אויפגעפלאַמט.

אין שול האָבן אַ גאַנץ יאָר געדאַוונט פראָסטערע בעלי־בתים. לומדים און פרומע אידען האָבן געדאַוונט אין בית־מדרש, ווו ס׳איז געווען יראה, עבודה און תורה במקום אחד. „ימים נוראים״, אָבער, האָבן אין שול געדאַוונט די „פני״, און מחמת מ׳האָט דאָרט מעהר מאריך געווען ביים דאַווענען, פלעגן קומען די מתפללים פון אַנדערע בתי־מדרשים צו הערן אונזער חזן ר׳ דוד מיט זיינע משוררים, וועלכע האָבן צוגעגרייט ספּעציעלע תפילות. ס׳פלעגן אַהער קומען ציווילע און מיליטערישע שררה׳ס און, אַפילו, פּריצים.

אין נאָענטער שכנות מיט דער גרויסער שול זיינען געווען צוויי הויפּט בתי־מדרשים. דער בית־מדרש וואָס איז געשטאַנען צו מעריב־צו איז געווען גאָר אַלט. מ׳האָט גערעכנט אַז ער איז עלטער פון דער שול. דאָס איז געווען אַ אַלטמאָדישער מויער, אין וועלכן די הויפּט־טיר איז געווען אין צפון־מזרח ווינקל. די ווענט זיינען געווען געקאַלכטע און פאַרשטעלט מיט פּאָליצעס פול מיט ספרים, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט די מתפללים אין אַ קדושה־שטימונג. אין פראָנט זיינען געשטאַנען לאַנגע טישן איינגעקריצטע מיט אותיות און פאַרשמאָלצן מיט חלב. פון די פּאָליצעס האָט מען אַרויסגעזען ש״ס׳ן, שאלות ותשובות און דרוש־ספרים.

אַלס איינער פון די חברה „תיקון סופרים״ האָב איך אַמאָל אַנטדעקט אין בית־מדרש אַ ספר׳ל אונטערן נאָמען „מאיר נתיב״. דער מחבר, רבי מאיר, איז געווען ממשפחת ש״ך, איינער פון די פּוסקים מפורסמים. ער האָט געלעבט אין די צייטן פונם ווילנער גאון, ווי דער הגר״א איז אַליין מעיד אויף דעם. ס׳ווערט געבראַכט אַ ציטאַטע פונם גאון, וועלכע לויטעט פאָלגענדעס: „אין מיינע יונגע יאָרן, דערציילט דער ווילנער גאון, בין איך פאַרוואָגלט געוואָרן אין שטעטל ציעכאַנאָוויעץ, ווו ס׳געפינען זיך אַ סך סופרים וחכמים. דער דאָרטיגער רב, רב מאיר, איז געווען מיין רבי אין נסתר און חבר אין נגלה״.

דער בית־המדרש איז געווען שטענדיג אָפן. דאַוונער, לערנער פאַר זיך אַליין, חברות וואָס האָבען געלערנט ש״ס, משניות, עין־יעקב, מקרא, מדרש, אלשיך — אַלע האָבען זיך דאָ געפילט היימיש און זענען געקומען געניסן די מחיה׳דיגע וואַרעמקייט פונם אויוון, וואָס איז געווען גרויס ווי אַ הויז, און װעלכן מ׳האָט איינגעהייצט איינמאָל אַ וואָך.

רעדנדיק וועגן אַלטן בית־מדרש, דאַרף דערמאָנט ווערן דער נאָמען פונם אונטער־שמש ר׳ דוד׳ל. ער איז געווען אַ פשוטער ייד און אַ מטופל מיט קינדער. זיינע פליכטן זענען געווען גוט־באַוווסט און ער האָט זיי אויסגעפיהרט בשלמות. ער האָט געדאַרפט האַלטן די לאָמפּן אין אָרדנונג און ריין, הייצן דעם אויוון, אָנפיהלן דעם כיור מיט וואַסער און רופן אין שול אַריין.

פון די אַלע מלאכות, האָט ער אָבער געהאַט ווייניג ברכות. האָט ער צוליב פרנסה וועגן געדאַרפט זיין אַ בעקער. נו, זיינע פלעצלאַך האָבן געהאַט אַ שם. אָבער, אַפילו, דאָ האָט ער באַוויזן אַז ער איז אַ איד מיט אַ גוט האַרץ. פיל פון זיינע געבעקסן פלעגט ער צעטיילן אומזיסט. נאָכדעם ווי ער איז אַוועק פון דער וועלט, האָט זיין זון יהודה־לייב איבערגענומען די שמשות און אָנגעפירט מיט דער מלאכת־הקודש, ווי זיין טאַטע האָט געטאָן פאַר פילע יאָרן.

אין פּרוזדור איז געווען דער קליינער בית־המדרש ווו מ׳האָט געדאַוונט דורכאויס פון גאַנץ פריה ביז שפּעט ביינאַכט. ס׳זענען דאָ געווען אָן אַ צאָל מנינים, וועלכע האָבן געדאַוונט איינער נאָכן אַנדערן, ביז ס׳איז שוין געקומען צייט פון מנחה. דאָס זעלביקע מעריב : אַלע ווײַלע אַ ברכו, אַ קדושה און אמן.

זקנים פלעגן דערציילן די פאָלגענדע מעשה׳לה : נאָך אַ שריפה איז קהל שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן און קוים מיט גרויס מיה האָט מען אויסגעגראָבן אַ קעלער, וואָס דאָרטן האָט געװאָלט געבויט ווערן אַ פונדאַמענט פון אַ שול. דערווייל האָט מען געדאַוונט אין קעלער. די אידען האָבן געהאַט גרויס שברון־הלב און מער פון אַלע אַ דאָרפשניידער, וועלכער פלעגט דאָרט דאַווענען.

ויהי היום, קומט דער דאָרפשניידער צום פּריץ, וועלכער איז גראָד געווען אַ גוטהאַרציקער שררה. ער האָט באַלד באַמערקט דעם טרויער אויף זיין מאָשקע׳ס פּנים און ער האָט אים געפרעגט די אורזאַך דערפון. דער איד האָט אים געזאָגט אַז ער איז פאַרזאָרגט וואָס די יידן האָבן ניט קיין שול. „דאָבזשע״ (גוט) — האָט געענטפערט דער פּריץ, וועלכער איז געווען דאַן היפש בגילופנדיק, „איהר וועט האָבן די פּיינסטע שול אין גאַנץ פּוילן״.

דער פּריץ, וועלכער האָט געמאַכט זיין הבטחה אין אָנוועזנהייט פון אַנדערע שררה׳ס, האָט מקיים געווען. מ׳האָט גענומען צונויפפיהרן ציגעל, שטיינער, געהילץ, און מ׳האָט זיך געשטעלט בויען. דעם בית־המדרש האָבן די יידן אַליין אויפגעבויט, אָבער דער פּריץ האָט אַליין אויפגעפּאַסט אַז ס׳זאָלן זיין די ריכטיקע בעלי־מלאכות.


בעלי־בתים האָבן געעפנט די קעשענעס, הגם טייל אידען האָבן געאַרבעט אומזיסט. די אַרבעט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן עטלאַכע מאָל. ענדלאַך איז די שול אויפגעבויט געוואָרן, הגם דער פּריץ איז דורך דעם בדלות געוואָרן. דאָס זאָל האָבן געווען זיין נאָך לאַנג פאַר דער ערשטער „פּאָווסטאַניע״ (אויפשטאַנד). ווען רוסלאַנד האָט געזיגט און דער פּוילישער אויפשטאַנד איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט, איז דער פּריץ געכאַפּט און פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. די אידען זענען אַוועק צום רוסישן גענעראַל און זיך איינגעשטעלט פאַר אים. ער איז ענדלאַך ריינגעוואַשן געוואָרן. דער אַמאָליגער אויס־געמויערטער קעלער און פונדאַמענט איז נאָך געבליבן און איז געווען פאַרבונדן מיט דער שול. דורך דעם קעלער איז מען אַרונטערגעשטיגן אין שול אַריין. אויך דאָ איז געווען אַ סאָרט „ממעמקים קראתיך, ד׳״, ווי אין דער גרויסער שול.

דורות זענען אַוועק, און די אַלטע מקומות קדושים האָבן באַפּרידיגט די גייסטיקע הצטרכות׳ן פון דער קהילה. אָבער שוין אין מיינע קינדערשע יאָרן האָבן אנגעהויבן בלאָזן די השכלה־ווינטן און אַ צאָל יונגע־לייט זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער נעץ. ס׳האָבן זיך אויך באַוויזן איניגע אויפגעקומענע, וועלכע האָבן געדרייט מיט דער נאָז אויף די אַלטע מנהגים. זיי האָבן באַלד געוואָרפן אַ אומ׳חן אויפן אַלטן בית־מדרש. זיין אַרכיטעקטור, האָבן זיי אונטערגעמורמלט, איז ניט עסטעטיש. דער גרויסער שטיין פאַר מלקות איז זיי ניט געפעלן. די „שטעט״ דאָרט גייען איבער בירושה און מ׳קען ניט קויפן קיין פּלאַץ פאַר כל הון דעלמא. אויף עליות און אַנדערע כיבודים איז פאַראַן אַ חזקה וואָס מ׳קאָן ניט משנה זיין. מיין פאָטער ע״ה, למשל, האָט געהאַט אַ חזקה אויף פּתיחת אָרון ביי „נעילה״ און אויף דער תקיעה גדולה מוצאי יום־כיפור. הכלל, דאָס אַלטע איז ניט ווילגעפעלן אין זייערע אויגן און זיי האָבן געהאַלטן אין איין רעדן.

ענדלאַך האָבן זיך עטלאַכע יינגעלייט צונויפגענומען און געזאַמלט אַ ביסל „ממתקים״ און גענומען בויען אַ נייעם בית־מדרש איבערן וועג פון אַלטן, און הגם דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסן חשוב׳ע בעלי־בתים, טאַטעס אויף זין, שווערס אויף אידעמס, אָבער קיינער וועט דאַך ניט וואַגן אַרויסצוטרעטן געגן אַזאַ הייליגן ענין. דאָך, געהאָלפן האָט מען ניט... אַזוי אַז די מתמרדים האָבן נאָר געקאָנט אויפבויען ביז איבער די פענסטער און זיך געמוזט אָפּשטעלן. דער האַלב־ניט־פאַרענדיקטער בנין האָט געפּוסטע־וועט יאָרן לאַנג און איז געווען די נעסט פאַר די קונדסים, וואָס זענען געקומען פאַר־שווערן די קדושה.

במשך די יאָרן איז צוגעקומען נאָך אומצופרידענע מיטן אַלטן בית־מדרש, וועלכער איז געוואָרן מער אָפּגעלאָזן. אָט דאַן איז דער נייער בית־מדרש פאַרענדיקט געוואָרן, מיט אַ שיינעם עזרת־נשים, שיינע קאַכלעווע אויוונס און מער באַקוועמערע זיץ־פּלעצער. ס׳האָט אָבער געפעהלט דאָרט קדושה פון אַלטערטימליכקייט און די פּאָליצעס מיט ספרים.

שפּעטער איז אויך דער נייער בית־מדרש געוואַקסן אין חשיבות, דערהויפּט אין



בית־המדרש החדש — The New Synagogue — דער נייער בית־המדרש

דער פעריאדע ווען ס׳איז אָנגעקומען אַהין דער רב און מגיד ר׳ משה רובינשטיין, אַ איד אַ גדול בתורה און אויך אַ משכיל און ידען אין חכמות חיצוניות, אַ בעל מנגן און פיינער בעל־תפילה און אַ נוח לבריות. דער באַגאַבטער רב, וועלכער האָט פאַרפאַסט אַ ספר מיטן נאָמען „אש־דת״ וואָס איז פיל געריִמט געוואָרן פון די גאוני־הדור, האָט אַריינגעצויגן פיל חשובע בעלי־בתים אין נייעם בית־מדרש. דורך זיין איינפלוס זענען דאָרט געגרינדעט געוואָרן חברות פאַר תורה, עבודה און גמילות־חסדים (הרב רובינשטיין איז נפטר געוואָרן אין ביאַליסטאָק ט״ז באדר תר״פ).

אין אָט דעם נייעם בית־מדרש האָט מען שוין געהערט רעדן וועגן „לאומיות״ און חיבת־ציון. דאָרט האָט מען שוין געקאָנט געפינען אַ ישיבה־בחור, וועלכער האָט געהאַלטן די גמרא אויפן שטענדער און אונטער איר איז געלעגן דער „התועה בדרכי החיים״ פון פּרץ סמאָלענסקין, „מורה נבוכי הזמן״ פון ר׳ נחמן קראָכמאַל, אָדער דער „חטאות נעורים״ פון משה־לייב ליליענבלום.

לויטן אלטן כלל פון „קנאת סופרים תרבה חכמה״, האָט דער נייער בית־מדרש אויפגעוועקט די אַלטע און מ׳האָט זיך גענומען איבערבויען דעם אַלטן בית־מדרש. אין אָנהויב איז מען, פאַרשטייט זיך, בלויז אויסן געווען מיטן פאַרריכטן. אָבער, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן פאַרריכטן, איז שוין אַרויסגעקומען עפּעס נייעס. די שינויים זענען געווען גרונטיקע: מ׳האָט דערווייטערט דעם אַריינקום פון מזרח־וואַנט, געמאַכט אַ „עזרת נשים״, אויפגעבויט קאכלעווע אויוונס, איבערגעלאָזן נאָר עטלעכע טישן פאַר

קומדים און אַריינגעבראַכט אַ שטיקל אָרדנונג אויף די פּאָליצעס מיט ספרים. די אַרבעט אויפן בנין איז געמאַכט געוואָרן פון פּאַכלייט, אָבער די זייטיקע מלאכות זענען געטאָן געוואָרן פון די בעלי־בתים וגם אני הקטן בתוכם.

נאָכדעם ווי דער אַלטער בית־מדרש איז איבערגעבויט געוואָרן, האָט מען זיך געפּלאָנטערט מיט די נעמען — „אַלטער", „נייער".

אין יאָר 1916, בערך, ווען ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, דעם צאַרס אָנקעל און דאַמאָלסט דער הויפּט־קאָמאַנדיר, איז אַנטלאָפן מיט זיינע חיילות פאַר די אָנגרייפנדע דייטשן, האָט מען אַרונטערגעשאָסן דעם אויבערשטן טייל פון שול, וואַרשיינלעך כדי דער שונא זאָל ניט קאָנען אויסשפּיאָנירן די רוסישע מחנות וואָס האָבן געמאַכט אַ „ויברח". ס'איז אויך געוואָרן אַ חורבן פון „נייעם־אַלטן" בית מדרש. ווען די חיילות האָבן זיך צוריקגעצויגן האָבן פיל פאַרהיימלאָזטע זיך אויפגעהאַלטן אין שול.

אין „ר' אַלטער נאָטעס געסל", ביי דער צווייטער ענדע פונם געסל, האָט זיך געפונען דער שניידערשער בית־מדרש. דאָרט האָבן געדאַוונט שניידערס און אויך אַנדערע בעלי־מלאכה. זיי האָבן אויך געהאַט אַ רבין, וועלכער האָט מיט זיי גלערנט. ער האָט פאַר זיי „געזאָגט" בין מנחה למעריב, שבתים און ימים טובים. טייל רבי'ס זענען דערנאָך געוואָרן מפורסמים, ווי רב זונדל, וואָס האָט געשמט אַלס דער „קאָמעניצער מגיד" און האָט פאַרפאַסט דרוש־ספרים.

אויסער די בתי־מדרשים זענען אויך געווען חסידישע שטיבלאַך — גערער, טריסקער און ראַדזינער. די ערשטע צוויי האָבן זיך ניט אונטערשיידט פיל פון די מתנגדישע שולן. בלויז דאָס ראַדזינער שטיבל איז געווען אַנדערש, דערהויפּט נאָכדעם ווי זייער רבי ר' גרשון העניאך איז אַרויס מיט דער „אַנטדעקונג" אַז ער האָט געפונען דאָס ווערעמל „חלזון" מיט וועלכן ס'קאָן געפאַרבט ווערן וואָל אַז ער זאָל קריגן דעם קאָליר „תכלת" — אַ קאָליר וואָס איין פאָדים פון די ציציות דאַרף האָבן. אָבער, ניט די חסידים און ניט די מתנגדים האָבן אָנערקענט זיין „ענטדעקונג".

טרויעריקע טעג און ימים־נוראים אין ציעכאַנאָוויעץ

ת ש ע ה ־ ב א ב

דער זומער איז שוין אָנגעקומען מיט זיין גאַנצער פּראַכט. פרישע ירקות, ערשט אַרויסגענומען פון דער ערד, קאָסטן בחצי חינם. ס'באַווייזן זיך פרוכט, אין אָנהויב ביסלעכווייז, אָבער באַלד קומט די גרויסע שפע פון אויסנאַם־פרוכט פון אונזערע סאָדן און גערטנער.

די גאַנצע אומגעבונג איז איינגעהילט אין גרינס און יונגע מענשן לאָזן זיך

אַוועק שפּאַצירן אין פּראַכטפולן סאָסנאָוון כראַבינעס וואַלד. אייניקע דעבאַטירן אויף פאַרשיידענע טעמעס. מ׳רעדט, מ׳דיסקוטירט, מ׳חלומט און מ׳בענקט צוזאַמען... ממש אַ גן־עדן התחתון.

אָבער אויך דאָ מישט זיך אַריין דער אידישער לוח און ברייגנט צוטראָגן זיינע טרויער־טעג. אָט קומען אָן י״ז בתמוז, די דריי וואָכן, תשעה־באב. טרויערט מען אויפן ערשטן און צווייטן חורבן. און דאָ קומען אַריין די נייע פאַרבאָטן : מ׳טאָר זיך ניט באָדן, שערן, לוסטיג מאַכן, פראַוועון חתונות, אָדער עסן פלייש.

דער אומעט פון תשעה־באב איז מורא׳דיק. ווי אבלים גייען אידען אין די בתי־מדרשים. פּלוצלינג טוט מען זיך אָן אין זאָקן, אַלטע קאַלאָשן און מ׳זעצט זיך אויף דער ערד. אין שול איז האַלב פינצטער. ס׳צאַנקן חלבנה ליכטלאַך. אינזעקטן זשומען. עס באַווייזן זיך קאָמאַרן און בייסן מורא׳דיק. מ׳זיצט איצט ניט אויף די געוויינלאַכע בענק, נאָר ווי אין „שבעה״ זיצט מען אויף די פוסבענקעלאַך, איבערגעקעהרטע שטענדערס, און אידען וויינען און באַקלאָגן די אַמאָליקע צרות און איצטיקע גזירות און רדיפות.

דער בעל־קורא הויבט אָן מיט אַ טרויריקן ניגון די „מגילת איכה״. דער עולם זיפצט און קרעכצט : אוי ! אוי ! ווי ! דאָס זעלבקיע קומט פאָר אין דער ווייבערישער שול, ווו די פרויען טוליען זיך אין אַ ווינקל צו דער פירזאָגעריך, וועלכע לייענט פון דער „צאנה וראינה״ תחינות און דאסגלייכן. זי לייענט פאָר די איבערזעצונג פון „איכה״ אין עברי־טייטש, מעשיות און אגדות וועגן חורבן. זיי כליפּען און וויינען אויפן קול. די מענער בייזערן זיך, פּאַטשענדיג אין די זייטן פון די שטענדערס ; שאַ ! שתיקה־קול באשה... זיי קאָנען ניט ליידן די געוויינען.

געענדיקט די קינות. פרומערע בני־תורה פאַרבלייבן אין שול. זיי שאָקלען זיך אַנטקעגן דעם צאַנקענדעם חלב־ליכטל און לערנען די אגדות פון חורבן, מדרש איכה, מסכתא גיטין וכדומה. בעלי־מקרא פאַרטיפן זיך אין ספר „איוב״. קיין אַנדערע זאַכן טאָר מען ניט לערנען, ווייל זיי קאָנען נאָך פאַרשאַפן תענוג אינם טאָג פון גרויסן נאַציאָנאַלן טרויער און אבלות.

אָבער קונדסים זוילן ניט וויסן פון טרויער. זיי מאַכן פון אַלעם אַ שפּיל און אויך תשעה־באב איז ליהודים׳דיג. זיי האָבן אָנגעגרייט שישקעס און בערעשט, וואָס טשעפּען זיך אַריין אין די האָר. מיט דעם זעלביגן געווער באַנוצן זיי זיך געגן מיידלאַך, וואַרפנדיג די שישקעס, אַז זיי זאָלן זיך פאַרטשעפּן אין די האָר. דער „שוואַכער געשלעכט״ איז דאָס מקבל באהבה, הגם ס׳איז ניט לייכט אויסצופּלאָנטערן די אָנשיקעניש.

דעם „שחרית״ איז מען מקצר. מ׳דאַוונט אָהן טלית ותפילין. מ׳לייענט ווידער אַמאָל די „איכה״. אָפּגעזאָגט די קינות נעמען זיך קונדסים אויסנוצן דעם זאַפּאַס פון די פאַרבליבענע שישקעס. דער פּאַסיגסטער אָרט זענען די לאַנגע קאַלטענעוואַטע בערד. די אַטאַקירטע פּראָטעסטירן און שרייען : שקצים ! לאָבוזעס ! גוטמוטיקע טאַטעס,

זיידעס און פעטערס נעהמען דאָס אויף קאַלט־בלוטיג און שמייכלען אונטער די וואָנסעס. זיי געדענקען נאָך זייערע אייגענע אינגעלשע יאָרן.

איינער פון די אָנגענומענע מנהגים איז צו גיין אום תשעה־באב אויף קבר־אבות. אין זאָקן, אַלטע קאַלאָשן ציען זיך גאַנצע מחנות אידען צו די בית־עלמינס. פון דער מאלצער גאַס האָבן זיך געצויגן עטליכע געסלאַך דורך וועלכע מ׳איז צוגעקומען צום אַלטן בית־עולם, וואָס איז שוין צוריק מיט 60 יאָר געווען פאַרפולט. ס׳האָט אויף אים גערוט אימה און קדושה. דאָרטן זענען געווען די קברים פון גרויסע צדיקים. ס׳איז דאָרט אויך געווען אַ אוהל און אַרום אים אַ סך מצבות, כמעט אָפּגעריבענע, הגם מ׳האָט געקאָנט איבערלייענען אייניגע מטושטשע ווערטער: „שלטי הגיבורים״, „ראש ברזל״ וכדומה. דאָרט איז מען געקומען זיך אויסוויינען. דער נייער בית־עולם איז געווען אַ ביסל ווייטלאַך, אָבער ניט געקוקט אויפן מהלך איז מען געגאַנגען אויסגיסן דאָס ביטערע האַרץ און דאָס שווערע געמיט אויף די קברים פון די שוכני־עפר.

די „ימים נוראים״

נאָך תשעה־באב האָט מען נאָך אַריינגעכאַפּט עטלאַכע פריילאַכע וואָכען. דער זומער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן מיט זיינע היצן און מ׳איז געגאַנגען זיך באָדען אין טייך. דער וואַלד איז געווען שיין און פּראַכטפול, און ס׳האָט געצויגן צו גיין אַהין אויף אַ שפּאַציר.

אָבער ניט לאַנג האָבן זיך געצויגן די זוניק־פריילאַכע טעג. ס׳האָבן אָנגעהויבן בלאָזען קאַלטע ווינטן און דריבנע רעגענדלאַך האָבען אָנגעהויבן צו נידערן.

אידען האָבן אָנגעהויבן מאַכן אַ טאָפּעלן חשבון: איינעם — בין אדם למקום און דעם צווייטן — בין אדם לחברו. אויך איז פאַראַן אַ מאַטעריעלער חשבון: די „ימים נוראים״ קאָסטן טייער, און מ׳דאַרף אויך צוגרייטן אויף ווינטער. קודם — עטלאַכע וועגעלאַך האָלץ וואָס דאַרפן צעהאַקט ווערן, אַז זיי זאָלן זיך גיכער אויסטריקענען. מ׳דאַרף זיך אויך פאַרגרייטן מיט אַ זאשיק קאַרטאָפל, בוראַקעס וכדומה. אייניגע גרייטן צו טרוקענע עפּל, באַרנעס, זויערע אוגערקעס, קרויט. מ׳פּרעגלט איינגעמאַכץ, פּאָווידלע, סאָקן, שמאַלץ. אויסער דעם דאַרף מען אויך אַרומזען די פריזבע, פאַרשמירן מיט ליים און דאצו דאַרף מען פאַרריכטן די ווינטער־מלבושים און שוכוואַרג, פאַרצירעווען זאָקן, שקאַרפּעטקעס, הענטשקעס און אַרויסנעמען די קאַלאָשן אַלס שוץ געגן רעגנס און בלאָטעס. מ׳מוז אויך צוגרייטן די טאָפּעלע פענסטער, טאָמער קומט אָן דער פראָסט.

חזנים, משוררים, בעלי־תפילה, וועלכע זעען די שינויים און פילן זיי טיף אין די ביינער, וויקלן אַרום די העלזער אין שאַליקעס, אויסצוהיטן די „כלי״, ד. ה. די שטימע, אַז זי זאָל, חלילה, זיך ניט פאַרקילן.

אין אָט דער שטימונג האָבן זיך אָנגעהויבן הערן טרויער־קולות פון סליחות. דער שמש מיטן גראָבן שטעקן פלעגט זיך אַרויסלאָזן ווען ס'איז נאָך געווען שטאָק־פינצטער און געקלאַפּט אין די לאָדנס: אידען, שטייט אויף צו סליחות! אונזער שמש איז געווען אַזוי אָנגעהויכט מיט דער סליחות־שטימונג אַז ער פלעגט ביים עפענען די שוהל אויסשרייען: „מתים, אַרויס! ס'דאַרפן קומען די לעבעדיקע"! בשעת מעשה האָט ער שטאַרק געציטערט און די נשמה איז איהם געווען אויף דער שפּיץ נאָז.

בשעת די אידען זענען געגאַנגען צו סליחות, זענען די דעכער און פּאַרקענס געווען ווי באַזילבערט פון די ערשטע פרעסטלאַך.

און אָט איז געקומען דער לעצטער שבת צו־נאַכטס פון יאָר פאַר וועלכן ס'איז געווען אַ ספּעציעלער ניגון פאַר מעריב. די לעצטע סליחות פלעגן זאָגן דער חזן מיט די משוררים, ווי די ערשטע, נאָך האַלבע נאַכט און פאַר אַ גרויסן עולם.

מ'האָט זיך געאיילט צו שחרית און געזאָגט התרת־נדרים. די פרויען האָבן געבאַקן חלות אין דער פאָרם פון פייגל — אַן אָנצוהערעניש אַז די תפילות זאָלען פליען הויך.

מעריב, דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, האָט געדאַוונט דער שטאָט־חזן מיט די משוררים. אונזער חזן, רב דוד, מיט זיינע משוררים האָבן אָוועקגעלייגט אַ דאַוונען אַז אידען פון אנדערע בתי־מדרשים האָבן שנעל געענדיקט דאָס דאַוונען, כדי צו הערן רב דוד'ן.

ראש־השנה איז געווען אַ אויסמיש פון פרייד און פּחד פאַרן יום־הדין. תפילת שחרית האָט זיך אָנגעהויבן גאַנץ פריה, כדי די מתפללים פון די שוהלען זאָלן האָבן אַ געלעגנהייט צו הערן דעם חזן.

אין אַלטן בית־מדרש איז געווען דער בעל־מוסף ר' בענדעט אישעס, וועגן וועלכן מ'האָט געזאָגט אַז ער איז אַ בן מאה און האָט נאָך געדענקט דאָס אַריינמאַרשירן פון נאַפּאָלעאָנס חיילות קיין רוסלאַנד אין יאָהר 1812. אָט דער זקן, ווי רב משה וואָס האָט געדאַוונט מוספים אין נייעם בית־מדרש, האָט בייגעטראָגן צו דער שטימונג פון תשובה, מיט זיין ערנסטקייט און פרומקייט.

אין די עשרת ימי תשובה האָט געציטערט, אַפילו, אַ פיש אין וואַסער. אידען האָבן געפּאַלגט דאָס וואָס ווערט אָנגעזאָגט אין דער הפטורה פון יענעם שבת: „שובה ישראל"... ווען מיר האָבן אין אונזער שטעטל זוכה געווען צו האָבן ר' אליהו־ברוך אַלס רב, האָבן מיר יענעם שבת געהערט אַ דרשה הפלא ופלא, געפלאָכטן פון מוסר און הלכה. די בעלי־בתים לומדים פלעגן זיין זייער באַגייסטערט. און אַפילו, די בעלי־מלאכה האָבן זיך איינגעהערט און געהאַט גרויס הנאה. איינער אַ שוסטער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך איינגעהערט צו דער דרשה און דערנאָך געהערט די שירים ותשבחות, האָט זיך אַמאָל אָנגערופן: „תורה איז ווי שוסטעריי — זי האָט אויך קיין גרונט ניט"...

באַלד נאָך ראש־השנה האָט זיך אָנגעהויבן רודערן מיט די כפרות. די הינער און

הענער האָבען פּראָטעסטירט, געגוואַלדעוועט, הלמאי מ׳דרייט מיט זיי איבער די קעפּ און מ׳פּרעפּלט מיט די ליפּען. און דערנאָך האָבען זיי געשריען ביים קוילענען.

ערב יום־כיפּור איז מען געווען באַשעפטיגט. עסן ערב־יום־כיפּור איז אַ מצווה ווי דאָס פאַסטען אום יום־כיפּור. באַלד האָט מען זיך געאיילט און מ׳איז אַוועק דאַווענען מנחה. מ׳האָט אַריינגעכאַפּט מלקות, געשלאָגן על־חטא, געטיילט אין די פאַרשידענע קערות און מ׳איז געלאָפן שנעל אַ היים צו דער סעודה מפסקת. און נאָך ביים בענשן האָט מען שוין געהערט יללות און כליפּערייען, געוויין און געקלאָג. מ׳האָט געבענשט די קינדער און מ׳איז געגאַנגען ווידער אין שול. גאַנצע פאַמיליעס האָבען זיך געצויגן אין די שולן, וואַקסענע, חלב׳נע, סטעַרינאָווע נשמה־ליכט אין זייערע הענט. די מענער האָבן געטראָגן זייערע מחזורים און די פרויען — זייערע. מ׳איז געגאַנגען שנעל, ווייל ס׳איז נאָך געווען פיל צו זאָגען פאַר „כל נדרי״. מענער דאַרפן זאָגען די „תפילה זכה״ און פרויען די תחינות. מ׳דאַרף באַזאָרגען די נשמה־ליכט, אויסטאָן די שיך, וואַשען די הענט, אָנטאָן דעם קיטעל און דעם טלית און צורעכטמאַכען די שטרוי אונטער די פיס.

ווען דער חזן האָט אָנגעהויבן זאָגען „כל נדרי״, האָבען זיך די מתפללים אויס־געטאָן פון אַלעס פיזישעס און זיינען דערגאַנגען צו אַ מדרגה פון התפשטות הגשמיות. ס׳איז געפאַלן אויף יעדן אַן אימה און יעדער איינער איז געווען באַזעלט מיט קדושה. אונזער חזן, ר׳ דוד, האָט דאַן אויסגעזען ווי אַ כהן גדול ביי דער עבודה. זיין לירישע שטימע, זיינע גלענצענדע ניגונים, האָבען באַגייסטערט אַלעמען. די קדושה און אימה פון זיין דאַווענען האָבען זיך צונויפגעגאָסן מיט דער אַלגעמיינער שטימונג פון עולם, וואָס האָט זיך מתדבק געווען מיט די תפילות.

טייל דאַוונער זיינען פאַרבליבן אין שול אַ גאַנצע נאַכט און געשטאַנען אַ גאַנצן יום־כיפּור אויף די פיס, אויסגעטאָן פונם פיזישן לעבן. די אויסגעשפּרייטע שטרוי אויף דער פּאָדלאָגע פון דער שוהל האָט בייגעטראָגען צו דער תשובה־שטימונג.

ווען ס׳איז געקומען די צייט פון „נעילה״ איז די אימה נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרען. ס׳איז ניט פאַרבליבן קיין צייט — כי פנה יום. די טויערן שליסן זיך באַלד צו. די נשמה האָט זיך געראַנגלט מיטן אָפּגעשוואַכטן חומר. ערשט דאַן האָבען זיך געהערט געבעטן און געוויינען. אידען האָבען געבעטן אויף אַ גוט־יאָהר, אַ יאָהר פון געזונט, פּרנסה און פרידן.

פאַרהונגערטע, מידע, האָט מען אָפּגעדאַווענט מעריב, וואָס איז געווען אַ וואָכע־דיקער. פונדעסטוועגן האָט מען זיך ניט געכאַפּט אַהיימצוגיין. מ׳איז אַרויס מחדש זיין די לבנה.

מיט ברכות איז מען אַוועק אַ היים, געמאַכט הבדלה, עטוואָס טועם געווען און ווידער אַ מצווה — אַריינקלאַפּן אַ פלאָקן פאַר דער סוכה.

פון סוכות ביז שמחת־תורה

ווי ס׳איז נאָר אַריבער דער יום־כיפּור, האָט מען באַלד גענומען מאַכען אַ התחלה צו בויען די סוכה. ווי געזאָגט, האָט מען דעם יסוד פון דער סוכה שוין אַריינ־געקלאַפּט מוצאי־יום־כיפּור.

מ׳האָט באַלד גענומען צונויפזאַמלען מאַטעריאַלן פאַר דער סוכה: אַ ברעטל, אַן אַלטע טיר, אַ דרענגל, אַ שטענגל, אַ דעק פון אַ שלאָפבאַנק, אַלעס איז צונוץ געקומען פאַרן סוכה־בנין. די סוכה איז, כידוע, אַ צייטווייליגערביידל, דאַרף מען ניט צופיל מדקדק זיין און אַלעס קומט צונוץ. אָבער, ווען זי ווערט פאַרענדיקט קוקט זי אויס ווי אַ קליין פּאַלאַצל.

חול־המועד סוכות איז געווען זעהר פריילאַך און לוסטיג. מ׳האָט געפראַוועט דעם שמחת בית השואבה, וואָס איז געווען אַ אימפּאָזאַנטע שמחה אין בית־מדרש. אין די טעג איז מען געפאָהרן צו גאַסט צו קרובים און נאָענטע מקומות. בחורים און מיידלעך זענען זיך געקומען „אָנקוקען" און ס׳זענען אויסגעפיהרט געוואָרן שידוכים. מלמדים זענען געלאָפן פאַרשמייעטע צו קריגן תלמידים פאַרן נייעם זמן.

הושענא־רבה איז מען פריי געוואָרן פונם ימים נוראים פּחד. מ׳איז אויף געווען אַ גאַנצע נאַכט. אָפּגעזאָגט מ״ח פּזמונים תהילים, האָט מען זיך אָנגעשטרענגט צו זיין וואַך אין דער ריכטיגער רגע ווען די הימלען וועלן זיך שפּאַלטן און די כתיבה וחתימה טובה צעטלאַך וועלן אויסגעטיילט ווערן. אָבער, מעשה שטן, דוקא יענע סעקונדע פאַרשלאָפט מען.

אין דער פרי האָט מען געדאַוונט לאַנג, מ׳האָט געקלאַפּט הושענות, מ׳איז געגאַנגען צו הקפות, און די סעודה איז געווען אַ יום־טובדיגע — מיט קרעפּלאַך.

שמחת תורה און שמיני עצרת איז געווען אַ מצווה צו זיין בגילופינדיג. אַפילו די, וואָס האָבען אַ גאַנץ יאָהר ניט גענומען קיין ספר אין האַנט — פרייען זיך מיטן סיום התורה. נאָך דער קלפּי פאַר נייע גבאים האָט מען געקראָגן אַ קהל׳שן טרונק, פאַרבייסן און כיבוד. אַלע האָבען געקראָגען עליות, אַפילו, קליינוואַרג.

דער עולם ווערט בגילופין. ס׳איז דאָך שמחת תורה! צאַן קדושים שרייען: מע! מ׳מאַרשירט מיט די פאָנען. רייכערע שטעקן אַריין אַ ליכטל אין אַ עפּל, און אָרעמע — אין אַ קאַרטאָפל. לצים טוען אָפּ שפּיצלאַך: פאַרבינדן די טליתים פון ברוגז׳ע בעלי־בתים, ווילן פאַרפירן דעם בעל מוסף מיטן ניגון און נוסח. און אַז מ׳נעמט נאָך אַ קאַפּעטשקע — ווערט מען טאַקע ריכטיג שיכור. לאָזט מען זיך אַרויס טאָפּטשען אין דער בלאָטע איבער פרעמדע הייזער. ווען ס׳לאָזט זיך גנב׳עט מען אַרויס אַ צימעס, אַ געבראָטנס מיט אַ ביסל משקה. מחנות׳ווייז מאַרשירט מען איבער די גאַסן, און מיט הייזעריקע קולות זינגט מען תפילות, לידלאַך, חצי אידיש — פּאָלאָווינאַ גויאיש. מ׳פירט איינער דעם אַנדערן אַ היים, און אויב איינער איז גאָר צודולט, קומט די פלונית׳טע און נעהמט אים אַ היים. ס׳איז דאָך שמחת־תורה, איצט איז ניטאָ קיין דאגות פרנסה.

דער קאַלטער ווינטער קומט אָן

אויס יום־טוב און ס׳קומען אָן די וואָכעדיקע טעג. ס׳בלייבט אַ שלעכטער טעם פון איבערעסן און איבערטרינקען זיך. נייע זאָרגען קומען אָן. אין פילע הייזער איז פאַראַן דער קאָשמאַר פון שטעלן זיך צום פריזיוו. אידען האָבן פיינט פאָניען און זיין סאָלדאַטשינא. זיי האָבן ניט פאַרוואָס מקריב זיין זייערע יינגע לעבנס, אָדער ווערן פאַרוואָרפן ערגעץ ווו אין אַ קאַ.אַרמע, ווערן באַליידיגט פונם גענעראַל ביזן קאָרפּאָראַל און באַקומען סטוסאַקעס און קלעפּ. די פריזיוויקעס זענען פאַרזאָרגט און שטאַרק ערנסט, און די פאַרבליבענע אין שטעטל „קאַנטאָניסטן" חכמה׳נען זיך: וואָס צעוויינט איר זיך איבער דער סלוזשבע? מ׳האָט שוין אַזעלכעס געזען. געדינט דעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן גאַנצע 25 יאָר, אויסער דעם געהאַלטן געוואָרן ווי חזירים און געצוווּנגען געוואָרן צו שמד. איצט איז אַ פאַרגעניגן, אַ שפּילכל".

אָבער דאָס פאַרגרינגערט ניט דאָס געמיט. ס׳זאָרגן זעהר די „יעדינאַקעס" (בן יחיד׳ס), די אמתע און די געמלאכה׳טע „פּעֽרווי ליגאָטעס" (פּריוויליגירטע). שלעכט איז נאָר די געשטראָפטע מיט אָרעמקייט און געזונט. וואָרים מיט אַ ביסל געלט קען מען זיך אויסדרעהן. ס׳.ענען פאַראַן מאַכערס ביי נאַטשאַלסטווא. יעדער האָט זיין מקח און דאָס געלט לעגט מען איין ביי אַ „שליש", און ממה־נפשך — ווערט מען פריי, זאָל דער מאַכער האָבען דאָס געלט, הגם ער האָט גאָרניט געטאָן. אלא, וואָס דען? ניט פריי,



רחוב בחורף | A Street in Wintertime | אַ גאַס אין ווינטער

טאָ קריגט מען דאָס געלט צוריק. חוץ דעם זענען פאַראַן נאָך מיטלען: מ׳מאַכט זיך אַ ביסל בלינד, טראַגנדיק ניט צוגעפּאַסטע ברילן, מ׳באַנוצט אַנדערע עצות, ווי מאַכן זיך „חסרונות״...

כדי דאָס צו דערגרייכן איז מען דורכגעגאַנגען אַ שווערן פּראָצעס פון ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן, טרינקען עסיג, ריצנאייל, אָפּצערן זיך, פאַרלירן וואָג, און, מחמת צרת רבים חצי נחמה, האָט זיך אויסגעאַרבעט ביי אידען אַ מעטאָדע צו מאַכן פון אַ צרה אַ הוליאַנקע. מ׳האָט זיך ניט געפּייניקט ביחידות, נאָר בציבור, בחברותא. מ׳האָט זיך אַרומגעשליאָכט באַנדעסוויז גאַנצע נעכט און מ׳האָט אָפּגעטאָן שפּיצלאָך אויך. אָנגעקלאַפּט אין לאָדען פון אַ חשוב׳ן בעל־הבית און מ׳האָט אויסגעשריען: שטייט אויף, ר׳ משה, גיכער — ס׳ברענט. און ווען ר׳ משה איז טאַקע אויפגעשטאַנען און דערוווּסט זיך אַז מ׳מאַכט פון אים ליצנות — האָבן שוין קיין קללות ניט געפעלט, אָבער חברה האָט זיך געמאַכט אַ קנאַפּן צימעס פון דעם. דערווייל איז דער הונגער אָנגעגאַנגען און ווען ס׳איז געווען שווער צו דערטראָגן, האָט מען זיך אַריינגעכאַפּט צו אַ בעקער און מ׳האָט איינגעקויפט בייגל אויפגעהאַנגען אויף אַ שטעקל.

אין פּריסוטסטוואָ איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון קאָמעדיע און טראַגעדיע. אַ גרויסער אומגליק איז געווען ווען מ׳האָט אויסגערופן: „גאָדין״! (ער טויג פאַר מיליטער־דינסט). עלטערן האָבן אָוועקגעכלשט פון דער טרויעריגער בשורה, אַז זייער זון איז ניט קיין קאַליקע... און פרייליך און לוסטיג איז מען געווען ווען מ׳האָט געזאָגט: „ניע גאָדין״! (ער טויג ניט), וואָס ס׳האָט געמיינט אַז ער איז אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן. אַזאַ בחור איז פריי געוואָרן פאַר שידוכים...

בינו לבינו האָט זיך דער ווינטער צעבונטעוועט. אַרום חנוכה האָט שוין דער „פעטער שנייער״ געוועלטיגט. די קעלט איז געוואָרן גרויס. און אידען האָבן אויף זיך אַרויפגעטאָן פוטערלאַך, שאַלן, קאַלאָשן, קרייציקעס און הענטשקעס. דער פראָסט האָט זיך, אַפילו, דורכגעשטופּט דורך די טאָפּעלטע פענסטער, וואָס זענען געווען אויס־געצירט מיט מוסטערן פון אָנגעשניטענע קאָלירטע וואָלוטשקע אויף וואַטע. די שויבן זענען געווען פאַרצויגן מיט פאַנטאַסטישע בלומען־בוימער. די אינעווייניגסטע פענסטער זענען געווען ווי באַזילבערט און חברה קליינוואַרג זענען געוואָרן מטבעות־שטעמפּלער. פון איין מטבע איז געוואָרן קורח׳ס אוצרות.

די פרעסט האָבן אויך פאַרהאַרטעוועט די בלאָטע . דער ווינטער איז שוין געווען אין זיין סאַמע קראַפּט.

חנוכה־צייט

חנוכה, דער יום־טוב פון יידישער גבורה און שטאָלץ, וואָס האָט סימבאָליזירט ניט נאָר דעם נצחון פון די חשמונאים, נאָר אויך דעם קאַמף וואָס אידען האָבען געפירט געגן זייערע שונאים פון אַלע צייטן, איז היסטאָריש און פסיכאָלאָגיש ענג פאַרבונדן מיט דעם חנוכה־נס וואָס איז פאָרגעקומען פאַר אונזערע אויגן, ווען מדינת ישראל איז באַנייט געוואָרן און אַ קליינער ישוב האָט באַזיגט זיבן אַראַבישע לענדער.

אַ ליבער, לייכטער יום־טוב איז חנוכה געווען, אַ יום־טוב וואָס איז ניט באַשווערט געוואָרן פון באַזונדערע רעליגיעזע צערעמאָניעס און ניט באַלאַדן פון קיינע איסורים און „לא תעשה"ס.

חנוכה איז געווען אַ יום־טוב פון געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענקום. יונגוואַרג האָט געשפּילט מיט האַנטגעמאַכטע דריידלאַך. אַ כפרה די צושניטענע פינגער און פאַרברענטע הענט, אַבי ס׳איז אַרויסגעקומען אַ מייסטערהאַפטע צאַצקע־דריידל, מיט שיינע, בולט׳ע אותיות פון די ראשי תיבות „נס גדול היה שם". עלטערע שפּילן אין קוויטלאַך, אַפילו, קאָרטן. ס׳איז אַפילו, פאַראַן אַ נוטריקון אין דעם לעצטן וואָרט פון דער סדרה. „וישכחהו" מאַכט: וועלכער ייד שפּילט כאַרטן חנוכה הגביר ווערט. גאָר פרומע אידען האָבען דעם נוטריקון מפרש געווען אַנדערש: וועלכער ייד שפּילט כאַרטן חנוכה האט ווייטאָק. ווייסע חברה׳ניקעס ווערן, ממש, נתעשר. אַפילו דער קאַרגסטער פעטער גיט חנוכה־געלט. היינט, וואָס איז מכוח די גריוועון, לאַטקעס און פריי זיין פון „חדר" אין די אָוונטן?

אין חנוכה הויבט אָן דער טייך זיך אַוועקצושטעלן. די בריקן ווערן באַוואָרנט געגן זייער שפּעטערדיקן מעכטיגן שונא — די קריעס, ווען דער אייז ווערט געבראָכן און צעשמאָלצן. פאַר דעם צוועק ווערן אַריינגעקלאַפּט לאַנגע פּאַליעס, אַז זיי זאָלן זיין די שומרים. אָבער דער מעכטיקער אייז טרעשטשעט און מאַכט חוזק, ווי איינער זאָגט: וואָס קאָנט איר, בשר ודמ׳ס, טאָן געגן מיר? פראָסט און שניי טוען דאָס זייערע און די מענשן — זייערס. מ׳מיידט אויס די בריקן. מ׳פאָהרט אויפן מעכטיקן רוקן פון אייז. מ׳פאַרשפּאָרט די מאָסטאָווע. מ׳שמוגעלט פון איין מדינה צו דער אַנדערער קאָנטראַבאַנד.

אויף די וועגן דורך די גאַסן איז אַ גאַנצער טאַראַראַם. ס׳ווערן אַרויסגעפירט די לאַנגע מעכטיקע סאָסנעס פון ערטער צו וועלכע מ׳קאָן ניט צוקומען. איצט ווערן זיי אַרומגעטעסעט און אָנגעלאָדן אויף צוויי מאַסיווע שליטלאַך. דער קלאָץ אַליין האַלט זיי צוזאַמען. איין שליטל געשפּאַנט מיט שטאַרקע פערד, מיט אַ פורמאַן פון פאָרנט און אַ קירעווער פון אונטן. די צוויי זיינען ווייט איינער פון צווייטן און דאָס גיט אַ מעגלעכקייט כוואַטסקע יינגלאַך אַרויפצודראַפּן זיך אין מיטן און כאַפּן אַ פאָר.

די לאַנגע מעכטיקע קלעצער ווערן געפירט צו די ברעגן „בוג־נאַרעוו" און ווייכסל. דאָרטן ווערן זיי באַהעפט מיט דראָט און טראַנספּאָרטירט אין ווייטע מקומות.

היות יינגלאַך גייען ניט אין „חדר", גליטשן זיי זיך. יעדעס ביסל אויסגעגאָסענעס וואַסער און צעגאַנגענער שניי ווערט אויסגענוצט פאַר דעם צוועק. איינער פאַנגט אָן, די אַנדערע פאָלגן נאָך, און ס׳ווערט אַ גליטש ווי אַ מזמור, גלאַט ווי אַ לאָקשן־ברעט.

יידן מיט חשק צום לערנן געניסן פון דעם וואָס מ׳האָט סיי עולם־הבא און סיי עולם הזה. מ׳זיצט ביים אויוון. מ׳האָט תענוג פון זיצן בחברותא. און מ׳טראָגט זיך אַוועק אין וועלטן פון חריפות און בקיאות, אויך אין די פאַנטאַסטישע וועלטן פון אגדה.

פורים און פסח

ביי חברה קונדסים איז געווען יעדער סעזאָן מיט זיינע שפּילן, יעדער יום־טוב מיט זיינע איבערלעבונגען. צייט שטייט ניט. פורים דערנענטערט זיך און דער יום־טוב האָט זיך זיינע שטוקעס. מ׳מאַכט געווער מיט די נעמען פון יעדער געגנט: גרעכעטע, דרייער, קאַלאַקאָטקע און המן קלאָפּער. מ׳ווייסט פון אַמאָליקן המן און מ׳הערט פון היינטיקע המנ׳ס.

ביי אונז אין שטעטל האָט מען ווייניג געוווסט פון טעאַטער. סינעמאַ און ראַדיאָ זיינען נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. ווען־ניט־ווען האָט זיך באַוויזן אַ קאַטערינטשיק מיט אַ שפּיל און קוק־קעסטעלע. פאַר אַ גראָשן האָט מען געזען פּלאַי־פּלאַים — ממש אַרומגערייזט די וועלט און שבעה ימים מיט זייערע אַלע משונה׳דיקע ברואים: לייבן, פּיפּערנאָטערס, ווילקאָלאָקעס א. א. ו. פאַר אַ קאָפּיקע האָט מען זיך אָנגעטאָן אַזעלכע טרובקעס פון דער מאַכאַרייקע אויף די אויערן און מ׳האָט געהערט די באַרימטע חזנים מיט זייערע קאַפּעליעס.

דאָך האָט זיך דאָס אַלעס ניט געקאָנט פאַרגלייכן צו פורים, ווען מ׳האָט געשפּילט „מכירת יוסף", „אחשורוש שפּיל" און שפּעטער אויך „שולמית", „בר־כוכבא" און באַקאַנטע העלדן פון חומש. דאַן די פערדלאַך, די ישמעאלים, די מדינים און ושתי׳ס צאָפּ. אַלעס איז געווען אינטערעסאַנט און אַמוזירנדיג.

און פורים אַליין איז דאָך געווען סתם אַ מחיה: דער שלח־מנות און די פורים סעודה.

באַלד ווי פורים איז אַריבער האָט מען אָנגעהויבן אין חדר צו לערנען „שיר השירים". דער דרויסן האָט איצט געשטימט מיט דער שטימונג פונם „שיר השירים". די ליבע קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן אין האַרצן אַריין און דער דרויסן האָט באַשטעטיקט אַז ס׳איז אמת ויציב.

ס׳איז איצט אַ געמיש פון פרילינג און ווינטער. דער ווינטער גייט אַוועק, דער פרילינג טראָגט זיך אויף די פליגלן פון די וואַרעמע זון־שטראַלן. דער שניי הויבט אָן ווערן שוואַרץ און פוכקע און ס׳איז לייכט צו מאַכן פון אים גאמעלקעס אָדער אויפ־קייקלן אַ מענטשעלע. יידן בייזערן זיך: ס׳איז עבודה זרה! אָבער גמרא־קעפּלאַך האָבן

אַ פּאַרטיקן תירוץ: ס׳איז ניט מער ווי אַ געץ, ווי אין הלל — אַ מויל — און קען ניט רעדן, אויגן — און קען ניט זעהן.

זייער פיל איז געשריבן געוואָרן וועגן „זמן חרותנו״. די יידישע און העברעאישע ליטעראַטור זענען רייך מיט פּראָזע און פּאָעזיע אין וועלכע דער ליבער יום־טוב פּסח שפּיגלט זיך אָפּ מיט זיין סאַמער שיינקייט און הייליקייט. דאָך איז נאָך פאַראַן פּלאַץ עפּעס צוצוגעבן.

דער ערב־פּסח האָט זיך אָנגעהויבן מיט עטלעכע וואָכן פאַרן יום־טוב. ס׳באַווייזן זיך די מצה־שיוואַלנעס, בעקערייען און פּאַדריאַדן, ווו מ׳באַקט מצות אויף פּסח. אַלע ווילן כאַפּן אַ זייטיק פאַרדינסטל. מיידלאַך־וועלגערקעס, ווייבער־קנעטערקעס, יינגלאַך־מעלשיטער, וואַסער־דערלאַנגער, שטופּלער, טרעגער, באַבערדיקטע יידן־שיבער, מש־גיחים: אַלע פּראַצעווען לאַנגע שעה׳ן פאַר קליינע פאַרדינסטן. יעדער פון זיי איז דאָך גערן צו קאָנען מאַכן פּסח, און פאַר דעם פּאָדערט זיך צו האָבן, ממש, קורח׳ס אוצרות. מיידלאַך נויטיקן זיך אין אַ ניי סיצן קליידל, שיך מיט הויכע אָפּצאַסן און ענלעכעס, כדי צו ווערן „דערגאַנצט״ אויף אַ לייטישן אופן. בחורים שטעקלדרייער, וואָס שטייען אין שידוכים, דאַרפן האָבן נייע קראַוואַטן, גומענע קראַגענס, מאַנקעטן, כדי צו קענען אָנקוקן די מיידלאַך וואָס שמואל־בער דער שדכן האָט גערימט אין טאָג אַריין.

די הייזער ווערן אויסגערייניקט פון מעבל. מ׳דאַרף זיי רייניקן, שמירן און כשר׳ן. שלאָפט מען דערוויל אויף דער ערד און מ׳בייסט צו בחפזון אויף אַ קעסטל וואָס ווערט אַ בענקל און אַ פעסל ווערט אַ טיש. אַרבעט איז פאַראַן איבער גענוג. דערצו מוז מען נאָך היטן דאָס קליינוואַרג אַז זיי זאָלן ניט צוקומען צום פעסעלע גע־שטעלטע בוראַקעס, איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך; געברייעטן מעד אין אַ פּסח׳דיק קעסטעלע און די מצות וואָס זענען אַריינגעלייגט געוואָרן אין אַ קאָרב וואָס הייגגט פון פּאָלאָפּ.

די ווייסע־חברה־ניקעס ווייסן אויך ניט ווו פריער זיך אַהינצוטאָן: לויפן צום געוויסער, אָדער זיין ביים שניידער און שוסטער אויסצוגעפונען צי די שיך און דער גאַרניטער זענען שוין פאַרטיק, אָדער שטאָפּן די עופות און כאַפּן אַ האָן וואָס האָט געמאַכט אַ ויברח.

דערוויל גייען אָן די הכנות: מ׳האַקט ראָזשינקעס פאַר יין־צימוקים, מ׳פּרעגלט שמאַלץ אויף פּסח און מ׳טוט אַנדערע זאַכן וואָס זענען נויטיק.

ווען ס׳קומען אָן די לעצטע טעג פאַר פּסח, באַזאָרגן די בעלי־בתים דעם „מכירת־חמץ״. דאָס ווערט, פאַרשטייט זיך, געטאָן ביים רב, און סטעפּאַן דער שבת־גוי איז דער כלומרשטער „קויפער״. די וואָס זענען מעהר מדקדק באַקן אַליין מצה־שמורה. ס׳איז, אפילו, ניטאָ קיין צייט צו עסן. כאַפּט מען אָפּ אַ טרוקענעם ביסן און מ׳איז יוצא. מענער מוזן העלפן אויסכשרן די פאַנען און אַנדערע כלים, טישלאַך, בענקלאַך, די פּליטע און דעם באַק־אויוון פאַר טשאָלענט. ס׳ווערן אויפגעזאָטן קעסלען מיט וואַסער

און אין זיי ווערן אַריינגעוואָרפן אָנגעברענטע אייזנס און שטיינער. דאַן ווערט אַלעס געבריט מיט הייס וואַסער און אָנגעהיצט מיט די אָנגעברענטע אייזנס. מיט פסח שפּילט מען זיך ניט! פאַר חמץ משהו איז דער עונש — כרת.

און אָט קומט אָן די נאַכט פון בדיקת חמץ. אַלעס איז גרייט: אַ וועקסן ליכטל, אַ הילצערנע לעפל, אַ פלעדערוויש, אַ ווייסע שמאַטקע, שטיקלאַך חמץ אויסגעלייגט בסוד־סודות אויף באַשטימטע פלעצער, כדי דער טאַטע זאָל ניט וויסן ווו. דער טאַטע דאַרף געפונען דעם חמץ, כדי ער זאָל, חלילה, ניט מאַכן קיין ברכה לבטלה.

ערב פסח איז מען אויפגעשטאַנען פריה, אָפּגעגעסן בחפזון דעם חמץ — בולקע מיט מילך — באַהאַלטן די עטלעכע חמצדיקע גלעזער, פאַרענדיקט דאָס כשר'ן, און באַלד פאַרבעטן ר' „פסח"ן אַריינצוקומען אין שטוב.

פאַר ערב פסח בלייבט אָבער נאָך פיל אַרבעט: אָנשטויסן פאַרפעלאַך, צוגרייטן מצה־מעל און חרוסת. די סעודה איז זייער אַ מאַגערע, כדי מ'זאָל האָבן מער אַפּעטיט ביים סדר. די גמרא זאָגט, אַז עסן מצה ערב פסח איז ווי די תאוה צו אַ כלה, הגם מ'מוז מודה זיין אַזביידע תאוות זענען, דוקא, ניט אַזוי גלייך...

דער סדר ווערט אָפּגעריכט לויט אַ באַשטימטן סדר: קדש, ורחץ, כרפס. טעות'ן ביים סדר זענען שוין באַשריבן געוואָרן און ס'זענען פאַראַן גענוג אַנעקדאָטן וועגן דעם.

ל"ג בעומר און שבועות

אַוועק דער יום־טוב פסח. ס'קומען אָן שיינע טעג. די זון וואַרעמט. מענטשן הויבן זיך אַרויסצוגיין אויף שפּאַציר. גראָזן באַווייזן זיך מיט זייער דעליקאַטער גרינקייט. אויף בוימער קומען אַרויס די קנאָספּן. בלומען פון אַלערליי קאָלירן און שמעקעדיגע ריחות. ס'באַווייזן זיך אַלערליי באַשעפענישן.

פרילינג איז שוין דאָ. וואַלד, פעלד, גאָרטן לעבן אויף, דערוואַכן פון שווערן ווינטערדיקן שלאָף. דאָס נײַ־ונד פאָלק דערפילט אויף דעם אָנקום פון נייעם לעבן, הגם די נאַטור איז ניט זיינע. ס'קומען איצט אַריין די ספירה־טעג. אַנשטאָט ס'זאָל זיין אַ דערמאָנונג אויף דער פאַרבינדונג צווישן מענטש און ערד, איז עס גאָר אַ צייט פון אבלות, ווייל ס'איז דורכגעפאַלן דער העראָאישער בר־כוכבא מיט זיינע חיילות, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר דער ייִדישער אומאָפּהענגיקייט קעגן דעם רוימישן יאָך.

אין די ספירה־טעג זענען שמחות און חתונות פאַרבאָטן. באָדן זיך אין טייך אָדער שפּילן זענען אויך ניט דערלויבט. אויסנאָמען זענען די לעצטע טעג פון ניסן און די ערשטע טעג פון סיון, דערהויפּט ל"ג בעומר, אָבער דאָס זענען בלויז ווי אינזעלאַך אין מיטן ים. אַלע אַנדערע טעג זענען אָנגעפילט מיט טרויער. ל"ג בעומר איז דאָך אַן אָנדענק אויף די 24 טויזנט תלמידים פונם גרויסן תנא ר' עקיבא, וועלכע האָבן זיך

אַנגעשלאָסן אַן דער רעוואָלוציע געגן רוים און האָבן געקעמפּט אין ביתר. די רוימער האָבן אין די זיבן וואָכן פון ספירה פאַרטיליגט אַסך פון די תלמידים מיטן אויסנאַם פון ל״ג בעומר ווען קיינער איז ניט אומגעקומען. דאַריבער איז עס געבליבן אַ יום־טוב לדור דורות.

דערהויפּט איז עס אַ באַליבטער טאָג ביי יינגוואַרג. אַזוי ווי מ׳דאַרף ניט גיין אין חדר, פּעדערט מען זיך אינדערפרי. מ׳גייט דאָך אויף מלחמה געגן די יידישע שונאים, איז מען באַגייסטערט. יינגלאַך גרייטן זיך צו מיט אייגן געמאַכטעס געווער — אַ ראָד ביקסל אויפן אָרט פון אַ פייל און בויגן, וואָס שיסט מיט אַרבעס אָדער קאַרשן־ביינדלאַך. מ׳איז באַהערשט פון רוח־הגבורה. איין קליייניקייט — אַ מלחמה מיט גוג ומגוג. בקאָמפּאַניע גייט מען אַוועק אין די פעלדער. אָבער אַזוי ווי דער גאַנג איז דורך די גויאישע גאַסן, באַווייזט זיך טאַקע באַלד דער שונא — אַ שגץ מיט אַ בייזן הונט. „זשידי״! דערהערט זיך אַ געשריי און די חדר־יינגלאַך לויפן שוין דערשראָקענע. יידן זיינען דאָך אין גלות. מ׳קומט אָט מיט אַ אָפּגעריסענער פּאָלע און אַ ביס אין לידקע. די מלחמה איז פאַרענדיקט און וועט זיך אין קומענדיקן יאָר נאָכאַמאָל איבערחזר׳ן.

עטלעכע וואָכן שפּעטער קומט אָן דער ליבער יום־טוב שבועות — זמן מתן תורתנו. קורץ פאַר יום־טוב גייט מען זיך שוין באָדן. יינגלאַך — אויף דער גרעבליע אונטערן בוים און די וואָס לערנען שוין חומש — גלייך מיט „עמך״ און פערד אונטער די זאַסטאַוועס. עלטערע בעלי־בתים, פיינשמעקער, וועלכע ווייסן ניט פון אַנצאָגן, באָדן זיך אַביסל ווייטער, בצנעה פאַרשטייט זיך, נעבען גאַוועניץ.

ווען דער ליבער יום־טוב קומט אָן איז מען פריילאַך. שבועות האָט ניט קיין שווערע רעגולאַציעס: מ׳עסט ווו מ׳וויל, ניט ווי סוכות ווען מ׳דאַרף עסן אין סוכה, און מ׳עסט וואָס מ׳וויל, ניט ווי פּסח. ס׳איז אַ מנהג צו עסן מילכיגס מיט באַזונדערע פּאָטראַוועס: קעז, בלינצעס און סמעטענע מיט גרינסן. דער יום־טוב ווערט באַצירט מיט בלושטש און גרינסן וואָס מ׳באַקומט בחינם פון גאַוועניץ. אַ יום־טוב אַ מחיה. ניטאָ קיין צרות פון חמץ און טריפנדיקע טראָפּנס דורך דעם סכך...

צבי מתיסון (ניעוויאדאמי)
(ניו־יורק)

ממחוז העבר*

(מסכת־זכרונות על העשור האחרון של המאה ה־19 והעשור הראשון למאה ה־20)

מצבה הגיאוגרפי של ציחנוביץ

ציחנוביץ הישנה (אַלט־שטאַט) שוכנת על הגדה השמאלית של הנהר נורץ. במרחק של קילומטרים אחדים מהעיירה משתפך הנורץ אל הנהר הגדול בוג. מעבר לנהר נמצאת העיר החדשה (ניי־שטאַט) וגשר היה מאחד את שני פלגי העיירה.

הנהר נורץ היה הגבול בין פלך גרודנה ופלך לומז׳ה. העיר הישנה נכללה בפלך גרודנה והחדשה — בפלך לומז׳ה. מעבר לבוג השתרע פלך שדליץ. פלכי לומז׳ה ושדליץ היו בין עשרת פלכי פולין בימי הצארים.

מחמת קרבתה של ציחנוביץ לפולין, דברו בה היהודים בהברה פולנית. את המלה „ברוך״, למשל, היו מבטאים „בוריך״, אולם, מאידך גיסא, בטאו את החולם כצירה כמו בליטא. את המלה „העולם״ היו מבטאים „העילם״.

העיירות הסמוכות לציחנוביץ היו בריינסק ממזרח, סמיאטיטש מדרום־מזרח וצ׳יז׳ב מצפון־מערב. הערים הגדולות הן: ורשה מדרום־מערב, ביאליסטוק מצפון־מזרח ובריסק מדרום־מזרח, באופן שהעיירה נמצאת במשולש ורשה־ביאליסטוק־בריסק.

חוץ מהיהודים גרו בעיירתנו פולנים־קתולים, גרמנים־לוטרנים ורוסים־פרבוסלבים. הפולנים היו ברובם אכרים. רוב הגרמנים היו בעלי בתי־חרושת לטכסטיל. הרוסים כיהנו, בעיקר, כפקידי־ממשלה.

הפולנים שב„אַלט־שטאַט״ הוכרחו על־ידי הממשלה הרוסית לחוג את חגיהם לפי הלוח הפרבוסלבי הישן, בשעה שהפולנים שב„ניי־שטאַט״ הורשו לנהוג לפי הלוח האירופאי החדש, כמו הקתולים בכל העולם. נמצאנו למדים, שהפולנים המערביים נהנו יותר מחופש הדת מאשר אחיהם המזרחיים.

ציחנוביץ היתה עיירה תעשיתית. בתעשית האריג הועסקו הגרמנים והיהודים. היו בתי־חרושת גדולים, שקראו להם „פאַראָווקעס״, כי הונעו בכוח הקיטור. כמו־כן

---

* בעל הזכרונות האלה הוא בן מתת הנפח, נכדו של יעקב סמוליאר. בית הוריו, והמפחה שבו, היה הבית הראשון אחרי הכנסיה הקתולית.

היו בתי־חרושת לכפתורי־צדף. גרו בה גם יהודים עשירים, סוחרי צמר ויערות. היו בה בעלי־מלאכה שונים: חיטים, סנדלרים, כובענים ונפחים, שמכרו תוצרתם לא רק בציחנוביץ, כי אם גם בעיירות הסמוכות לה.

מכס הבשר

(קאָראָבקע בלע״ז, ובאידיש של ציחנוביץ „קריבקע״)

לפני מלחמת־העולם הראשונה היה מכס הבשר בעיירתנו קופיקה וחצי (או שלושה גראָשן, אַ דרייער) על כל פונט בשר כשר. מהכנסת המכס הזה היו משתמשים למשכורת הרב ולצרכים אחרים.

האופן של גביית המכס היה מסובך, מחמת התערבות הממשלה בענין זה. לפי החוק נמסרה זכות גביית המכס בחכירה פומבית (ברוסית טורגי) זאת אומרת, מי ששילם יותר קיבל את הזכות ונעשה למוכס. החכירה הפומבית הוכרזה בכל שנה בעיר־המחוז ביעלסק. החוכר הכניס את דמי החכירה לקופת־הממשלה, והקהילה צריכה היתה לפנות לממשלה כל פעם שהיה צורך בכסף.

אבל זה היה להלכה בלבד. למעשה, כמעט שאי־אפשר היה לקהילה להשיג כסף מהממשלה. ולא עוד, אלא שהיה ידוע שלפעמים קרובות היתה הממשלה מוציאה מכספי המכס שנגבה מאת היהודים לצרכי בתי־תפלה נוצריים. רק לעתים רחוקות ובמקרים יוצאים מהכלל השיגה הקהילה מהממשלה סכום־כסף מכספי המכס — למשל, כשבנו מחדש את בית־המדרש הישן בראשית שנות התשעים של המאה הי״ט.

כדי לספק צרכי הקהילה, הנהיגו את המנהג הבא: הרב ובעלי־בתים אחדים היו נוסעים לביעלסק לחכירה הפומבית והוסכם ביניהם לא להעלות את דמי־החכירה יותר מסכום ידוע, על־פי־רוב, אלף ומאתיים רובל לשנה. הסכום הזה נמסר לקופת המחוז בביעלסק בתשלומים של מאה רובל לחודש.

בשובם לציחנוביץ הכריזו עוד הפעם על חכירה פומבית, כמובן, בלי התערבות הממשלה. החכירה הזאת הכניסה לקהילה אלפים אחדים לשנה. זאת אומרת, דמי־החכירה כללו אלף ומאתיים הרובל של החכירה הרשמית, שהיו צריכים למסור לממשלה, ועוד אלפים אחדים לקופת הקהילה — למשכורת הרב ולצרכים אחרים.

המוכס (או בלשון ציחנוביץ „המחזיק בקריבקע״) היה גובה שלושה גראָשען מכל פונט וזה הכניס לו, כנראה, די רווח, כי תמיד היו קופצים על החכירה.

כדי שלא להביא בשר מ„ניי־שטאָט״, ששם לא היה מכס על בשר (בפלכי פולין היו חוקים אחרים) העמידו שומר על הגשר והיה בודק כל מי שנשא חבילה מ„ניי־שטאָט״. ואם מצא בשר — היה מחרים אותו.

חוץ ממכס הבשר היתה הממשלה גובה מהיהודים „מס הנרות״ (סוואֶצ׳נוֹי סבאָר)

כרובל וחצי לשנה מכל משפחה. לא ידוע, אם באופן רשמי היה המס הזה לטובת היהודים. למעשה, לא נהנו היהודים מהמס הזה כלל וכלל.

בית־הכנסת, בתי־המדרש, מנינים ו„שטיבלאך"

בית־הכנסת שבציחנוביץ היה מפורסם בכל הסביבה בגדלו וביפיו, ובעיקר, במעשה־האמנות של ארון־הקודש. כשנזדמנו אורחים אלינו הראו להם, בראש וראשונה, את בית־הכנסת שהיה כלול בהדרו. לפי אגדה ששמעתי בילדותי, נבנה בית־הכנסת הודות לתמיכתו של פריץ אחד, שהיה אוהב־ישראל.

בבית הכנסת לא היה תנור בנמצא, ובחורף כמעט ולא התפללו בו. גם בקיץ, לא התפללו בו הרב ובעלי־הבתים החשובים, כי אם בבתי־המדרש. אולם, בראש־השנה ויום־כיפור היה בית־הכנסת מלא מפה לפה, וגם הרב בא להתפלל בו. בליל „כל נדרי" היה בא הפריסטאַוו, והחזן ר' דוד קאַמין היה שר את ההמנון הרוסי „אל צאַר שמור". המנון זה נקרא בפי היהודים „באַזשיצע".

מזוזה לא היתה בבית־הכנסת, כי אמרו: „כולו קודש בלי מזוזה", והיהודים בהיכנסם היו מנשקים את הכותל החשוף. בפינה הצפונית־מערבית עמד „כסא של־אליהו" — מושב הסנדק בשעת ברית־מילה. כנראה, שלפנים היו עורכים את טכס הברית־מילה בבית־הכנסת.

בפינה הדרומית־מערבית עמד סולם מרובע שהגיע עד התקרה. הסולם עמד על גלגלים, ואפשר היה להעבירו ממקום למקום בעת שסידו את התקרה.

בפרוזדור הנקרא „פאַליש" היו שני חדרים בשני קצותיו, ששימשו חדרי־לימוד ל„תלמוד־תורה" — מוסד שלמדו בו יתומים וילדי העניים, שידם לא השיגה לשלם שכר לימוד למלמד פרטי. זוכרני אחד המלמדים שב„תלמוד־תורה", שמואל־אלעזר, שבנו למד יחד אתי באחד החדרים הפרטיים, ומדי בקרו ב„חדר" שלנו היה המסכן שופך מרי־שיחו ומרי־לבו על הצרות שגורמים לו ה„שקצים" ב„תלמוד־תורה", ובדברו היו עיניו זולגות דמעות.

בית־הכנסת נהרס על־ידי הצבא הרוסי בברחו מפני הגרמנים במלחמת־העולם הראשונה. בבקרי בציחנוביץ בשנת 1935 כאב לבי בראותי את החורבה שנשתירה מהבנין המפואר. פינה אחת שבבנין תוקנה ושוכן בה בית־ספר עברי קטן. אחד המורים היה יעקב גולומב (גיסו של הרב ד"ר ווינברג), חתנה של שינע־ריווע האופה. בנה, ר' יחיאל־יעקב ווינברג, היה רב בפילווישקי, פלך סובאלק, והוא גדול בתורה. לפני מלחמת העולם השניה עמד בראש בית־המדרש לרבנים בברלין. כעת הוא מתגורר בשווייץ.

בית־המדרש של החיטים

היה בציחנוביץ בית־מדרש לחיטים („דער שניידערשער בית־מדרש"). כפי הנראה, לא בנוהו מחדש אחרי השריפה הגדולה שהיתה בסוף הקיץ של שנת 1900, והחיטים, מהם שהתפללו אחר־כך במנין לחיטים באיזה בית פרטי, ומהם שנפוצו ביתר בתי־התפילה.

בית־המדרש לחיטים הצטיין בזה, שתמיד היה בו מגיד, שדרש לפני החברים לעתים תכופות. התפקיד העיקרי של מגיד בימים ההם היה, כמובן, להוכיח ולהטיף, ללמד ולחנך. אבל דבריו של מגיד טוב, המשלים, האגדות וספורי המעשיות שסיפר, היו גם מקור עונג ושעשועים לקהל השומעים.

מגיד אחד היה לחיטים, שאמרו עליו שהוא מקובל, והיו באים אליו בהזדמנויות שונות לקבל ממנו ברכה. מגיד אחר היה ידוע בכינויו „המגיד מסמיאטיטש", כי היה מגיד שם לפני בואו לבית־המדרש של החיטים בציחנוביץ. שמו היה ר' איצ'י תנחום'ס, ומוצאו משטויבץ, עיירתו של זלמן שזר. בספרו „כוכבי בוקר", עמוד 68, מתאר שזר את ר' איצ'ה במלים אלו: „המגיד־המלמד ר' איצ'ה תנחום'ס היה מלמד תנ"ך בעיירתנו ומגיד נודד מחוץ לעיירתנו. נפשי כלתה בי לשמוע מפי חברי שהיו מתלמידיו, באיזו מתיקות נגונית הוא מבאר את הפסוקים היקרים: „יונתי בחגוי הסלע, בסתר המדרגה"! ו„איכה היתה לזונה קריה נאמנה"! — אוי, וויי, ווינד איז מיר — „מלאתי משפט, צדק ילין בה; ועתה — מרצחים"! סמרו השערות לשמוע. ואני לא יכולתי לסור מבתי אבלים כשהיה ר' איצ'ה תנחום'ס מתישב על הכסא, בפני היתומים העגומים היושבים כפופים על שרפרפיהם, היה פותח בספר „איוב" ומפליג בניגונו העצב: „יאבד יום אולד בו; והלילה אמר: הרה גבר". אולם, היה ר' איצ'ה זה גם להוט אחרי הטיפה המרה ורינוו אחריו שאינו מדקדק במצוות".

גם בציחנוביץ הירבה לשתות ואמרו עליו, שאינו ירא־שמים ביותר. בכל זאת היו דרשותיו מושכות תמיד קהל רב. הוא היה מתלוצץ ואומר על עצמו: „אחרי עשני סיגריה בשבת אני שותה כוס יי"ש וריח היי"ש מפיג את ריח הטבק. ובתשעה־באב, כשאני שותה כוס יי"ש, אני מעשן סיגריה, כדי הטבק יפיג את ריח היי"ש מפי. אבל, ביום־כפור אין עצה ואין תבונה, כי אסור גם לעשן וגם לשתות"...


בית־המדרש הישן ובית־המדרש החדש

בראשון היו מתפללים האדוקים ביותר ושימש גם מקום־לימוד לאלה, הקובעים עתים לתורה. היו שם הרבה ספרי־קודש — גמרות, משניות, מדרשים, „עין־יעקב" וכו'. שם התכנסו גם חברות ללמוד תורה בצוותא, כגון „חברה ש"ס", „חברה משניות" ו„חברה עין־יעקב".

הרב היה מתפלל תמיד (פרט ל„ימים הנוראים״) בבית־המדרש הישן. (אחר־כך הנהיגו, שהרב יתפלל בבית המדרש החדש ביום שני של כל אחד משלושת הרגָלים). באגף בית־המדרש הישן היה בית־מדרש קטן, שקראו לו בלשון הקטנה „דאָס קליין בית־מדרש׳ל״, בו היו מתפללים בעלי־מלאכה וחנונים, שבימות־החול היתה שעתם דחוקה ולכן התפללו בחיפזון. לתפילת מנחה היו שם מנינים רבים: מנין אחד גמר ומנין שני התחיל.

בעלי־הבתים שבבית־המדרש החדש היו קצת יותר ליברליים בדעותיהם מאלה שבבית־המדרש הישן. מטיפים ונואמים ציוניים הובאו על־פי־רוב לבית־המדרש החדש. נדמה לי, שבבית־המדרש הישן לא נתנו למטיפים אלה רשות להטיף. זכורני, פעם אחת הובא לבית־המדרש החדש ד״ר וולף, ששימש כרופא בציחנוביץ עד מלחמת רוסיה־יפן בשנת 1903, לנאום אחר שובו מאחד הקונגרסים הציוניים הראשונים. הוא עמד על הבימה חבוש כיפת משי, אבל בלי טלית, ונאם באידיש מתובלת במלים גרמניות. אחר הנאום הזה היו האדוקים קוראים באנחה: ה„גוי״ הזה יביא לנו את המשיח?

בציחנוביץ היה אז מגיד קבוע, ר׳ משה־הלוי רובינשטיין, ומקומו היה בבית־המדרש החדש. בשבת אחר־הצהריים היה מלמד מדרש, או „עין־יעקב״, לאיזו חברה והיו משלמים לו רובלים אחדים לשבוע. ב„ימים הנוראים״ היה רובינשטיין החזן ל„מוסף״ באותו בית־המדרש, וגם מזה היתה לו הכנסה קבועה. אחר השריפה הגדולה שפרצה בשנת 1900, נעשה מגיד נודד והיה שב למשפחתו בציחנוביץ לחגים בלבד. בנו, יוסף רובינשטיין, זכה לעלות ארצה והוא מתגורר ביפו.



בית־המדרש הישן | The Old Synagogue | דער אַלטער בית־המדרש

לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן זענען די יידן און דייטשן אין יענער צייט געווען קאָנסערוואַטיוו געשטימט און זיי האָבן האַרמאָניש מיטגעאַרבעט צווישן זיך. לאָדזש און ביאַליסטאָק האָבן קאָאָפּערירט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב און דאָס האָט גורם געווען, אַז דאָס פאַך זאָל מאָדערניזירט ווערן און אַז די מאַשינעריע זאָל פאַרפולקאָמט ווערן אויף אַזאַ אופן אַז אַלץ בעסערע שטאָפן זאָלן אויסגעאַרבעט ווערן. ציעכאַנאָוויעץ איז אָבער

געבליבן אַלטמאָדיש. אונזערע מאַשינען און פֿאַרבערייען האָבן נאָר געקאָנט אַרבעטן אויף ריינעם וואָל, ניט קיין געמישטן מיט באַוועל אָדער שאָדע (אַלטע איבערגענוצטע־וועטע וואָל).

ציעכאַנאָוויעץ האָט אויסגעאַרבעט טוך, קאַסטיאַר, בורקע אין סאָלידע קאָלירן, אָבער אָן פֿאַרפֿאַרטיגטע מוסטערן. ס׳איז טאַקע ניט געווען צו אָנציִענדיק־שיין, אָבער דערפֿאַר איז עס געווען דויערהאַפֿט. ווען מ׳האָט מיט אונזער קאַסטיאַר איבערגעצויגן אַ פֿוטער, האָט דער געוואַנט איבערגעלעבט די פֿעלעכלעך. אַ טוכענע קאַפּאָטע געמאַכט פֿון אונזערע פֿאַבריקן, האָט מען שוין געטראָגן, ממש, לעבנסלאַנג. ווען דער טאַטע האָט עס אויסגעטראָגן, האָט מען פֿון דעם איבערגעמאַכט אַ בגד פֿאַרן קינד.

יידן און דייטשן האָבן געהאַט גאַנץ נאָענטע געשעפֿטלעכע פֿאַרבינדונגען און ביז אַ געוויסן גראַד געווען, אַפֿילו, נאָענט געזעלשאַפֿטלעך. ס׳איז ניט געווען קיין פֿאַל פֿון אַ אַקטיווער מאַסן־שנאה. אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך, לגמרי, ניט באַוויזן, הגם די יונגערע דייטשן האָבן, מן הסתם, געלייענט אַנטיסעמיטישע ביכער און זשורנאַלן אין דייטש. פֿאַקטיש איז אין יענע צייטן פֿונעם 19־טן יאָרהונדערט ניט געווען קיין פֿאַל, אַז די לאָקאַלע וועבערייען זאָלן מאַכן אַן אויסנאַם מיט יידישע אַרבעטער. דאָס זעלביקע איז געווען מיט די דייטשע אַרבעטער, וועלכע זענען געווען באַשעפֿטיגט ביי יידישע אַרבעטסגעבער.

אין געוויסע פֿאַלן האָט געמוזט זיין אַ טיילווייזע דיסהאַרמאָניע, ווי, למשל, צוליב דעם וואָס יידישע אַרבעטער האָבן ניט געאַרבעט שבת און דווקא יאָ געאַרבעט זונטאָג, ווען דער דייטשער אַרבעטסגעבער האָט גערוט. דאָך האָט עס, ווייזט אויס, ניט געשטערט דעם אַלגעמיינעם צוזאַמענלעבן פֿון די דייטשן מיט יידן. ס׳איז אויך געווען טשיקאַווע צו זען ווי יידישע וועבער, וועלכע האָבן געאַרבעט פֿון שטיק, האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט נאָך איידער ס׳איז ליכטיג געוואָרן און אַזוי גיך ווי ס׳האָט אָנגעהויבן זשאַריען אויף טאָג, האָבן זיי זיך אָנגעטאָן אין טלית און תפֿילין און אָנגעהויבן דאַווענען אין פֿאַבריק.

ס׳האָבן זיך אויך געפֿונען קליינע פֿאַבריקלעך מיט 3—4 ביז 8—10 האַנט־וועבשטולן, מיט די אַנדערע נויטיקע מכשירים, ווי שפּאָל־רעדער, גרויסע טישן פֿאַרן אָפּקלייב פֿון וואָל, פֿאַרן אויסציִען די טוכן און אויסצוקלייבן די פּסולת. ס׳זענען אויך געווען לאַנגע נידריקע אויוונס, לעזשאַנקעס, געהייצט מיט דיקע פּיענקעס האָלץ פֿאַר וואַרעמקייט און טריקענען וואָל און שטיקער טוך. דאָרט האָבן געפּראַצעוועט דער בעל־הבית, זיין פֿאַמיליע, די וועבער און די שפּולאָרקעס.

זעלטן ווען ס׳האָבן זיך געפֿונען צווישן די אַרבעטער מענטשן פֿון אַנדערע נאַ־ציאָנאַליטעטן אויסער יידן און דייטשן. אין די וועבערייען האָט זיך אויסגעמישט אַ דייטשער פֿאָלקס־געזאַנג מיט אַ יידיש פֿאָלקס־ליד, אָדער אַ שטיקל פֿאַרגרייזטע פּאָעזיע פֿון שילער, געטע און היינע מיט אַ חזנישן „נעריצך״־ל.

די מערסטע אייגנטימער האָבן געאַרבעט שווער, אַפילו, שווערער אוןּ לענגערע שטונדן ווי די אַרבעטער. אויסער דעם האָט יעדער געהאַט אַ שטיקל פעלד, אַ גאָרטן, אַ פערדל און אַ פּאָר בהמות. דער מצב פון די אַרבעטער איז אויך ניט געווען אַזאַ גוטער. מ׳האָט געאַרבעט 14 שעה אַ מעת־לעת, זעקס טאָג אַ וואָך, פאַר אַ וואָסערע דריי רובל אַ וואָך. וועבער האָבן געאַרבעט פון שטיק און פאַרדינט פון זעקס ביז אַכט רובל אַ וואָך, אויב זיי זענען געווען שנעל. זיי זענען ניט געווען באַוווסטזיניק. קיין רייבונגען צווישן אַרבעטער און בעלי־בתים זענען ניט געווען, דאָס וואָרט „סטרייק״ איז נאָך ניט געווען באַוווסט. אַרבעטער און פאַבריקאַנט, ייד און דייטש, האָבן געלעבט בשלום צווישן זיך.

די פאַבריקן האָבן געגעבן פּרנסה פאַר בעלי־עגלה׳ס. יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ „דראַנגאַווען וואָגן״. דאָס איז געווען דער ביליגסטער געשפּאַן. דער סוס איז דאָס רוב געווען אַ אַלטער, אַ חלוש. דער וואָגן איז געגאַנגען אויף פיר פּראָסטע רעדער מיט צוויי לאַנגע דראָנגעס און האָט געהאַט 4 קלאָניצעס אויף די זייטן מיט אַ טאָרבע שעטשקע פאַרן אַלטן פערד אָן ציין. דאָס האָט פאַרפולקאָמט די קאַליאַסקע. בשעת הדחק זענען די אייגנטימער געוואָרן איזוואָשטשיקעס, ד. ה. בעלי־עגלה׳ס. מחמת ביי אונז זענען ניט געווען קיין לאַסט־טרעגער, האָבן זיי באַזאָרגט די טראַנספּאָרטאַציע. זיי האָבן געפירט די לאַנגע ציכעס וואָל צו די פאַבריקאַנטן, זיי האָבן געבראַכט און אַוועקגעפירט די מאַטעריאַלן פון און צו די פאַבריקן און אויך געפירט מעל פון די מעלשענקער צו די בעקער, זעק זאַלץ און פעסלאַך הערינג און ענלעכע זאַכן.

אינעם טייל שטעטל, וואָס איז געלעגן אויף דער פּוילישער זייט האָבן זיך אויסגעטיילט, אויסער די געוויינלעכע יידישע פּרנסות, ווי קרעמעריי, שענקעריי און כל המינים מלאכות, אויך ספּעציעלע מסחרים, ווי דער האַנדל מיט בהמות און עופות אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, באַזונדערס מיט שעפסן, וואָס מ׳פלעגט טרייבן אין סטאַדעס קיין וואַרשע און אַנדערע גרויסע שטעט, אויך קיין אויסלאַנד. אייער פלעגט מען טראַנספּאָרטירן אין קאַסטנס און קערב מיט שעטשקע, זיי זאָלן זיך ניט ברעכן. גענז און קאַטשקעס האָט מען אין מחנה׳ס פון צענדליקער טויזנטער געטריבן צופוס. די מחנות פלעגן זיך ציען גאַנצע טעג, ווערנדיק געטריבן פון פּאַסטוכער מיט בייטשן געמאַכט פון לאַנגע באַטיקעס מיט שטיקער צייג. די גענז וואָס זענען געבליבן הינטערשטעליג און האָבן מער ניט געקאָנט גיין, פלעגט מען אונטערפירן אויף אַ ספּעציעל־געמאַכט וועגעלע. ס׳איז געווען אַ װונדערלעכער ספּעקטאַקל צו זען. יעדער מין האָט פּראָטעסטירט אויף זיין אייגן לשון. ווען די מחנות פלעגן פאַרביי־מאַרשירן האָבן זיי געמאַכט אַ שטאַרקן געפילדער אויף די וועגן און גאַסן. ס׳איז אָנגעקומען מיט גרויס פיין אויסצוהאָדעווען אַזעלכע מחנות, אָבער זיי האָבן געבראַכט גוטע רווחים.

ניי־שטאָטישע יידן האָבן געצויגן אַ טייל פון זייער חיונה פונעם גרויסן יריד — „וואָיטשעך״, וואָס פלעגט געוויינלעך אויספאַלן אַרום חול־המועד פסח. הויפּטזעכלעך

איז דאָס געווען אַ פערד־מאַרק. ס׳פלעגן קומען „קאָניוכעס“ פון נאָענט און ווייט, טייל צו האַנדלען און טייל נאָר צו באַקלערן, זאָגן מבינות, קוקן אין די ציין אריין, כדי צו וויסן דעם עלטער פונעם פערד, באַטראַכטן אונטערן עק, כדי אָפּצושאַצן ווי געזונט דאָס פערד איז, אַריינקוקן אין די אויגן צו זען צי די ראיה איז אַ גוטע, און הויבן זיינע פיס כדי צו זען זיין געשווינדקייט, מילדקייט און עקשנות.

צום יריד פלעגן זיך אויך צונויפפאָרן בלאַטע חברה־לייט, מאַרעוויכער, ציגיינער, קעשענע גנבים, וועלכע פלעגן באַשווינדלען אַ פאַרקויפער ביים דינגען זיך וואָס איז אָנגעגאַנגען מיט אַ הילכיקן קלאַפּן, ווי ביי פּאַטשן בראַוואָ. ס׳זענען געווען געשיקטע חברה וואָס ביים צולייגן אַ דרייער האָט מען פלינק צוריק אַראָפּגעצויגן אַ פינף־רובלדיקן, אָדער אַ קויפער וואָס מ׳האָט אים אין דער לעצטער מינוט פאַרביטן אַן אויסגעפּרובירטן און צופרידנשטעלנדיקן „אָדלער“ פאַר אַ אַלטער האַלב־בלינדער פּאַדלע.

„וואָיטשעך“ איז אייגנטלעך געווען אויף ביידע זייטן, אין ביידע טיילן פון שטעטל צוזאַמען, אָבער אָפיציעל איז דער יריד פאָרגעקומען אויף דער פּוילישער זייט. דאָרט איז יעדעס הויז פּאַקטיש געוואָרן אַ אַכסניה, אַ שענקל אָדער אַ קיך. מ׳האָט פאַרדינגען סטאָדאָלעס, אָדער שטאַלן, פאַר געהויבענע סוסים, מיט אויסגעצוואָגענע און פאַרקעמטע גריוועס, באַהאָנגענע מיט געפלאָכטענע צעפּעלעך, מיט קאָלירטע לענטעס און סטיינגעס.

ס׳האָבן זיך באַוויזן מאָדנע פאַרשוינען, יידעלאַך מיט מאַסיווע קאַרקן און אָנגע־בלאָזענע דיקע בייכלעך, וואָס האָבן גערעדט אַ פאַרצויגענעם יידיש: יאַך, העץ, וווּעס... און דערביי אַרויסגעוואָרפן פון זייערע מיילער דריי־גאָרנדיקע קללות און „יאָדערדיקע“ זידל־ווערטער.

אויסער פערד־הענדלער זיינען זיך צונויפגעפאָרן אַהער הונדערטער אַנדערע סוחרים און קליין־הענדלער מכל המינים, וועלכע זענען געקומען צום יריד צו פאַר־קויפן און קויפן. ס׳זענען דאָ געווען געשטעלן פון ביליגער וואַרשעווער גאַלאַנטעריע פון די נאַלעווקעס: שפּילצייג, מעסערלעך, קעמעלעך און טייסטערלעך.

די ציגיינער, די קאַטערינטשיקעס האָבן אויך באַוויזן זייער כוח. זיי האָבן געצייגט מזל־בגורל קעסטעלעך ווו קאַנאַריקלעך און ווייסע מייזעלעך האָבן אַרויסגעצויגן דאָס ריכטיקע קוויטל. אויך האָט מען געזען קאָמעדיעס, קונצנמאַכער, אַקראָבאַטן, וואָס האָבן באַוויזן זייער בריה׳שקייט אין דער אָפענער גאַס. און דערנאָך איז אַ יפת־תואר אין אַ לייב־קאָלירגן טריקאָ, אָדער גאָר אַ מאַלפּע, אַרומגעגאַנגען מיט אַ טעלער, ווי, להבדיל, אין בית־המדרש אַ „פּיעכאָטנער“ מגיד. דער יריד איז געווען די גרעסטע געשעעניש אין שטעטל.

אַ וויכטיקע פרנסה בעקיפין איז געווען די „פּאָטשט“, וואָס איז געווען אויף דער פּוילישער זייט. הערשל בריוו־טרעגער איז געווען אַ זשוואַווער ייד און האָט ענערגיש צוטראָגן די בריוו. רוסישע שררה׳ס און טשינאָווניקעס האָט עס, אַפילו, שטאַרק פאַר־דראָסן. דאָס איז דאָך געווען אַ אָפענע פאַרלעצונג פונעם „קראָמיע יעווריייעוו“ („אויסער

יידן״) געזעץ. אָבער, היות הערשל איז געווען אַ פעאיקער מענש און געקאָנט איבערלייענען די אומפאַרשטענדלעכע האַנטשריפטן און דערצו נאָך ניט גענומען פאַר זיך דאָס געהאַלט און עס איבערגעלאָזן פאַר די פּאָסט־באַאַמטע, איז ער געבליבן אויף זיין אַמט. דערפאַר פלעגן אים די בעלי־בתים באַפרידיקן. ביי אָרעמע לייט האָט ער גאָרניט גענומען. די גאַזעטן־לייענער, וועלכע האָבן זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן, אַז הערשל זאָל זיי ברענגען די צייטונג, זענען אַליין אַוועק אויף דער פּאָסט אויסצוגעפינען וואָס ס׳הערט זיך אויף דער וועלט. זיי האָבן אים אָבער זיינס געגעבן. ווען ער האָט זיך באַוויזן אין גאַס, זענען אים יידן אַנטקעגנגעלאָפן און געפּאָדערט בריוו. אָבער הערשל האָט זיי געטרייסט מיט אַ שמייכל: מ׳שרייבט נאָך און ס׳וועט, אם ירצה השם, אָנקומען. אַפילו, ווען די פּאָסט איז אַריבערגעפירט געוואָרן אויף דער רוסישער זייט, איז נאָך אַלץ הערשל געבליבן אויף זיין פּלאַץ.

דער פאַקט, וואָס אונזער שטעטל איז געווען 18 קילאָמעטער ווייט פון אַ באַן־סטאַציע, האָט אַנטוויקלט אַ וויכטיקן מקור פון פרנסה פאַר בעלי־עגלה׳ס. קיין ביעלסק איז שטענדיק געפאָרן דער בעל־עגלה ר׳ יעקב סמאָליאַר, וועלכער חוץ אַ בעל־עגלה, איז ער כמעט געווען אַ האַלבער אַדוואָקאַט און געוווּסט ווו, ווען און ווער, און ווי אַזוי מ׳דאַרף צוקומען צו נאַטשאַלסטווע. אויך קיין סעמיאַטיטש איז געפאָרן אַ ספּעציעלער בעל־עגלה. צו אַנדערע מקומות, ווו קיין ספּעציעלע בעלי־עגלה׳ס זענען ניט געפאָרן, האָט מען געמוזט דינגען אַ פויער.

דער פּאָפּולערסטער מאַרשרוט איז, פאַרשטייט זיך, געווען צום וואָקזאַל קיין טשיזשעוו. דער מאַרשרוט איז געווען אַ פּינקטלעכער און רעגולערער. דער שר הממונה על היאַזדע איז געווען ר׳ חיים־פייוול קאַלאַמאַרש, וועלכער האָט געהאַט אַ 12—15 בוידן און לײַסט־וועגענער. אַליין אַ איידעלער ייד, אַ בן־תורה, אַ בעל־שחרית און בעל־קורא, איז ער ניט געווען קיין שמייסער. זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין פירן די חשבונות מיט די סוחרים. זיינע בנים און געדונגענע שמייסער האָבן געטאָן די אַרבעט. ער האָט אַפילו, געהאַט אַ „הגנה״, אַ שוק־גוואַרדיע פון גויים צו היטן די פאַרשוינען פון פויערשע איבערפאַלן. ווען די דאָרפישע גויים האָבן זיך צעיוכעט און ס׳האָט געהאַלטן ביי אַ פּאָגראָמל, פלעגן זיינע אַ פּאָר צענדליג שמייסער צוזאַמען מיט זיין „הגנה״ אַרויס מיט דאַקסלען, דרענגער, און צוזאַמען מיט די קצבים און זייערע מעסער, וועבער מיט זייערע שטעקלעך און קאָוואַלעס מיט זייערע האַמערס און פלעקער, פלעגן זיי לערנען „בלק״ מיט די גויים. אין איינע עטלעכע מינוט זענען שוין געווען צעשפּאָלטענע קעפּ, צע־בלוטיקטע נעז. די גויים זענען אַנטלאָפן אין בהלה. פאַר אַ צייטלאַנג האָבן זיי שוין פאַרזאָגט אַ צענטן ניט צו באַפאַלן די יידן.

אויף דער קאָוואַלסקי־גאַס, וואָס האָט זיך אַזוי גערופן, ווייל דאָרטן האָבן זיך געפונען אַ צאָל קוזניעס, האָבן יידן געמאַכט וועגענער. דאָרט האָט מען אויך געמאַכט דעם הילצערנעם געשטעל ביז דער שמידעריי. יידן האָבן דאָרט געמאַכט אַנדערע מינים

וועגענער פאַר ערדאַרבעט ביז אַ ברידזשקע. מ׳האָט אויך געמאַכט שעצקאַרניעס, אַ מין מאַשין וואָס שניידט שטרוי און אויך ענגלישע וואָגן וואָס ווייזן צען פונט פאַר אַ פונט.

אין איניגע קוזשניעס האָבן געאַרבעט צייטנווייז מער ווי 20 שמידן, האַרע־פּאַשניקעס מיט מאַזאָליעדיגע און שטאַרקע הענט. זיי האָבן באַוועגט די לאַנגע דראָנגען וואָס זיי האָבן צוגעטשעפּעט צו די בלאָזאַקס ביז די קוילן זענען צובלאָזן געוואָרן און האָבן געגליט מיט אַ זילבער־גאָלדענעם פייער. אַזוי אַרום האָבן זיך די שטאַבעס אייזן דערהיצט און זענען געוואָרן גענוג ווייך צו קאָנען אויף זיי אַרבעטן. דאָ האָט מען אויך אויסגעפּערטיקט סאָכעס, קאָסעס, איניגע טיילן פאַר שפּינערייען און וועבערייען, אַר־טיקלען פאַר מאַנופאַקטור, אויך הויז אַרטיקלען, ווי לייכטער, טאַצן און מעשענע מאַשין־טיילן.

ס׳זענען דאָ אויך געווען סטאָליאַרעס, וואָס האָבן אויסער זייערע אַרבעטן אַרום הייזער און מעבל, אויסגעאַרבעט מאַנופאַקטור־מאַשינען.

אַ קלײנער טייל פון דער אַרבעט איז געווען אויף באַשטעלונגען. ס׳רוב, אָבער, האָט מען דאָ געאַרבעט אויף אייגענער איניציאַטיוו, געמאַכט און ערשט נאָכדעם געזוכט קונים. צווישן די געוויינלעכע שוסטער און שניידער זענען אויך געווען טאַנדעטניקעס, וועלכע האָבן פאַרקויפט גרייטע שיך און קליידער פאַר מענער און פרויען. ס׳איז אויך געווען אַ סאָרט שוך וואָס מ׳האָט גערופן „קרייצאַקעס״, גרינע שיכלעך פאַר קינדער, שטעקשיך, און שטיוול — פאַר גאָר קאַלטע וועטערן, וועלכע זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן פון ברעגן פון טוכן און פאַרשיידענע געוואַנטן וואָס ווערן אָפּגעריסן ווי שמאָלע טאַשמעס פון די סחורות.

די אויסאַרבעטער פון די אַרטיקלען און אַ צאָל קרעמער פון גאַלאַנטעריע, לעדער, אייזן, וואָס האָבן זיך ניט באַגנוגנט מיט זייער פּרנסה אויפן אָרט, אָדער האָבן טאַקע ניט פאַרדינט גענוג, פלעגן זיך אַרויסלאָזן אויף דער סביבה און פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן אויף די ירידים און מערק. דאָס איז געווען אַ שווערע פּרנסה, ווייל זיי האָבן געמוזט זיך שלעפּן אין די רעגנס און קעלטן, זאַוויערוכעס און פרעסט, און זומער אין די גרויסע היצן, אויף זייערע קליינע אָפענע וועגעלעך. די בלאָטיגע וועגן און די יאַזדעס וואָס האָבן צעטרייסלט די ביינער האָבן זיי ניט פאַרשאַפט קיין פאַרגעניגן, אָבער די האָפענונג אַליין אויף אַ גוטן יריד איז געווען אַ פאַרגיטיגונג פאַר די שווערקייטן.

אָט אַזוי האָבן געלעבט די ציעכאַנאָוויעצער יידן ביים ענדע פונעם 19־טן יאָר־הונדערט.

איסר סמוליאר
(ארצות־הברית)

פרופינַציה ומונופול

השם הראשון זר הוא, ודאי, לרוב בני ציחנוביץ, שנולדו במאה העשרים. אני מניח שלא ידוע להם, כי בסוף המאה הי״ט תפס השם „מונופול״ את מקום השם „פרופינציה״. מאחר ומונח זה נמחק כבר מהזכרון, אבאר את משמעותו.

אדמת עיירתנו לא היתה קנינם הפרטי של בעלי־הבתים, אלא קנינו של הפריץ שצ׳וקי (Szczuki) שהתגורר באחוזתו טְשַׂאי. אדמות אלו חכרו בעלי־הבתים תמורת תשלום מס שנתי לפריץ. אם רצה מישהו למכור בית, צריך היה שהפריץ יאשר את שטר המכירה. זו היתה, הסיבה, שעיירתנו שהיתה גדולה פי שניים משכנתה בריינסק נקראה מיעסטעטשקו (Miesteczko) — עיירה, ולא גורוד (עיר) כמו בריינסק, משום שאדמת בריינסק היתה רכושם הפרטי של בעלי־הבתים.

לפריץ היה באחוזתו בית־מבשל יי״ש תחת השגחת פקידי האקציז. לו היתה הזכות הבלעדית להמציא את היי״ש לציחנוביץ. הזכיון הזה נמסר בחכירה לשני בעלי־בתים אמידים וחשובים שבעיירה — הלא־הם ישעיהו־יהודה לונדון ובערקע קאנטארטשיק. הזכיון המיוחד הזה נקרא בשם „פרופינציה״. הם היו באי־כוח הפריץ במכירת כל תוצרת היי״ש שלו, הן לבתי־המרזח והן בַמִמְסָכָה הפרטית של שני השותפים, שנקראה בשם קאַנטאַר. בממסכה לא היו שותים. שם עמד מוזג, שמזג לכל קונה את המידה שביקש — לוג, מחצית הלוג, עד שמינית הלוג. הוא היה עסוק בכך ששה ימים בשבוע. ביום ששי היה הקאנטאר במצב של מצור. הבית התמלא קונים מבני־ישראל, שבאו לקנות יי״ש לכבוד שבת. אז באה לעזרת המוזג אשתו, שהיתה בת יעקב וואָוועס (באַטשקאווסקי) מ„ניי־שטאָט״.

ענף פרנסה זה היה כולו בידי יהודים. בכיכר־השוק בלבד היו חמישה בתי־מרזח וברחוב הנפחים היה בית־המרזח של געצל הלר. כל אלה התפרנסו ברווח ובכבוד. כולם היו שומרי־דת תמימים וכשרים. חלק מהם עסק בצרכי ציבור באמונה, כגון, געצל הלר, שהיה מסור בלב ונפש להנהלת בית־הכנסת.

בשנת 1897 נכרת ענף חשוב זה של פרנסה מיהודי ציחנוביץ. בה נימח השם פרופינציה ובמקומו בא השם מונופול. בינואר של שנה זו עברה תעשיית היי״ש ובתי־הזיקוק לממשלת הצאַר. בעלי בתי־מבשל היי״ש נדרשו למסור את התעשיה שלהם לממשלה ואסור היה להם למכור אף לוג אחד. בכל עיר־מחוז בנו בתי־זיקוק ליי״ש, מזגוהו בבקבוקים שונים במידתם ובמחירם ומשם שלחו את הבקבוקים לכל חנויות המונופול שבערי המחוז. המוזג מכר לקונים בקבוקים חתומים, שאסור היה

לפותחם בחנות. ליהודים לא היתה דריסת רגל במסחר היי״ש. כה דלל מקור־פרנסה, שהיה בידי היהודים משנים קדמוניות. למנושלים קשה היה להסתגל למקור־פרנסה אחר.

בפלכי פולין נכנס חוק המונופול לתקפו באיחור של שנה, בשנת 1898. במשך שנת 1897 לא שלט, עדיין, חוק המונופול ב„ניי־שטאָט", משום שהיא השתיכה לפלך לומז׳ה. שם היה מחיר היי״ש יותר נמוך מאשר ב„אלט־שטאָט", לכן נמצאו רבים שלא התעצלו לעבור את הגשרים, כדי לקנות יי״ש בזול. פקידי האקציז, דעתם לא היתה נוחה מ„מבריחים" אלה וניסו לתפסם, אולם עמלם לא הוכתר בהצלחה, כי העוברים ושבים רבים היו ולא עלה בידם לתפוס את כולם, עד שנמאס עליהם הדבר והסתלקו משמירת הגשרים.

על שנת 1897 נוצרה בדיחת־עם. אחד התאונן, כי בין ה„אלט־שטאט" ל„ניי־שטאט" היה לשיכור. הוא היה רגיל להיכנס מדי בוקר למסבאה לשתות כוס יי״ש בעד חמש קופיקות. כאשר מכירת היי״ש עברה למונופול, אנוס היה לקנות את הבקבוק הקטן ביותר, שמחירו היה עשר קופיקות. כשהגיע האביב ותענוג היה לטייל, החליט לטייל ל„ניי־שטאט" ושם ישתה כוס של שחרית. כשנכנס למסבאה ביקש שימזגו לו כוס יי״ש במחיר עשר קופיקות. מזג לו המוזג כוס גדולה של „קידוש". נתמלא הלה חימה על המחירים הגבוהים של המונופול, כי ב„אלט־שטאט" הוא משלם בעד כוס קטנה מה שהוא משלם בעד כוס גדולה ב„ניי־שטאט". במשך הקיץ התרגל לכוס גדולה. כשהגיע הסתו, שהטיול ל„ניי־שטאט" קשה היה, אנוס היה לחזור שוב למונופול. כה התרגל בחורף לכוס קטנה ובקיץ לכוס גדולה — בינתים היה לשיכור.

יצחק שטיינברג ז״ל

בלבלתה של עיירתנו

בציחנוביץ היו 5 בתי־חרושת גדולים, שהונעו בכוח הקיטור. ארבעה מהם היו בבעלות גרמנים תושבי־המקום. שני הראשונים נשאו את השמות „שולץ" ו„פריימאַרק". היו אלה בתי־חרושת לטוויה ואריגה. שניים האחרים נקראו בשמות „ליאַמפריכט" ו„מייער" והם עסקו באשפרה וצביעה.

בית־החרושת החמישי, אף הוא היה גדל־ממדים ויצרו בו אריגים שונים. קראו לו „בית־החרושת לקיטור היהודי", משום שבעליו היה יהודי בשם מאיר־יצחק שיינברג.

להנעת המכונות השתמשו בעצים, כי בהתחלת המאה העשרים טרם היה חשמל בציחנוביץ. פחם צריך היה לייבא מהחוץ, ואילו עצים נמצאו בשפע בסביבות העיירה ובזיל־הזול.

נוסף על חמשת בתי־חרושת גדולים אלה התעסקו יהודים רבים בייצור סחורות־טכסטיל, בהתקינם נולי־אריגה בבתיהם. בעלי חרושת־זוטא זו היו פישל רוזן, אלתר ליפשיץ, הערשל שטארקשטיין ומשפחת רוזנבלום. ברשות כל אחד מהם היו 10—15 נולי־אריגה. חרושת זו עברה בירושה לילדיהם וחתניהם — יצחק פרבר, יצחק רוזן, משה רוזן ואחרים. מחמת שפע בתי־החרושת, כינו אז את ציחנוביץ בשם „ביאליסטוק־זוטא".

המסחר היה נפוץ מאוד בעיירתנו. סחרו, בעיקר, במקח וממכר של צמר. פרקמטיא זו היתה, בעיקר, בידי שמחה קונופיאַטה ופישל רוזן. למסחר־הצמר שלהם יצאו מוניטין הן במדינה והן מחוצה לה. הם היו קונים מהפריצים את הצמר בעודו על הכבשים. ההיקף היה כה גדול, שדמי־קדימה, בלבד, הגיעו לשעור של כמה וכמה אלפי־רובל.

במסחר זה העסיקו אנשים רבים, בעיקר, מתווכים ועגלונים, שהובילו את הסחורה מתחנת־הרכבת ואליה. (תחנת־רכבת משלה לא היתה בציחנוביץ. היא נמצאה בצ׳יז׳ב המרוחקת מהעיירה כדי 18 ק"מ).

הפירמה „קונופיאט אֵט רוזן" היתה מובילה אלפי פודים של צמר לבעלי בתי־החרושת שבביאליסטוק. הם היו הגבירים האדירים שבעיירה. אמדו את הונם ב־200—300 אלף רובל — אוצרות־קורח בימים ההם. מימרא היתה רווחת אז, שגביר ורשאי יש לו המחצית ממה שאומדים אותו, ואילו גביר ציחנובצאי — יש לו כפל־כפליים.

בציחנוביץ היו גם סוחרי־תבואה עשירים, שהיו מייצאים הרבה קרונות־תבואה מחוץ למדינה. בין ה„לויתנים" היו יעקב באָטשקע, סנדר פלונסקי וברל חזן. על־ידם נמצאו סוחרים זעירים, שהיו קונים מהאיכרים בשוק את התבואה בשביל הסוחרים הגדולים.

בכל יום שני וחמשי בשבוע התקימו בעיירה ירידים. בימי־שוק אלה היו מתכנסים ובאים לציחנוביץ איכרים מכפרי־הסביבה. הדוחק היה כה גדול, שאם כי גם ב„ניי־שטאט" וגם ב„אלט־שטאט" היו ככרות מרווחות בשווקים — הם מילאו בעגלותיהם הרבה חצרות וחסמו את הרחובות. ערב „חגא" (חג של נוצרים) היו מביאים האיכרים עגלות טעונות כל־טוב. ה„גויות" הביאו עמהן בעלי־חיים שונים — תרנגולות, בני־אווזים, תרנגולי־הודו, אווזים וביצים. את הכסף שפדו האיכרים מתנובתם לא לקחו עמהם לכפריהם, אלא הוא חזר לידי היהודים — לסוחרי מנופקטורה, סוחרי סידקית, חייטים, סנדלרים, כובענים ואחרים.

בנוסף על שני ימי־השוק הקבועים בשבוע, התקיימו בציחנוביץ 6—7 ירידים גדולים בשנה. הגדול ביניהם היה „יריד וויצ׳ך", (Wojczech) שתחילתו חלה בעונת האביב ונמשך 5—6 שבועות.

ביריד זה עסקו, בעיקר, במקח וממכר של סוסים. היו מזדמנים לעיירה הרבה סוחרי־סוסים מחוץ־לארץ, וביחוד מגרמניה. מירכתי רוסיה הרחוקה היו מביאים אלינו שפע של סוסים למכירה.

לבעלי־בתים רבים היו חצרות רחבות־ידיים והם התקינו בהן, במיוחד, אורוות גדולות, ששעור קיבולן היה עד 100 סוסים. בעלי־האחוזות הגדולות הקדימו לבוא ל„יריד וויצ׳ך" וחכרו את החצרות יחד עם האורוות.

היו בציחנוביץ כמה חנויות גדולות למנופקטורה. הנודעת ביניהן היתה של שמואל יסקולקה (או כפי שכינוהו „שמואל׳קע חייצעס"). מכרו בהן אריגים מטיב מעולה, לגברים, בעיקר. המחירים היו יציבים.

חנות שניה היתה שייכת לישראל מישקעס (קפלנסקי), בה מכרו בעיקר, בדים לנשים. חנות שלישית היתה של מלכה נענציעס. היא היתה ה„מושלת בכיפה", שכן בעלה, ראובן ליובוביץ׳, היה בן־תורה, שעם בואו לציחנוביץ הסתופף באהלה של תורה והיה רחוק מהוויות העולם.

ברבות הימים עברה החנות לידי ילדיהם, הבת חיה׳לה ובעלה בן־ציון נבוז׳ני.

ישעיהו לונדון
(נשר)

החרושת והמסחר

חיי הכלכלה בציחנוביץ מושתתים היו על חרושת, מסחר ומלאכה. בתי־האריגה הראשונים הוקמו בעיירתנו ע״י גרמנים, שנדדו מארצם והגיעו ללודז׳. הם הביאו עמם אומנים שונים, מהם מומחים במקצוע הבנין ומהם מומחים למלאכת־אריגה.

אף ברחוב היהודי החלו לעסוק בתעשית־צמר. בין הראשונים היתה משפחת מיכאל פרנסקי, שיסדה בית־חרושת קטן לאריגה, צביעה ואשפרה. מלאכת הצביעה כך היתה: היו שמים את הצמר בדוד גדול יחד עם הצבע ומבשלים אותו. כדי שהצמר יקלוט יפה את הצבע, צריך היה לבחוש בדוד ולהפוך את הצמר שבו. העבודה היתה קשה ומפרכת וגם החום היה קשה מנשוא. הצַבע המומחה למלאכה זו היה יהודי כבן 70 מוולקוביסק בשם רב נחמן. בין בחישה לבחישה היה יושב על שרפרף, בחורף בפנים החדר על־יד התנור הבוער, ובקיץ על־יד הדלת היוצאת לחצר וספר „תהלים" בידו, ופיו לא פסק מלזמר את מזמוריו.

תנאי העבודה בבתי־אריגה אלה היו קשים מאוד. בימות־החול עבדו בהם עד שעה מאוחרת בלילה והיו מפסיקים את העבודה לשעה קלה בלבד, לשם תפילת מנחה ומעריב. במוצאי־שבת, כשאך נראו הכוכבים הראשונים, החלו בעבודתם. עבודה קשה ומפרכת זו הספיקה בקושי כדי מחיה והנשים נאלצו לעזור לבעליהן בכלכלת הבית.

על־אף התנאים הקשים, היתה השמחה שרויה בבתי־האריגה, וכשנכנסת לאחד מהם האזנת לניגון ערב של חזן ידוע וכן קלטה אזנך ספורי מעשיות על רביים וצדיקים.

בציחנוביץ היו גם בתי־חרושת לכפתורי־צדף. הראשון שייסד בעיירתנו חרושת זו היה שאול־יצחק סוראוויטש. מבית־חרושת זה הסתעפו בתי־חרושת אחרים בענף זה. בחרושת זו עסקו יצחק־ראובן לונדון, שלמה־שמעון טבק, דוד זינדלזון ויצחק ווינר. את כפתורי־הצדף ייצאו באמצעות סוכן למוסקבה, יקטרינוסלב וחרקוב. עם פרוץ מלחמת־העולם הראשונה, לאחר שהשוק הרוסי נסגר — הקיץ הקץ על חרושת זו.

המסחר היה רובו ככולו בידי היהודים. במסחר הצמר עסקו פישל רוזן, קונופיאטה ומשפחת וולף. הם היו קונים אותו מבעלי אחוזות שבמחוזות גרודנה ומינסק. משפחת קונופיאטה עסקה גם במשלוח שלחים לשם עיבודם בבתי־החרושת.

היה נפוץ מאוד בציחנוביץ מסחר הביצים והאווזים, שנשלחו לגרמניה. את התבואה קנו הסוחרים היהודיים מבעלי האחוזות שבסביבה. בחורף היו טוענים אותה על אסדות, שעגנו על שפת הנהר בוג, ובאביב הפליגו לדנציג. כמו־כן שלחו תבואה בדרך היבשה לורשה, וילנה וקניגסברג.

קרבת העיירה ליערות עבותים גרמה שהתפתח בה המסחר בעצים. בענף זה עסקו משפחות בלומרוזן ודינקין. ענף חשוב בכלכלת העיירה שימשו שלוש טחנות־הקמח הגדולות — שתיים של משפחות זילברברג ואחת של אברהם זאביעללא ונפתלי יבקובסקי. זולתן נמצאו גם כמה טחנות־רוח. הן לא סיפקו את הצריכה המקומית והכרח היה לייבא קמח ממרחקים. ייבוא זה נמצא בידי כמה יבואנים, ביניהם דוד הלר.

טחנות־הקמח עמדו על שפת הנורץ והונעו בכוח מימיו. עם המיכון, הוחלף גלגל־העץ הגדול לטורבינת־מתכת קטנה, שהניעה את המכונות בימות הקיץ. בחורף, כשהנהר קפא, הונעה הטחנה באמצעות מנוע שהוסק בפחם־קוקוס.

בעיירה נמצאה גם סודניה (בית־מבשל לשיכר) שבעליה היה יעקב פינקלשטיין. קראו לו בשם „דער פּיוואָווואר" (מלשון בישול). בית־חרושת זה עמד ברחוב מאַלץ ובו עבדו יהודים בלבד. הם בישלו את הבירה ומילאוה בבקבוקים. חומר־הגלם — השעורה — קבלו מהכפריים שבסביבה.

מבין בעלי־המלאכה יש להזכיר חייל, ששירת בצבא ניקולאי מחצית היובל. שמו היה יעקב. הוא ידע לקלוע מתבן קופסאות ותיבות לתכשיטים, לכלי־תפירה וכתיבה. מלאכתו היתה מלאכת־מחשבת, יפה להפליא.

החייטים התחלקו לשני סוגים: חייטים, שתפרו בשביל איכרי הסביבה וכאלה שתפרו בשביל היהודים. בין האחרונים יש לציין, במיוחד, את אליעזר ילין, שתפר גם מלבושי־פאר לפריצים שבסביבה ואנשי־השרד המקומיים.

דברי אלה מתיחסים עד לשנות השלושים בלבד. בשנים 1935—6, בגבור האנטישמיות הכלכלית, שגררה אחריה דחיקת רגלי היהודים מעמדות הכלכלה שהיו בידיהם, זועזע המעמד הכלכלי של היהודים זעזוע חמור והם הועמדו על עברי פי־פחת.

שמעון דרורי (יסקולקה)
(תל־אביב)

פני הכלכלה היהודית בציחנוביץ

בליל השמות והכינויים, שכינו בהם רבים מבני עיירתנו למקצועותיהם, היוו אספקלריה נאמנה, ששיקפה בתוכה מאבק היחיד והציבור על הקיום, פשוטו כמשמעו, וכן את הסס־גווניות של ענפי הפרנסה והכלכלה.

ללא תכנית מכוונת נוצרה דמות של עיירה מודרנית, שהתפתחו בה המסחר, התעשיה והמלאכה. האדם העובד תפס מקום נכבד בכלכלת עיירתנו. עם השכמת הבוקר נשמעה למרחקים הלמות הפטישים של הנפחים ובשעות הערב המאוחרות נדם זמזום מכונות ה„סינגר" בלווית פזמונים עממיים. אנשי העמל היו פעילים בעניני ציבור ולבם היה ער לכול.

אם כי שתי זרועות הנהר חצו את העיירה לשתי רשויות, הרי בשטח הכלכלה לא היו קימות מחיצות. ב„אַלט־שטאָט" פעם דופק חיי־הכלכלה בקצב מהיר, כי בה נמצאו הדואר, בית־המשפט וכן רוב האוכלוסיה היהודית. ל„ניי־שטאָט" נודעה חשיבות רבה, הודות ליער שנמצא בתחומה; אולם, הוא לא נוצל לצרכי כלכלה במידה מספקת.

כלכלתה של קהילת ציחנוביץ מבוססת היתה, הודות לכפרים המרובים שהתפרנסה מהם. הכפריים ריכוז קניותיהם, בעיקר, בימי השוק ובירידים הגדולים, שאז המתה העיירה, לשני פלגיה, מרוב אדם בלבוש סס־גווני וכן מהמולת בעלי־חיים. החנוונים הכינו בעוד מועד שפע של סחורות לימי־השוק בצפותם לפדיון מוגבר. איכרים מיעוטי־יכולת שילמו בעד הסחורה, חלקה בתוצרתם, ועתים בתוצרתם בלבד.

מענינים היו ימי־השוק בחדשי הקציר, עת התאספו קבוצות של כפריים, או יחידים, כדי לבחון טיבו של מגל. הם בחרו מקרבם אחד „מומחה" לאותו דבר והטילו עליו לחוות דעתו על טיב הצליל של חרמש. ה„מומחה" נתבקש גם לחוות דעה על טיב הצליל של סיר „טשוגון" (מברזל יציקה). ר' אלתר שטרן ז"ל, בחמדו לצון, היה הופך את הסיר על ראש הקונה, טופח עליו ואומר: זהו הצליל הנכון כששמים משהו בפנים.

הסוחרים, שהיו מלומדי נסיון, ידעו כיצד להסתדר עם המשטרה ובאי־כוח השלטונות. לקוחות אלה נהנו מהנחות גדולות מהמחיר ועתים קבלו מיצרכים שונים חינם, בחינת, דמי „לא יחרץ". אנשי־שררה אלה ניצלו מעמדם יפה־יפה. נשותיהם מלאו כארבה את חנויות היהודים בערבי־החג, בחרו סחורות כטוב בעיניהן ו„שלמו" כפי נדבת לבן. אציין מקרה אופייני: שופט בית־המשפט, שלא הצטיין באהבת־ישראל יתירה, ביקר פעם בחנות אבי ז"ל ושאל אחד הלקוחות שעמד לעזוב את החנות, כמה שילם

בעד הסחורה. כשהלה נקב את המחיר, התרתח השופט, כי המחיר היה נמוך מזה שבחנויות הנוצרים. „וכיצד זה מתקימים אתם היהודים קיום של כבוד״? שאל השופט — בזכות הנסיון והידע — השיב אבי ז״ל.

בחנויות־היהודים הרגישו את עצמם הנוצרים חפשיים יותר, בניגוד לשל הנוצ־רים, בהן פחדו הלקוחות להתמקח, לנגוע בסחורה ולהגביר קולם. מטעם זה העדיפה האוכלוסיה הנוצרית את חנויות היהודים, כי שם קבלו את הלקוח במאור־פנים.

המסחר היה ברובו בידי היהודים. חנויות הברזל של בערטשע פרץ, משה סוקנא ומשה רובינשטיין סיפקו חמרים לחרשי־הברזל בעיירה ומחוצה לה; חנויות הצבעים והחימיקלים של צבי יסקולקה ויצחק שפירא סיפקו חימיקלים לבתי־החרושת שבמקום ולעיירות הסמוכות. הם גם סיפקו דלק, הן לעיירה, והן לישובים הסמוכים; חנויות־המנופקטורה של שעפסל (שבתאי) קפלנסקי, ראובן ליובוביץ׳, מאיר לבנדז׳, שפירא ואליהו פרידמן מ„ניי־שטאָט״ היוו מקור הקניה לבגד הנאה השווה לכל נפש וגם לאניני הטעם; בחנויות הסידקית של לייבל יתום ומאיר קריסטל אפשר היה למצוא סחורה לכל השכבות; מחסני התבואה של יששכר סקרנדה, יתום, לייבל רוגובסקי, מתתיהו (מטיס) לוקוץ׳ היו תמיד מלאים תבואה, שסופקה לטחנות־הקמח של נפתלי יבקובסקי ואברהם זאביעלא ויעקב ווינר.

בציחנוביץ התפתחו מאוד תעשיית החרושת והסדנאות. מלבד בתי־החרושת לטכסטיל, היו 2 סדנאות לתעשיה, למכונות חקלאיות ולחלקי־חילוף. כמו־כן היה בית־חרושת לרעפים. מלבדם התקימו הרבה בתי־מלאכה לחייטות, נפחות, נגרות, תפרות, סנדלרות וכו׳. החייטות תפסה מקום ניכר בקרב בעלי־המלאכה. כל האוכלוסיה, לשכבותיה השונות, תפרה את בגדיה אצל חייטי העיירה, שיצאו להם מוניטין גם מחוץ לתחומה. אף הפריצים והאיכרים האמידים תפרו בגדיהם אצל סנדר זשולף, דראפטשיק, רפאל קאַווקה, בערל לב, פייביל שצ׳יגל, בנימין ילין ועוד. גם התופרות נהנו מיחס דומה, והגבירות המכובדות הזמינו את שמלותיהן אצל התופרות חיה גניס (ארבובסקי), חיה־שרה קריבונוגי ו„רייזל די שניידערקע״.

הנפחים ייצרו מוצריהם בשביל האכרים שנזדמנו לציחנוביץ לרגל עסקיהם. הם היו מחשקים את גלגלי העגלות בחישוקים ועושים גם עבודות נפחות אחרות. כמו־כן היו מפרזלים פרסות הסוסים. הנגרים נתחלקו לשני סוגים — נגרי בנין ונגרי רהיטים. הם היו אומנים טובים ועבודתם נעשתה באמונה.

היו גם מתפרות גדולות, שבעליהן היו אברהם פלחוביטש, פנחס זולונדז׳ ויוסף שלכטר. בהן תפרו נעלים, בהתאם לאופנה האחרונה של העונה. ציבור בעלי־המלאכה נהנה מאַשראי ותמיד קיבל את החמרים הדרושים לביצוע העבודה.

ריחוקה של ציחנוביץ מתחנת הרכבת גרם להתפתחות אמצעי־תחבורה, שקשרו את העיירה עם העולם החיצון. הוקם קואופרטיב, שחולק לשני אגפים: אגף להסעת נוסעים מהעיירה עד לתחנת הרכבת בצ׳יז׳ב, ואגף להובלת כל מיני סחורות ובעלי־

חיים מהעיירה לורשה וביאליסטוק. שני פקידי הקואופרטיב יודיל ודוד טרייביץ׳, שבאו במגע עם הסוחרים, זכו לאימון מצד כל התושבים. הם סיכמו חשבונות, סדרו תור־עדיפות למשלוח והבאת סחורות וכן קיבלו תלונות המזמינים. התחבורה בעיירתנו רכשה לה שם טוב בסביבה, כאחראית, מסודרת וקפדנית.

בדברנו על התחבורה אין לפסוח על שני הסבלים שהיו בציחנוביץ. אחד שמנמן, נמוך־קומה, כובעו שמוט, פניו צוחקים, אהב לשמוע בדיחה והטה תמיד אזנו לכל מיני סיפורים שבין אדם לרעהו. השני — בעל קומה בינונית, רציני, פוסע בזהירות, מתבודד, שקט ורגוע. שניהם כאחים היו. האחד לא התחיל בעבודת הפריקה או הטעינה בלי רעהו. העגלה חכתה, עתים, כמה שעות, עד ששני העמיתים מצאו איש את רעהו.

שתי טחנות־הקמח וטחנת־הרוח שימשו מקור כלכלה חשוב. האכרים שבאו לטחון בהן את תבואתם, ערכו גם קניות שונות. כמו־כן, באו הכפריים לעיירה גם לצרכי רפוי אצל רופאי־המקום ולקניית חמרי־רפואה שונים.

בשנות השלושים חל מפנה לרעה בחיי הקיבוץ היהודי בפולין. כוס התרעלה עברה גם על עיירתנו. המעמד המבוסס, לכאורה, של היהודים בציחנוביץ החל להת־ערער. המסים הכבדים הכבידו מאוד על היהודים. קצב חיי־הכלכלה הואט, ההזמנות בוטלו או קוצצו, ורבים מבעלי העסקים נמצאו על עברי־פי־פחת.

למרבית הצרה, פשט באותה שנה את הרגל בנק „גמילות חסדים״. ההנהלה היתה אובדת עצות. הלווים, לא יכלו, למרות רצונם הטוב, לפרוע שטרותיהם. פשיטת־רגל זו פגעה, בעיקר, בדלת העם — בכלות עניות, שהפקידו את הנדוניא שלהן בבנק, בעוזרות הבית שחסכו מפיתן הדלה וכן באנשים שחיו על קיצבת קרוביהם באמריקה.

לא היה שום דואג לבנק, כי לא היה מסונף לשום בנק אחר. בלית־ברירה פנו מנהל הבנק, מר יצחק שפירא ומזכירו מר אברהם טיקוצקי, לאבי ז״ל וביקשו ממנו עצה. אבי נכנס לעוביה של קורה זו. נבחרה ועדת־בקורת, שחבריה היו אבי, שפירא, טיקוצקי, בערטשע פרץ ואלתר שמאַקובסקי. בהודע הדבר בעיירה — נרגעו הרוחות. הועדה החליטה לחייב כל תושב לעזור בשיקום הבנק כפי יכלתו וכמו־כן לחייב כל סוחר ובעל־מקצוע בתשלום מס־חבר שנתי. היהודים התאוששו, אט־אט, מגזירות השלטונות ונסתמנה הקלה פורתא במצב הכלכלי המעורער.

אולם, הפוגה זו היתה כדי ארגיעה. מפנה חד לרעה בחיי הכלכלה של יהודי ציחנוביץ חל עם מינויו של ראש־העיירה שלא מתושביה, שהתיחס ליהודים, בחינת „ופרעה לא ידע את יוסף״. הוא היה אנטישמי מובהק מאסכולת הגברת פריסטר הידועה לשימצה.

ראשית דרכו היתה מיון חדש של משלמי מס העיריה במגמה להכביד את נטל המסים על היהודים. הקהילה פנתה למחוז ולועד הקהילות בורשה וכן שלחה מחאה לצירי היהודים ב„סיים״. הפעלת הכוח המוסרי פעלה פעולה מסוימת, ונדמה

הִיה שראש העיריה נרגע קמעה והניח ליהודים. אולם, צפע האנטישמיות הטיל בו ארסו והוא לא שקט ולא נח עד שהוציא ממאורתו את הראש וראשון לאנטישמיות בעיירתנו הרופא אולשבסקי, שתעב, אפילו, להסתכל בפני יהודי. רופא זה מונה כמפקח על התברואה. ביוזמתו נבחרה ועדה, שבקרה באטליזים, מסעדות, בתי־מרקחת, חצרות, מאפיות, מגרשים וחנויות מכולת. ועדה זו הטילה חיתתה על היהודים ועצם הזכרת שמה עורר חיל ורעדה.

הארס, שהטיל ראש־העיריה האנטישמי, פעל את פעולתו באוכלוסיה הפולנית, שגם בלאו־הכי לא הצטינה בחיבה יתירה ליהודים. המוסתים הטיפו לאכרים לקנות בחנויות הפולניות בלבד, אבל לא תמיד מצאה תעמולת שיסוי זו אוזן קשבת, והמשיכו לקנות אצל היהודים.

חגורת החנק הכלכלי התהדקה יותר ויותר סביב הקהילה היהודית. המסים רוששו ודלדלו את הסוחרים הזעירים, שגם קודם לכן נאבקו קשות על קיומם. הם שפכו דמעות למראה קיומם הדל והעלוב ובקשו מפרנסי הקהילה שישתדלו אצל השלטונות לעצור בעד תהליך ההתמוטטות הכלכלית. אולם, השלטונות אטמו אזניהם, ובמקום להושיע, הטילו על היהודים ענשים, עיקולים — וידי גובה־הממשלה היו מלאות עבודה.

החיים התוססים של קהילת ציחנוביץ שותקו. דאגת הקיום החריפה, ואיש לא ידע מה ילד יום. באופק נראה מעטה ענן קודר, שהקדיר את חיי היהודים. חיי הכלכלה נהרסו. היהודים, כדרכם, השלו את עצמם שזוהי תופעה חולפת. סופם של האנטישמיים יהיה כסופם של כל הרשעים שהציקו לישראל, ושוב יבואו ימי זוהר, ימים של פרנסה ברווח וחיים־של־כבוד. סופה של אשליה זו — חורבן והשמדה.

שמחה פּאַסטערנאַק
(אַמעריקאַ)

בעלי־מלאכה און ארבעטער

אין אָנהויב פונעם 20־טן יאָרהונדערט זענען די בעלי־מלאכה און אַרבעטער אין ציעכאַנאָוויעץ געווען זייער פאַרשקלאַפּט.

ווען אין דער טיפער פינצטערניש פון דער נאַכט האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימנים פונעם טאָג, האָבן די אַרבעטער אָפּגעדאַווענט שחרית בחפזון, זיך פאַרשלאָסן אין ענגע, שמוציקע וואַרשטאַטן און דאָרט געאַרבעט, טאָג־טעגלעך, כמעט ביז חצות.

ווינטער־צייט, ווען די זון האָט אויפגעשיינט אין הימל שפּעטער ווי אין זומער, האָט דער אַרבעטס־טאָג אָנגעפאַנגען 7 אַ זייגער פריה־מאָרגן און ער האָט זיך געצויגן ביז 10 ביינאַכט. זומער, אין די גרויסע היצן, ווען ס׳איז געווען שטאַרק דושנע אין די וואַרשטאַטן און ס׳איז ניט געווען, פשוט, מיט וואָס צו אָטעמען, האָבן די אַרבעטער געאַרבעט „בלויז" ביז 8 ביי נאַכט. פרייטאָג צו־נאַכטס האָבן זיי גערוהט, און דאָס איז געווען דער איינציקער פרייער אָוונט אין וואָך. שבת, ווען ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטערן אין הימל, האָבן די פּועלים אָפּגעדאַווענט „מעריב", באַלד אַוועק אין די וואַר־שטאַטן און ביי אַ טונקעלעם ליכט פון אַ נאַפט־לאָמפּ האָבן זיי געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. כדי צו פאַרטרייבן דעם אומעט און די לאַנגוויייליקייט האָבן זיי שטיל אונטער־געברומט אַ ניגון פון די שבת׳דיקע תפילות און דערציילט מעשיות וועגן צדיקים.

פיל טרויעריקער איז געווען די לאַגע פון דער אַרבעטער־יוגנט. מ׳פלעגט אַוועק־געבן דאָס יינגל אָדער דאָס מיידל צו לערנען אַ פאַך אין משך פון צוויי יאָר. זיי האָבן דערפאַר ניט געקראָגן קיין שום געהאַלט און אין דער ערשטער לערן־צייט זענען זיי געווען געצוווּנגען צו דינען ביים בעל־הבית אַלס משרתים און דינסטן.

דאָס טרויעריקסטע אין דער לאַגע איז געווען, וואָס נאָך אַזאַ שווערער האָרעוואַניע האָבן די אַרבעטער ניט געהאַט גענוג מיטלען אויף אַ מינימאַלער עקזיסטענץ. זייערע פרויען האָבן זיי געמוזט צוהעלפן מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקענט. אָבער ניט שטענדיק האָט דאָס גענוגט. דאַן האָבן זיי זיך גענויטיקט אין דער הילף פון דער ציעכאַנאָוויעצער סאָציאַלער הילף, וואָס איז געווען ביי אונז שטאַרק ענטוויקלט. אויך מיין מוטער, באָבע, האָט געשפּענדעט פיל צייט פאַר אַזעלכע הומאַנע צוועקן. ספּעציעל איז זי געווען טעטיק ווען אַ טאָכטער פון אַ אָרעמען אַרבעטער איז שוין געווען ראויה לחופה, אָבער זי האָט ניט געהאַט קיין נדן. זי האָט ניט גערוהט ביז דאָס אָרעמע מיידל האָט געבויט איר פאַמיליען־נעסט מיט איר באַשערטן.

אליעזר לאוני
(תל־אביב)

החורבן הכלכלי של יהודי ציחנוביץ

המדיניות של ממשלת פולין ערב מלחמת־העולם השניה הוכתה בסנוורים. ביודעים, או שלא ביודעים, הסיחה את הדעת מהסכנה המאימת על חרותה ועצמאותה מגרמניה הנאצית; אזנה לא היתה כרויה לרעם האשכנזי, המתגלגל ובא לאיטו ובימים הקרובים יתפוצץ בקול אדיר, כאשר עוד לא נשמע כמוהו בדברי ימי־עולם. במקום זה הגבירה את המלחמה הכלכלית ביהודים, כאילו, כאן טמון מקור הרעה.

שמי יהדות פולין התקדרו. היהודים הרגישו, שרוח גדולה באה ואל עקרבים הם יושבים. צירי היהודים ב„סיים" הרעישו עולמות, שמדיניות זו תביא כליה איומה על היהודים. הם התריעו על העוול הנגרם ליהודים ותבעו שתכובדנה זכויות־האדם האלמנטריות שלהם.

לעומתם, טענו צירי ה„סיים" הפולניים, שלא דובים ולא יער, אין הממשלה מפלה את היהודים לרעה, וכל „הכצעקתה" אין לה על־מה שתסמוך. הצירים בודזינסקי, פּאַכולצ׳יק ושאַדאַ העמידו פני חסידי אומות־העולם ונשאו, כביכול, נאומי־הגנה על היהודים. הציר בודזינסקי הכריז בפטוס על במת ה„סיים": „אנו, הפולנים, מאחלים לעצמנו, שזכויותינו תהיינה כזכויות היהודים". אולם, היה זה מלל שדוף שאין בו תושיה, מעטה מטעה ומחפה על הכוונות הזדוניות — לנשל את היהודים מעמדותיהם הכלכליות.

בהשראת האַנדציה ובהשראת הצורר הנאצי הגדול, התארגנו בפולין קבוצות פורעים בשם נאַרובצים, שהעמידו משמרות (פיקטים), שאימצו להם את הסיסמא הנאַצית: „הייל היטלער"! פורעים אלה היו נטע השעשועים של האנדציה הפולנית. הם קיבלו על עצמם להגשים הלכה למעשה, ובכל הדרכים, את המדיניות האנטישמית בדבר דחיקת רגלי היהודים מעמדותיהם הכלכליות.

ציחנוביץ היתה אחת העיירות הראשונות, שעליהן עברה כוס התרעלה של מדיניות פושעת זו. תחילה הראו הפורעים נחת־זרועם ביהודי צ׳יז׳ב, זמברוב, וויסוקי־מזוביצק ושניאַדאָווא. יהודי ציחנוביץ בטוחים היו, שאליהם לא תבוא הרעה, כי השליכו יהבם על היחסים התקינים, ששררו בינם לבין שכניהם הפולניים. אולם, חיש־מהר נוכחו היהודים לדעת, שבית עכביש מבטחם, כי משניתנה רשות למשחית, הפכו הפולנים בציחנוביץ את עורם ובגדו בידידיהם היהודיים משכבר הימים. יחסי השכנות הטובה נתערערו וגבה הר של־שנאה בין היהודים והפולנים.

באוקטובר, שנת 1936, פרצה המגיפה האנטישמית בציחנוביץ בכל עוזה. אחרי הפרעות שפרעו ביהודי ווישונג, המרוחקת כ־10 ק״מ מציחנוביץ, הציף את ה„נויי־שטאָט" גל של שנאה והסתה. ביום שוק נכנס לעיירה מחנה של כ־50 פיקטים, חבושי כומתות כחולות, תחת פיקודו של פאַן זאַוויסטובסקי. על כל חנות יהודית הופקד משמר של שני פיקטים, שמנעו בעד הקונים הנוצריים מלהיכנס לתוכה. וכשמצאו בידיהם סחורה שנקנתה מיהודי — רמסוה ברגליהם והשחיתוה.

היה בציחנוביץ פולני, שבימים כתיקונם נראה כידיד היהודים. שמו היה טרליקובסקי. הוא שימש בזמנו כיושב־ראש של מכבי־האש בעיירה. כשהחלה מלחמת ההסתה והשיסוי ביהודים — שינה טרליקובסקי טעמו והתנכר לידידיו היהודיים. הוא עזב את מקצוע הנגרות ופתח חנות גלנטריה. מתוך התכשרותו המיוחדת בשנאת היהודים, מצאוהו הפיקטים כשר וראוי לעמוד בראש ארגונם, ששכר לעצמו אולם מפואר במרכז העיירה.

ראשית מעשהו של טרליקובסקי היתה ליצור מעמד של סוחרים פולניים בעיירה, על־חשבון הסוחרים היהודיים. ואמנם, צצו ככמהין ופטריות חנויות של פולנים, בעוד שחנויות היהודים נסגרו, כי הפיקטים עשו מלאכת־ההשמד שלהם באמונה ומנעו בכוח בעד המערופיה (קליאַנטורה) הפולנית מלהיכנס אליהן.

הרעל האנטישמי, שהחל לפעפע ב„נויי־שטאָט" הציף את הגשרים שעל פני הנורץ (Nurzec) והשתפך גם לעבר השני — ל„אַלט־שטאָט". כאן לבשה ההסתה האנטישמית צורה חמורה מאוד, שסיכנה חיי היהודים.

ביום חמישי, 12 בדצמבר שנת 1936, בשעה 12 בצהריים, התגודדה ב„אַלט־שטאָט" פלוגה של כ־150 פיקטים, שבאו מהכפרים הסמוכים. ה„גיבורים" האלה תפסו „עמדות" בשוק ותבעו מהסוחרים היהודיים שיאספו את הסחורה המונחת על הדוכנים ויסתלקו מיד מהמקום. הם נתנו לכך ארכה של 5 דקות בלבד. אולם, הפורעים המוסתים גילו קוצר־רוח ומיד עקרו יצולים מהעגלות, החלו בחמת־זעם להשמיד ולרמוס את הסחורה ולחבל בסוחרים היהודיים.

המחבלים נתפלגו לקבוצות קטנות, שסגרו בכוח את החנויות היהודיות והיכו כל יהודי שניקרה להם בדרך. הם לא חסו גם על ילדים קטנים.

4 השוטרים שנמצאו ב„אַלט־שטאָט", קצרה ידם מלעצור בעד נחשול הכנופיות המשתוללות, והן עשו את מלאכת־ההרס באין מפריע. שלוש שעות רצופות השתוללו הפורעים ואין עוצר בעדם. בחזרם לכפריהם ניפצו בדרכם את השמשות שבבתי היהודים. כדי להעמיד פנים, שהשלטונות המקומיים מתכוונים להגן על היהודים, הביאו צוערים (קאַדטים) ואכסנו אותם בבתי היהודים על חשבון היהודים. צוערים אלה היו אנדקים מוסווים.

אחר המאורעות האלה יצאה משלחת של יהודי ה„אַלט־שטאָט" לביעלסק, התיצבה לפני הסטאַרוסטה, פאַן יאַנושקביץ', וביקשה ממנו שיגן על חיי היהודים. במשלחת נמצא



חיה־סירקע בורשטיין, שנפצעה ע״י הפיקטים במאורעות שארעו ב־1936

חיה־סירקע בורשטיין, וואָס איז פאַר־וווּנדעט געוואָרן דורך די פּיקעטן ביי די געשעהענישן אין יאָר 1936


Chaya-Sirke Burstein, wounded by „Piquets" in the 1936 incidents

גם רב הקהילה, הרב בנימין־זאב קגן. בתארו באזני הסטאַרוסטה את הפרעות, שפרעו הפו״עים ביהודי ציחנוביץ, כה נתרגש שבכה בכי תמרורים.

אין זאת, שהדברים האלה נגעו אל לבו של הסטאַרוסטה והוא הבטיח למשלחת, שיטיל כל כובד משקלו, כדי שהפרעות לא ישנו. וכדי לתת תוקף להבטחתו, הטריח את עצמו הסטאַרוסטה ובא לציחנוביץ, בלווית מפקד משטרת המחוז ושוטרים רבים. בראות הסטאַרוסטה, שחנויות היהודים סגורות מאימת הפיקטים, פקד על הסוחרים לפתחן, בהבטיחו חגיגית, שהוא מקבל על עצמו את האחריות לכל מה שעלול לקרות. ואמנם, באותו יום־שוק שרר שקט בציחנוביץ ונדמה היה, שנעצרה המגיפה האנטישמית.

אולם, היתה זו דממה שלפני סערה. מידת הדין שנמתחה על יהודי ציחנוביץ הלכה בינתיים וגברה. באחד מימי־השוק של חודש נובמבר 1936 נכנסה מ„ניי־שטאָט" פלוגה של 300 פיקטים מזוינים באלות כשפניהם מועדות לשוק. ראש־הפורעים נתן את האות במועל ידו הימנית נוסח היטלר, ובצעקות „הורה" פראיות נגשו למלאכת ההרס וההשמדה.

בהתאם לפקודה, נתפלגו הפורעים לקבוצות והחלו להשתולל באכזריות איומה. מהדוכן של מר יחיאל יבלונקה, מי שהיה ראש ה„אגודה" בציחנוביץ, עקרו מוט ופצעו בו את ידיו. את סחורתו בשווי של כ־100 זלוטי שדדו ורמסו.



אברהם פאַקצ׳ר, שנפצע ע״י הפיקטים
במאורעות, שארעו בשנת 1936

אברהם פּאַקטשער, וואָס איז פאַר־
פאַרוואונדעט געוואָרן דורך די פּיקעטן
ביי די געשעהעניש אין יאָהר 1936

Abraham Paķciar,
wounded by „Piquets" in the
1936 incidents

הפורעים כילו חמתם בהיה־סירקע בורשטיין. הלמו על ראשה וכן שיברו אצבע באחת מידיה. לקחוה לבית־החולים שבברייינסק ושם קטעו את האצבע המרוסקת.

את זיגדל פלוט, סוחר מ„ניי־שטאָט", שעמד בשוק ב„אַלט־שטאָט" ומכר כברות פצעו קשה ובמצב חמור הובהל לרופא.

מהדוכן של קופל סטוליר הכובען שדדו את הסחורה ורמסוה. בדוכן הגלנטריה של יצחק גאוונשטערן ניפצו הפורעים את החלון הראוה, שדדו את הסחורה ופצעוהו. בפרעות אלה אירע גם מקרה מוות. הישישה דרייזע אוקרונגלה מתה מרוב פחד.

באותו יום מר ונמהר נפצעו גם זליג פלחוביטש, משה־דוד קיואק, רבקה אֶטקס ויצחק־דוד סוקולובסקי. שרה בורשטיין, בת ה־18, נרמסה תחת רגלי הפורעים וכפשע היה בינה לבין המוות. בפרעות אלה נפצעו 26 יהודים. ברחובות דרוהיצקה ומיצקיביצ׳ה ניפצו את השמשות בכל בתי היהודים.

אחרי מאורעות־דמים אלה בא חוקר מביעלסק לערוך חקירת עדים. היתה זו חקירת ראווה בלבד, גניבת דעת הבריות, שכן החוקר היה אנטישמי נודע לשימצה שהיה עוין את היהודים. יצוין, שהשוטר הפולני Będża, אדם בעל השקפות שמאליות, העיד לטובת היהודים ויצא בדברי קיטרוג קשים על הפיקטים. הוא אסף חומר האשמה נגד הפורעים מתוך רגש הומני ליהודים.

הפורעים הואשמו והועמדו, כביכול, למשפט בציחנוביץ. אולם, היה זה משפט מבוים, „זילותא דבי דינא" (בזיון בית־המשפט). עדי היהודים היו: רבקה זאַביעלא־אטקס, צפורה מונדרי, חיה־סירקע בורשטיין ויחיאל יבלונקה. הנאשמים העמידו להגנתם שני פרקליטים פולניים מוורשה — צוררי־ישראל נודעים. בנאום ההגנה אמר עורך־הדין האנדקי, שאין להאשים, כלל, את הפיקטים ואין להתפלא על־כך שקרה מה שקרה. זוהי התפרצות זעם טבעית ומובנת, משום שהיהודים השתלטו על מקורות הכלכלה, והאזרחים הפולניים מנושלים וכה מדולדלים, שכל משפחת־איכרים נאלצת להסתפק בזוג־מגפיים אחד בלבד, העובר מיד ליד — מהאב לבן ומהבן לבת. מה תימה, אפוא, שנשברה הבלגת ההמונים העשוקים ועשו ביאושם מה שעשו? אין כאן שאלה של אנטישמיות, אמר עורך־הדין. זהו מאבק על הקיום. הגבה זו היא, בחינת, מושכל ראשון של כל אדם בעל חושים בריאים החפץ חיים. זוהי תשובת המשקל נגד הנישול, שהיהודים מנשלים את המוני העמלים הפולניים.

נאום־הסתה זה היה לפי טעמו של בית־הדין ולכן זיכה את הנאשמים. הוא הסתפק בהתראה ריטורית לנאשמים, לא מחייבת לשום דבר, שאם יובאו לערכאה שנייה — יחמירו בדין. דברי השיטנה של עורך־הדין האנדקי והזיכוי השרירותי מאשמה עודדו את „עושי המלאכה" האנטישמיים. מעתה הותרו ידיהם, כי מעשי הבליעל שלהם נחתמו „בטבעת המלך" ומעתה לית דין ולית דיין. העדים היהודיים התחלחלו, כי ראו בכך איבה מופגנת נגדם. מעתה נתונים היו היהודים בידי הפורעים לשבט ולחסד.

הקהילה היהודית בציחנוביץ נדלדלה והתרוששה בצורה מבהילה. יהודים רבים נאלצו להרהן (למשכן) כלי־ביתם לשם פרעון חובות. בעתון ה„היינט", מספר 136, מיום 14 ביוני 1938, קוראים אנו כתבה זו על חיי היהודים בציחנוביץ:

„האוכלוסיה היהודית שבמקום התרוששה מאוד. — — — 450 משפחות של יהודים נרשמו בקהילה היהודית לשם קבלת סעד. אולם, קצרה יד הקהילה מלהושיען, כי קופתה ריקה. הודות ליזמת הרב זרח רובינס שלח ה„רעליעף" של הציחנובצאים באמריקה 820 דולר לצרכי החג.

משנתקבל סכום הכסף הזה, החלו לדאוג יהודי ציחנוביץ לגורל הנשרפים האומללים שבעיירה אורלה. נאסף סכום של 500 זלוטי לטובת הנשרפים והכסף נשלח מיד ליושב־ראש ועדת־העזרה שבאורלה, הרב הלפרין.

הועד של יהודי ציחנוביץ לעזרת הנשרפים מורכב מחברים אלה: הרב קגן, יודל ארזשעכאָוויטש, בערטשע פרץ, הערשל יסקולקה, יחיאל יבלונקה, ש. שעפּס, יצחק באַלענדער, דוד העלער, פנחס ז׳ולונדז׳, יוסף שלכטר, דוד רינקוויץ׳ וש. בלומשטיין".

לשליח המיוחד, ששלח עתון ה„היינט" לשם סיקור המאורעות האַנטישמיים שאירעו בה, אמר אחד מחשובי הסוחרים שבעיירה, כשדמעות חונקות אותו: „אם לא יחול שינוי במצבנו — נגוע כולנו ברעב". אללי לנו, כי תמים היה האיש ההוא. לא ברעב תמו יהודי ציחנוביץ לגווע — כי אם במיתות משונות, שהאדם טרם ידע כמוהן מאז ברוא ד׳ שמים וארץ.

יוסף פאַסטערנאַק הי"ד

די יידישע קהילה נאָך די ערשטע וועלט־קריג

נאָך דער גרויסער שריפה אין יאָר 1915 און נאָך די פּאָגראָמען אונטער דער ממשלה פונעם באַנייטן פּוילן — האָט זיך אונזער שטעטל, ווי ס׳איז ניט איז, אָנגעהויבן בויען אויפסניי, איינגעאָרדנט הילפס־אינסטיטוציעס, געבויט בתי־מדרשים, חדרים, אַ תלמוד־תורה, אַ ישיבה, „ביקור־חולים", „אהבת אחים" און א יתומים־קאָמיטעט. די אַלע אינסטיטוציעס האָבן געליטן גרויסע דעפיציטן און האָבן זיך שווער געראַנגלט פאַר זייער עקזיסטענץ.

די אַרבעט איז געפירט געוואָרן דורך פּריוואַטע פּערזאָנען, גבאים, אונטער דער אויפזיכט פונעם הרב שניאורסאָן זצ"ל. יעדע אינסטיטוציע האָט געאַרבעט פאַר זיך. אין יאָר 1928 האָט די רעגירונג געגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז יעדע קהילה זאָל זיך אויסקלויבן דורך דעמאָקראַטישע וואַלן 8 פּערזאָן, וועלכע זאָלן פאַרוואַלטן מיט אַלע באַדערפענישן פון די יידן און זאָלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך לגבי דער רעגירונג.

לויט דער פאַראָרדענונג זענען אויך ביי אונז אין שטעטל פאָרגעקומען די געהעריקע וואַלן צו דער יידישער קהילה. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך אין זיי באַטייליקט. ס׳האָבן פיגורירט 4 ליסטעס פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — אָרטאָדאָקסן, ציוניסטן, קליינהענדלער און האַנטווערקער.

ס׳זענען אויסגעוויילט געוואָרן פאָלגענדע פּרנסים: פּרעזעס — שבתי קאַפּלאַנסקי. אָרטאָדאָקסן — אַלתר סוקנא און יחיאל יאַבלאָנקי; ציוניסטן — דוד׳טשע העלער (קאַסירער) און לעווין דער דענטיסט. קליינהענדלער — יוסף שווידער און מאיר לאַבענדזש. האַנטווערקער: חיים ראָזענבערג.

די אַלע פּערזאָנען האָבן געאַרבעט געטריי פאַרן שטעטל. ביים אָנפאַנג פון אונזער אַרבעט האָט אונז געטראָפן אַ גרויסער אומגליק: ס׳איז נפטר געוואָרן הרב שניאור־זלמן שניאורסאָן — דער קאָפּ פונעם שטעטל. צו נעמען אַ צווייטן רב, אַפילו, אַ מורה־הוראה, האָט מען ניט געקענט, ווייל מ׳איז געווען פאַרבונדן מיט פאַרפליכטונגען צו דער פאַמיליע פונעם רב.

ביי אירע ערשטע טריט איז די קהילה געשטאַנען פאַר זייער שווערע אויפגאַבן. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ביי אונז עקזיסטירט אַ „הכנסת־אורחים" הויז, וועלכעס איז רואינירט געוואָרן ביי דער גרויסער שריפה, און ס׳איז אויפסניי ניט געבויט געוואָרן. ס׳האָט זיך געפילט אַ גרויס באַדערפעניש נאָך אַ „הכנסת אורחים" הויז. ווען אַ

פרעמדער אָרעמער ייד איז געקומען קיין ציעכאַנאָוויעץ האָט ער געמוזט שלאָפן אין בית־מדרש, דער איינציקער וואָס איז געבליבן גאַנץ נאָך דער שריפה פון אַלע בתי־מדרשים. מ׳קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן דאָס בילד, ווען די מתפללים זענען געקומען דאַוונען „שחרית" און געזען ווי אויף די בענק ליגן עלנטע, אָרעמע מענטשן, פרעמדע און אויך אייגענע. אָבער מיט דעם איז נאָך ניט געווען צו ענדע דאָס שוידערלעכע בילד: ווען ס׳איז געשטאָרבן אַ ייד וואָס האָט געוווינט אין אַ דאָרף און מ׳האָט אים געבראַכט אין שטעטל, האָט מען אים ביז דער קבורה פאָרלויפיק אַוועקגעלייגט אין בית־המדרש.

די רעגירונג האָט דאַן פאַרמאַכט די באָד מיט דער מקוה, צוליב סאַניטאַרע טעמים, און צו מאַכן די אַלע פאַראָרדנונגען האָבן מיר באַדאַרפט אַוועלכע 3000 זלאָטעס, וועלכע מיר האָבן ניט פאַרמאָגט. מיר האָבן דאַן געמוזט מאַכן אַ צעמענטענעם פאַרקן צום בית־עולם, ווייל דער ווילדער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך ביי אונז פאַרגרעסערט טאָג־טעגלעך, און וועלכער האָט זיך ביז דער לעצטער צייט באַצויגן נאָר צו לעבעדיקע, האָט אָנגעהויבן שענדן אויך די טויטע, ווי צעברעכן מצבות און נאָך אַנדערע מעשים.

אויך האָט זיך אונזער ישיבה געפונען אין אַ זייער קריטישן צושטאַנד. די פרעמדע בחורים, וואָס זענען אַממערסטן געקומען פון רוסלאַנד, אָן עלטערן, האָט מען געמוזט אויסהאַלטן מיט עסן און קליידן, און קיין געלט־מיטלען האָבן מיר ניט געהאַט. אויך אַלע אינסטיטוציעס זענען געווען אויסגעשעפּטע קוואַלן — אַלע מיט דעפיציטן. פון די שטאָט־מענטשן איז געווען שווער צו נעמען, ווייל די באַפעלקערונג איז געווען באַלאַסטעט מיט שווערע שטייערן.

אין אַזאַ לאַגע האָט זיך געפונען די יידישע קהילה אין ציעכאַנאָוויעץ אין יענע יאָרן. מיר וואָלטן זיכער געפאַלן אונטער דער שווערער לאַסט, ווען מיר וואָלטן ניט געקראָגן קיין שטיצע פונעם ציעכאַנאָוויעצער רעליעף אין ניו־יאָרק. אונזערע לאַנדס־לייט מעבר לים האָבן זיך אָפּגערופן וואַרם אויף אונזער הילפס־רוף און האָבן אונז געשטיצט מיט אַלעס מעגלעכעס.

נאָך אין יאָר 1921 האָט זיך דער רב שניאורסאָן געוואָנדן צו אונזערע ציעכאַנאָווער ברידער אין אַמעריקע, אַז זיי זאָלן העלפן די אָרעמע שיכטן צו קענען עקזיסטירן און ערציען זייערע קינדער. מיט די געלטער וואָס מיר האָבן געקראָגן האָבן מיר אויס־געפאַרטיקט די צווייטע זייט שול און פאַרוואַנדלט זי אין אַ תלמוד־תורה. אויך דאָס קהל׳שעס הויז, וואָס האָט אויסגעזען פיל ערגער פון אַ שטאַל, איז אַ דאַנק דער שטיצע באַנייט געוואָרן. אין איין העלפט האָט זיך באַזעצט דער רב שניאורסאָן, און די צווייטע העלפט האָט געדינט פאַר אַ בית הקהל, אין וועלכן די פאָרשטייער פונעם שטעטל פלעגן זיך צונויפזאַמלען אום צו באַראַטן זיך וועגן שטאָטישע ענינים.

די הילף פונעם „רעליעף" איז ניט אָפּגעשעלט געוואָרן אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, און דאָס האָט דערמעגלעכט דער קהילה צו פירן אַ מער־ווייניקער נאָרמאַלע אַרבעט.

יצחק שטיינבערג ז״ל

ציעכאנאוויעצער צדקה אנשטאלטן

די סאָציאַלע הילף

ביזן יאָר 1904 איז אין ציעכאַנאָוויעץ ניט געווען קיין שום צדקה־אַנשטאַלט, טראָץ דעם וואָס אָרעמע־לייט, פּושטי־יִדן, פלעגן זיך ציען קיין ציעכאַנאָוויעץ אין די מאַסן, גאַנצע משפּחות. מענער, פרויען און קינדער פלעגן טאָג־טעגלעך קומען און פאַרשפרייטן זיך איבערן שטעטל, מיט אויסגעשטרעקטע הענט בעטן נדבות און פלעגן אַזוי אָפּזיצן ביי אונז אייניקע טעג און אויך וואָכן, ווייל דאָס שטעטל האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ בעלת־צדקה, און ס׳איז טאַקע ניט געווען קיין הויז פון וועלכן אַ אָרימאַן זאָל אַרויסגיין און ניט קריגן קיין נדבה.

די אָרעמע לייט פלעגן דאָס מאַכן דאָפּלט: פריער גיין איבער די קראָמען און נאָכהער אין די הייזער. די מענער פלעגן גיין באַזונדער און די ווייבער באַזונדער. אָממייניסטן האָבן די אָרעמע לייט געשטערט דאָנערשטיק אין די קראָמען, ווייל דעמאָלט טאָג איז געווען אַ מאַרק־טאָג און די קראָמען זענען געווען איבערפולט מיט קונים, איבער־הויפּט מיט קריסטן וואָס זענען געקומען פאַרקויפן זייער סחורה און איינקויפן פאַר־שידענעס פאַר זייער געברויך.

אין דעם טאָג האָט יעדער קרעמער געמוזט אָוועקשטעלן אַ ספּעציעלן מענשן נעבן דער טיר, טיילן די נדבות די אָרעמע לייט, כדי זיי זאָלן ניט שטערן דעם פּדיון. ניט ענטפערן אַ אָרימאַן איז געווען, ממש, אַ סכנה. ער איז בשום אופן ניט אָפּגעטראָטן און איז געווען גרייט אָפּצוזידלען מיט די ערגסטע זלזולים.

האָט מען זיך אין שטעטל מישב געווען און געגרינדעט אַ „צדקה לעניים״. יעדער האָט זיך מתחייב געווען צו צאָלן מאָנאַטלעך: דער קלענסטער מס איז געווען 30 קאָפּיקעס. מ׳האָט אויך געגעבן אַ רובל, און צוויי און דריי — יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן.

צו דעם צוועק האָט מען גענומען צוויי מענטשן, וואָס זאָלן אָנפירן מיט דעם צדקה־מוסד. איינער איז געווען בערעלע איטע־ברכה׳ס, אַ אָרענטליכער ייד, אַ בן־תורה, וואָס איז אָפט געזעסן ביים רב אַלס בית־דין ביי אַ שווערער דין־תורה, אָדער שאלה, און דער רב פלעגט זיך מיט אים מיישב זיין. ער איז אויך געווען אַ שיינער בעל־קורא אין אַלטן בית־מדרש.

אַזוי ווי דער קהל האָט אים, ממילא, געצאָלט אַ געהאַלט, האָט מען געהעכערט

זיין לוין מיט נאָך אַ פּאָר רובל אַ חודש, און אים געמאַכט אַלס פּאַרוואַלטער פונעם ועד פון דער „עזרה סוציאַלית" און ער פלעגט אַרומגיין מיט אַ בוך אין האַנט אויפצונעמען ביי די בעלי־בתים זייערע באַשטייערונגען וואָס זיי האָבן זיך מתחייב געווען.

דער צווייטער איז געווען בנימ׳קע לייזערס, וואָס האָט צוגעהאָלפן און אויך אַכטונג געגעבן, אַז די אָרעמע לייט וואָס האָבן געקראָגן אין קאָמיטעט זאָלן ניט נאָך אַ מאָל גיין שנאָרן איבער די הייזער.


ס׳איז געווען אַזוי פאַראָרדנט: אויפן שול־הויף איז געווען אַ אַלט גרויס קהל׳יש הויז, וואָס מ׳האָט עס פאַרוואַנדלט אין אַ הכנסת־אורחים־הויז פאַר די אָרעמע לייט. די אַלע נויטבאַדערפטיקע פלעגן זיך אַהין פאַרזאַמלען און ר׳ בערעלע פלעגט קומען און זיי אַלעמען איינטיילן — וועמען מער און וועמען ווינציקער. בערעלע איטע־ברכה׳ס האָט שוין געהאַט אַ גוט אויג און אַ גוטן חוש. ער האָט אַלע אָרעמע לייט דערקענט און געוווסט וועמען מ׳דאַרף געבן מעהר און וועמען ווינציקער. ער האָט אויך געוווסט ווער ס׳איז אַ עני הגון און ווער אַ עני פשוט און אויך ווער ס׳איז אַ עני עז־פּנים און וועט זיך ניט באַגנוגענען מיט דעם וואָס ער קריגט אין קאָמיטעט און דערנאָך וועט ער גיין ווייטער שנאָרן איבער די הייזער. אַזעלכן האָט בערעלע געגעבן קנאַפּער.

פיינליך איז געווען צו זען די אָרעמע לייט וואָס האָבן זיך ניט באַגנוגנט מיט דעם געלט, וואָס זיי האָבן געקראָגן אין קאָמיטעט, און פלעגן זיך פאַרשפּרייטן איבער די הייזער זאַמלען נדבות. אַז בנימ׳קע לייזערס פלעגט דערזען אַזאַ אָרעמאַן — האָט ער אים גענואַלט כאַפּן. די אָרעמע לייט האָבן אים שוין געקענט און פלעגן אַנטלויפן פון אים. בנימ׳קע איז שוין געווען אַ ייד אין די יאָרן און דאַצו נאָך מיט אַ פעלער, וואָס האָט אים געשטערט ביים לויפן. דערווייל איז דער אָרעמאַן אַנטלאָפן. נאָר טאָמער האָט ער יאָ געפאַקט אַזאַ אָרעמאַן, פלעגט ער אים ניט אָפּלאָזן, נאָר פאָדערן צוריק דאָס געלט וואָס ער האָט געקראָגן אין קאָמיטעט. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דער אָרעמאַן האָט אים קיין געלט צוריק ניט געגעבן, נאָר ער האָט אים פאַרשפּראָכן אַז ער פאַרלאָזט באַלד דאָס שטעטל.

דער „מתן בסתר" און יתומים־הויז

נאָך אַ חשובער צדקה־אַנשטאַלט איז געווען אין ציעכאַנאָוויעץ — אַ סאָרט „מתן בסתר". די אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען גיטעלע לייזער׳ס. ווער אין ציעכאַנאָוויעץ האָט ניט געקענט גיטעלע לייזערס? דוכט זיך, אַז אַלע האָבן איר געקענט, סיי פון „אַלט־שטאָט" און סיי פון „ביי־שטאָט", יונג און אַלט — אַלע האָבן איר געקענט.

ווען איך האָב איר דערקענט איז זי שוין געווען אַ יידענע, בערך, פון אַ יאָר 50, נאָר איר פּנים איז געווען פיל מער צוקנייטשט לויט אירע יאָרן, הגם ניט שטענדיק האָט מען געקענט זען איר פּנים, ווייל זי איז געגאַנגען שטאַרק איינגעבויגן, מיט דער



תעודת־כבוד מטעם הועד ליושב־ראש „ועד היתומים“ מר רוזנברג להגירתו לארצות־הברית ב־1928

אַ עהרן־קאַרטע פונם „יתומים קאָמיטעט“ פאַרן פאַרזיצער פון „יתומים קאָמיטעט“ הערר ראָזענבערג צו זיין אָפּפאָהר קיין אַמעריקע אין יאָהר 1928

A Honor-Certificate, presented to the President of the Orphans Committee,
Mr. Rosenberg, on the occasion of his leaving for the U. S. A. in year 1928


פלייצע אַרויף, אַזוי ווי אַ לאַנגע „כף". מ'האָט נאָר דאַן געקענט זען איר פּנים, ווען זי איז געקומען בעטן אַ נדבה אויף אַ וויכטיקער זאַך. דאַן פלעגט זי זיך טאָן אַ גלייך אויס און מ'האָט געזען פאַר זיך אַ יידענע פון מיטעלן וווקס, מיט אַ צוקנייטשטן, אָבער זייער חנוודיקן פּנים, וואָס פלעגט זאָגן: „גיט עפּעס, ווייל כ'באַדאַרף פאַר זייער אַ וויכטיקער זאַך".

און וויכטיקע זאַכן האָט גיטעלע געהאַט זייער אַ סך, דען ווו אין שטעטל אַ אַלמנה, אַ יתום, אַ יתומה — גיטעלע האָט פון זיי געוווסט און געהאָלפן. און ווער רעדט אַ אָרעמע כלה, וואָס האָט איר געפעלט צום נדן און דער חתן האָט זיך פאַרעקשנט אַז ער גייט ניט צו דער חופּה — האָט שוין גיטעלע פון דעם געוווסט און זי איז שוין אַרומגעגאַנגען אויף הכנסת כלה און גלייך אַרויסגעהאָלפן פון דער שווערער סיטואַציע.

און נאָך אַ אַרבעט האָט גיטעלע געהאַט: ווי ס'פלעגט נאָר קומען דאָנערשטיק פאַרנאַכט, פלעגט זי אַנגאַזשירן צוויי מיידלעך פון די אָרעמע לייט און געבן זיי 2 זעק און אַליין אויך מיט אַ גרויסן־ברייטן פאַרטוך אַרומגיין אַ גאַנצן אָוונט איבער די בעקערייען און קלייבן שבת־חלה. די בעקער האָבן איר שוין געקענט און יעדער האָט געגעבן בסבר פּנים יפות. פרייטאָג פלעגט זי גיין איבער די הייזער און געזאַמלט פאַרשיידענע שפּייזן — און דאָס אַלץ אָוועקטראָגן אין הכנסת אורחים הויז, אָדער ווי מ'האָט דאָס אין ציעכאַנאָוויעץ גערופן דער הקדש. די אָרעמע לייט האָבן געהאַט צו עסן ניט נאָר שבת, נאָר אויך אויף דער גאַנצער וואָך. אַזוי האָט גיטעלע מקיים געווען די גרויסע מצווה פון מתן בסתר ביז אין טיפן עלטער.

אויסער דעם הקדש פאַר אָרעמע און עלנדע מענטשן, האָבן די ציעכאַנאָוויעצער יידן אויך געזאָרגט פאַר יתומים און היימלאָזע קינדער. די וואָרעמקייט, וואָס די יידן פון אונדזער שטעטל האָבן אַרויסגעוויזן צו די עלנטע קינדער באַצייכנט איינע פון די שענסטע מידות פון דער ציעכאַנאָוויעצער קהילה. פרויען און מענער פון אַלע שיכטן האָבן געפונען פאַר זייער הייליקן חוב צו זאָרגן פאַר די קינדער אַז זיי זאָלן זיך ניט פיהלן פאַרלאָזט און זען אין דעם בית־יתומים זייער היים. די קינדער האָבן געפיהלט, אַז זיי זענען ניט איינזאַם און מ'זאָרגט פאַר זיי צו פאַרלייכטערן זייער גורל.

דער הער ראָזענבערג, פאָרזיצער פון יתומים קאָמיטעט, איז געקרוינט געוואָרן אַלס דער „פאָטער פון די יתומים". זיינע לייסטונגען פאַר די קינדער זענען געווען גוואַלדיק גרויס. אויך די סעקרעטאַרין סימאַ־גיטעל פאַסטערנאַק האָט פיל יאָרן געאַרבעט אונערמידלעך אויף דעם געביט. זי איז מיט אַ טיפעס מוטער־געפיל געווען צוגעבונדן צו די קינדער, וועלכע האָבן זי באַטראַכט ווי אַ געטרייע האַרציקע מאַמע. אַ דאַנק דעם זענען פיל קינדער אויפגעריכט געוואָרן, געענדיקט שולן, געלערנט זיך פאַכן און געוואָרן זעלבסטשטענדיק.



יום־פרח לטובת בית־היתומים — אַ בלימעל־טאָג פאַרן בית־יתומים

A „Flower-Day" for the benefit of the Orphans-Home

פון רעכטס צו לינקס: 1) אליהו בוטשקעוויטש. 2) 3) די חזנטע עטל אבראַמסאָן. 4) חיים ראָזענבערג. 5) מלכה סוקניא. 6) יצחק שפירא. 7) 8) סימא־ג׳יטל פאַסטערנאַק. 9) 10) שפרה זונדעלזאָהן. 11) 12) אטקס

די ערשטע „גמילות־חסדים" קאַסע

די קאַסע איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ פרוי, חיה׳לע וואָלפ׳ס האָט מען זי גערופן. דער מאַן, ר׳ שמואל וואָלף, איז געווען אַ גרויסער וואַלד־סוחר, אַ אָנגעזעענער מענטש אין שטעטל, וואָס האָט מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן אויף אַלע צדקה־אַנשטאַלטן.

זיין פרוי, חיה׳לע, האָט באַמערקט אַז אין שטעטל געפינט זיך אַ ביסל אָרעמע קרעמער און קליינהענדלער, וואָס מיט אַ קליינער שטיצע וואָלטן זיי, ביי אַ געלעגנהייט, געקאָנט איינקויפן אַ ביסל סחורה ביליגער, כדי זיי זאָלן דאָס שפּעטער פאַרקויפן אויף איינציל און פאַרדינען. איז אָבער די צרה, וואָס שטענדיק האָט זיי געפעלט עטלעכע צענדליק רובל צו דעם.

די פרוי וואָלף האָט דאָס אַלץ באַטראַכט און באַשלאָסן צו שאַפן אַ גמילות־חסדים קאַסע אין ציעכאַנאָוויעץ. די ערשטע האָט זי זיך אַליין באַשטייערט און אַריינגעלייגט אויף דעם צוועק 200 רובל אין קאַסע. נאָכהער האָט זי באַווירקט מאיר־יצחק שיינבערג׳ס פרוי און די פרויען פון פישל ראָזען און שמחה קאָנאָפּיאַטע. יעדע איינע פרוי האָט זיך באַשטייערט מיט 100 רובל. ס׳איז גלייך צונויפגעזאַמלט געוואָרן 500 רובל. אויך אַנדערע פאַרמעגלעכע פרויען האָבן געשפּענדעט צו דעם צוועק, ווער 50 און ווער

25 רובל. אין פאַרלויף פון אַ פּאָר וואָכן איז געשאַפן געוואָרן אַ קאַפּיטאַל פון אַריבער 1000 רובל. פון טאָג צו טאָג האָט די סומע געשטיגן. די פּרויען האָבן געקליבן אַ ועד און באַשטימט חיה׳לען אַלס פאָרזיצערין. איצל ראָזענס פרוי האָט געפירט די ביכער. די פרויען האָבן געאַרבעט פרייוויליג און כסדר געזאָרגט אַז די הכנסות זאָלן שטייגן.

די ערשטע תקנה איז געווען, אַז כל זמן דער גרונט־קאַפּיטאַל האָט נאָך ניט דערגרייכט צו 2000 רובל, טאָר מען מער ווי 50 רובל ניט לייען איין פּערזאָן. שפּעטער, אַז דער גרונט־קאַפּיטאַל האָט איבערגעשטיגן 2000 רובל האָט מען שוין געליהען ביז 100 רובל.

דער אופן פון לייען איז אַזוי געווען: דער לייער האָט געדאַרפט מיטברענגען מיט זיך אַ זשיראַנט, וואָס זאָל זשירירן זיין וועקסל. פון אָנפאַנג האָט מען אויך געליען אויף אַ משכון, נאָר היות ווי ס׳איז פּשוט ניט געווען קיין אָרט צו האַלטן די משכנות, האָט מען אָנגעהויבן פאָדערן זשירעס.

די קליינע קרעמער און די קליינהענדלער, אָרעמע בעלי־מלאכה׳ס, האָבן אַ ביסל אויפגעלעבט. פאַר אַ מאַרק־טאָג, אָדער פאַר אַ גרויסן יריד פלעגן זיי אַריינגיין צו חיה׳לע וואָלפ׳ס, וואָס ביי איר אין הויז איז געווען די גמילות־חסדים קאַסע, און לייען 50, אָדער 100 רובל, און צוגרייטן סחורה צום יריד, אָפּלייזן און צוריק אַריינטראָגן. ס׳איז אויך געווען אַ מעגלעכקייט אויסצאָלן די הלואה אויף ראַטעס.

די גמילות־חסדים קאַסע אין ציעכאַנאָוויעץ איז אַ היסטאָריש פאַרצייכעניש־ווירדיקער מוסטער פון קעגנזייטיקער הילף, וואָס האָט באַצייכנט די אַמאָליקע יידישע שטעטלעך. אין דעם קומט צום אויסדרוק די ברידערלעכע ליבשאַפט פון איין ייד צום צווייטן, וואָס האָט באַצייכנט און כאַראַקטעריזירט יענע ישובים.

די לייה און שפּאָר־קאַסע

דער דירעקטאָר פון דער באַנק איז געווען מיכאל קאַלאַמאַזש, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן „מיכל חיים־פּיוועלס״. דער בוכהאַלטער און דער גאַנצער אָנפירער איז געווען איצל (יצחק) שאַפּירא. די באַנק האָט געהאַט מלוכה־רעכט, האָט זער גוט אָפּערירט, ווייל זי איז געווען די איינציקע יידישע באַנק אין דער גאַנצער געגנט. אַלע סוחרים האָבן אויסגעשטעלט זייערע וועקסלען אויף דער באַנק, און ווער ס׳האָט געהאַט ביי זיך ליגן געלט — האָט ער עס גלייך אַריינגעטראָגן אין „ביינקעל״ (אַזוי האָט מען גערופן די באַנק). אויך האָט מען אַלע נדבנ׳ס דאָרט אַריינגעלייגט. די ווייבער פלעגן זאָגן, אַז מ׳דאַרף אַריינטראָגן אין מיכאל׳ס באַנק. אין אַ געוויסן זין האָבן זיי געהאַט רעכט, ווייל דער מיכאל חיים־פּיוועלס איז געווען אַ ייד, אַ בעל־מטופל „נעבאַך״, פון אַ הונדערט טויזנט רובל, און דאָס גאַנצע געלט (אַזוי האָט מען געזאָגט) ליגט אין דער באַנק.

מיכאל חיים־פּיוועלס האָט צו זיינע געשעפטן ניט באַדאַרפט קיין געלט, אַפילו,

אַ פּרוטה ניט, טראָץ דעם וואָס ער האָט געפירט זעער אַ גרויס געשעפט. ער איז געווען אַ אַגענט פון „הענדיקעס״, דאָס הייסט ער האָט אַריבערטראַנספּאָרטירט מענשן קיין אויסלאַנד — אַמעריקע, אַפריקע א. אַ. וו. די איינוואַנדערונג אין יענע לענדער איז געווען גאַנץ פריי, נאָר די אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. מ׳האָט געמוזט אויסאַרבעטן אַ גובערנאַטאָרסקן פּאַס, און טראָץ דעם וואָס דאָס האָט געקאָסט אַ סך געלט, האָט מען אַזאַ פּאַס ניט געגעבן יעדן איינעם, סיידען אַ סוחר, וואָס האָט באַצאָלט אַ מטמון, אָדער אַ קראַנקן וואָס האָט געדאַרפט פאָרן אויף קוראַציע, לויט דער באַשטעטיקונג פון אַ דאָקטאָר. אָבער פּשוט אויסעמיגרירן פונעם לאַנד האָט מען ניט געקאָנט.

און דאָך איז דאַן די עמיגראַציע קיין אַמעריקע געווען קאָלאָסאַל גרויס, ווייל אַמעריקע האָט אין יענע צייטן (אינעם אָנפאַנג פונעם 20־טן יאָרהונדערט) געהאַלטן אירע טויערן אָפן, און ווער ס׳האָט נאָר געוואָלט האָט געקאָנט פראַנק און פריי אַריינפאָרן.

יעדער ייד, וואָס האָט באַשלאָסן עמיגרירן, איז אַריינגעגאַנגען צו מיכאל חיים־פייוועלס, אים באַצאָלט הונדערט רובל, און ער האָט אים שוין אַוועקגעטראַנספּאָרטירט ביז אַמעריקע. צו דעם געשעפט האָט ער געהאַלטן נאָך צוויי שותּפים — פישעל (מאיר־יואל׳ס) און זיין פלימעניק מיכאל־מענדל. ער פלעגט זיי צאָלן Pro Capite ס׳הייסט, לויטן „קאָפּ״. זיי פלעגן מיטפאָרן מיט אַ גאַנצער פּאַרטיע „הענדיקעס״. אויף אַלע גרענעצן זענען שוין געווען אָפּגעקויפטע מענטשן, וואָס פלעגן אַדורכפירן די גרענעץ. דער עמיגראַנט האָט שוין ניט געדאַרפט וויסן פון קיין זאַך. די „קאַטערינע״, וואָס ער האָט באַצאַלט מיכאל׳ן („קאַטערינע״ האָט מען גערופן דעם הונדערטער־באַנקנאָט, ווייל איר בילד איז אויף אים געווען) איז געווען די בעסטע קמיע. ווער ס׳האָט ניט געוואָלט שוואַרצן די גרענעץ צופוס, האָט באַצאָלט מיכאל׳ן נאָך 10 רובל, און איז אַריבערגעפאָרן מיט דער באַן, ניט וויסנדיק, אַפילו, אַוו די גרענעץ איז.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך פאַרמאַכט אַלע בענק, און מיכאל׳ס באַנק בתוכם. מיכאל האָט געזאָגט: סטאָפּ! ער צאָלט ניט! איז דאַן געוואָרן דער אמת׳ער „ויצעקו״. אַלטע, יונגע, פרויען, מיידלעך — ווער ס׳האָט נאָר געהאַט ליגן געלט אין באַנק, האָבן זי באַלאַגערט פון אַלע זייטן מיט געשרייען און געוויינען ביז אין הימל אַריין. ס׳איז אָבער ניט געווען ווער ס׳זאָל ענטפערן: די באַנק איז געשלאָסן! מיכאל מיטן באַנק־פירער איצל שאַפּיראָ זענען נעלם געוואָרן. אַזוי האָט זיך געענדיקט די קאַריערע פון אונזער לייה און שפּאָר־קאַסע.

ד״ר אברהם שפּילמאַן
(ירושלים)

מעדיצין און סאַניטאַר־וועזן

(דאקטוירים, פעלדשערס, אקושערקעס און אפטייקערס)

ווען כ׳בין געקומען קיין ציעכאַנאָוויעץ אין יאָר 1916 זענען נאָך נישט געווען קיין שום מעדיצינישע אינסטיטוציעס, אנשטאַלטן אדער שפּיטעלער. די מעדיצינישע הילף פלעגט זיך אויסדריקן נאר אין דעם ראַט, וואס מ׳פלעג באקומען ביים דאָקטאר אין הויז, אדער ביים קראנקן גופא, צו וועלכן דער דאקטאר פלעגט גערופן ווערן. אין שווערע, קאמפּליצירטע פאלן, פלעגט מען אראפּברייגגן דעם „סטערדינער דאקטאר״ (אַנ׳אלטער ערפארענער אַרצט) אויף א קאנסיליום; אבער גאנץ זעלטן פלעגט דאס געשעהן. און נאָך זעלטענער — פון ווארשע אראפּברייגגן א פּראפעסער.

ערנסטע, כירורגישע פאלן, פלעגט מען שיקן קיין ווארשע צו פארשיידענע ספּעציאַליסטן, ווי ד״ר סאָלאָוויטשיק, מישורסקי א. אַ. וו. אָדער אין יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטא.

נאָך דער אויפלעבונג און ווידעראנטשטעהונג פון דער פּוילישער מלוכה האט זיך אָנגעהויבן די רעפּאַטריאַציע פון אַ טייל ציעכאַנאָוויעצער איינוווינער, וואָס זענען צוואנגסווייזע עוואקואירט געווארן דורך דער צארישער מאכט אין יאר 1915, בעת זייער צוריקטריט.

צווישן אַנדערע האָבן זיך צוריקגעקעהרט דער אַזוי גערופענער „בריינסקער דאקטאר״ סראטשינסקי, וואס האט פון אנהויב נאך זיין צוריקקער פון רוסלאנד געוווינט אין זיין דערבייאיקן גוט „אַנטאָנינע״; דער ציין־דאָקטאָר לעווין, אַנ׳איידעם פון דער משפחה הורביץ; אויך 2 אלטע אקושערקעס — קריסטנס: די זאָזשעצקא־פּשיבאלאווסקא, מיטן ביינאָמען „ליאָדזיע״ און די רושקעוויצ׳אָווע, מיטן ביינאָמען „אוראדניטשקע״.

אין שטעטל האט אויך עקזיסטירט א ווילטעטיקע יידישע מעדיצינישע געזעל־שאפט „אהבת־אחים, לינת־הצדק״. די אויפגאַבע איז געווען צו ערטיילן ביליגערע מעדיצינישע הילף בלויז פאַר אירע מיטגלידער, וואָס פלעגן זיך באַשטייערן מיט א בעשטענדיקן חודש אפּצאל. ווען מ׳האט זיך גענויטיגט אין מעדיצינישע הילף, פלעגט מען פון דער חברה באקומען א צעטל צו דעם דאקטאר אדער פעלדשער, מיט וועלכע די אינסטיטוציע איז געשטאנען אין קאנטאקט און דער „וויזיט״ האט געקאסט מיט 30%—40 ביליגער.



תחנת־הזנה לילדים „צנטוס" בציחנוביץ

ערנערונגס־הויז פאַר קינדער „צענטאָס" אין ציעכאַנאָוויעץ

The Nourishment-Station for Children „Centos" in Ciechanovietz



הנהלת „אהבת־אחים"—„לינת־הצדק" בשנים 1921־22

די פאַרוואַלטונג פון „אהבת־אחים"—„לינת־הצדק" אין די יאָהרן 1921־22

The Management of „Ahavat-Achim" „Linat-Hatzedek" in the Years 1921-22

ס׳שטעהן פון רעכטס צו לינקס: 1) יאָסל ווארצין. 2) 3) ברוך פליגל. 4) דער לעהרער אלטער קריוואָנאָגי.

ס׳זיצן פון רעכטס צו לינקס: 1) 2) יעקב רוגובה. 3) 4) ד"ר יצחק ברענער. 5) חיים ראָזענבערג. 6) ד"ר אברהם שפילמאַן. 7) 8) אפרים אוקראנגלי. 9) לייבל שציגאַל.

אַ חוץ דעם פלעגן די מיטגלידער פון דער חברה באַקומען געליהען פאַרשיידענע מעדיצינישע אינסטרומענטן, ווי א טערמאמעטער, ווארם־פלאש, אייז־פענכער און וואַנע.

ס׳פלעגט אויך געשיקט ווערן צו באַזונדער שווער־קראנקע מיטגלידער פון דער חברה — א וועכטער אויף א גאנצער נאכט.

די חברה פלעג זיך אויסהאלטן פון די מאנאטלעכע מיטגליד־אפצאלן, ווי אויך פון שפענדן וואס פלעגן איינפליסן פון אמעריקא, פון לאנדסלייט.

אזא חברה האט אין די ערשטע יארן נאכן ערשטן וועלט־קריג עקזיסטירט בלויז אויף „אַלט־שטאָט". דערנאָך, אָבער, האָט זיך שוין אַזאַ „ברודער געזעלשאַפט" גע־שאַפן אויך אויף „ניי־שטאָט". איינע פון די אַנדערע גאַנץ נישט אָפּהענגיק.

אזוי ווי די מעדיצינישע הילף איז בעת דער דייטשער אקופאציע געווען א גאַנץ באַגרענעצטע (ס׳זענען געווען בלויז ד"ר נאַווראָצקי און איך) און די באַדערפעניש

זענען געווען זייער גרויס, האָט די חברה „אהבת־אחים" נאָך דער אָנטשטעהונג פון דער פוילישער מלוכה און „באַלשעוויסטישער אינוואזיע" אנגעהויבן צוזאמען מיט נאָך שטעטישע בעלי־בתים מאכן באמיהונגן אראפצוברייינגן נאָך א יידישן דאקטאר און מ׳האט געבראכט דעם ד״ר ברענער.

אין דער זעלבער תקופה זענען דורך דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אויך אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קריסטלעכע דאָקטוירים, צווישן אַנדערע ד״ר האַרניעוויץ, א מגושמדיקער, הויכער גוי, א ליטווין. ער איז געווען נישט איבריק פריינטלאך צו יידן. נאָכן אָפּזיין עטלעכע יאָר האָט ער פאַרלאָזט ציעכאַנאָוויעץ, און נאָך אים איז געקומען אַ יונגער גוי, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ דאָרף פון ציעכאַנאָווצער אומגעגנט — אַלשעווסקי, האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַ פאַרברענטער אַנטיסעמיט און יידן־פרעסער.

דורך דער באַמיאונג פון די דערמאָנטע 2 קריסטלעכע דאָקטוירים, האָט דער ציעכאַנאָוויעצער מאַגיסטראַט געעפנט אַ קליין שפיטעלעכל אין דער געביידע פון דער געוועזענער פוילישער פאָלקס־שול, מיט אַ 10 קראַנקן־בעטלעך. יידן פלעגן דעם שפּיטאָל אויסמיידן. כ׳דערמאָן זיך ניט קיין איין פאַל, יידן זאָלן זיך דאָרט געפונען.

אין דער זעלבער צייט איז אין פוילן בכלל און אין ציעכאַנאָוויעץ געשאַפן געוואָרן צוואנגס־ווייזע די „קאַסאַ כאָריך" — „קראנקן קאסע" (יידן פלעגן זי רופן „די קראנקע קאסע").

אין דער שפּיץ פון דער אינסטיטוציע איז געשטאנען בלויז אָט דער גוי אַל־שעווסקי, און ער פלעג די יידן אנטון צרות, ווייל כמעט דער רוב אנגעהעריקע צו דער קראנקן־קאַסע — וואס איז געווען אבליגאטאָריש — זענען אויסשליסלאך געווען יידן, וועלכע האבן געהאט פארשיידענע קליינע ווארשטאטן און באשעפטיגט ביי זיך האנד־ווערקער און בעלי־מלאכה׳ס.

גויישע האנדווערקר זענען צו דער צייט, כמעט, ווי נישט געווען און אויב יאָ, האָבן זיי געאַרבעט אַליין, נישט באַשעפטיגענד קיין מענטשן. האָט אַ יידישע בעל־הבית׳טע געהאלטן א עוזרת — האט זי איר געמוזט איינשרייבן אין דער קראנקן־קאסע און צאלן פאר איר.

ד״ר אַלשעווסקי האָט שוין געהאַט זיינע מענשן, וואָס פלעגן אים דערטראָגן ווו און ווער ס׳באשעפטיגט יעמאַנדן.

די אינסטיטוציע איז אין אונזער שטעטל ציעכאַנאָוויעץ שטאַרק נישט באַליבט געווען און יידן האבן זי באטראכט ווי א מין גזרה, ווייל די מעדיצינישע הילף האט מען געקאנט באקומען נאר ביים דאקטאר אלשעווסקי, צו וועלכן מ׳האט נישט געהאט קיין שום צוטרוי.

ער פלעגט אויך אנטאן יידן צרות אלס סאניטאר־אינספעקטאר. פלעג זיך ארויסלאזן פון צייט צו צייט אויף א אינספעקציע איבער יידישע שפייז־געשעפטן,

מסעדות, סאָדע־וואסער קיאָסקן און יידישע הויפן און שרייבן ראפארטן. געלט־שטראפן פלעגן זיך שיטן אויף די יידישע קעפּ. האט זיך אין מאגיסטראט געפילט א מאנגל אין געלט, פלעגט זיך אָט דער גוי, אין באגלייטונג פון עטלאכע גראנאטאָווע פּאָליציאַנטן אַרויסלאָזן איבערן שטעטל, צווישן יידן פאַרשטייט זיך, און געלט פלעגט שוין געשאַפן ווערן. אין די קריסטלעכע הויפן, ווו מ׳פלעגט, פשוט, זינקן אין קויט און אין שמוץ פלעגט ער, אפילו, ניט אַריינשמעקן. אָט דער דאָקטאָר לעבט נאָך און ארבעט ביז היינטיגן טאג אין ציעכאנאוויעץ, אבער אהן יידן...

נאך ברענער׳ן זענן אין ציעכאנאוויעץ געווען דריי יידישע דאקטוירים. קליאַט־שקין, אַ וואַרשעווער יינגערמאַן, אַ איידעם פון אַ זעמבראָווער, רייכן פיה־הענדלער. אַ גאַנץ סימפּאַטישער יינגערמאַן איז ער געווען. אָפּוווינענדיק אויף „ניי־שטאָט“ עטלעכע יאר איז ער ארויס קיין אסטראוו־מאזאוויעצק. שפּעטער, ביי די „רויטע“, איז ער ארויס קיין ביאליסטאק און ביי היטלערן אומגעקומען צוזאמען מיט זיין פרוי און 2 פּרעכטיקע קינדער.

נאָך קליאַטשקינס אַרויספאָרן האָבן זיך אויף „ניי־שטאָט“ באַזעצט נאָך צוויי יידישע דאקטוירים — צוערשט שאפּירא. געקומען איז ער פון ווילנא. ער איז לאנג ביי אונז ניט געווען און נאך א קורצער צייט פארלאָזט דאס שטעטל.

זיין פּלאץ האט פארנומען אנ׳אנדער יינגער דאקטאר, א ביאליסטאקער תושב — פאקטאר האט ער געהייסן. אין יאר 1939 האט ער זיך אומגעקערט קיין ביאליסטאק און ער איז דארט דורך היטלער׳ן אומגעקומען.

זיין פּלאַץ האָט ווידער פאַרנומען שאַפּירא, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט אַ וואַרשעווער יינגער ציין־דאָקטאָרין, וואָס האָט געאַרבעט אין ציעכאַנאָוויעץ זייט אַ קורצער צייט. ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט איר אין טרעבלינקע. יש אומרים, דאָס ער האָט אויפן וועג קיין טרעבלינקע צוזאַמען מיט זיין פרוי באַשע זשמיעווסקאַ באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

ס׳זענען אויך געווען אין ציעכאַנאָוויעץ צוויי צאָן־דאָקטוירים. דער אויבנדערמאָנ־טער צאָן־דאָקטאָר לעווין און שפּעטער די צאָן־דאָקטאָרין ליובאַ וואַסילסקאַ־בערקאָוויטש. לעווין איז געווען אַ אויסגעצייכנטער פאַכמאַן. ער האָט געהאַט פיל פּאַציענטן און פאַר־ערער, אַזוי יידן ווי קריסטן. כאָטש ער איז געווען אַ ציוניסט, איז ער אָבער געווען ווייט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער האָט געוווינט אין זיין אייגן ניי אויפגעבויט הויז אויף „אַלט־שטאָט“.

די צאָן־דאָקטאָרין וואַסילסקא־בערקאָוויטש איז גראָד שוין אַן אַנדער טיפּ געווען — דווקא אַ נאַציאָנאַל געזאָנענע פרוי. זי האָט געשטאַמט פון וויטעבסק און חתונה געהאַט מיט אַ קרינקער בחור, יצחק וואַסילסקי. פון פאַך אַ לערער, האָט ער זיך לעבן איר אויסגעלערנט צאָן־טעכניק און שפּעטער געווען ניט קיין שלעכטער בעל־

מלאכה. אויסער מיט זיין פאַך האָט ער זיך פאַרנומען מיט ציוניסטישער אַרבעט, און זייער הויז איז געווען אַ צענטער פון ציוניסטישער טעטיקייט אויף „ניי־שטאָט".

קורץ, פאַרן צווייטן וועלט־קריג, זענען זיי אַרויס פון ציעכאַנאָוויעץ קיין גראָדנע, און דאָרט זענען זיי אומגעקומען ביי היטלערן.

בעת׳ן ערשטן וועלט־קריג, ביי דער דייטשער אָקופּאַציע, איז געווען בלויז איין אַקושערקע — די ייִנגע, דיפּלאָמירטע פריילן, שיינע פעלדמאַן (שפּעטער מיין פרוי). זי האָט איר אויפגאַבע גלענצנד דערפילט. די ווייבער, אָבער, פלעגן ניט אויפהערן דער־מאָנען דער פאַרמלחמה׳דיקער אַקושערקע פשיבילאָווסקאַ־זאַזשעצקאַ, אָדער ווי מ׳פלעגט איר פּאָפּולער רופן „לאדזיע". ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט פון רוסלאַנד, האָבן די ווייבער זיך מיט איר געקושט און געהאַלדזט אין מיטן גאַס.

זי איז געווען אַ געבוירענע אַ ציעכאַנאָוויעצער, שוין אַ פרוי אין די 60־ער, געהאַט פיל דערפאַרונג, אָבער זי איז ניט געווען קיין מאָדערנע אַקושערקע און געהאַט אַ שוואַכן באַגריף וועגן היגיענע.

אין די 30־ער יאָרן האָט זי, אָבער, באַקומען אַ קאָנקורענטקע, וואָס האָט אויך, אַפילו, זי „לאדזיען" אַוועקגעלייגט. דאָס איז געווען אַ „ניי־שטאָטער" עופות־סוחר׳ס פרוי, שיינע וורואָנע. אַ קורצע צייט האָט זי נאָך אַלס פריילין געאַרבעט אַלס געהילף־שוועסטער אינעם שפּיטאָל פון ד״ר האַרניעוויץ, און ווען זי האָט חתונה געהאַט איז זי אַוועק קיין וואַרשע אויף אַקושער־קורסן און נאָך א יאָר צוריקגעקומען אַלס אַקושערין.

געווען אין ציעכאַנאָוויעץ 2 קריסטלעכע אַפּטייקן. איינע אויף „אַלט־שטאָט" און איינע אויף „ניי־שטאָט". ביידע אַפּטייקן זענען אין די 30־ער יאָרן פאַרקויפט געוואָרן צו יידישע אַפּטייקער. די אַלט־שטאָטישע אַפּטייק איז פאַרקויפט געוואָרן צו אַ ווילנער פּראָוויזאָר ראַבינאָוו. זיין פרוי איז געווען פון מאָגילעוו. דער אַפּטייקער איז, אָבער, געווען אַ קראַנקער מענטש און אין יאָר 1940 איז ער געשטאָרבן, נאָך ביי די רוסן. זיין פרוי, זון און טאָכטער זענען אומגעקומען אין טרעבלינקע.

די „ניי־שטאָטישע" אַפּטייק איז אָפּגעקויפט געוואָרן דורך אַ יונג פּאָרל. זי איז געווען אַ מאַגיסטער־פאַרמאַציע, געענדיקט איר שטודיום אין ווילנע. זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ יידישן פּאָד־פּאָלקאָווניק אין דער פּוילישער אַרמיי מיטן נאָמען בייגעל *. די אַפּטייקערין איז געווען ווייט פון יידן, ווייל זי האָט באַקומען אַן אַסימילאַטאָרישע דערציאונג.

נאָכן פּאָטערס טויט האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ ווילנער יידישן בחור — באַק, וואָס איז פיל יאָרן געווען אין דרום־אַפריקע און געבראַכט מיט זיך פיל געלט.

---

* בייגל האָט געהאַט צוויי זיהן אין דער פּוילישער אַרמיי. איינער איז געווען אַ קאַפּיטאַן און דער צווייטער אַ פּאָרוטשניק. ער האָט פאַרלייגט אַן אייגענע אַפּטייק אין שטעטל באַצ׳קי. דער קאַפּיטאַן איז פאַרבליבן אינעם שטעטל ביזן סוף און איז, שיינט מיר, אומגעקומען אַלס פּאַרטיזאַנער אין די קאַמפן מיט די דייטשן.

ווען די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען ציעכאַנאָוויעץ — זענען ביידע אַפּטייקן נאַציאָנאַליזירט געוואָרן. די בעלי־בתּים זענען געוואָרן אויסגעטויִשט — דער אייגנ־טימער פון „אַלט־שטאָטער" אַפּטייק ראַבינאָוו איז אַריבער פון זיין הויז און אַפּטייק אויף „ניי־שטאָט" און פאַרקערט.

ווען די נאַציס האָבן אין 1941 ווידער פאַרנומען ציעכאַנאָוויעץ און ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ געטאָ פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, זענען ביידע אַפּטייקן געבליבן אויסערן געטאָ־תּחום, און די געוועזענע בעלי־בתּים האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע ערטער. מיין פרוי, שיינע, און טאָכטערל, ציפּקע, האָבן דאַן געאַרבעט אין דער אַפּטייק ביי ראַבינאָוו׳ן, מיין פרוי אַלס קאַסירערין און טעכטערל אַלס געהילפן — ביז דער ליקווידאַציע.

די אַפּטייקערין מאַרישע באַק פון „ניי־שטאָט", וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ עסטרייכישער, אַסימילאַטאָרישער סביבה און האָט באַהערשט די דייטשע שפּראַך ווי אַ געבוירענע דייטשקע, האָט זיך אַ געוויסע צייט פאַרגעשטעלט ביי די נאַציס אַלס קריסטן. האָבן אָבער די דייטשן געוואָלט, אַז זי זאָל זיך שיידן פון איר מאַן, דעם ייד. ווען זי האָט זיי אַנטזאָגט, האָט מען איר דערשאָסן אויפן אָרט מיטן קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר 7־8. דער מאַן איז אַנטלאָפן, אויסבאַהאַלטנדיק זיך מיט נאָך אַ פּאָר ציעכאַנאָוויעצער יינגע־לייט. אונטערוועלטניקעס, וועלכע האָבן דערשמעקט אַז ער האָט ביי זיך גאָלד, האָבן זיי אים באַ׳גנב׳עט ביזן לעצטן. פאַר צרות האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ ברונעם און זיך דערטרונקען.

ציעכאַנאָוויעץ האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר אַפּטייק־סקלאַדן. אין יענער תּקופה וואָס איך באַריר איז אַ אַפּטייק־סקלאַד געווען, כמעט, אַ נישט אָפיציעלער אַפּטייק. פלעגט באַזיצן אַלע פאַרמאַצעווטישע מיטלען און כעמיקאַלן ווי אויך אַ אַפּטייק, און כאָטש ס׳איז ניט דערלויבט געווען —פלעגן זיי בסתר אויך מאַכן רעצעפּטן פון דאָקטוירים, פעלדשערס און פאַרקויפן פאַטענטירטע, פאַרטיקע מעדיצינען. די אַפּטייק־סקלאַדן זענען ביי די אַפּטייי־קערס געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן, ווייל זיי האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גרויסע קאָנקורענץ.

קיין פּרנסה האָט ניט געפעלט פאַר קיינעם פון זיי. אין ציעכאַנאָוויעץ האָבן עקזיסטירט צוויי אַפּטייק־סקלאַדן. איינער פון זיי איז אַנטשטאַנען עטלעכע יאָר פאַרן צווייטן וועלט־קריג. דאָס איז געווען אַ שיין און מאָדערן אויסגעשטאַטעטער געשעפט, ממש אַ אַפּטייק. דער אינהאַבער — סענדיק — אַ קליינגעוויקסיקער מאַן פלעגט אין געשעפט אַרבעטן אַזוי פלינק און געשיקט, אַז ער פלעגט מאַכן דעם איינדרוק פון אַ פּאָקוסניק־קונצנמאַכער. געווען, אָבער, אַ גוטער פאַכמאַן און מיט זיך, באמת, פאָרגע־שטעלט אַ קאָנקורענץ פאַר די אָרטיקע אַפּטייקן. געהאַט האָט ער אַ הויכע, לאַנגע, פרוי און ער אַ קליינער פלעגט איר קוים דערגרייכן צום אַקסל. פלעגט מען אין שטעטל, ווען מ׳האָט זיי געזען צוזאַמען גיין שפּאַצירן, זאָגן : „דער קורצער פרייטאָג מיטן שבת הגדול".

סענדיק איז געווען פון די ערשטע קרבנות פון די נאַציס. ער האָט זיך גראָד געפונען אין ביאַליסטאָק, ווען די נאַציס האָבן אָקופּירט די שטאָט. זייער ערשטע אַרבעט איז געווען צו כאַפּן יידן אויף דער גאַס און אַריינטרייבן זיי אין דער גרויסער שול. צווישן זיי איז אויך געווען סענדיק. דערנאָך האָט מען די שול אַרומגעגאָסן מיט נאַפט און בענזין און אונטערגעצונדן. אויף די, דורך די פענסטער שפּרינגענדע, אַנטלויפנדע יידן האָט מען געשאָסן. אַזוי זענען אומגעקומען, בערך, 3 טויזנט יידן, צווישן זיי אויך סענדיק.

דער אַנדערער אַפּטייק־סקלאַד איז געווען פון אַ באַזונדער מין און כ׳וויל מיך אויף דעם ספּעציעל אָפּשטעלן. ער האָט עקזיסטירט אין ציעכאַנאָוויעץ פון לאַנגע יאָרן, נאָך פאַרן ערשטן וועלט־קריג.

דער אייגנטימער פון אָט דעם געשעפט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ טיפּ, וואָס ס׳לוינט זיך אויף אים צו פאַרהאַלטן, ווייל ער איז שוין צו יענער צייט אַ זעלטנהייט געווען. שטעלט אייך פאָר: אַ קרעמל פון אַ 9—10 קוואַדראַט־מעטער גרויס, מיט אַ איינגאַנג פון מאַרק־פּראָנט אויף „אַלט־שטאָט״, מיט אַ סך פּאָליצעס אויף וועלכע ס׳זענען אויסגעשטעלט פאַרשיידענע פלעשאַלעך, פושקעלאַך און סלאָיִקלאַך מיט לאַטייניש אויפשריפטן פון פאַרצייטישע ירקות, רומיאַנעק, מיענטע, סענעס־אָפּפיר בלעטלאַך, גאָרצ׳יצע און פיל אַנדערע; כעמיקאַלן פאַרשיידענע ווי טרינק־סאָדע, ביטער זאַלץ, ענגליש זאַלץ, ריצן־אייל, בענזין, קאַנדל־צוקער; פאַרשידענע טראָפּנס, טערמאָמעטערס, וואַרם־פלעשער, הייז פענכערס, באַנקעס, פלאַסטערס, וואַטע, גאַזע, באַנדאַזשן א. אַ. וו.

אין דער מיט אַ איינפאַכער הילצערנער טיש מיט אַ בענקל. אויפן טיש אין אַ זייט אַ גמרא, אָדער אַן אַנדער ספר מספרי הקודש. אין אַ צווייטער זייט איז געשטאַנען אַ וואָג צו וועגן רפואות. אויפן בענקל — אַ ייד אין די 60־ער מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען, מיט אַ ווייס־גרויער, לאַנגער באָרד, מיט אַ קאַפּל אויפן קאָפּ. און ווען מ׳פלעגט אַריינקומען קויפן — אויב ער איז ניט געווען פאַרנומען — פלעגט ער אַריינקוקן אין אַ ספר.

דאָס איז געווען ר׳ אברהם־יעקב שאַפּיראָ ז״ל. מיר זענען באַפריינדעט געווען אַלע יאָרן פון מיין זיין אין ציעכאַנאָוויעץ. דער אַפּטייק־סקלאַד, נישט געקוקט אויף די לאַטיינישע אויפשריפטן אויף די פלעשלאַך און סלאָיִקלאַך, האָט גיכער געמאַכט אַ רושם פון אַ באַקאַליי־קרעמל. קיין קונה פלעגט פון דאָרט נישט אַרויסגיין ליידיק. מ׳פלעגט זיך דינגען איבערן פרייז, וואָס פלעגט אַנגעבאָטן ווערן 2—3 פאַך און פלעגט פאַר יעדן פרייז פאַרקויפט ווערן. די קונים האָבן אַברהם־יאַנקלען שוין גוט געקענט און זיי, סיי יידן, סיי קריסטן, פלעגן לאַכן ווען זיי פלעגן באַצאָלן, אָבער דאָך צופרידן פון דאָרט אַרויסגיין.

ער פלעגט אויך מאַכן רעצעפּטן, נישט קאָמפּליצירטע, און פלעגט נישט נתפעל ווערן, אויב ס׳האָט אים וואָס עס איז אויסגעפעלט. ער פלעגט דעם קונה הייסן קומען אין

אַ שעה אַרום און דערווייל אַליין אַוועקלויפן צום דאָקטאָר אָדער פעלדשער, וועגן וועמענס רעצעפּט ס׳האָט זיך געהאַנדלט, און בעטן מ׳זאָל דעם פעלנדן מיטל פאַרבייטן מיט אַ אַנדער. מ׳פלעגט פאַר אים דרך־ארץ האָבן און אים צוליב טאָן.

רעצעפּטן, צוזאַמענגעשטעלטע פון טרוקענע, פּולווער־אַרטיקע מיטלען, פלעגט ער מישן און רייבן מיט אַ לעפל און ספּעציעל שיסעלע. מיר פלעגט ער זאָגן: „וואָס? איך שאָקל אַלע אַפּטייקערס אויס פונעם אַרבל".

אַ טייערער ייד געווען. ער האָט דערגרייכט צו אַ הויכן אַלטער און איז אומגעקומען דורך די נאַציס.

אין 1948 האָב איך באַזוכט ציעכאַנאָוויעץ און כ׳האָב געזען אַז דאָס גאַנצע מעדיצין־וועזן איז פאַרבליבן ביים גוישן דאָקטאָר אָלשעווסקי, וועלכער איז דאַן געווען דער איינציקער דאָקטאָר. די „אַלט־שטאָטישע" אַפּטייק איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון זיינעם אַ ברודער. די „ניי־שטאָטישע" איז ליקווידירט געוואָרן.

דאָס איז דער טרויעריקער סך־הכל און רעזולטאַט פון נאָך אַ קאַפּיטל ציעכאַנאָוויעץ.

ישעיהו לונדון
(נשר)

שריפות ומכבי־אש בציחנוביץ

מכבי האש היו ברובם יהודים ומיעוטם פראַבוסלאַבים. המפקד הכללי היה גוחוביץ׳, קצין המכס. מפקד־האש היה יצחק־ראובן לונדון. היו גם מפקדי כיתות, מובילי מים, מכבים ומעוררים.

האולם, בו התכנסו מכבי האש, נמצא בחצרו של מנדל רוזנבלום. חצר זו היתה משמשת גם מקום לתרגילים. המכונות עמדו במקום אחר — ב„הויפישער גאַס״. בשעת שריפה היו מסיעים את מכונות־הכיבוי בעזרת סוסים, שהיו מתירים אותם מהעגלות שנזדמנו באקראי, כי לא היו למכבי־האש סוסים משלהם.

ציחנוביץ היתה משופעת בשריפות. מדי פעם בפעם פרצה שריפת־זוטא, שהיתה מכלה באש כמה בתים בלבד, ומסורת היתה בעיירתנו, שמדי 28 שנה היתה פורצת שריפה „כללית״, שאכלה חלק גדול מהעיירה. שריפה אחת כינו בשם „חיים־פייוול שריפה״. האש אחזה בבית־החרושת לאריגים של חיים־פייבל והתפשטה על־פני חלק גדול של העיירה. אחרי השריפה הזאת באה על העיירה „מאַלטשער שריפה״. בבית מאלטשער התלקח הפיח בארובה, שגרם לשריפה גדולה.

שריפה גדולה פרצה בשנת 1912. כפי שהתלחשו ביניהם יודעי „חן״, קימו הבעלים מצוות „בורא מאורי האש״... שריפה זו פרצה בבית־החרושת לאריגים של הגרמני פריימארק.

ביום ראשון אחד, כשמר פריימאַרק היה בביאַליסטוק, הבחינו באש גדולה היוצאת מבית־החרושת, שהיה סגור על כל מנעוליו. החצר היתה מלאה עצים, ששימשו חומר־שריפה להנעת המכונות, והאש אחזה גם בהם. רחפה סכנה גדולה, שדוד־הקיטור יתפוצץ מרוב החום, משום שהיה סגור על כל אביזריו. לא היתה שום אפשרות להיכנס לחדר־הדוודים, כי הכל היה סגור ומסוגר. אז ביצע מפקד־האש יצחק־ראובן לונדון מעשה גבורה נועז: הוא קדח חור בגג בית־החרושת והשתלשל דרכו בחבל לחדר הדוודים. ברגע האחרון, ממש, הצליח לפתוח את שסתומי־הדוודים ושיחרר מהם את האדים. בכך מנע התפוצצותם, שמהדף האויר עלולים היו להגרם אסונות כבדים. בעד מעשה־גבורה זה קיבל לונדון אות־הצטינות מאת הממשלה הרוסית.

מלבד התפקיד הישיר של כיבוי שריפות, היה למכבי־האש יעוד חשוב נוסף: היה זה, בעצם, ארגון ההגנה היהודית בעיירתנו. ולכן, הקפידו מאוד בקבלת חבר חדש ורק לאחר חקירות מדוקדקות ומפורטות זכה להיספח לחבורה זו.

מכבי־האש מילאו תפקיד־הגנה חשוב בתקופת המעבר שבין השלטון הגרמני למשטר הפולני בעיירתנו. היתה זו שעת בין „מלכא למלכא". לא היה בעצם שלטון בעיירה, וכל מיני קבוצות של אנשים אלימים בקשו להשתלט על התושבים. אז נכנסו מכבי־האש לפעולה. הם התארגנו בצורת משטרה מקומית ועמדו על משמר הגנת חיי היהודים. הגויים התכוננו לערוך טבח ביהודים והכריזו בפומבי: „הלילה נאכל בשר", דהינו, נשחוט את היהודים. מדי לילה בלילה עמדו מכבי האש על משמרתם, דרוכים ומתוחים לקבל פני כל פורע ומתנכל.

יום הולדת הקיסר היה יום גנוסיא בחיי מכבי־האש. באותו יום התאספו מכבי־האש למיסדר, כולם מצוחצחים, כשכובעי הנחושת המבריקים לראשיהם וצעדו בסך לעבר ה„צרקווה" (הכנסיה הפראַבוסלבית). המפקד הרוסי נכנס לתפילה וכולם עמדו וחיכו עד לסיום תפילתו. אחר־כך ניגנה התזמורת, בניצוחו של מר משה קוטיק, את ההמנון הרוסי ופנו בצעדה דרך העיירה אל אולם מכבי־האש שבבית רוזנבלום, שם היתה מוכנה סעודה כיד המלך ושתיה כדת.

באותה סעודה הופיעו חניכי „בית־הספר העממי הרוסי" בדקלומים והקראות, ולפעמים הביאו אתם גם פנס־קסם.


לאחר הסעודה הסתדרו שוב במיסדר ויצאו היערה. שם בילו עד שעות־הערב. יום זה היה יום חג לעיירה כולה. מחנות של נוער סקרני היו מלווים את מכבי־האש בצעדם והתפעלו מכובעי־הנחושת המבריקים ומבגדי־השרד.



מכבי־האש אחרי מלחמת־העולם הראשונה — די פייער־לעשער נאָך דער ערשטער וועלט־קריג

The Fire-Brigade after World War One

1) חיים רוזנברג. 2) זרז׳צקי (בעלה של המילדת ליודזיה). 3) פשיבילובסקי (אחיה של ליודזיה) 4) יצחק שפירא. 5) יוסף שווידר. 6) פנחס זולונדז׳ (אביה של שרה תנא). 7) מאיר רודק (מ„ניי־שטאָט“). 8) המורה אדולף קושמירק. 9) שמואל שעפס. 10) יצחק־נחום בולנדר. 11) 12) דוד פקצ׳רז׳



ועד בעלי־המלאכה **דער קאָמיטעט פון האַנדווערקער פאַראיין**

The Committee of the Artisans

שורה ראשונה (מלמעלה למטה) מימין לשמאל: 1) **יוסף שלכטר.** 2) **יעקב** 3) 4) 5) **משה ילין.** 6) **יעקב דראפטשיק**

שורה שניה: 1) **פנחס זולונדז׳.** 2) **חיים רוזנברג.** 3) **אפרים אוקרונגלי.** 4) **יצחק שפירא.** 5) **פייבל מנדלסברג**

שורה שלישית: 1) **אייזיק קוזק.** 2) 3) **סנדר זשולף.** 4)

התנועה הציונית
תנועות-הנוער
ומפלגות

יצחק שטיינבערג ז״ל

דער אנפאנג פון ציוניזם אין ציעכאנאוויעץ

אין ציעכאַנאָוויעץ האָט דער ציוניזם אַרויסגעשפּראָצט פריער ווי אין אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין אונזער געגנט. דאָס איז געווען אַ דאַנק שאול־סעוועריץ סוראַוויטש.

ווען ד״ר הערצל האָט גענומען שאַפן דעם ציוניזם האָט זיך סוראַוויטש אַנגע־כאַפּט אין דעם מיטן גאַנצן גייסט און ברען. ער האָט געזאָגט, אַז ער קען דעם ד״ר הערצל און ער איז זיכער, אַז קיין פוסטע זאַך גייט ער ניט שאַפן: ער גייט שאַפן צוריק פאַרן יידישן פאָלק זיין שוין טויזנט־יעריקע פאַרלאָזענע היים, און דערפאַר דאַרפן אַלע יידן אים העלפן.

דער צווייטער, וואָס איז גלייך צוגעשטאַנען צו סוראַוויטשן איז געווען יצחק האָפמאַן (אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן יצחק חיים־פּייוועלס). ער איז געווען אַ ישיבה־בחור, אָבער ער האָט דערנאָך דערוואָרבן מיט זיינע אייגענע כוחות עטלעכע שפּראַכן. נאָך דער חתונה איז ער אַוועק קיין אַפריקע און איז דאָרט געווען גאַנצע צען יאָר. ער האָט זיך אויסגעלערנט גוט ענגליש און פראַנצויזיש.

קומענדיק צוריק קיין ציעכאַנאָוויעץ, איז ער באַ׳חבר׳ט געוואָרן מיט סוראַוויטשן, און איז געוואָרן אַ ציוניסט בלב ובנפש. נאָך זיי זענען שוין נאָכגעגאַנגען פיל אַנדערע, כמעט אַלע יונגע לייט, ווי איצע־ראובן לאַנדאַן, חיים מייזלער, און אויך אַנדערע, אויסער די חסידים, וואָס זייער לאָזונג איז געווען „אם ה׳ לא יבנה בית, שוא עמלו בוניו בו״. זיי זענען געווען געגנערס פונעם ציוניזם און האָבן געשטערט מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקענט.

צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס וואָס איז פאָרגעקומען אין באַזעל אין יאָר 1897 זענען פון ציעכאַנאָוויעץ געפאָרן צוויי דעלעגאַטן — סוראַוויטש און יצחק האָפמאַן. זיי זענען געפאָרן אויף אייגענע הוצאות.

ווען זיי זענען צוריקגעקומען, זענען מיר, אַלע יונגע לייט און אַנהענגער פונעם ציוניזם געלאָפן צו יצחק האָפמאַן אים פרעגן, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען? האָט ער אַרויסגענומען פון זיין שראַנק אַ פאַרוויקלטע מגילה פון 16 בויגן פּאַפיר, וואָס ער אַליין האָט דאָרטן אַלעס באַשריבן אין די דריי טעג פונעם קאָנגרעס. מיר האָבן אַלע דאָס איבערגעלייענט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, פשוט געשלונגען יעדעס וואָרט. אָבער ס׳האָבן זיך באַלד געפונען סקעפּטיקער, וואָס האָבן געפרעגט: וואָס קומט פון דעם אַרויס, אַז מיר

האָבן דאָס נאָר אין געדאַנק? סוראַוויטש האָט גלייך געענטפערט, אַז אַלע גרויסע זאַכן וואָס מ'וויל שאַפן — מוז מען פריער דענקען וועגן דעם, ד. ה. „סוף מעשה במחשבה תחילה".

ביים אָנפאַנג פונעם ציוניזם אין אונזער שטעטל זענען געווען סתם ציוניסטן, אָן קיינע פּאַרטייען. מיט דער צייט זענען געשאַפן געוואָרן פאַרשידענע פּאַרטייען ווי: „המזרחי", „התאחדות" און „פועלי־ציון". קיין ספּעציעלן ציוניסטישן לאָקאַל האָבן מיר דאַן נאָך ניט געהאַט. אין די אָוונטן פלעגן מיר זיך צוזאַמענקלייבן צו חיים מייזלער אין קראָם.

מייזלער האָט געהאַט אַ פאַרטרעטונג פון אַ גרויסער רוסישער טאַבאַק־פאַבריק. ער איז געווען זייער אַ הייסער ציוניסט. אויך זיין פרוי, רבקה מייזלער, אַ אינטעליגענטע און אַ קלוגע פרוי, איז געווען אַ ציוניסטן בלב ונפש. זי פלעגט אָנטייל־נעמען אין אונזערע ציוניסטישע געשפּרעכן, און ניט איין מאָל האָט זי קלוג פאַרענטפערט גאַנץ ערנסטע פראַגען.

אַזוי איז געבוי־ין געוואָרן די ציוניסטישע באַוועגונג אין ציעכאַנאָוויעץ.

מ ר ד כ י ב כ ר ך
(תל־אביב)

ראשיתה של התנועה הציונית בעיירתנו

עיירתנו היתה קשורה מאז ומתמיד בארץ־ישראל. בסוף המאה ה־19 עלו ארצה, לעת זקנה, אחדים מיהודי ציחנוביץ. היה אצלנו רצען אחד („נח דער רימאַרזש") שעלה ארצה לבקר אצל הוריו. ישב שם חדשים מספר ובשובו הביא למכירה חפצים שונים



מראשוני הציונים בציחנוביץ
(1910)

פון די ערשטע ציוניסטן אין ציעכאַנאָוויעץ (1910)

The First Zionists in Ciechanovietz (1910)

עומדים מימין לשמאל:
1) זליג שוטלנדר. 2) אברהם קוזובסקי
יושבים מימין לשמאל:
1) המורה משה־דוד הלר.
2) צבי מתיסון (ניעוויאַדומי)

מתוצרת הארץ. ועוד אחד, בשם ר׳ אברהם, ישב בארץ־ישראל ופקד כמה פעמים את עיירתנו. בפעם האחרונה הגיע מהארץ בשנת תרל״ז (1877) והביא אתו כוס מאבן שחומה, בה היו חרוטים המקומות הקדושים.

לא עמדתי ליד עריסת התנועה הציונית בעיירתנו. מכתבה ב„המליץ״ אנו למדים, שהתנועה הציונית בציחנוביץ היתה עממית כבר מראשיתה. ב„המליץ״ משנת 1898 (מספר 175) אנו קוראים:

„מציחנוביץ מודיעים, כי בהשתדלות ה׳ מ. י. בראינסקי וה׳ י. האָפמאַן נוסדה שם אגודה ציונית מכל מפלגות העיר — חסידים ומשכילים, חרדים וחפשים, צעירים וישישים, ויותר ממאתיים איש נתנו ידם וכספם לציון. וביום ג׳ לסדר „ראה״ היתה שם אספה שניה בבית־הרב, וה׳ שאול־יצחק סוראוויץ נבחר לציר שלוח משם אל הקונגרס בבאַזל״.

סוראוויץ היה מהתומכים הנלהבים בהרצל. בהשפעתו הפך ליהודי לאומי מסור בלבו ונפשו לתנועה הציונית. הוא היה מהתורמים היותר גדולים למוסדות הציוניים. כאשר נוסד ה„קולוניאַל־בנק״ בלונדון, חזר על הפתחים עם סגנו ד״ר וולף למכור מניות הבנק. מחיר המניה היה עשרה רובל. הוא עצמו קנה עשרים מניות ועלה בידו למכור בציחנוביץ מאתיים מניות. סוראוויץ היה איש עממי וחביב. התידד מאוד עם יהודי עיירתנו ותרם ביד נדיבה לכל מוסדות הצדקה.

הזֵכֶר הראשון מהציונות שבעיירתנו שמור בלבי מיום מות ד״ר הרצל. זכור לי, שאבל כבד השתרר ברחוב בו גרנו וכן בעיירה כולה. מצב הרוח דמה לזה שב„תשעה באב״.

הקשר לארץ־ישראל של יהודי עיירתנו היה עמוק. הוא התבטא בכך, שלאחר סיוד או צביעת הבית היו משאירים פס שחור לשם „זכר לחורבן״. וכן היו כמה בתים, שבשבת דיבר אבי המשפחה עברית בלבד, עתים מגומגמת ובלולה בשפות אחרות.

עד כמה שזכור לי, לא היה שום ארגון ציוני גלוי בעיירתנו עד שנת 1913, כי הציונות היתה אסורה בתקופת הצאר. אולם, מתי־מעט התחילו להתאסף ולהגות בחשאי ברעיון הציוני. הארי שבחבורה זו היה משה־דוד הלר. בביתו היו מתאספים, לעתים קרובות, המסורים לעבודה הציונית ולשפה העברית. היו מתווכחים על כל שיר חדש של ביאַליק ושניאור, שהתחילו אז להתפרסם בקבצים שונים. המארח משה־דוד, שחמטאי מובהק היה והיו מבלים שעות רבות מלאות עונג במשחק השח ובשיחות על הספרות העברית הצעירה.

בשנת 1914, ואני אז בן 14, עמדתי בקשרים עם בית־הספר החקלאי במקוה־ישראל. כאשר גיליתי את הדבר למשה־דוד הלר — נתן לי לקריאה את „מכאן ומכאן״ לברנר ואמר לי, שאם אחרי קריאת הספר הזה אחזיק בדעתי לעלות ארצה — אז מותר לי לעלות.

לפעולה הציונית נרתמו גם המורים לוס (מורה ב„בית הספר המתוקן״), משה־פליק הלר וסטודנט שלמד באודיסה והיה חוזר לעיירה לימי החגים. היו מתאספים



אספת חברי „צעירי־ציון" בשלהי מלחמת־העולם הראשונה — אַ פאַרזאַמלונג פון די „צעירי־ציון" חברים אין ענדע פון דער ערשטער וועלט־קריג

A Meeting of Members of „Zeirei-Zion" at the Fall of World War One

עומדים מימין לשמאל: 1) חיים רוזן. 2) דודתו של בן־ציון נבוזשני. 3) אחותו של נבוזשני. 4) חלאוונע לונדון. 5) בלומה גז'יביעניעץ 6) בן־ציון נבוזשני. 7) מאַשה החנוכית. 8) חיה קאַגאַן. 9) זיסל רוזן. 10) 11) 12) סימה רייגרודסקי. 13) משה־יעקב גלפנד

יושבים מימין לשמאל: 1) ישראל קאַלאַמאַז'. 2) יואל ליכטנברג. 3) 4) חיים רוזנברג. 5) יהושע רוגובסקי

בדירת חיים רוזנברג (סוחר פרוות ידוע בעיירתנו) ושם היו מתוכחים ומחליטים על כל מיני פעולות ציוניות, כגון, איסוף כספים, מכירת שקלים, סידור נשפים לטובת הקק״ל וכו׳.

איסוף הכספים נעשה בתנאי מחתרת, והעוסקים בו היו צפויים לעונש מאסר. זכורני, שבאחת הפעולות הללו, כאשר נשלחו זוגות ילדים וילדות עם קופסאות קק״ל לשם איסוף כספים בבתים, נתפסו ע״י ה„אורדניק״ (ראש־המשטרה). בעמל רב ובמתן דמי „לא יחרץ״ הוחלפה הקופסה לקופסת צדקה לעניי העיירה והענין טושטש.

לחגים היה מזדמן אלינו בן עיירתנו יעקב קפלנסקי, ששנים רבות הורה בבית־ספר בצ׳נסטוחוב. קפלנסקי היה קנאי גדול לשפה העברית ולא הוציא מפיו מלה אחת לועזית. הוא העדיף דיבור מגומגם בעברית על דיבור רהוט בלועזית.

ביקורו של קפלנסקי הפך למאורע חשוב בחיי כל מתפללי בית־המדרש בו התפלל וכן לכל אלה, שהיו קרובים לציונות ולשפה העברית, כי הוא הפיח רוח־חיים בלב־הציונים; בשהותו בבית־המדרש היה בוחן את כל הצעירים והילדים שבקרבתו ושאל אותם לפשר המלים של התפילות והפיוטים ולכתיב המלים הקשות שבתנ״ך.

העולה הציוני הראשון היה הש״ץ והשו״ב רב דוד קאמין, שחיבר ספר בהלכות שחיטה בשם „בית דוד״. בשנת 1907 עלה ארצה לשלושה חדשים, כדי לתור אותה ולראות אם יוכל להתפרנס בה. בשובו התפטר ממשרתו, לקח את אשתו ואת בתו המאומצת ועלה, על־מנת להשתקע, בשנת 1912 (או 1913).

בשנת 1921 מצאתיו במחנה־יהודה שבירושלים. הוא נשאר ציוני נלהב כפי שהיה ועודדני להתגיס למשטרה, שנוסדה מיד אחרי המאורעות בירושלים באותם הימים.

חנה וֶבמן (קוזובסקי)
(נהלל)

המפרשים שהביאו את ספינתנו ארצה

(העליה השניה על רקע עיירתנו ציחנוביץ)

לא על נחשולים אדירים, השוטפים בגאותם וסוחפים בשטפם את כל הנפגש בדרכם, נישאה ספינת העליה השניה.

היתה זו תנועת מעמקים של יחידים, בודדים, מתי־מספר של חולמים ולוחמים, שלא איבדו את אמונתם בימי אכזבה ויאוש, שלא בגדו ביעודם בימי מסה ומריבה, ועיניהם לא סונורו מאורות הלפידים של „משחררי" עולם.

בודדים היו בצאתם לדרך. כל אחד ואחד עם נר־אלוהים בלבבו יצא לבקש את כוכבו, כל אחד בשבילו המיוחד, כל אחד בניבו.

משכבות שונות, מזרמים שונים התלקטו החולמים. בנסיבות שונות, בתנאים שונים גמלה הכרתם. והגורמים שעוררום והניעום לקראת יעודם שונים היו, הכל לפי הסביבה והאוירה שבהן נולדו וחונכו. והרוצה להתחקות על שרשי התנועה הזאת ולהבין לרוחה, עליו לפנות לקורות חייהם של היחידים האלה.

באותם הימים הפליגה גם אניתי בה חתרתי ברעדה לקראת עתידי הרחוק והנעלם. מאחורי מנמנמת עיירתי בין יערות ונחלים וחולמת את חלומותיה, מי על תשועת עולמים באחרית הימים, בהתנער עם חלכה ועולם חדש יקום; מי על משיח בן־דוד עם חמורו הלבן, בתקוע השופר להיות מוכן; מי על חלקו בעולם־הבא, על היין המשומר, על שור־הבר והלוויתן, ומי על איכרי הכפר ישליך יהבו, על רוב דגן ויצהר, וכולם כאחד מייחלים ומצפים באפס־מעשה וברוב תקוה.

מאחורי: נוף־מכורתי, נאות ילדותי, חברת נעורי ובית הורי. ומלפני: ים סוער בהמון גלים, המלחך אי־שם ארץ חולות והרים. אך לא הרפתקת־נעורים ואהבת נדודים הוציאוני ממחוז ילדותי, מבית הורי החמים, וטלטלוני מקצה עולם עד קצהו. לא סערת הרוחות שהסעירו לבבות בימים ההם היפרו את נפשי ודחפוני לנדודים, אלא התפילה החרישית והבכי העצור בלילות, בערוך אבי „תיקון חצות" בזכרו את ציון ביום חג וביום צום: „אזכרה אלוהים ואהמיה, בראותי כל עיר על תלה בנויה, ועיר אלהים מושפלת עד שאול תחתיה", הוגה אבי נכאים בדוי יגונו, וקולו מרעיד את מיתרי לבבי. אז ידעתי, כי לא רק עיר אלהים, אלא כל עולמנו מושפל עד שאול תחתיה, ושלות נפשי נדדה.

בשעות הפנאי, בחזור אבי מעבודת יומו, היה קובע עתים לתורה, ואנוכי יושבת ושומעת את תלמודו וקולטת את צליל נגונו. ואבי, תלמיד־חכם וירא־שמים, המדקדק

בקלות כבחמורות ויודע כי „כל המלמד את בתו תורה כאלו מלמדה תיפלות". בראותו אותי בכך, לא עמד בנסיון ולמדני תורה ואגדה, והיה משתפני גם בסוגית גמרא. בערבים, בחזרו מבית־המדרש, היה מתחיל במשנתו ואני שוכבת ושומעת, והיה בראותו שאיני ישנה, היה קורא: בואי חנה ותקשיבי. ואני הייתי מקשיבה ברטט קודש ובלב פועם ל„דף גמרא".

אחי, כמובן, למד ב„ישיבה" ועשה לילות כימים בתורה. ואני, כמה קנאתי בו אז, בבוקר, בערכו את תפילתו ליוצר העולם. בהגיעו ל„ברוך שעשני כרצונו" הייתי קובלת: אילולא עשיתני כרצונך, הייתי גם אני לומדת בישיבה עם אחי, כרצוני.

בהמשך הזמן התחלתי לקרוא בספרות העברית החדשה בחשאי, כמובן, כי הסופרים העברים היו חשודים על כפירה ומינות. שרויה הייתי בפחד תמידי, שמא יפסיק אבי את שעורי אצל המורה, שלימדני בין השאר גם עברית. וכאשר הגיע לעיירתנו ספר השירים של ביאליק, השאובים מתוך צער האומה ויגונה, ומתקות העם וחזונו, נבקעה תהום נפשי ומעין רוחי נפתח, וכפרץ מים רבים פרצו כיסופי הטמירים. ובכל להט הנעורים את שבועתי אז נשבעתי: „אם אשכחך ירושלים"...

איסר סמוליר
(ארצות־הברית)

מגביות ל׳מען הקק״ל׳ בשנת תרע״ג (1913)

א) מגבית יום הכפורים

בכל שנה ושנה הדפיס הועד האודיסאי, שמנחם אוסישקין ז״ל עמד בראשו, ספר חשבון התרומות לקק״ל בערים שונות בכל ארץ רוסיה מקערות ערב יום־הכיפורים. בראש ספר החשבון היו שמות הערים על־פי א״ב, שהשתתפו בתרומות אלו, ובצד שם כל עיר היה סך־הכל של התרומות שנאספו בעיר הזאת, ואחר־כך באה רשימה מפורטת של כל עיר ועיר על־פי א״ב שמות העוסקים במגבית זו, שמות בתי־המדרש והמנינים ושמו הפרטי של כל תורם 20 קופיקות ויותר. (כל תרומה שהיתה פחות מ־20 קופיקות נכללה בתרומות הקטנות).

כאלף ומאתיים ערים ועיירות בכל ארץ רוסיה השתתפו בעבודה הקדושה למען הקק״ל. בה בשנה שיהודי ציחנוביץ תרמו בערב יום־הכפורים למען קק״ל 32 רובל ו־14 קופיקות — הגיע הסך־הכל של כל ערי רוסיה ועיירותיה לסך 25,064 רובל ו־33 קופיקות.

הועד האודיסאי שלח אחרי ימי־החגים את ספרי החשבון אל כל אחד שהשתתף במגבית זו. אף אני קבלתי ספר כזה מדי שנה בשנה. באופן כזה נקבצו אצלי הספרים הללו עד שנת תרע״ד, שאז פרצה מלחמת העולם הראשונה.

הועד האודיסאי חלף ועבר מן העולם, וכאשר בא הקץ למלחמה זו עברה לשכת הקק״ל, יחד עם אוסישקין ז״ל, בשנת 1919 לירושלים.

עזבתי את פולין בשנת 1927. אחרי שנים אחדות, כאשר הבאתי את משפחתי לארצות־הברית, הביאו גם את ספרי ובין הטפסים מצאתי שני ספרי קק״ל. האחד היה פגום וקשה היה לי לפענח לאיזו שנה הוא מתיחס, ואילו השני היה שלם והוא משנת תרע״ג (1913).

ב) מגבית פורים „לתקנתה של ירושלים"

תרומות אלו ניגבו במגבית פורים, בניגוד לשנים הקודמות, בהן התקימה המגבית רק פעם אחת בשנה, בערב יום הכפורים. בשנה זו הכריז אוסישקין בפעם הראשונה על מגבית פורים ל„תקנתה של ירושלים" — לתת גאולה לאדמת ירושלים ולקדשיה, עבודה ומחיה לבניה. אוכלוסי ישראל נענו לקריאתו. באלף ומאה ערים ועיירות השתתפו כמאה וחמשים אלף תורמים, וסכום התרומות הגיע ל־22,695 רובל ו־90 קופיקות.

בזה אני נותן פרוט שמות המשתתפים בעיירתנו במגבית זו:

	קופיקות	רובל
ד"ר יצחק לויטן	—	3
ד"ר א. קלעשצ'לסקי	—	1
שמחה קונופיאטי	—	3
לייב שוטלנדר	—	3
ש. ש. טבק	—	2
מ. א. ביאלוסטוצקי	—	2
מ. ישונסקי	—	2
יואל קונופיאטי	—	2
א. קונופיאטי	—	2
גרשון דינקין	—	2
יצחק דינקין	—	2
מיכאל קאלאמאז'ש	—	2
יצחק מילשטיין	—	2
לייב מילשטיין	—	2
זליג מידלר	—	2
לייב ינובסקי	50	1
יעקב באטשקי	50	1
צבי קפלן	—	1
ס. א. באטשקי	—	1
בן־ציון גולומב	—	1
משה רוזן	—	1
יעקב פינקלשטיין	—	1
משה־דוד הלר	—	1
א. פומרנץ	—	1
השו"ב דוד קאמין	50	—
ש. קפלנסקי	50	—
יעקב סמוליאר	50	—
משה־פאליק הלר	50	—
א. פרנסקי	50	—
אברהם פינקלשטיין	50	—
י. קאלאמאז'ש	50	—
מ. באטשקה	50	—

	קופיקות	רובל
שלמה פינקלשטיין	50	—
פייביל קונופיאטי	50	—
יוסף סמיטיצקי	30	—
יצחק יתום	30	—
פנחס מגדל	30	—
מ. בריינסקי	25	—
ראובן ליובוביץ	25	—
נטע ריבק	25	—
שלום קורח	25	—
דב הלר	25	—
דוד זינדלזון	25	—
א. בריינסקי	25	—
יוסף וויינבוים	25	—
יוסף שווידר	25	—
מ. מ. דיננזון	25	—
ניסן קשעמיען	25	—
פישל גולדשטיין	25	—
געציל הלר	25	—
משה דובז'ינסקי	20	—
אברהם פקצ'ר	20	—
נפתלי וויאדרה	20	—
יונה הלר	20	—
ד. זבלודובסקי	20	—
אפרים בלומברג	20	—
ישראל־דוד איזראעליט	20	—
א. מ. דייטש	20	—
א. וויאַדרע	20	—
יעקב ווינר	20	—
א. סובאוויץ	20	—
אלתר בורשטיין	20	—
יואל יעלין	20	—
דבורה טבק	20	—

	קופיקות	רובל
מתתיהו שצ׳יגל	20	—
זאב קפלן	20	—
יצחק ווינר	20	—
פייביל פרנסקי	20	—
מ. ד. קאזאן	20	—
משה שטיינברג	20	—
זאב מגדל	20	—
לייבל קוקס	20	—
ח. צ. רוזנברג	—	1
יואל ליכטנברג	20	—
ד״ר ב. לווין	50	—
גדליה טבק	50	—
מ. י. קוזק	50	—
יעקב זילברברג	50	—
חיים רובינשטיין	50	—
יוסף קלינה	50	—
י. צ. שטיין	40	—
אלתר סוקנה	40	—
גרשון בידער	30	—
י. בלומרוזן	30	—
פ. רוגוז׳יק	30	—
איסר סלובצ׳יק	30	—
יצחק כהן	30	—
מ. ד. מלבסקי	25	—
יוסף דובנר	25	—
צבי קוקס	25	—
חייקל ספירשטיין	20	—
א. פלכוביץ	20	—
חיים ווילקנסקי	20	—
יעקב וויינשטיין	50	—
סנדר	25	—
לייב דנובסקי	20	—
משה זגודני	20	—

	קופיקות	רובל
משה וויינברג	20	—
יחזקאל בלוטמן	20	—
יוסף פסטרנק	20	—
אליהו קונופיאטי	20	—
יוסף שלכטר	20	—
דב בריינסקי	20	—
מיכאל יתום	20	—
זליג רוזנבוים	20	—
משה שוסטר	20	—
גנענדיל רטנר	20	—
פריידה סמיטיצקי	20	—
משה מייזלר	20	—
יוסף פוליק	20	—
משה קוטיק	20	—
נ. פ. ווערבעלניק	20	—
שלמה שצ׳יגל	20	—
זליג שוטלנדר	—	1
יוסף וולף	50	—
אליהו בלום	50	—
זינא אורליאנסקי	50	—
יוסף רוזנבלום	25	—
ליזה רוזנבלום	25	—
ש. ז. רוזנבלום	20	—
צבי יסקולקי	20	—
שמואל שור	20	—
לייב כהן	20	—
אברהם טיקוצקי	20	—
דב כץ	20	—
פ. ויסוצקי	20	—
שמואל יסקולקי	20	—
מיכאל רוזנבלום	20	—
לייב מלבסקי	20	—
דב שטרן	20	—

	קופיקות	רובל
ציפה קלינה	20	—
יצחק ילין	20	—
שבתי קפלנסקי	40	—
ז. מלבסקי	20	—
ח. מדובניק	20	—
יצחק שפירא	20	—
מ. טיקוצקי	20	—
ד. בריינסקי	20	—
ט. איזראעליט	20	—
ז. כהן	20	—
ש. קאלאמאַז׳ש	20	—
ב. קפלנסקי	20	—
ח. קפלנסקי	20	—
תלמידי מ. ד. הלר	70	—
גרשון דינקין	30	—
ב. שפירא	27	—
מ. גלר	50	—
ב. פיינשטיין	20	—
פישל גולדשטיין	20	—
בן־ציון נאבוזשני	25	—
אברהם זאביעלא	20	—
פנחס שטיינברג	50	—
לייב רוזן	50	—
אברהם פינקלשטיין	50	—
פישל רוזן	27	—
מיכאל יתום	20	—
יצחק גראדקי	20	—
משה ווינברג	20	—
יששכר סקראנדע	20	—
שלמה שפס	20	—
רייזל ברמסון	20	—
ש. ש. טבק	50	—
משה ברנשטיין	50	—

	קופיקות	רובל
יודל קאלאמאז׳ש	30	—
ישראל כהן	30	—
שמואל וולף	25	—
יוסף וולף	25	—
אלתר שטרן	25	—
בייניש לונדון	25	—
אליעזר קונופיאטי	25	—
ניסן קשעמיען	25	—
נפתלי יבקובסקי	25	—
יעקב לעווין	20	—
נטע רובינס	20	—
שלמה רוזנבלום	20	—
דב בורשטיין	20	—
משה סולומונוביץ	20	—
נ. קפלנסקי	20	—
משה וולף	20	—
אברהם סוקנע	20	—
ניסן באראקס	20	—
גולדברג	25	—
ביהמ״ד החדש ע״י לייב כהן ומשה־דוד הלר	50	—
ביהמ״ד של ווינשטוק ע״י אליעזר פרנסקי	40	—
יעקב זילברברג	50	—
אליהו בלום	20	—
בן־ציון גולומב	20	—
סנדר פלונסקי	20	—
שאול טייטל	20	—
צבי זילברברג	20	—
יצחק כהן	20	—
יעקב ירמוס	25	—
דב רוסוחצקי	25	—
ב. שור	20	—

	קופיקות	רובל		קופיקות	רובל
שמואל שולמן	20	—	אלתר ווינוביטש	20	—
דוד רידלביטש	20	—	סנדר זאלץ	20	—
פנחס ווינוביטש	20	—	משה סקורניק	20	—
משה חיט	20	—	מיכצע גולומב	27	—
יואל זלוטוגורה	20	—	לייב דנוביץ	20	—
ישראל פטאשניק	20	—	היה וורונה	20	—

במגבית זו הגיעה ציחנוביץ לשיא בהשוואה לעיירות הסמוכות לה, כפי שמסתבר מהסכומים שנאספו.

בציחנוביץ נאספו:	77,80	רובל
בלומז׳ה "	76,43	"
בביעלסק "	35,13	"
בסמיאטיטש "	15,00	"
בזמברובה "	19,95	"

לפי זה רואים אנו, שציחנוביץ עלתה בתרומותיה על לומז׳ה ברובל אחד ו־37 קופיקות; על סמיאטיטש עלתה יותר מחמש פעמים; על ביעלסק עלתה יותר מכפליים.

תהילה אשלגי (זילברברג)
(כפר ויתקין)

קק״ל בציחנוביץ אחרי הצהרת בלפור

עם הכרזת הצהרת בלפור החלה התעוררות גדולה ביהדות פולין, שגליה הגיעו גם לעיירתנו. כמבשרי המאורע ההיסטורי הגדול הזה הופיעו בציחנוביץ שני שליחים — שמואל זילברברג ומרדכי יפה (אחיה של גולדה זילברברג) ונשאו מידברותיהם באספת־עם גדולה, שסודרה בבית־הכנסת ד״ניי־שטאָט״. התאסף קהל רב, לרבות חולים שבקושי עמדו על רגליהם. ההתלהבות היתה עצומה. הם היטיבו להסביר, שימות־המשיח ממשמשים ובאים וחזון־דורות הולך ומתגשם.

בזמן ההוא הופיע שליח מטעם הקק״ל, יהודי ממוצא קוזקי, בעל הדרת־פנים. הוא דיבר עברית בהברה ספרדית ולא ידע שום שפה אחרת. סבורים היו, שהוא מבני־משה שמעבר לנהר סמבטיון. חזותו ה״משיחית״ חיממה את הלבבות ומיד נערכה מגבית של תכשיטי זהב, כסף וטבעות־קידושין — שארית התכשיטים שנשארה בידי היהודים, לאחר שהעיירה נשדדה ונשרפה במלחמת העולם הראשונה. השליח יצא מציחנוביץ ברכוש גדול — שני שקים גדושים ומלאים תכשיטים שונים.

השליח הספרדי הזה העמיק את התודעה הציונית בקרב יהודי עיירתנו, כי מראהו הבלתי־רגיל שימש אות מבשר לתחיתנו הלאומית. מכאן, מסתברת האהדה הגדולה לקק״ל.



ועדת הקק״ל בשנת תרצ״ב (1931)

דער קק״ל קאָמיטעט אין יאָר 1931

The Keren-Kayemet Leisrael Committee in 1931

עומדים מימין לשמאל:
1) מרדכי־דב זילברברג. 2) יוכבד ליכטנברג. 3) מרדכי הלר

יושבים מימין לשמאל:
1) חנה אברמסון. 2) מורשה הקק״ל יהושע רוגובסקי. 3) נעמי רוזן

גם נשים זקנות, שבדרך כלל לא תפסו את משמעות המהפכה הגדולה שבציונות המדינית — אף הן היו נוהגות לתרום לקק״ל לפני הדלקת הנרות.

החל משנת 1925, בערך, התנהלה הפעולה למען קק״ל באמצעות הקופסאות. הנוער עסק בחלוקתן בבתים. כמעט ולא היה בית בעיירתנו שהקופסה לא קישטה את הקיר. רבים מאוד תלו על־ידה את תמונת ד״ר הרצל ומפת ארץ־ישראל. בכך נוצרה, מעין, פינה ציונית בבית. אחת בחודש התקיים „יום הרקה״. באותו יום היה הנוער מבקר בבתים ומריק את הקופסאות.

ילדי בית־הספר העברי היו פעילים מאוד באיסוף הכספים לטובת קק״ל. בכ׳ בתמוז חילקו תמונות הרצל, שתמורתן היתה קודש לקק״ל, ובל״ג בעומר הפיצו פרח כחול־לבן. לילדים היו פנקסים, בהם הדביקו בולי קק״ל במחירים שונים. ואלה, שהצטיינו באיסוף הבולים, קיבלו מההנהלה הראשית תעודת־הצטיינות.



עדת הקק״ל בשנת 1936 ב„ניי־שטאָט״   קק״ל קאָמיטעט אין יאָר 1936 — „ניי־שטאָט״

The Keren-Kayemet Leisrael Committee in 1936 in „New-Town"

עומדים מימין לשמאל : 1) שמואל ווינוביטש. 2) נעמי רוזן. 3)

יושבים מימין לשמאל : 1) יחזקאל פרל. 2) משה הולצמן. 3) אסתר טוכמן. 4) אלתר שמאַקובסקי

שפּרינגען ווי דרעסירטע פערד, גייען אויף דראָטן, זשאָנגלירן מיט 3 באַלעמער אויף אַ מאָל; מ׳פאַרשטעלט זיך פאַר אַ קלאַון און מ׳שטעלט פאַר גאַנצע סצענקעס. אין דער זעלבער צייט אַנטשטייען און שאַפן זיך גרופּן, וואָס אַנגאַזשירן „אַרטיסטן״ און מ׳מאַכט פאָרשטעלונגען. בילעטן אין פּרייז פון 2—5 גראָשן ווערן גערן אויספאַרקויפט. ווען דער סעזאָן גייט פאַרביי און די פאַראינטערעסירונג פאַלט — קערט מען זיך אום צו די אַלטע פאַרווײַלונגען ווי שפּילן אין קליפּע, באַל א. אַ. וו.

פול פאַרגעניגן פאַרשאַפט אונז דער ציעכאַנאָוויעצער טײַך „נורעץ״. זומער־צײַט קענט איר אין שײנע טעג זען קאַיאַקן, שיפלעך און, אַפילו, אַ זעגל־שיף. פאַר 20 גראָשן קענט איר דאָ דינגען אַ שיפל אויף אַ גאַנצן טאָג.

די ליב־האָבער פון ספּאָרט באַזיצן דאָ גוטע באַדינגונגען: דער וואַלד, שול־הויף, דער גרוטש, דער בלאָן, וועלכע וואָלטן זיך ביי אַ ביסל אָנשטרענגונג געקענט פאַרוואַנדלען אין אידעאַלע ספּאָרט־פּלעצער.

ס׳זענען ביי אונדז אין ציעכאַנאָוויעץ נישט קיין זעלטנהייט „אַקאַדעמיעס״. זיי ווערן אַראַנזשירט אָדער דורך דער אָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָדער דורך געוויסע יוגנטלעכע גרופּן. און כאָטש די אַקאַדעמיעס הויבן זיך אָן ניט פּינקטלעך — שאַדט עס גאָרנישט צו זייער ערפאָלג. עס אַנטשטייען ליידנשאַפטלעכע, הייסע דיסקוסיעס: דאָס פּובליקום קוועלט און ווײַלט זיך. ס׳זענען פאַראַן באַליבטע רעדנער, ווי, צ. ב. דער פאָרשטייער פון „נורדיה״, חבר מוניה יאַבקאָווסקי. אַפילו, אויף דער אַקאַדעמיע האַלט ער זיך ווי אַ ספּאָרטסמאַן: אויפשטייענדיק, שטויסט ער אָפּ מיטן פוס דאָס בענקל אויף הינטן, רעדט קורץ, אָפּגעהאַקט און זאַכלעך.

ציעכאַנאָוויעצער קינאָס? — כ׳וועל אייך זאָגן וואָס פאַרע פילמען זיי געבן און איר וועט שוין אַליין אייער מיינונג אַרויסזאָגן: „דער זיבנטער הימל״, „זון־אויפגאַנג״, „פאַוסט״. לעצטנס: „די וועלט אָן פרויען״, „יאַנקאָ מוזיקאַנט״ און ענלעכע. די פילמען — אַלטע, אויסגעריבענע און צעפאָרענע.

כ׳האָב אַ מאָל דעם קינאָ־אייגנטימער געמאַכט אַ באַמערקונג דאָס עס וואָלט שוין גלייכער זיין צו געבן שטומע פילמען אָן די „קלאַנגען״, האָט ער מיר געטאָן אַ מעסט אָפּ מיט אַזאַ בליק — אַז כ׳האָב מיך באַלד אָפּגעטראָגן.

עס באַזוכן אונז אויך טיילמאָל וואַנדער־טעאַטערס און, דווקא, פון בעסערן סאָרט.

הערש־בער פאַסטערנאַק
(חיפה)

ציעכאנאוויעצער הומאר

אַ ישיבה־בחור אַ „כשוף־מאַכער"

דאָס איז געווען אין די יאָרן 26—1925. אין ציעכאַנאָוויעץ איז דאַן געווען אַ ישיבה. די ישיבה־בחורים האָבן געגעסן טעג און געשלאָפן אין פאַרשידענע פלעצער.

איינעם אַ אָוונט איז געקומען צו אונז אין שטוב אַ פרוי — מ׳האָט איר גערופן „דאָס האַלבע ווייבעלע", ווייל זי איז געווען אַ קליינינקע, זי האָט זיך געווענדט צו מיין מוטער און געזאָגט: סימע־גיטל, כ׳בעט אייך, קומט אַריין אין צווייטן צימער, וועל איך אייך עפּעס דערציילן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַריינגעקומען מיין מוטער און דערציילט, אַז די פרוי האָט זיך זייער איבערגעשראָקן, ווייל דער ישיבה־בחור וואָס שלאָפט ביי זיי איז גאָר אַ כישוף־מאַכער, דהיינו, יעדן אָוונט קומט ער שפּעט, גייט אַריין אין זיין צימער, צינדט אָן אַ ליכט, נעמט אַרויס העלצלעך מיט פאַרשידענע שפּיצעלעך, אַ טייל מיט קעפּ פון פערדלעך א. אַ. וו. שטעלט זיי אויס, רוקט זיי פון איין אָרט צום צווייטן און רעדט צו זיך אַליין...

אָט אַזוי האָט אַ ציעכאַנאָוויעצער יידענע באַגריפן דעם ענין פון שאַך...

אַ „קלוגע" עצה פון אַ פּאָליציאַנט.

אין בית־המדרש איז אַמאָל אויסגעבראָכן אַ מחלוקת. מעשה שהיה כך היה: אַ מתפלל פון מעריב־וואַנט, וועלכער האָט געהאַט יאָרצייט, האָט באַשטעלט ביי יהודה־לייב דעם שמש „שלישי", און צוליב אַ טעות, אָדער מיט אַ כוונה תחילה האָט מען גראָד אויפגערופן צו „שלישי" עמיצן פון מזרח־וואַנט. ס׳האָבן זיך געשאַפן צוויי צדדים — מזרח און מעריב. די געשרייען זיינען דערגאַנגען ביז אין גאַס אַרויס.

צופעליג איז דורכגעגאַנגען אַ פּאָליציאַנט. הערנדיק די געשרייען איז ער אַריין אין בית־המדרש. דער מעריב־ייד קענענדיק דעם פּאָליציאַנט, איז ער צוגעגאַנגען צו אים און אויסגערופן: פּאַניע וולאַדזשע, יאַ קופּילעם שלישי... אין דעם מאָמענט האָט אים דער פּאָליציאַנט איבערגעריסן און געזאָגט: „פּאָצאָ צ׳י שלישי — קופּ לעפּיעי ספּאָדניע... (צו וואָס דאַרפסטו שלישי, קויף בעסער אַ פּאָר הויזן), ווייל ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פּאָר אָפּגעטראָגענע הויזן...

ציעכאַנאָוויעצער קאָרטן־שפּילער

חנוכה פלעגן זיך אַ מאָל די לייכטערע חסידים ערלויבן כאַפּן אַ קערטל. דאָס געוווּנענע געלט פלעגט מען צונויפזאַמלען אין אַ קאַסע, מ׳האָט געקויפט משקה און געטרונקען לחיים.

ס׳האָט פּאַסירט אַמאָל אין אַ דאָנערשטיק חנוכה, דער עולם האָט זיך פאַרשפּילט אַ פּאָר שעה שפּעטער מיטן חשבון אַז „שינה בשבת תענוג״, וועט מען, אם ירצה השם, שבת אָפּנעמען די פּאָר שעה שלאָף. אָבער, מעשה שטן, שבת ביים לייענען די תורה, האָט איינער אַ ייִד געכאַפּט אַ דרימל און צופעליק האָט מען אים אויפגערופן צו דער תורה. אַ שכן האָט אים אַ צי געטאָן ביים אַרבל. אַ פאַרשלאָפענער האָט ער אויסגערופן: „איך פּאַס״! „איך פּאַס״! (אַ אויסדרוק ביים שפּילן קאָרטן)...

דער ריכטיקער פאַרגלייך...

ס׳איז אַמאָל געווען אַ לוויה אין ציעכאַנאָוויעץ. אַ בעל־עגלה׳ס אַ מוטער איז געשטאָרבן. ס׳האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ מנין שכנים און שכנות, און ווי דער שטייגער איז האָט דער זון געמאַכט גרויסע גוואַלדן און געשרייען. איז צוגעגאַנגען צו אים עמיצער און געזאָגט: שריי ניט אַזוי. אמת, ס׳איז אַ שאָד אַ מאַמע, אָבער שוין געווען ביי די 90, זיך אויסגעלעבט די יאָרן, און מ׳זאָגט אַז דו האָסט איר ביים לעבן ניט אַזוי בכבוד׳יק געהאַלטן.

יענער, אָבער, שרייט אָן אַויפהער: וואָס ווייסט איר, וואָס ס׳הייסט פאַרלאָרן מיין מאַמען, צו ווייסט איר דען מיין ווייטאָג? ווען מיין פערדל וואָלט מיר, חלילה געפאַלן, וואָלט מיר דאָס הארץ אַזוי ניט ווי געטאָן ווי דער מוטערס טויט...

אַ מעשה מיט אַ אַעראָפּלאַן אין ציעכאַנאָוויעץ

אין יאָר 1924 האָט זיך באַוויזן איבער ציעכאַנאָוויעץ אַ אייזערנער „פויגל״, וואָס האָט שטאַרק גערוישט און עטלעכע מאָל געפלויגן איבערן שטעטל.

געזאָגט האָט מען, אַז ער האָט אויך אַראָפּגעוואָרפן אַ בריוו צוגעשטשעפּעט צו אַ זעקעלע זאַמד פאַר ניעמינסקי דער מעכאַניק פון דער מאַלצער גאַס, און דער פליער זאָל זיין דעם מעכאַניקס אַ זון; אָבער די הויפּט סענסאַציע איז געווען, ווען דער אַעראָפּלאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אונטערן שטעטל אויפן וועג קיין טשיזשעוו, ביים זאַקרענט.

שנעל האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה אין שטעטל און צענדליגער זענען געלאָפן די פּאָר קילאָמעטער זען מיט די אייגענע אויגן דעם „איוואראָפּלאַן״. דרייסטערע האָבן,

אַפילו, געפּרוּווט אָנרירן מיט די אייגענע הענט און נאָך דעם, קומענדיק צוריק אין שטעטל, האָט זיך אָנגעהויבן אַ אָפּשילדערונג פון אים: איינער האָט געזען אין אים אַ גרויס ווי שעפּסל קאַפּלאַנסקי׳ס מויער, אַ צווייטער — נאָך גרעסער ווי די שיפן וואָס פאָרן אין וואַרשע אויפן ווייסל. מ׳האָט אויך אָפּגעשילדערט די שנעלקייט פון זיין פליען — שנעלער ווי די באַן אין טשיזשעוו, אָדער — אָט זעט מען אים, און דו גיבסט נאָר אַ פינטל מיטן אויג איז ער שוין פאַרשוווּנדן.

די גרעסטע שמחה איז געווען ביי אונז, חדר־יינגלעך, וואָס אַ דאַנק דעם האָבן מיר פאַרשפּאָרט זיצן אין חדר, ווייל דעם ערשטן טאָג נאָך מיטאָג האָבן די מלמדים ירוחם און חאַצקל ערלויבט גיין קוקן. אָבער, אויף צומאָרגנס, האָבן זיי, נעבעך, נישט געהאָט מיט וועמען צו לערנען: מיר זענען באַלד אינדערפרי, אָנשטאָט אין חדר, געלאָפן צום זאַקרענט... לאַנגע וואָכן האָט ציעכאַנאָוויעץ געהאָט וואָס צו דערציילן.

די ערשטע ליכט־לאָמפּן

ווער געדענקט ניט די פינצטערקייט אין אונזערע „גאַסן״, איידער ס׳איז געבויט געוואָרן די עלעקטראָווניע, איבערהויפּט פאַר אונז חדר־יינגלעך, וועלכע זענען אין די ווינטער־אָוונטן געגאַנגען פון חדר און נישט איינמאָל איז מען אַריין אין אַ קאַלוזשע בלאָטע, וועלכע האָט נישט געפעלט אין שטעטל; אָדער זיך אָנגעשטויסן אין אַ שטיין, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון די שלעכט־ברוקירטע גאַסן און אומגעפאַלן. חברים האָבן געלאַכט און זיך גע׳חכמה׳ט: „אַ געפאַלענעם העלפט גאָט״. אָבער, דער וואָס האָט באַקומען דעם קלאַפּ, איז זיכער ניט גרייט געווען צו לאַכן. ביז אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אָנגעהויבן גראָבן גריבלעך און אַריינשטעלן סלופּעס. דער מאַגיסטראַט האָט באַשלאָסן צו באַלויכטן די גאַסן מיט גאַז־לאָמפּן. און כך־הוה: אין אַ פאַרנאַכט האָבן אָנגעהויבן ספּעציאַליסטן, אונטער דער קאָנטראָל פון די שטאָט־געוועלטע פאַרזאָרגער, מיט ספּעציעלע קאָלבעס אַראָפּדרייען פון די סלופּעס אונטן אַראָפּ גרויסע לאָמטערן, געפּאָמפּעט לופט און מיט אַ שוועבעלע אָנגעצונדן די שאָטקעס (רשתות) און — ויהי אור!

די שמחה איז געווען אין לשער. גרויס און קליין האָבן ביז שפּעט אין אָוונט ארומגעשפּאַצירט אין דרויסן. די גליקלעכע, נעבן וועמנס הייזער ס׳זענען געשטאַנען סלופּעס מיט לאָמטערן, האָבן אויסגעלאָשן אין די שטיבער די נאָפט־לעמפּלעך און גערופן שכנים ווייזן ווי ליכטיק ס׳איז אין שטוב פון דרויסן.

אונזער עוזרת לאה איז אַרויס אין דרויסן, אַוועקגעלעגט אַ נאָדל אויף דער ערד און יעדן דורכגייער געשלעפּט פאַרן אַרבל ווייזן, ווי ליכטיק ס׳איז, אַז ביינאַכט זעט מען, אַפילו, אַ נאָדל אין דרויסן.

עלעקטרי ביי אונז אין שטעטל

אין עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען די גאַז־לאָמפּן זענען שוין געווען אַ נאָרמאַלע זאַך, איז באַשערט געווען צו הערן וועגן אַ פרישע סענסאַציע: דער מאַגיסטראַט גייט אויפשטעלן אַ עלעקטראָווניע, און די בריינסקער יידן וועלן ווערן אויס מיוחסים און זיך שוין ניט קענען מער באַרימען מיט זייער „לעקטרע". און ציעכאַנאָוויעץ האָט זוכה געווען צו עלעקטרי.

ווער געדענקט ניט דעם ערשטן אָוונט, ווען אין פיל הייזער איז שוין געווען דאָס סודות׳פולע ליכט? מ׳האָט געקענט זען, ווי אין די גרעסטע טייל הייזער ווערט ליכטיג און פינצטער — דאָס האָבן די גרויסע געוויזן די קינדער די קונסט: גיבסט אַ קיועטש דאָס קנעפּל אַרויף — ווערט ליכטיק און פאַרקערט.

אין בית־המדרש האָט מען אויפגעהאָנגען, אָנשטאָט די בליץ־לאָמפּן, זשיראַנדאָלן. ביים עמוד, ווו דער חזן האָט געדאַוונט, האָט מען אַריינגעשטעלט ליכט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אמת׳ע וואַקסענע ליכט. קלוגע יינגן האָבן אָפּגענאַרט די קינדער און זיי אַרויפגעשטעלט אויפן טיש, געהייסן בלאָזן מיט כוח. און די קינדער האָבן, נעבעך, נישט געקענט אויסלעשן. די שמחה איז געווען גרויס, און מ׳האָט שוין פאַררעכנט ציעכאַנאָוויעץ פאַר אַ גרויסע שטאָט.

ר אַ ד י אָ

יידן האָבן געוווסט פון די צייטונגען, אַז ס׳איז דאָ אַזעלכעס וואָס הייסט „ראַדיאָ". ווען ניט זואָלט דאָך די „בלאַט־צייטונג" נישט געשריבן דעם ראַדיאָ־פּראָגראַם. כ׳געדענק אַ אַנעקדאָט פון „קרומען־שפּיגל" אין „מאָמענט", ווי אַזוי צו מאַכן אַליין אַ ראַדיאָ: מ׳נעמט אַ קעסטל, מ׳מאַכט אין אים 2 לעכער, פון איינעם שטעקט אַרויס אַ טראָמבע, מ׳זעצט אַריין אַ קאַץ, און איר עק שלעפּט מען אַרויס דורכן צווייטן לאָך. ווען אַלץ איז פאַרטיק, דרייט מען פאַרן עק און מ׳הערט ראַדיאָ.

צו עמיצער האָט געפּרווט דאָס מאַכן, ווייס איך נישט, אָבער אין אַ געוויסן טאָג, האָט מען זיך דערוויסט, אַז ביי מאיר דעם שטעפּער (שפּירא) האָבן די זין געמאַכט „ראַדיאָ" און פאַר געלט קען מען גיין הערן. בין איך אויך אַוועק, געטראָפן אַ רייע און זיך פאַרשריבן. משה׳ל שפּירא האָט פאַרשריבן און מ׳האָט איינגעצאָלט לויטן פּרייז — 1 סלוכאַווקע (אָזניה) 10 גראָשן אַ האַלבע שעה, אָדער 15 גראָשן אויףביידע אויערן. מיר, אַלס פּראָטעקציאָנער, האָט ער געזאָגט: וואַרט אויף 12 אַ זייגער, וועסטו הערן מוזיק. די, פאַר מיר, האָבן געמוזט הערן באַריכטן פון די פעלדער, אָדער דעם וועטער־באַריכט, און ניט פאַרשטייענדיק קיין פּויליש, האָבן, זיי, נעבעך, ניט געוווסט וואָס מ׳רעדט... אָבער, ניט וויכטיג. דער עיקר מ׳האָט געהערט ראַדיאָ...

תהילה אשלגי (זילברברג)
(כפר ויתקין)

מהפולקלור הציחנובצאי

„בערל־שמעונ׳ס פאָדעם"

כשביקשו בעיירתנו לציין חוט ארוך, היו אומרים: בידך „בערל־שמעונס פאָדעם". מקורה של מימרא זו נובע מבערל־שמעון, שהיה תופר בגדים לאיכרי־הסביבה.

בתקופה שלפני מלחמת־העולם הראשונה, טרם הגיע המטר לבערל־שמעון, וברצותו לקחת מידה, היה מודד קומת הגוי, שתי וערב, בחוט ארוך שבידו.

ליצנים שבנו התלוצצו ואמרו, שהיתה בכך התקדמות „טכנית" ניכרת, שכן טרם שגילה את התגלית המהפכנית, שאפשר למדוד את קומת הגוי בחוט פשוט, היה מודד אותה בקש שהוציאו מהמזרן...

מימרא שנונה של רב הרשיל זילברברג

רב הרשיל זילברברג היה בעל־תפילה, בעל קריאה ובעל־תקיעה מעולה. הוא שימש בכל התפקידים האלה שנים רבות, שלא על־מנת לקבל פרס.

גבאי בית־הכנסת ידעו שיש לו לרב הרשיל חולשה גדולה לעבור לפני התיבה, לכן ביקשו לקנתרו והזמינו ל„ימים הנוראים" בעל־תפילה מחוץ למקום.

באותה שנה פרצה מלחמת־העולם הראשונה על כל מוראותיה ותלאותיה. נגש רב הרשיל לגבאי בית־הכנסת ואמר להם: „וואָס פאַר אַ שליח־ציבור איר האָט זיך אויסגעקליבן — אַזאַ יאָר האָט ער אייך אויסגעבעטן"... („אוי לנו מתפילת הש"ץ ואוי לנו מתוצאותיה"...).

אלי „קטונתי"

היה בעיירתנו בחור אחד, שקראו לו „אלי קטונתי" על שום שהיה קטן־קומה. הבחור הזה היה חבר במפלגת „פועלי ציון" שמאל, אבל יחד עם זה היה גם חבר ב„חברת ש"ס".

חבריו למפלגה ניחרו בו וקינתרוהו שאינו עקבי ודו־פרצופי, שהרי לא יתכן שעטנז כזה, שחבר במפלגת פועלים סוציאליסטית ישתייך גם למיסדר קלריקלי כמו „חברת ש"ס". דברי־קינתור אלה ירדו לחיי הבחור המסכן הזה והדריכו מנוחתו.

הוא החליט לשאול „שאלת חכם". למזלו ביקר אז בציחנוביץ שליח ארץ־ישראל העובדת, הח' מרדכי יפה מגניגר. אלי הסתכל במרדכי יפה ולא האמין למראה עיניו: סוציאליסט ובעל זקן? הבין אלי, שיפה הוא־הוא האיש שבכוחו להתיר את ספקותיו. שמע השליח מה ששמע ופסק: מותר! רשאי חבר „פועלי־ציון" לעיין בש"ס ואפילו בפוסקים וקונם עליו שלא יירש גיהנום, שכן גם הוא סוציאליסט כשר למהדרין ויש לו סמיכות להוראה...

נחה דעתו של אלי והמשיך ללמוד ש"ס ופוסקים...

הישיש אריה־דוד לב מתפעל מהחשמל...

הישגי המדע והטכניקה הגיעו לציחנוביץ במאוחר. שקיים חשמל בעולם, זאת נוכחנו לדעת מביקורינו בורשה, או בערים גדולות אחרות.

ביתנו היה מהראשונים שהותקן בו חשמל, כי נהנינו מהדינאמו של טחנת־הקמח שלנו. כשנפוצה השמועה בעיירה שבביתנו הותקן חשמל, רבו המבקרים אצלנו, לראות במו־עיניהם את פלא התקדמות הטכניקה. והנה, באחד הערבים, עלה במדרגות ביתנו, תוך מאמץ ניכר, הישיש ר' אריה־דוד לב ואמר בזו הלשון: „שמעתי, שבביתכם סדרו מאור, שנדלק בלי גפרורים"... כשהראו לו את הפלא הגדול הזה, שאל ברוב השתוממותו: „הגם אני אוכל, במו־ידי, להדליק ולכבות"? משראו עיניו את אור־הפלא הזה, גברה השתוממותו ואמר: „פלאי־פלאים, פלא־הבורא, אַי־אַי־אַי, מה שמוח האדם מסוגל להמציא"...

זיסל ברג (ווייסברג־קאלאמאז'ש)

מעשה ב„מת"

המעשה „הנורא" הזה, שאני מעלה אותו מתהום הנשיה, קרה בציחנוביץ לפני ששים שנה, בערך. בתקופה ההיא טרם היו בעיירתנו רדיו, קולנוע, בתי־קפה ולא תיאטראות וקרקסאות. הצעירים והצעירות התאספו מדי לילה בלילה, עתים בבית אחד ועתים בבית אחר, ובילו עד שעה מאוחרת.

פעם קרה, שקבוצת בני־נוער חזרה הביתה אחרי חצות. הם עברו על פני ה„קושציול" (בית המסגד) ובהגיעם לסימטה המובילה לבית־הקברות הישן, נתמלטה פתאום מפי אחד מהחבורה זעקה נוראה: „שמע ישראל"! יהודים, הצילו! ומיד נמלטו כולם וכמעט שפרחה נשמתם.

היחידי שנשאר במקום היה יודיל קאלאמאַז'ש, שהיה עשוי ללא חת. הוא הפנה ראשו לכאן ולכאן כדי לראות מי הוא ומהו שהבעית את חבריו. כשצמצם מבטו לעבר בית־הקברות, ראה דבר שהקפיא ממש את דמו: עמדה דמות עטופה בתכריכים ומעליה הסתובב ראש במהירות מסחררת.

יודיל זה, שכוחו וגבורתו היו עד אין לשער, הרגיש חולשת־הדעת ולבו נע בקרבו. בפעם הראשונה בחייו ראה דמות בעלת שני ראשים: אחד קבוע ומחובר לגוף ואחד מסתובב וכאילו פורח באויר.

אבל, יודיל הוא יודיל, ולא איזה נפל, ולכן התאושש, ובקול גדול צעק לעבר הדמות: מי זה? מה מעשיך כאן? אולם, ה„מת" לא נע ולא זע ולא נס מפני גערותיו של יודיל. שם יודיל נפשו בכפו ולאט־לאט, בזהירות רבה, התקרב יותר ויותר לעבר הדמות המסתורית. לחרדתו הדבר ראה יודיל, כי במידה שהוא מתקרב לדמות, מתחיל הראש להסתובב ביתר מהירות. אז החליט יודיל: „תמות נפשי", ובתנופה רבה לפת את ה„מת" בזרועותיו.

מיד נשמע קול עמום ולאחריו צחוק שהדהד למרחקים. יודעים אתם מי היה ה„מת"? זה היה „מאיר דער פעלדשער", שהיה ידוע כליצן גדול. מה עשה? הוא שם את מגבעתו על מקלו, החל לסובבה, ונדמה היה שזה ראש מסתובב...

יהושע־מרדכי רוזנבלום ז״ל

פיקחות וחריפות

א) תפילתו של מחבר...

מחברים רבים, וביניהם גם רבנים בעלי־שם, היו באים לעיירתנו וחיבוריהם בידיהם קשורים במטפחת, על פי רוב אדומה (תיקים טרם היו בימים ההם) ומחזרים על פתחי בעלי־הבתים. מכיון שלא הספיק כספם לשלם אף בעד ההדפסה, היו נאלצים למכור חיבוריהם בלתי מכורכים ואף בלתי מעוטפים.

מספרים, כי מחבר אחד אמר: „מי יתן, כי ספרי יהיה מלובש (זאת אומרת מכורך), כשם שהנני בטוח שיהיה שבע״... (ישתמשו בו לעטיפת מיני מאכל).

ב) „תמלא" — „טא מאלא"

לעיירתנו היו מזדמנות להקות־מזמרים, שהיו מציגות מחזות, כגון: „אחשורוש", „יוסף ואחיו" וכו׳. אחד מהזמרים שלא היה שבע־רצון מהנדבה שנתנו לו, התחיל לשיר את הפסוק מזמירות של שבת: „יבנה המקדש, עיר ציון תמלא". ובמקום „תמלא" היה גומר „טאָ מאַלאָ", זאת אומרת, זה מעט...

ג) „שלא עשני גוי"...

פעם פרצה שריפה ב„ניי־שטאָט". הרבה בתים נשרפו ובתוכם גם הבית שבו גר הרב יהודה החנוכי זצ״ל. מצאו לו דירה באחד הבתים שניצלו והעבירו שמה את חפציו. כשדעכה האש, באו מיהודי־העיירה לבקר אצל הרב, ובתוכם ר׳ יודעל „דער באַשלייגער" (מלאכתו היתה לכסות גגות ברעפים). ר׳ יודעל זה ביקש שיתנו לו קצת יי״ש. מצאו ונתנו לו. קם ובירך ברכת „שהכל" והוסיף גם ברכת „שלא עשני גוי", ואמר: אילו הייתי, חלילה, גוי, הלא היה נשרף גם אלוהי, עכשיו שיהודי הנני — אלוהי חי וקיים ובודאי יעזור לי ולכל הנשרפים...

ד) „על שלושה דברים"...

לעיירתנו היו קשרים הדוקים עם העיירה צ׳יז׳ב. כל מי שהיה צריך לשלוח מיברק היה עליו למסרו על־ידי העגלונים לצ׳יז׳ב, כדי לשלחו משם.

בצ׳יז׳ב היו שלושה סוחרים: שם האחד היה „ריכטער", השני „פראַוודאַ" והשלישי „פרידמאן". היה בעיירתנו יהודי אחד שהתלוצץ, כי על שלושה אלה צ׳יז׳ב קיימת: „על הדין ועל האמת ועל השלום" [1] (אבות, פרק א׳)

(מתוך הספר „עירי טשעכאַנאָווצי")

---

1. „דין" — (ריכטער) ; „אמת" — (פראַוודאַ) ; „שלום" — (פרידמאַן).

דמויות
ובתי-אב

חנה נבמן (קוזובסקי)
(נהלל)

עֲנְוֵי־עולם

(מטיפוסי עיירתנו בשלהי המאה הי״ט)

א) „נאטקע דער וואַסער־טרעגער" (נוטקה שואב־המים)

נוטקה שואב־המים נראה תמיד עם זוג דליים תלויים לו משני צדדיו כשני בני־לויה, כאילו, שלושה שותפים חברו יחד לסחוב בעול בששת ימי־המעשה לספק מים חיים למטבחי עקרות הבית מדי יום ביומו, ובערב שבת מנה כפולה לכבוד שבת מלכתא, ולהרויח לחמו מיגיע־כפיו ביושר.

צנוע, ישר ותמים היה אדם זה, ואף־פעם לא נשמעה מפיו קובלנה על גורלו הזעום. הסביבה לא שמה לב אליו ובבית־המדרש, בין מנחה למעריב, לא נמנה עם לומדי ש״ס, משנה, עין־יעקב וכו׳, ובשבת לא ניכר מקומו בין בעלי־המעמד שמקומותיהם קבועים בבית־הכנסת. מסופקת אני, אם במשך השנה נקרא, אפילו, פעם אחת לעלות לתורה, או זכה לכיבוד אחר. מקומו היה מאחורי התנור, שם התיחד עם בוראו בתפילה ובפרק „תהלים". הרושם היה, כאילו, הוא נוצר רק לשרת אחרים. אשתו שמשה, לפעמים, כשומרת על יולדות. היא היתה לבושה לבוש פשוט ונקי ומטפחת צחורה על ראשה, כיאה למטפלת ביולדות. הם התגוררו עם שתי בנותיהם בחדר קטן אחד, עם רצפת חימר, אך נקי ומסודר. כך חיו רוב ימיהם בדלות ובעוני, עד שביום אחד נכנס נוטקה עם דלייו למטבח של אחד מעשירי העיירה בזמן הכנת מאכלים לשבת. בהיותו עיף מאוד וגם רעב, גרו המאכלים הטעימים את חושיו, עד שכרע תחתיו. בראות המבשלת אותו בכך, נכמרו רחמיה עליו והגישה לו נתח בשר רותח ישר מהסיר. נוטקה, שחש, כנראה, בהתקרבות בעלת־הבית וחשש שתראה אותו בקלקלתו, או שפחד שמא יזיק למבשלת — בלע את נתח הבשר בעצם חומו. הוא התחיל לצעוק בקולי־קולות: אש בקרבי! נגרמה לו התכוצות המעיים מלווה יסורים קשים ונוראים, והוא נשאר בעל־מום עד סוף ימיו.

בלית־ברירה אנוס היה להיפרד מדלייו. מאחר וסרב להטיל את פרנסתו על הציבור ולא רצה ליהנות מצדקה, אז מ„מתן בסתר", מצא לו פרנסה שהתאימה למצב בריאותו הפגום. הוא היה רוכש חפץ, מגרילו, ומהכנסת העודף התפרנס בדוחק רב, היה רעב יותר מאשר שבע, אבל סרב לאכול לחם־חסד.

כ) „אליהו־דוד"

„אליהו־דוד" היה מלמד ב„תלמוד־תורה" כל ימות השנה ובעל־תפילה בבית־המדרש של רוזנבלום ב„ימים הנוראים". יהודי ישר ותמים היה, יושב אוהל, אשר בנפשו יביא לחמו. דמותו עומדת לפני בשעה שנגש לתיבה עטוף בטליתו והתחיל בתפילה: „הנני העני ממעש". נדמה היה, שהוא חושש, באמת, שמא אינו ראוי להיות שליחו של ציבור הזקוק כל־כך לרחמים. ניכר היה שהוא מרגיש בכל כובד האחריות, שקיבל על עצמו לעמוד, להתחנן לפני מלך מלכי המלכים ולבקש על שולחיו. הוא לא ניחן בקול חזק, לא סלסל בניגון, אבל המלים שיצאו מפיו נשמעו בחרדת־קודש וחדרו ללב. הרושם העז שעשתה תפילתו היה נושא לשיחה בין באי בית־המדרש.

אשתו היתה טובה וישרה כמוהו ,אך חולנית, וכל ימיהם לא ראו טובה. החיים הקשים האלה קצרו את חייו והוא מת באמצע שנותיו. האלמנה נשארה בעוני ובחוסר־כל. מפאת היותה חולנית ונגועה ביסורים אושפזה ב„הקדש" על חשבון הקהילה.

משפחה אומללה זו, שהגורל המר לה מאוד, היתה מוכנה לעזור לזולת בלב ונפש. יתירה מזו: שני אנשים חולניים אלו שמחו מאוד כשנזדמן להם להגיש סעד בעת צרה, אפילו, אם היתה כרוכה בכך סכנה לחייהם. ומעשה שהיה כך היה: בסוף שנות התשעים למאה הי"ט פרצה בעיירתנו מגיפת החולי־רע, שהפילה אימה על כל התושבים. בתי־חולים, צוות־רופאים ואחיות לא היו אז, כלל, בנמצא, פרט לרופא הפולני שווענצקי, ששירת את כל התושבים. ליהודים היו מוסדות לטיפול בחולים ועזרה למשפחת החולה, כגון, „ביקור חולים" ו„לינת הצדק". כל יהודי הקהילה השתתפו בהחזקתם ובשעת מחלה הגישו לחולה עזרה רפואית ראשונה וכן סעדו מיטת חליו. נקבעה תורנות, ומי שלא יכול היה למלא חובתו, חייב היה להשיג מחליף במקומו בשכר.

גם בשעת המגיפה, שקשה היה לחייב את כל האוכלוסיה לטפל בנפגעים, כי נשקפה סכנה לחייהם, התנדבו רבים לתפקיד הומני זה. ביניהם נמנה גם אבי ר' מנדל חיים־חייקעל'ס, שהתמסר כל־כולו לתפקיד זה. בימים הראשונים להתנדבותו היה חוזר, לפעמים, הביתה כולו טבול בחמרי־חיטוי, עד שבגדיו נוקבו ונשרפו. אחר־כך נעלם מהבית ויומם וליל היה שקוע במלאכת ההצלה ממות. והנה קרה, שבביתנו ממש, תחת קורת־גג אחת, מתה רישקה, בתו של ר' נפתלי פרץ, וקמה בהלה בבית. אבא, כאמור, לא היה בבית, ואמא שנבהלה מאוד, קמה באמצע הלילה, העירה אותנו ובקשה מאתנו לברוח. יצאנו באישון־ליל לרחוב, חיפשנו מחסה, אבל לא נמצא איש שיתן לנו מקלט. במרוצתנו הגענו לבית הקטן והדל של ר' אליהו־דוד ואשתו. הם הכניסו אותנו, מסרו לנו את מטותיהם כדי שירווח לנו. שהינו שם כשבועיים עד שנעצרה המגיפה. לילות אלה היו להם לילות נדודי־שינה, כי כמלאכים טובים שמרו עלינו ודאגו

לנו. כשנלקחה אשה אומללה זו ל„הקדש", חולנית ומשותקת, לא היתה מצירה על יסוריה, אלא, על־כך היתה קובלת וממרת בבכי, שאין לאל־ידה לעזור לאנשים בצר להם.

ר' מאיר החובש ואשתו „רחל די פעלדשעריך"

בשם „ר' מאיר פעלדשער", או „צירולניק", היה ידוע בעיירתנו שמש אחד בבית־כנסת, ששימש גם כחובש וספר. כך היה מקובל בימים ההם, שהחובש שימש גם כספר. עד שבא אלינו החובש המודרני רובינשטיין, היה ר' מאיר היחידי, ששימש בשני כתרים אלה. אחר־כך עזבוהו, פרט למספר חסידים, הם וילדיהם, ששמרו לו אמונים, בעיקר, משום שידע לשמור על שיעור הפאה וגם לא עסק בגילוח זקנים. זאת עלינו לדעת, שבימים ההם היה יהודי גלוח דבר יקר־המציאות ומי שהעביר תער על זקנו — העמיד את עצמו מחוץ למחנה והיה נידון לחרם, נידוי ושמתא.

יהודי כשר היה ר' מאיר, נוח לבריות, היה מקרב ילדים, משחק עמהם, משעשע אותם במילי דבדיחותא, והם אהבוהו מאוד. אשתו רחל, או כפי שקראו לה „רחל די פעלדשעריך" היתה מילדת, לא מדופלמת, אך בזמנה היתה היא היחידה ששרתה את כל האימהות היהודיות שבעיירה, ועל־כך היתה גאותה.

בעלת צורה והופעה נאה היתה, כיאה למקצועה. מלבד שרותה למילדת, דאגה גם לאם ולתינוק וטיפלה בהם במסירות ונאמנות, ועל־כך העריכו וחבבו אותה מאוד. ביום בהיר אחד ירד עליה אסון כבד — היא לקתה בשיתוק וזמן רב, עד סוף ימיה היתה מרותקת למיטה. היא נשארה עזובה לנפשה ולגורלה, כולם שכחוה, איש לא שם לב אליה ואיש לא התענין בה, כי, בינתיים, הופיעו ברחוב היהודי שתי מילדות נוצריות מדופלמות — אחת מהן היתה אשת ה„אורדניק" (ראש המשטרה). וזו, ששרתה כל האימהות היהודיות שבעיירה במשך דור שלם, אותה שכחו לגמרי.

את מר לבה היתה מתנה לפני הילדים, שבאו להסתפר אצל בעלה, בזו הלשון: „הלא את כולכם ילדתי ועכשיו שכחתם אותי ואפילו מזון אין נותנים לי במידה מספקת ואין שמים לב אלי. אוי לי, שהגעתי לכך". על דברי־נכאים אלה היתה חוזרת מדי יום ביומו עד סוף חייה.

בזה אני מציבה מצבת־זכרון לענוי־עולם, שחיו פעם בעיירתנו. הם נמקו ביגונם, שרו עם גורלם, איש לא הרגיש בבואם לעולם ואיש לא ידע עליהם בצאתם ממנו. הם היו שקטים ממים ונמוכים מעשב, אבל מתחת לבלויי־הסחבות שלהם פעם לב יהודי חם ומעיני היגון שלהם הציצו הדוי והענות של פשוטי־העם היהודיים על אדמת נכר.

משה קאַליש
(אַמעריקאַ)

מיין ברודער ר׳ שבתי כהן (קאַליש)



ר׳ שבתי כהן (קאַליש)
R' Shabtai Cohen (Kalish)

מיין פאָטער איז געווען באַקאַנט אין ציעכאַנאָוויעץ אַלס חיים־לייב דער בעקער. ער האָט געהאַט אַ בעקעריי נעבן דער מאַלצער־גאַס. געבוירן אין יאָר 1833 אין בודקי נעבן ברייִנסק.

אין שטעטל איז ער געווען באַוווּסט אַלס אַ פּאָפּו־לערער עסקן און האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט לייסטן הילף פאַר אָרעמע, דערשלאָגענע און קראַנקע מענטשן. ער האָט אויך באַלאַנגט צו דער „חברה קדישא״ און „חברה משניות״. ער האָט געהאַט אַ מסירות־נפש־דיקע ליבע צו ספרים. אין דעם צוזאַמענהאַנג איז כדאי צו פאַרצייכענען דעם פאָלגענדן פאַקט: אין יאָר 1898 איז אויסגעבראָכן אין ציעכאַנאָוויעץ די „חיים־פייבל קאַלאַמאַזש שריפה״, וואָס האָט כמעט פאַר־ניכטעט דאָס גאַנצע שטעטל. ווען אונזער הויז איז געווען אין פלאַמען איז אַריין מיין פאָטער, מיט צוויי זעק אין זיינע הענט, האָט זיי אָנגע־פילט מיט הייליקע ספרים און זיי געראַטעוועט פון דער שריפה. ערשט דערנאָך, ווען די ספרים זענען געלעגן זיכער ביים ברעג פונעם טייך, איז ער געלאָפן ראַטעווען זיין הויז.

ווען די השכלה־באַוועגונג איז אָנגעקומען קיין ציעכאַנאָוויעץ איז מיין פאָטער געוואָרן אַ משכיל און האָט זיך גענומען קליידן אין אַ $\frac{3}{4}$ קאַפּאָטע. מ׳האָט אויף אים געזאָגט אַז ער איז אַ דייטש. די השכלה האָט געבראַכט מיין פאָטער צו דער „חיבת־ציון״־באַוועגונג. ער איז געווען פון די ערשטע „חובבי־ציון״ אין ציעכאַנאָוויעץ און געהאַלטן פייערדיקע דרשות אין בית־המדרש, אַז אַלע יידן, קליין און גרויס, מוזן פאַרלאָזן דעם „עמק הבכא״, ניט וואַרטן אויף משיח׳ן און אויף גלגול מחילות, נאָר מקרב זיין די גאולה דורך עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

די הייסע ליבע צו ארץ־ישראל האָט מיין פאָטער איינגעפלאַנצט אין די הערצער פון זיינע קינדער. מיין עלטערער ברודער שעפּסל (שבתי), זייענדיק אַ בחור פון 24 יאָר, האָט באַשלאָסן עולה זיין. ער האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון דער פאַמיליע



בית ר׳ שבתי כהן במאה־שערים שבירושלים דאָס הויז פון שבתי כהן אין מאה־שערים — ירושלים
The House of R' Shabtai Cohen in Mea-Shaarim in Jerusalem


פון זיין צווייטער פרוי, און אין יאָר 1884 האָט ער פאַרלאָזט ציעכאַנאָוויעץ און איז אַוועק מיט נאָך „בילו״־גרופּן אין לאַנד.

זייענדיק אַ רעליגיעזער ייד האָט ער זיך באַזעצט אין מאה שערים, ווייל ער האָט געוואָלט זיין בשכנות מיטן כותל המערבי. ער האָט געקויפט אַ הויז און אויפגעעפנט אַ בעקעריי. געבאַקט ברויט און חלות פאַרן בית־יתומים, מושב־זקנים און אויך פאַר די בוכאַרישע הייזער. ער איז זעהר באַליבט געווען אַלס אַ ערלעכער מענש, אַ גרויסער אוהב־ישראל און אַ גרויסער ליבהאָבער פונעם לאַנד. הגם ער האָט געלעבט אין מאה־שערים, איז ער געווען ווייט פון פאַנאַטיזם. ער האָט קיינעם ניט געשטראָפט, נאָר ערצויגן זיינע אייגענע קינדער, אַז זיי זאָלן זיין פרומע יידן און בשעת סכנה, חס ושלום, זאָלן זיי זיין גרייט זיך מקריב זיין און אָפּגעבן זייער לעבן פאַר אונזער הייליק לאַנד.

זיין ליבע צום לאַנד איז אַזוי גרויס געווען, אַז ווען ער האָט געהערט אַז עמיצער גרייט זיך פאַרלאָזן ארץ־ישראל און זיך אומקערן אין גלות — האָט ער מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן: ס׳איז ניטאָ פאַר יידן קיין אַנדער היים! די היים איז דאָ!

אין יענע צייטן פלעגט מען באַקן ברויט נאָר ביינאַכט. מיין ברודער איז, כמעט, ניט געשלאָפן, ווייל בייטאָג איז ער געזעסן און געלערנט כמעט אָן אויפהער. ער האָט זיך פאַרטיפט אין קבלה־ספרים, אין וועלכע ער האָט קלאָר און דייטלעך איינגעזען, אַז

ער וועט זוכה זיין צו ביאת המשיח, אַז ער וועט מיט זיינע אייגענע אויגן זען די גאולה שלמה. אין דעם זין האָט ער געשריבן התלהבותדיקע בריוו צו ציעכאַנאָוויעצער יידן און זיי גערופן אַז זיי זאָלן אַלעס פאַרלאָזן און עולה זיין קיין ארץ־ישראל, ווייל ער פילט די פעמי הגאולה, ווייל דאָס וואָס די גרויסע בעלי־קבלה האָבן געשריבן וועגן קץ הימין, האָבן זיי זיך מתכוון געווען צו דער צייט פון דער ביל״ו־באַוועגונג.



מימין : הערשל כהן (בנו של ר׳ שבתי כהן), נולד בירושלים, נפטר בפאריס בשנת 1961

פון רעכטס : הערשל כהן (דער זוהן פון ר׳ שבתי כהן), געבוירן אין ירושלים, געשטאָרבן אין פּאַריס, אין יאָר 1961

On the right : Hershl Cohen (Son of R' Shabtai Cohen) born in Jerusalem, passed away in Paris in 1961

משמאל : יעקב קאַליש (אחי משה קאַליש), נפטר בארצות־הברית בשנת 1938

פון לינקס : יעקב קאַליש (דער ברודער פון משה קאַליש), געשטאָרבן אין אַמעריקא, אין יאָר 1938

On the left : Yaacov Kalish (Brother of Moshe Kalish) passed away in U.S.A. in 1938

יעדן מיטוואָך פֿלעגט ער גיין צום כותל המערבי, הייס געדאַוונט און געבעטן פֿאַר קראַנקע. נאָך האַלבער נאַכט האָט ער געזאָגט תּיקון חצות. זיינע געוויינען זענען אַזוי גרויס געווען, אַז מ׳האָט זיי געהערט זייער ווייט. זיינע שכנים, און אויך זיינע קינדער, האָבן אים געפֿרעגט פֿאַרוואָס וויינט ער אַזוי שטאַרק? פֿלעגט ר׳ שבתי ענטפֿערן: ווייל דער כותל איז נאָך וויסט און דער בית־המקדש איז נאָך ניט געבויט געוואָרן. ער האָט געוואַרט יעדן טאָג, אַז יידן וועלן קומען פֿון אַלע עקן פֿון דער וועלט בויען דעם בית־המקדש און ער וועט מיט זיינע הענט אָנטייל נעמען ביים בויען דעם היכל.


אָבער, צום באַדויערן האָט ער ניט זוכה געווען דאַצו, ווייל ער איז יונג אַוועק פֿון דער וועלט. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1912 און געפֿונען זיין אייביקע רו אינעם בית־הקברות פֿון הר־הזיתים. זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען: רבותי, די וועלט איז ניט אונזערע. ווי מיר האָבן זי געטראָפֿן, אַזוי וועלן מיר זי איבערלאָזן.

מיין ברודער האָט געהאַט 7 קינדער: פֿישעל, משה, יוסף, פֿייגע, חנה, הערשל און פּנחס. פֿישעל און משה זענען אַוועק קיין אַמעריקע. הערשל — קיין פּאַריז. יוסף האָט אַ זון אין ישראל, וואָס וווינט אין קרית־מוצקין.

חוה ווערבע (סעהר)
(אפקה — תל־אביב)

ארץ־ישראל יידן

(דוד קאַמין, מרדכי קלאָדע און הערשל יאַרמוס)


ר׳ דוד קאמין
R' David Kamin

„ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" — דאָס איז געווען די תפילה, וועלכע יעדער ייד האָט געזאָגט דריי מאָל אַ טאָג, מיט גרויס כוונה, אין די לאַנגע תמוז־טעג, אָדער אין די שטילע אימעטיקע ווינטער־טעג, לאַנגזאַם, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, געווענדט צו דער מזרח־זייט.

אין מערערע הייזער איז די מזרח־וואַנט באַצייכנט געווען מיט אַ האַנט־געהאַפטענע קאַנווע, צוויי ציפּריס־בוימער אין בײדע זייטן, און אינדערמיט קבר־רחל, אָדער כותל־מערבי, מיט אַן אויפגייענדע זון. קעגנ־איבער — דאָס בילד פונעם שר משה מאָנטיפיאָרי, ירום הודו — דער באַנייער און באַשיצער פון די מקומות הקדושים אין הייליקן לאַנד.

אַלע יאָרן איז אויך געווען אַ לעבעדיקע פאַר־בינדונג פון יידן אין גלות מיט ארץ־ישראל. זייער אינפאָרמאַציע וועגן לאַנד האָבן זיי באַקומען פון די שליחים פון די „כוללים" אין לאַנד, וועלכע פלעגן אַרומפאָרן איבער דער וועלט זאַמלען געלט און האָבן אויף זייער וועג אויך באַזוכט אונזער שטעטל.

כ׳וויל דאָ דערציילן וועגן איניקע משפחות פון אונזער שטעטל, וועלכע האָבן באַשלאָסן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. נישט ווילנדיק מאַכן קיין פעל־שריט, האָבן זיי געוואָלט אַליין זיך איבערצייגן, זען מיט די אייגענע אויגן די באַדינגונגען, וועלכע הערשן דאָרט. אָט אַזוי האָט איינער פון די יידן, דוד קאַמין — דער חזן און שוחט פון „אַלט־שטאָט" — געפאָרן נאָך אין יאָר 1906 באַזוכן דאָס לאַנד. אין דער זעלבער צייט, בערך, זענען אויך געפאָרן מרדכי קלאָדע (אַ פאַרמעגלעכער תבואה־סוחר פון „אַלט־שטאָט") און הערשל יאַרמוס פון דער „וואָליע" — אַ ייד, אַ קרעמער, וואָס האָט

פאַרקויפט פאַרשידענע פאַרבן, סמאָלע און אַנדערע באַדערפעניש פון די פויערים. מיט זיי איז אויך מיטגעפאָרן קלמן דער גביר, אַ מלווה־בריבית אין שטעטל.

מיט זייער צוריקקומען האָט זיך דאָס שטעטל באַרייכערט מיט ידיעות וועגן ארץ־ישראל. ר׳ דוד קאַמין, למשל, האָט דערציילט וועגן ירושלים מיט אירע „כוללים", ישיבות און בתי־מדרשים און אויך וועגן די מקומות הקדושים, וואָס געפֿונען זיך אין פרעמדע הענט. ער האָט מיט גרויס דבקות און מיט אַ שטאַרקער אמונה דערציילט די לעגענדע, אַז ווען די יידן וואָלטן כאָטש איינמאָל זוכה געווען צו קומען צו דער מערת המכפלה אין חברון — וואָלט געקומען משיח.

די געקומענע האָבן אויך מיטגעבראַכט פאַרשידענע פראַקטישע ידיעות וועגן טאָג־טעגלעכן לעבן און וועגן די לעבנס־באַדינגונגען, וועלכע האָבן אויסגעזען צו זיין גאַנץ שווערע. זיי האָבן באַרייכערט דאָס שטעטל מיט „ארץ־ישראל ערד" און פאַרשידענע בשמים. די יידן האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט פון די געקומענע.



ר׳ הערשל יאַרמוס
R' Hershl Yarmus


דעם אמתן נוצן פונעם באַזוך אין לאַנד האָבן געהאַט די טויטע, ווייל די ערד איז געבראַכט געוואָרן דירעקט פון ארץ־ישראל. די זעקלעך ערד, וואָס פלעגן פאַרקויפן די שליחים פון די „כוללים", זענען טיילמאָל געווען פאַרבונדן מיט ספקות; אָבער, לגבי דער מתנה פון דוד קאַמין איז נישט געווען קיין שום ספק.

מיט אייןיקע יאָר שפּעטער האָבן די דריי „ארץ־ישראל־יידן" זיך באַזעצט אין לאַנד. ר׳ דוד קאַמין — אין ירושלים; ר׳ הערשל יאַרמוס — אין פתח־תקוה און ר׳ מרדכי קלאַדע האָט זיך, פון אָנפאַנג באַזעצט אין תל־אביב, און דערנאָך אין כפר־סבא.

די משפחות זענען נישט געפאָרן אַלע צוזאַמען, נאָר מיט אַ אונטערשיד פון אַ יאָר, אָדער צוויי. איין גורל האָט זיי פאַראייניקט. זיי זענען געווען חשוכי־בנים (קינדער־לאָז). יעדער פון זיי האָט אַדאָפּטירט און מיטגענומען מיט זיך אַ זון, אָדער אַ טאָכטער פון קרובים, כדי זיי חתונה מאַכן אין ארץ־ישראל.

נאָך זייער אַוועקפאָרן האָבן די ציעכאַנאָוויעצער יידן געהאַט זייערע פאָרטרעטער אין ארץ־ישראל. אויב עמיצער פונעם שטעטל האָט זיך געקליבן פאָרן שטאַרבן אינעם הייליקן לאַנד, אָדער ווער ס'האָט געוואָלט שיקן אַ קינד לערנען אין ישיבה — האָט געהאַט אַ אַדרעס און אַ אָרט, ווו צו קומען און צו ווענדן זיך צו ווענדן.

די פֿאַרבינדונגען האָבן אָנגעהאַלטן בלויז אַ קורצע צייט, ווייל אין צווישן איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. נאָענט פֿאַר דעם קריג איז צוריקגעקומען מרדכי קלאָדע מיט זיין משפּחה. אין יאָר 1925 איז ער עולה געווען צום דריטן מאָל קיין ארץ־ישראל, און מיט אַ 15 יאָר צוריק האָט ער פֿאַרענדיקט זיין לעבן אין כּפר־סבא.



ר׳ מרדכי קלאָדע
R' Mordechai Klode

מיין שייכות צו דער תקופה פון די „ארץ־ישראל יידן" שטאַמט פון דער פֿאַרבינדונג מיט אונזער קרוב, ר׳ דוד קאַמין, וועלכער איז געווען דער פעטער פון מיין מאַמען הי״ד. ווי געזאָגט האָט ר׳ דוד ניט געהאַט קיין קינדער, און ביי אים אין שטוב האָבן פֿאַרבראַכט זייער יוגנט נאָענטע קרובים, צווישן זיי אויך מיין מוטער.

מיין מוטער האָט אַזוי געשילדערט ר׳ דוד׳ס עליה: וואָכן־לאַנג איז די שטוב געווען אָפֿן. דער שמש פון דער גרויסער שוהל איז אַרומגעגאַנגען אין שטוב און רעגולירט דעם מענטשן־שטראָם, וועלכע זענען געקומען זיך געזעגענען. יידן האָבן איבערגעגעבן בקשות, אויסגעדרוקט ווינשן, געלאָזט צעטלעך, אַדרעסירט אויף פֿאַרשידענע הייליקע אַדרעסן — כּותל־מערבֿי, קבֿר־רחל און אַנדערע הייליקע מקומות.

ר׳ דוד האָט, ווי זיין שטייגער, אַלעס פֿאַרשריבן אויף אַ בלאַט פון אַ ספר, בכבוד ראש, ווייל דאָס, וואָס ס׳ווערט פֿאַרשריבן אין אַ ספר וועט, בעזרת השם, מקוים ווערן.

אינעם טאָג פון אַוועקפֿאָרן האָט מען פֿאַרמאַכט די קראָמען און אַלט און יונג האָבן באַגלייט ר׳ דוד׳ן מיט זיין פרוי גאָלדע־חינקע און זייער אַדאָפּטירטע טאָכטער פעשקע. אַלע זענען געגאַנגען צופוס פון „אַלט־שטאָט" איבער די בריקן, דורך דער „וואָליע", צום שאָסיי, וואָס פֿירט צו דער באַן־סטאַציע אין טשיזשעוו.

בראש איז געגאַנגען ר׳ דוד, הויך, שטאַטנע, מיט אַ לויכטנדיקעס פּנים, מיט גוטע לאַכענדיקע אויגן. ער איז געווען אין זייער אַ געהויבענער שטימונג אויף זיין וועג קיין ארץ־ישראל.

ביי אונז אין שטוב איז געווען אַ קאָמאָדע מיט שופֿלאָדן. אין איינע פון זיי איז, צוזאַמען מיט די צירונג, די כּתובה און אַנדערע וויכטיקע דאָקומענטן, געלעגן פֿאַרוויקלט אַ סעריע בריוו פון ארץ־ישראל, אַדרעסירט צו דער משפּחה און געשריבן צו דער מאַמע פייגעל. די בריוו זענען געווען געשריבן פון איר פעטער ר׳ דוד און דער

מוהמע גאָלדע־חינקע „צו אונזערע טייערע קינדער אין גלות". געשריבן מיט קליינע, פערלדיקע אותיות פון אַלעמען און אַלעס.

אין איינעם פון די ערשטע בריוו איז געווען באַשריבן דער אָנקום אין יפו. ווי ס׳ווייזט אויס, שרייבט ר׳ דוד, האָבן מיר זיך זייער פאַרזינדיקט פאַר דעם וואָס לעבט אייביק, און די זינד זענען נאָך ניט פאַרגעבן געוואָרן — ווייל ביים אַריינקומען אינעם הייליקן לאַנד, דאַרף מען דורכגיין די קאָנטראָל פון פרעמדע הערשער — אַ גלות אין אייגענעם לאַנד. און ווען דו הייבסט אויף די אויגן צום הימל — איז ער פאַרשטעלט דורך די מעטשעטן. גאַנץ פרי הערסטו רופן צו אַללאַ דורכן שמש אין מעטשעט. אָבער, ס׳איז דאָ אַ גאָט אין הימל. ס׳זענען דאָ ישיבות. ישיבה־בחורים לערנען תורה, וועלכע וועלן, מיטן אויבערשטנס הילף, ברענגען די גאולה.

אין יעדן בריוו זענען געווען באַצייכנט די קלימאַטישע באַדינגונגען. די היצן זענען גרויס און מ׳באַווייזט זיך ניט אין גאַס אין די הייסע שעהן. די שפייז פאַרן טאָג ווערט איינגעקויפט דורך די מענער, וואָס קערען זיך אום פונעם ערשטן „מנין".

ביים אויסרעכענען פון די מעלות און חסרונות פונעם לאַנד האָט ער באַצייכנט, אַז די גאָלדענע שיינע פרוכט — מאַראַנצן — ליגט בערגלעך־ווייז אויף דער ערד. דערפאַר איז ניט בנמצא קיין קאַרטאָפל. ס׳איז אויך שווער זיך פאַרצושטעלן ווי קען מען מאַכן פסח אָן געגנזענע שמאַלץ און אָן אַנדערע מאכלים, צו וועלכע מ׳איז געווען צוגעוווינט אין דער היים.

מיר פלעגן אים פון צייט צו צייט צושיקן די דערמאָנטע פראָדוקטן, און צוריקבאַקומען בילדער פון קבר־רחל, קעמלען פון האָלץ און די טייערסטע מתנה — אַ ווייסע־ביינערנע פעדער, מיט אַ „שפּאַקטיוו", דורך וועלכן מ׳האָט געזען דעם כותל המערבי. יעדער קוק אין דער פעדער האָט פאַרכאַפּט דאָס האַרץ: אַזאַ בלויקייט פון אַ הימל ווי אין ערגעץ ניט און אַזאַ אומעטיקע וואַנט, וואָס וואַרט אויף דער גאולה.

אין יאָר 1933, א יאָר איידער כ׳בין געקומען זיך באַזעצן אין לאַנד, בין איך געפאָרן אַלס טוריסטן. דאַן זענען לעבעדיק געוואָרן אין מיינע אויגן אַלע בריוו פונעם אויבערשטן שופלאָד אין קאָמאָדע און מיר דערמאָנט די גיבורים, וועגן וועלכע כ׳האָב דאָ דערמאָנט. מיין מוטער האָט פון מיר פאַרלאַנגט, אַז דאָס ערשטע זאָל איך זיין אין ירושלים און געפינען אויפן הר־הזיתים דעם קבר פונעם האַרציקן ליבן יידן — ר׳ דוד קאמין, זכרונו לברכה.

נאָענט פון זיין אָנקום אין לאַנד, איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה. ר׳ דוד האָט געליטן מיטן גאַנצן ישוב פונעם גרויזאַמען טערקישן רעזשים. ער האָט פאַרלאָרן זיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון ציעכאַנאָוויעץ. זיין לעבנס־פריינד, גאָלדע, איז געשטאָרבן. ער האָט געלעבט איינזאַם, אָבער צופרידן מיט דעם וואָס דאָס לאַנד בויט זיך. ר׳ דוד איז געשטאָרבן אין יאָר 1921.

אברהם־משה ווּרוּבעל
(תל־אביב)

דער נסתר

(מיין זיידע אברהם־משה ווּרוּבעל)

מיין זיידע, וועלכן כ׳האָב ניט זוכה געווען צו קענען, נאָר פיל־פיל געהערט פון אים, איז זיין גאַנץ לעבן געזעסן אין שטוב און געלערנט טאָג און נאַכט. דאָס איז געווען זיין איינציקע באַשעפטיקונג. וועגן פרנסה האָט געזאָרגט זיין פרוי, די באָבע „טויבע די פאַרבערקע".

ווען כ׳האָב אָנגעהויבן לערנען אין ציעכאַנאָוויעץ ביי גמרא־מלמדים, פלעגן זיי שטענדיק דערמאָנען, אַז כ׳זאָל, אַפילו, קיין איין מינוט ניט פאַרגעסן וועמענס נאָמען כ׳טראָג. ווייל דאָס בלויזע דערמאָנען דעם נאָמען פון מיין זיידן וואַרפט אָן אויף אַ מענשן יראה און פחד.

דאָס האָט אין מיר דערוועקט טיפע מחשבות. כ׳בין אַרומגעגאַנגען שטאַרק פאַרטראַכט, ווייל כ׳האָב געוואָלט ענטפּלעקן דאָס געהיימניס פונעם זיידן. ניט איינמאָל פלעג איך צושטיין צו מיין פאָטער ע״ה און אים פרעגן, וואָס אַזוינס האָט ענטהאַלטן אין זיך דער זיידע? וואָס איז געווען דער יחוד אין אים? ווער האָט דאָס איינגעהילט דעם זיידן אין אַ הילע פון מיסטעריע? אָבער, דער פאָטער האָט מגלה טפח געווען און מכסה טפח געווען, און דער סוד איז ווייטער געבליבן סוד.

און היות ווי מיין דורשט צו ענטפּלעקן דעם מהות פון מיין זיידן איז ניט געשטילט געוואָרן, פלעג איך צושטיין צו מיין פעטער „שמחה דער פאַרבער" און אים פרעגן, אין וואָס איז באַשטאַנען די גרויסקייט פונעם זיידן. דאַן פלעגט דער פעטער אַריין אין גרויסע התלהבות און דבקות און זאָגן, אַז דער זיידע האָט פאַרמאָגט אין זיך אַזעלכע סגולות, וואָס ניט יעדער ילוד־אשה איז זוכה צו זיי. די גרעסטע סגולה זיינע איז געווען, וואָס ער איז טאָג און נאַכט געווען צוגעבונדן צו דער גמרא. ער האָט מעולם ניט גערעדט קיין דברי־חול און זיך דערווייטערט פון רכילות און פון אַנדערע שוואַכקייטן פון דער מענטשלעכער נאַטור. זיין התמדה אין לערנען איז אַזוי גרויס געווען, וואָס זיין גלייכן האָט מען נאָר געקענט געפונען אינעם ווילנער גאון.

אָבער אויך די דערקלערונג האָט מיר ניט באַפרידיקט און די מיסטעריע פונעם זיידן איז געבליבן ווייטער פאַרהילט. דעם ריכטיקן סוד האָט מיר מגלה געווען מיין פאָטער פאַר מיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל. ווען מיין פאָטער האָט מיר געגעבן זיין

ברכת הדרך, האָט ער צו מיר געזאָגט: מיין זון, דאָס האַרץ זאָגט מיר אַז מיר שיידן זיך אויף אייביק און מיר וועלן זיך שוין מער ניט זען. יעצט איז געקומען די פּאַסנדע צייט צו דערציילן דיר, ווער איז געווען דיין זיידע און ווי אַזוי איז ער נתגלה געוואָרן. אָבער, וועגן זיין התגלות האָט קיינער אין ציעכאַנאָוויעץ ניט געוווּסט און ס׳איז געבליבן אַ סוד נאָר פאַר זיינע קינדער, ווייל דער זיידע איז געווען אַ גרויסער ענו און ניט ליב געהאַט קיין פּרסום.

דער זיידע — אַזוי האָט דערציילט מיין פאָטער — איז געווען אַ שוואַכער מענש און איז כל ימיו קראַנק געווען. איינמאָל, אַ ווינטער, איז דער זיידע מסוכן קראַנק געוואָרן און די דאָקטוירים האָבן פאַראָרדנט, אַז אויב מ׳וויל דאָס דער זיידע זאָל מאריך ימים זיין, מוז מען פאָרן מיט אים ווי אַמשנעלסטן קיין ציעכאַצינעק. די באָבע איז מיט אים מיטגעפאָרן און געדונגען אַ באַזונדער צימער, אין וועלכן זיי האָבן געוווינט די גאַנצע צייט פון דער קוראַציע. ויהי היום האָט זיך מיט גרויס רעש אויפגעעפנט די טיר און ס׳איז אַריינגעפאַלן אין צימער אַ אומבאַקאַנטער ייד. דער ייד איז מיט אַ מוראדיק געוויין געפאַלן צו די פיס פונעם זיידן און אויסגעשריען: רבי, הייליקער צדיק, איר מוזט מיר העלפן! ס׳האָט זיך אויסגעגאָסן אויף מיר גאָט׳ס צאָרן, ער האָט מיר גע־שטראָפט, אַז כ׳זאָל ניט זוכה זיין אויסצוהאָדעווען קיין איין קינד מיינס. 4 קינדער האָט מיין פרוי געבוירן און זיי זענען באַלד, איינס נאָכן אַנדערן, אַוועק פון דער וועלט. הייליקער רבי! כ׳וויל פון אייך אַ ברכה, אַז גאָט זאָל מיר בענטשן מיט אַ זרע של קימא, כ׳זאָל זוכה זיין אויסצוהאָדעווען אַ קינד.

און דער זיידע האָט מיט גרויס עניוות געענטפערט דעם יידן: מי אני ומה אני? ווער בין איך און וואָס בין איך? כ׳בין ניט קיין רבי, ניט קיין צדיק און ניט קיין בעל־מופת. ליבער ייד, איר האָט אין מיר אַ טעות געהאַט. אָבער, דער פאַרצווייפלטער ייד האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס: רבי, איר זענט נתגלה געוואָרן, אַזוי האָט מען מיר מן השמים מודיע געווען, און כ׳וועל אייך ניט אָפּלאָזן אָן אַ ברכה.

ניט האָבנדיק קיין ברירה, האָט דער זיידע געבענטשט דעם ייד און געזאָגט, פאָרט אַהיים, זאָרגט אייך ניט, השם יתברך וועט העלפן, אַז איר זאָלט שוין מער ניט וויסן פון קיין צער. דער ייד איז אַוועק פונעם זיידן אַ געטרייסטער און אַ צופרידענער.

דער זיידע האָט זיך צוריקגעקערט קיין ציעכאַנאָוויעץ, האָט פאַרגעסן פון דער גאַנצער זאַך און איז, כדרכו, געזעסן על התורה ועל העבודה. אין אַ וועלכע 5—6 יאָר אַרום, איז אַ דאָנערשטיק פאַרנאַכט פאַרפאָרן קיין ציעכאַנאָוויעץ אַ פראַכטפולע קאַרעטע, פון וועלכער ס׳איז אַרויס אַ ייד פון רוסלאַנד, זייער רייך געקליידעט. דער ייד האָט אָפּגעשטעלט אַ פאַרבייגייער און אים געפרעגט: וווּ וווינט דער ציעכאַנאָוויעצער צדיק און בעל־מופת? יענער האָט געמאַכט מיט די פּלייצעס, ווייל ער האָט ניט געוווּסט, ניט פון קיין צדיק און ניט פון קיין בעל־מופת. האָט דער אורח אַרויסגענומען זיין נאָטיץ־

בוך און פשוט אַ פרעג געגעבן: ווו ווױנט דאָ רב אברהם־משה? ווען ער איז אַרײַן צום זיידן אין שטוב, האָט ער אים געטראָפן שטאַרק פאַרטיפט אין אַ ספר. ווען דער זיידע האָט אויפגעהויבן זײַנע אויגן, האָט אים דער אורח געפרעגט: איר דערקענט מיר? צו געדענקט איר, ווען כ׳בין געקומען צו אײַך נעמען אַ ברכה, אַז כ׳זאָל געבוירן אַ זרע של קימא? זײַט וויסן, הייליקער רבי, אַז צוריק מיט 5 יאָר האָט מײַן פרוי געבוירן אַ ייִנגל, דאָס קינד איז געזונט, און איך מיט מײַן פרוי זענען שטאַרק גליקלעך. ווי לאַנג כ׳וועל לעבן, וועל איך אײַך, רבי, ניט פאַרגעסן. און היות כ׳בין אַ פאַרמעגלעכער מענש, וויל איך אײַך העלפֿן, אויב איר נויטיקט זיך אין הילף און אויך שפּענדן אויף וווילטעטיקע צוועקן, ווי איר וועט באַשטימען.

האָט זיך דער זיידע אויפגעהויבן, גענומען די האַנט פונעם ייִדן און געזאָגט: כ׳בין גליקלעך וואָס דו ביסט גליקלעך. מיר פעלט גאָרניט און כ׳נויטיק זיך אין גאָרניט. איין פאַרלאַנג האָב איך פון דיר: קיינער אין שטעטל זאָל פון דעם ניט וויסן. זאָלסט מיט קיינעם ניט רעדן און קיינעם ניט דערציילן וואָס ס׳איז געווען צווישן אונז. כ׳וויל ווײַטער פאַרבלײַבן אַ נסתר, כ׳וויל ניט ווערן קיין מפורסם אין דער וועלט. דער ייִד האָט געגעבן אַ תקיעת־כף דעם זיידן, געהאַלטן ביי אים שבת, און זונטאָג האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים.

די לעצטע יאָרן, ווען דער זיידע איז שוין אזוי שוואַך געווען אַז ער האָט ניט געקענט שטיין אויף זײַנע פיס, האָט ער דאָך אויף איין זאַך ניט געקענט מוותר זײַן — דאַווענען שבת אין בית־המדרש. האָבן מײַן פאָטער און מײַן פעטער געמאַכט פון זייערע הענט אַ הענט־בענקעלע און פון דער „וואליע" האָבן זיי אים געטראָגן צו דער שוהל, שבת־שבת, ביז צום לעצטן שבת פון זײַן פטירה.

דער זיידע איז געווען אַזוי פאַרערלעכט ביי די ציעכאַנאָוויעצער ייִדן, אַז די ערשטע ציעכאַנאָוויעצער ייִדן וואָס זענען געקומען קיין אַמעריקא האָבן געגרינדעט אַ „סאָסייטע בני־משה", אויפן נאָמען פונעם זיידן. די „סאָסייטע" עקזיסטירט ביזן הײַנטיקן טאָג.

הרב אביעזר ציצוביץ
(חבר הרבנות הראשית לתל־אביב־יפו)

אבות משפחתי

א) זקני, ר' חיים מנדל הלוי לעוו

טיפוס מיוחד היה הסופר סת"ם ד„ניי־שטאט", זקני החסיד המופלג בתורה וביראת־שמים, מוה"ר (מורנו הרב) חיים מנדל הלוי לעוו זצ"ל, אדם בעל צורה נאה וצנוע בהליכותיו. היה מפורסם כצדיק ואמן במקצועו כסופר סת"ם. רגיל היה לקום בלילה והיה כותב את כתבי הקודש בקדושה ובטהרה עד זמן התפילה.

גיסו, הסופר סת"ם המפורסם, הצדיק רבי גרשון ליכטנשטיין, שהיה נודע בשם רבי גרשון צ'יז'יבר, היה כותב תפילין בשביל הרבי מגור, בעל ה„שפת אמת" זצ"ל, והוא עצמו התפלל בתפילין שכתבן זקני רבי חיים מנדל, וזקני היה מתפלל בתפילין שכתבן גיסו רבי גרשון בשבילו, כי כל אחד היה מעריך את חברו יותר מעצמו.

למרות שהרבה אנשים רצו בתפילין שכתבן זקני, לא הפריז במחיר, הסתפק במועט וחי בצמצום. לא הספיק לכתוב הרבה ביום, כי כל כתיבה היתה צריכה הכנה והיתה בבחינת עבודת השם.


אשתו, זקנתי, מרת שינה הדס, היתה צדקת ובעלת גמילות חסדים והיתה פעילה מאוד במצוות הכנסת כלה. שניהם נפטרו בציחנוביץ.

ב) אבי, מוה"ר דוד ציצוביץ

אבי זצ"ל היה חסיד ולמדן מופלג, פיקח ואיש־עסקים ישר. לפי בקשת הקהל היה מלמד ברבים משניות, „עין־יעקב" ו„שלחן־ערוך" בין מנחה למעריב בבית־המדרש ד„ניי־שטאט". הוא היה מחונן בכשרון של הסברה טובה, שהכול הבינו מה שלימד אותם, ואפילו הפשוטים שבקהל.

מידה גדולה של אהבת תורה היתה בו. כשהיה רואה בעיירה נער בעל כשרון, היה מלמדו גמרא, שלא על־מנת לקבל פרס, ולאחר השתלמותו אצלו, היה שולחו ללמוד ב„ישיבה". הוא היה עוסק גם בתיקון ספרי ש"ס ומפרשים של בית־המדרש.

ה"א היה מצאצאי הרב הגאון רבי שבתי זוסמן זצ"ל, בעל מחבר הספרים „מאיר נתיב", „עמודי כסף" ועוד ספרים חשובים.



ר' דוד ציצוביץ
R' David Tzitzovitz

פנינה רותם (החנוכית)
(ירושלים)

אחותי רבקה החנוכית



רבקה החנוכית
Rivka Hachnochith

את שנות נעוריה בלתה רבקה בציחנוביץ. בתקופה זו גרה בבית הוריה, אביה הרב יהודה החנוכי, רב העיירה, ואמה הרבנית פייגע־אַלטע.

ניתן לחלק חיי רבקה לכמה פרקים עקריים, שהראשון בהם מקיף את חייה בעיירתנו. כשאני נזכרת בביתנו שבציחנוביץ שעזבתיו לפני 40 שנה, בערך, הרי מיד מצטיירת לנגד עיני דמותה של רבקה אחותי והנה היא מתיצבת בקרב בני־הנוער המתלבט של התקופה ההיא, הנוער השואף לשינוי דרך חייו. היה זה נוער, שחיפש לעצמו דרך ומטרה, נוער בעל חזון התעוררות לאומית וחברתית.

ובקרב הנוער הזה נקבע לרבקה מקום של כבוד, ויחד עם חבריה פלסה לעצמה דרך אל הציונות ואל החלוציות.

רבקה היתה, אולי, הראשונה בעיירתנו, שהאמינה כי גם האשה זכאית לעצמאות, שהתבטאה בהקניית דעת ורכישת השכלה. היא היתה אחת הצעירות הראשונות שעזבה את העיירה ולא חתה מפני התנאים הכלכליים הקשים ובאה אל העיר הגדולה — ורשה.

וכך היתה רבקה אחת מהראשונות, שסיימו את לימודיהן בבית־המדרש לגננות, מיסודו של יחיאל הלפרין בורשה, בירת פולין.

הפרק השני בחיי רבקה מתחיל בורשה. שם היתה גננת עברית, בעלת רוח מהפכנית ושאיפה כבירה להגשים את האידיאלים הציוניים והחינוכיים שספגה במולדת הרחוקה. היא חשה בכל נפשה ובכל מאודה, כי לא בגולה מקומה וזוכה לשאת בכתר החלוצה הראשונה בעיירה, שעה שרגלה דורכת לראשונה על אדמת ארץ־ישראל בשנת 1920.

צעדיה הראשונים של רבקה בארץ לא היו קשורים במקצועה כגננת. מתוך אידיאליזם טהור והכנה מגובשת ידעה רבקה כי תפקידה לסייע להלכה ולמעשה לבנין

הארץ. כך עברה רבקה לגדוד העבודה שהוקם מיד אחרי מלחמת העולם הראשונה, שנועד לכיבוש העבודה העברית ולזכותו יש לרשום את ההתעוררות ההתישבותית־הקיבוצית של ראשית שנות העשרים.

רבקה נקלטה במחנה גדוד־העבודה בצריפין, היא סרפנד. עבודתם של חברי הגדוד נעשתה בקו הרכבת והחלוצים הצעירים הניחו את מסילת הברזל.

רבקה לא נרתעה משום עבודה קשה והגישה שרותים לחבריה, הן במטבח והן במכבסה. וגם מחוץ למחנה אפשר היה לפגוש אותה. היא עבדה בסיקול וגם בחצץ בכבישים.

מיהודה עלתה רבקה הגלילה והגיעה למגדל הסמוכה לטבריה. כאן עבדה בכביש מגדל־טבריה בתנאי אקלים קשים מאוד. תקפה אותה ה„מחלה החלוצית" של הימים ההם — הקדחת. אולם, רבקה לא נרתעה ורוחה לא נחלשה, ובין התקף להתקף חזרה לעבודה.

הישוב בארץ־ישראל גדל, הילדים התרבו והם היו זקוקים למחנכים. רבקה נקראה לשוב למקצועה ולחנך את ילדי־הגנים. אולם, היא לא נכנעה, כי חלום חייה היה לעלות יחד עם חברי הגדוד ולכבוש את אדמת עמק־יזרעאל. היא סרבה לנטוש את האדמה ולחזור לחינוך. אולם, הקדחת עשתה את שלה, ומחמת מצב בריאותה נעתרה לצו המוסדות וחזרה למקצועה כגננת.

עבודתה הראשונה היתה בגן־הילדים של בן־שמן. מכאן עברה לראשון־לציון, ובין הזמנים עבדה גם ביבנאל שבגליל התחתון.

העבודה בגן־הילדים כבשה את רבקה ובה מצאה יעוד לחייה. לכן החליטה להשתלם, ולאחר שנות עבודתה ביבנאל יצאה לגרמניה, שם השתלמה בפדגוגיה וחינוך ילדים בגיל הגן.

בשובה מגרמניה פתחה רבקה את הפרק האחרון, הממושך ורב הפעלים של חייה. היא קבלה עבודה בתל־אביב. אולם, אותו אידיאליזם ראשוני שנולד בקרב הנוער המתלבט בציחנוביץ ובורשה, מוביל את רבקה לא אל מרכז־העיר, אלא דוקא לפרברים.

היא פנתה לשכונות העוני ומצאה סיפוק ויעוד בחינוך ילדי־גן, בני השכבות המפגרות. היא הקדישה את חייה לעדות המזרח, לילדים חולי גרענת וגזזת, וחשה את חדוות היצירה במעשיה.

אולם, לרבקה היו השקפות מגובשות לא רק לגבי בעיות החינוך של ילדי־הגן, אלא גם בשטחים אחרים של התרבות והחברה. היא האמינה, כי האדם הוא טוב מנעוריו. תחושתה היתה שבארץ גדל דור של אנשים מיוחדים, בעלי הכרה לאומית ונכונות אידיאליסטית להגשמת רעיונות חברתיים בכל מחיר.

מענין מאוד היה יחסה ללשון העברית. היא נלחמה למען שפה מושרשת, המושתתת על אשיות התנ"ך. היא דרשה זאת מעצמה ומאחרים.

כך חלפו השנים. רבקה הקדישה לילדי הגן של פרברי תל־אביב למעלה משלושים שנות חייה. מסכת חייה הגיעה לקיצה, ממש, בנשיקה, בחברת הזאטוטים בגן הילדים. היא ישבה ליד הפסנתר, ואותה שעה ממש פקע המיתר בנפשה. היא צנחה לפתע מכסאה לעיני עשרות ילדיה, ולא קמה עוד... נפטרה בשנת 1953 והונצחה ע"י הקמת גן־ילדים על שמה בבאר־שבע.

יצחק בלום
(אַמעריקאַ)

צוויי טיפּן

שרה גיטל פונעם „בלינדן געסל״

פאַרנעמענדיק זיך צום מאַרק, איז מיר אויסגעקומען פאַרבייצוגיין דורך זייער אַ שמאָל און קורץ „בלינד געסל״. פוןביידע זייטן, ווענט אָן פענצטער, מיט דיקע ברוק־שטיינער, וועלכע האָבן זיך שפּיציג אַרויסגעהויבן און געשטערט די טריט...

צום אַלעם ערשטן האָט זיך מיר אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן די שערענגע בודקעס אין מיטן מאַרק. די בודקעס, דאָס זיינען געווען און פאַרבליבן דעם „אָרימאַנס קרעמלעך״, ווו די פרויען פון אָרימעלייט און פאַראָרימטע דאָרפס־פּויערים קריגן אַלץ פאַר אַ סך ביליגער ווי אין די מאַרק־קראָמען.

אויפן מאַרק איז געווען אַ „אינסטיטוציע״, וואָס האָט געהייסן שרה־גיטל. איר בודקע איז געווען די איינציקע וואָס איז געשטאַנען מיטן פּנים צום בלינדן געסל, אַזוי אַז ווען מען האָט נאָר אַריבערגעשפּאַנט דאָס געסל צום מאַרק, האָט מען איר גלייך דערזען.

שרה־גיטל איז געווען אַ ברייטע, רונדע יידענע, מיט אַ פאַרזאָרגט, צעקנייטשט פּנים. אפילו, אום זומער האָט זי געטראָגן אויף זיך אַ סך קאָפּטאַנעס מיט אַ דיקע פאַטשיילע אַרום איר קאָפּ. ווינטער האָט מען קוים אַרויסגעזען איר פּנים.

דער „פייער־טאָפּ״, אויף וועלכן זי פלעגט זיך ווינטער וואַרימען, האָט געהאַט אַ נאָמען איבערן גאַנצן מאַרק. דאָס איז געווען אַ גרויסער, רונדער ערדענער טאָפּ, אין וועלכן עס האָבן שטענדיק פלאַם־פייערדיק געגליט קוילן. עס איז נאָר געווען אַ ווונדער, וואָס אירע קליידער האָבן זיך אויף איר נישט אָנגעכאַפּט. שרה־גיטל פלעגט אָפּט לייען איר באַרימטן פייער־טאָפּ צו אירע שכנות „בודקע זיצער״ צו דערוואַרימען זייערע פאַר־פרוירענע אברים, פאַרוואָס די שכנות האָבן זי גאָרניט געקענט אָפּדאַנקען.

פון שרה־גיטלס הענט און קליידער האָט זיך שטענדיק געשפּירט דער ריח פון הערינג, וואָס זי פלעגט פאַרקויפן. אָרימע קינדער פלעגט זי פאַרקויפן שטיקלעכווייז, פאַר אַ גראָשן אָדער צוויי, און נאָך צולייגן אַ שטיקל „רויג״ אָדער „מילך״ פאַר אַ צולאָג.

שרה־גיטל האָט געוווסט פון אַלע „שווערע הערצער״ ביי אירע ווייבערישע קונים, זיי האָבן פאַר איר אויסגערעדט דאָס האַרץ. איר אויסדערציילט פון אַלע זייערע צרות

און ווייטאָגן, פון אייגענע אַזוי גוט ווי פון פרעמדע, און אַז ס׳האָט איינעם אויסגעפּעלט געלט אויף ברויט אָדער אַ הערינג, האָט זי געבאָרגט...

„בערל שבת״ (בערל אורקעס)

„בערל שבת״ איז געווען אַ זעלטן פרומער ייד, כאָטש קיין גרויסער למדן איז ער ניט געווען. אָנגעטאָן פלעגט ער גיין כמעט חסידיש, אָבער פאַר די חסידים איז ער געווען צופיל מתנגד, און פאַר די מתנגדים צופיל חסיד... אַלע זענען אָבער געווען איינשטימיג אויף דעם, אַז ער איז אַ גרויסער אָרימאַן. יעדן איז געווען באַקאַנט בערל׳ס טראַגישעס לעבן, איבערהויפּט זיין גרויסער צער, וואָס קיין איין קינד האָט ביי אים ניט דערלעבט אויפצוּוואַקסן...

פון וואָס און פון וואַנען האָט „בערל שבת״ געצויגן חיונה פאַר זיך און פאַר זיין אשת־חיל, איז מיר ניט באַקאַנט. ס׳איז געווען באַקאַנט אַז ער הונגערט ממש. דאָס האָט מען געקענט זען פון זיין אויסגעמאָגערטן גוף און אויסגעבלייכטן פּנים.

דוד הלר היה נצר ממשפחה מושרשת בקרקע ציחנוביץ מדורות. הוא היה מבעלי־הבתים המקובלים והמכובדים שבעיירה. שכלו החריף ולבו החם עשוהו לאחד העסקנים הפעילים בחיים הציבוריים בציחנוביץ. אחרי מלחמת־העולם הראשונה, כאשר פליטי החרב החלו לחזור לעיירתנו והדלות היתה רבה, התעוררו אחינו שמעבר לים ושלחו כספי־סיוע לנצרכים. כחבר הועדה הציבורית לחלוקת כספי התמיכה, נשלחו הכספים על־פי כתובתו של דוד׳צ׳ה. הוא הדין, חלוקת מעות חיטין היתה שנים רבות בידיו והוא ידע לכלכל את החלוקה בתבונה וצדק. וכך גדלה סמכותו ואימון בני־העיירה בו היה רב, עד שפנו אליו גם בעניני בוררות. מחלוקת כי תפרוץ בין יהודי לעמיתו, או מריבה משפחתית וכו׳ — היו באים לדוד׳צ׳ה והוא ידע תמיד ליישר את ההדורים וליישב את הענין לשביעת רצונם של הצדדים היריבים.

הוא היה לא רק איש־ציבור, כי אם גם ציוני חם. נהנה מדרשה מעוררת, המספרת על ציון, התפעל מחידושי תורה ולשון וראה את עולמו בין כתלי בית־המדרש, שהיה אז, לא רק מרכז החיים הדתיים, אלא גם הלאומיים — „בית חיינו״, לפי ביטויו של חיים־נחמן ביאַליק.

הוא היה נענה באופן פעיל לכל האתגרים הלאומיים, שהעמידה הציונות בימים ההם לפני כל שוקל שקל. הוא היה פעיל בקרן־הקיימת וגם בבית־ספר „תרבות״. שימש זמן רב כגזבר בית־הספר — תפקיד לא קל ביותר, כי מי מאתנו אינו יודע את הלבטים בהם התלבט בית־ספר „תרבות״ בעיירות והקשיים בהם נתקל, כדי לממן ולהחזיק אותו ברמה נאותה. בית־הספר ינק מקור קיומו מהכנסות ותרומות בני־העיירה בלבד, ללא תמיכה ממשלתית, מוניציפאלית, או כל עזרה אחרת.

דוד׳צ׳ה נטל על עצמו זמן רב את העול הזה, כמובן ,יחד עם עוד חברים מסורים ונלהבים לענין, ביניהם, נפתלי יבקובסקי, צבי יסקולקה, בן־ציון נבוזשני ואחרון־אחרון יהושע רוגיבסקי, שבתקופה מאוחרת יותר היה התגלמותם של הקק״ל ובית־ספר „תרבות״ שבעיירתנו.

במחרוזת סגולותיו של דוד׳צ׳ה הלר, ברצוני לשזור עוד סגולה יקרה ונאה ביותר, והיא: רעות נאמנה, עד כדי מסירות־נפש. ומעשה בחזן העיירה, ר׳ קלמן אברמסון, שנקרא להתייצב לצבא הצאר. מה עשה דוד׳צ׳ה? — הלך והתייצב במקומו, כדי להצילו מידי הרשות. דוד׳צ׳ה היה יהודי חלוש ביותר ולא היה כשר לשרת בצבא. במעשה זה סיכן חייו, ממש, ולו תפשוהו בתרמית זו — היה גורלו נחרץ. („תרמית" זו אופשרה הודות לכך, שפנקסי הצבא היו ללא־תמונות).

כזה היה דוד׳צ׳ה הלר. אפשר עוד לספר עליו כהנה וכהנה, אך גם בשורות אלו מתגלמת לפנינו דמות ממוזגת יהודית של איש־ציבור וציוני מסור. איש רעים להתרועע — אחת הדמויות המאירות של העיירה שנמחקה ואיננה עוד.

תשמשנה שורות אלו נר־נשמה לדוד׳צ׳ה, שניספה עם כל אחיו וכל משפחתו — אשתו רבקה, שתי בנותיו חנה וצפורה, בנו הצעיר משה והבכור מוטיל.

אלה שלא זכו

תהילה אשלגי (זילברברג)
(כפר ויתקין)

א

„הכהן גדול"

היה אצלנו יהודי, שקראו לו „דער כהן גדול", כי היה משכמו ומעלה גבוה, ובעל הדרת־פנים. הוא היה אחד מפשוטי־העם — חוטב־עצים. לא היה בן־תורה, ובוודאי שלא הגיע למעלה מאמירת פרק „תהלים". מאליו מובן, שלא קרא ב„הצפירה" ולא שמע על סוקולוב, אבל היהודי הזה היה ציוני בלב ונפש — ציוני ברגש ובהכרה. מאין נחל כל זה — פלא הוא בעיני עד היום הזה.

אדם זה, שנלחם קשה על קיומו, מטופל במשפחה גדולה ועתים הסתפק בפת חרבה — היה מהתורמים הנלהבים לקק"ל. כל ימיו הצטער על שנולד קודם זמנו, שכן אילו בא לעולם בדור ה„חלוץ" — היה מבין מייבשי ביצות־העמק.

היהודי הפשוט הזה לא הבין, כיצד זה מתנגדים לציונות ולמה אין היהודים תורמים לקרנות הציוניות, אף למעלה מיכלתם. הוא לא פסק מלהתריע, שאילו הסכימו היהודים לוותר קמעה על רמת־חייהם, כי אז לא היו חסרים אמצעים לבנין הארץ.

היו לו הצעות מקוריות משלו לריכוז כספים לגאולת הארץ. פעם הציע, שהיהודים יתנזרו מעישון, כי בכסף העולה בעשן, בכסף זה בלבד נוכל לבנות את הארץ.

כשבנו שמעון יצא להכשרה — לא היה קץ לשמחת ה„כהן גדול". הוא בא אז לביתנו לחטוב עצים ואמר לאמי ז"ל בהתלהבות: „ברגל אחת, אני כבר בארץ־ישראל". ואף־על־פי שעם צאת בנו להכשרה ניטלה ממנו משענת־לחם — קיבל הכל באהבה, שכן בנו משתף את עצמו בבנין הארץ.

ב

משה הולצמן

משה הולצמן היה יהודי בר־אורין, חסיד, וכל ימיו התפלל ב„חסידים שטיבל", בו התרכזו אנשי ה„אגודה", שהיו ידועים בהתנגדותם לציונות. ודרושה היתה מידת

עוז־רוח לא מועטה כדי להטיף באוירה זו לציונות ולהשפיע על באי ה„שטיבל" שיחדלו מהתנגדותם לציונות. הוא עמד תדיר בוויכוחים עם המתפללים וניהל מלחמת־קודש למען הציונות, כשמעטים בלבד עומדים לימינו.

גם היהודי הזה, שפרנסתו היתה בצמצום והוציא לחמו מחנותונת לגלנטריה — היה עסקן ציוני נלהב, חבר בועדת קק"ל ובין התורמים הנאמנים לקרנות הציוניות.

זוכרת אני: פעם נכנסו לביתו למכור לו שקל. מאחר והפרוטה לא היתה מצויה בכיסו — מיהר לשכנו לקחת „גמילות חסד". בחזרו הכריז בקול: „על זכותי להיות אזרח במדינת היהודים בדרך לא אוותר. ומי יתן שתתגלגל זכות על־ידי ותחזינה עינינו בכינון מדינת ישראל במהרה בימינו".

לשיא הדבקות בארץ־ישראל הגיע משה הולצמן במאורעות תרפ"ט. ההתרגשות בעיירתנו, בימים קודרים אלה, היתה עצומה. בדרך כלל הגיע העתון אלינו פעם אחת ביום בלבד, אבל בימים הטרופים ההם היה תמיד מביא מישהו תוספת צהריים מורשה, שהגיעה אלינו בערב. את התוספת הזאת קראו בבית־הכנסת בין „מנחה למעריב". אותה שעה התכנסו לא המתפללים הקבועים בלבד, כי אם רבים מיהודי העיירה, לרבות הילדים, והתארגנה אסיפת־מחאה ספונטנית.

מיד הוכרז על מגבית מיוחדת. היהודים הביאו את תרומותיהם לבתי המתרימים. ויהודים עניים, שלא נכנסו לבתיהם מחמת ענים, הרגישו את עצמם נעלבים, כאילו, מקפחים חלקם לעולם הבא, והביאו את תרומותיהם הדלות. וזכור לי, שטויבה'לה האלמנה, שהתפרנסה מרוכלות בכפרים וחיתה חיי דחקות ומצוקה — אשה זקנה זו באה עם תרומתה ואמרה: היכן זה כתוב, שלאדם עני אין זכות לשתף את עצמו במצווה גדולה וחשובה כזו?

בימים ההם התהלך משה הולצמן כאדם שחרב עליו עולמו. וצר מאוד, שחולמים והוזים אלה לא זכו להתגשמות חלום־חייהם.

ג

לדמותה של חיה ליובוביץ' (נבוז'ני) *

יש אנשים, שהגורל הועידם לתכלית אנושית־ציבורית נעלה, או לפיתוח וגילוי ערכי־אדם וערכי־רוח; אבל, עקב מסיבות שונות, שוקעים אנשים אלה במציאות אפורה, זרה לרוחם, ואישיותם אינה מגיעה לכלל גילוי. חיי יחידים אלה הם ציפיה מתמדת לשעת ההתגלות, ומשאם־ומתנם, שיחם ושיגם אינם אלא דבר שבארעי, עד בוא השעה המיוחלת. למאוכזבי־גורל אלה שיכת חיה ליובוביץ'. בכשרונותיה הטבעיים, בחריפותה

---

* מפי אחותה בתיה וחברותיה.

המיוחדת, בחדירתה לעומק בעיות האדם, בשכלה האנליטי — מסוגלת היתה לתפוס מקום בולט בחיי הציבור והרוח שבעיירתנו וגם מחוצה לה; אך כל ימי־חייה שקועה היתה במקח וממכר ולא זכתה לשעת ההתגלות. שתי נשמות התרוצצו בקרבה — האחת של האב הלמדן, שהטיל את עסקי החנות על האם, ובעצמו שקע בעולם התורה והציבור, והשניה — של חיי־החומר. נפשה הרגישה נקלעה בין שני עולמות אלה. היא סבלה, כאבה, הכירה בעיוות הגורל, אך נכנעה לכורח החיים, בתקוה ש„זה עוד יבוא".

מקטנותה למדה עברית וחיבה גדולה היתה נודעת ממנה לשפתנו הקדומה. היא היתה משלושת התלמידים הראשונים של מורנו משה־דוד הלר, שהתברכו בהם והציגום כדוגמא של ידיעת השפה העברית. היא דברה עברית באופן חפשי ושוטף. הצטיינה בידיעת התנ"ך, הספרות והשירה העברית. חיבה ואהבה היו לה לשירי ביאליק, וכשדקלמה אותם גרפה עמה את קהל המאזינים.

בד־בבד עם השכלתה העברית, רכשה חיה גם ידיעות כלליות בבית־הספר המקצועי שבעיירתנו. כאן נפתחה לפניה אשנב לתרבות המערב. גם כאן הצטיינה בלימודיה, ובסיימה את בית־הספר דרש המנהל, מר מאלב, מהוריה לשלוח אותה לעיר הבירה להמשך הלימודים. אולם, כאן מתחולל המשבר הגדול בחייה — ההורים חוסמים בפניה את דרך ההמשך, כי עליה לעזור להם בעסקי החנות. חיה מתקוממת בפנימיותה לגזירה זו, אך היא יודעת שהוטל הפור. היא נכנעת, סובלת קשות, לא רק משום שנצמת חזון־חייה, אלא גם משום שקצה נפשה מהפרנסות היהודיות, בהן משתקפת כל האנומליה של חיינו בגולה. בלבה גמל המרד בהוויה היהודית התלויה על בלימה והיא נכספה לשעה הגדולה, בה תוציא מרד זה מהכוח אל הפועל.

לא תמיד בנתי לרוחה, מספרת אחותה, אך בא המקרה והעמידני על לבטיה. נלוויתי אליה לגבות חוב ישן מבעלת־אחוזה פולנית, שקנתה אצלנו סחורה בהקפה. בהתקרבנו לאחוזה, שיסו בנו העובדים כלביהם. חזרנו על עקבותינו בראשים מורדים ולבותינו שותתים דם. הבינונו, שכאן הושפל לא רק כבוד היחיד, אלא כבוד העם כולו.

שלילת חיינו בגולה הביאה את חיה לרעיון הציוני־סוציאליסטי. כבר בצעירותה הצטרפה למפלגת „צעירי־ציון" ותפסה מקום ניכר במפלגה זו. היא התבלטה בעצמיותה ובמחשבתה המקורית. היא לא הודתה במוסכמות, אלא רק בציוויי ההגיון האנושי הבריא. בוויכוחים אידיאולוגיים גילתה חריפות ובקיאות, ולא קל היה להתמודד אתה, כי היא חתרה תמיד לשורש הבעיה. השתתפותה העלתה את הויכוח לרמה גבוהה והיתה נושא לשיחת הבריות, שהתלחשו ביניהם: „גם חיה היתה", „השתתפה", „התוכחה". זה היה ההד הכללי, שעוררו דבריה בקרב הנוער.

אם כי היתה מעורה בציבור שמרה על יחודה ועולמה הפנימי, והנמצא במחיצתה הרגיש שהיא משכמה ומעלה על אותו ציבור. זה יצר דיסטנץ, למראית־עין, אבל אלה שהכירוה ידעו, שאין בזה רבב של התנשאות, כי אם מתח נפשי גדול ונפתולים קשים,

שנפתלה עם הווית־חייה השסועה. היא ידעה להסוות את הקרעים שבלב ותמיד רחפה בת־צחוק על פניה. תמיד היתה מזומנת בפיה מלת עידוד. היא היתה מעודדת אחרים למעשים, שהיא עצמה לא יכלה להגשימם.

חיה חוננה בעירנות בלתי־מצויה. מוחה היה תמיד בפעולה. עקבה אחר המתרחש, תמיד הגתה בכתבי־עת, בספר או האזינה להרצאות. בסקרנות גדולה היתה פוגשת חברותיה, שיצאו ללמוד מחוץ לעיירה. היא שאלה וחקרה אותן בתחומים שונים. גם בעמדה בחנות היתה מפסיקה לרגע את המו״מ, נשענת בידה האחת על הדלפק, מרכזת מבטה בפני חברתה שבאה מהעיר הגדולה, ואינה נלאית משמוע.

בשנות המשבר הכלכלי בארץ (1925־6), כששרר חוסר־עבודה חמור וכמה מבני עיירתנו ירדו ואחותה בארץ חלתה קשה — לא יעצה לה חיה לחזור הביתה, אלא עודדה אותה, בהדגישה שגם היא מקוה שסוף־סוף תצליח להגשים מאווייה — להצטרף אליה בארץ.

כאמור לעיל, חיתה חיה תמיד בחזון העתיד. היא קיוותה, ש„חייה יתחילו מחר״. היא חיתה באמונה שלימה, שעוד יגיע יומה, תיחלץ מחייה חסרי הטעם ותתחיל עוד בחיים פרודוקטיביים על אדמת ישראל. אולם, המחר רדף מחר ולכלל תמורה בחייה לא הגיעה עד שכבה נרה בידי הצר הצורר.

חנה כרמון (זילברברג)
(רמת־יוחנן)

ד

אליעזר טורינסקי*

חזותו של טורינסקי היתה כשל מהפכן רוסי מובהק. מקורזל־שיער, לבוש מכנסי־בד גס וחולצה רוסית (רובאַשקה) עם שרוך (קוטאַס) אדום. כולו שופע עממיות יהודית וקנאי גדול לרעיון תנועת העבודה.

משפחתו נמלטה מהעיירה בשעת השריפה הגדולה בשנת 1915. בהיותו ברוסיה התקרב לטרומפלדור ובתקופה מסוימת עבד בחווה חקלאית שבהנהלתו והדרכתו.

כשהעיירה החלה להשתקם, חזר אליה במחשבה, ששהייתו בה תהיה זמנית בלבד, עד שמשפחתו תסתדר, ואז יגשים שאיפת חייו ויעלה ארצה. לפי שעה אירגן את הנוער,

---

* ראה תמונתו בעמוד 271.

שברובו הגדול ציוני היה ויודע עברית. באופן כזה היה לאחד ממניחי היסוד ל„החלוץ" בציחנוביץ. אולם, איתרע מזלו ולא זכה להגשמת חלומו. הסיבה לאי־עליתו אוביקטיבית היתה — הפסקת העליה. ופעם, בעמדו על סף העליה, ממש, בעזרת דרכון מזויף — נודע למרכז „החלוץ", שגונב שמץ דבר לשלטונות הפולניים על דרכונים מזוייפים, ולכן שרף אותם המשרד הארצישראלי, ובעלי הדרכונים האלה כונו בשם „הנשרפים".

כאחד ה„נשרפים" האלה, ששערי הארץ ננעלו לפניהם, התמסר אליעזר בכל מרצו והתלהבות: לכל דבר עברי וציוני־חלוצי שבעיירתנו. נאמן לעקרונותיו ללא־פשרות היה, במשך שנים אחדות, החבר היחידי של ה„התאחדות" בציחנוביץ. הוא נשא בעול הספריה העברית. אם כי לא היה בעל השכלה מקיפה וגם לא בעל ידיעות עמוקות בלשון העברית — העריך מאוד את ערך ההשכלה והשפעתה על התפתחות הנוער. הוא דאג לפיתוח הספריה והשתדל לרכוש כל ספר טוב. כמו־כן טיפל בארגון שיעורי־הערב לעברית והיה מנושאי־כליו של המורה משה־דוד הלר, למרות הבדלי ההשקפות שביניהם. ריעות אמת קשרה את השנים, כי מעבר למחיצות האידיאולוגיות, איחד אותם חזון תקומת המולדת ותחית השפה העברית.

בכל נאמנותו ומסירותו לרעיון הציוני־חלוצי התגלה אליעזר בתקופת השפל ל„החלוץ" בציחנוביץ בשנים 1929—30, שהיו שנות הפסקת העליה. טורינסקי לא הושפע מהאווירה המדכאה. שלם באמונתו עמד בפרץ ושמר על נר „החלוץ" בל יכבה. לא התמוטט גם כשגל יאוש ואכזבה הציף את הנוער שבעיירתנו, כבעיירות פולין אחרות.

בשנות יאוש אלו היה אליעזר, בחינת, שומר גחלת „החלוץ". הוא עמד על המשמר. וכה חזק היה בטחונו ב„החלוץ" עד שאמר, אפילו, אם שני חלוצים מצויים בעיירתנו — „החלוץ" הוא עובדה קימת.

שנות בין־המצרים ל„החלוץ" בציחנוביץ חלפו. אחרי מאורעות תרפ"ט חלה תמורה יסודית ברחוב היהודי שבעיירתנו. המתח הציוני עלה. זכה אליעזר לראות פרי בעמלו — סניף „החלוץ" משגשג, מכשיר חלוצים לעליה, בעוד שהוא עצמו לא הגיע לחופי הארץ,

ראובן פטאַשק
(רמת־גן)

ר׳ דב ליס

בנו של ר׳ טוביה ליס („טוביה המלמד״). בילדותו למד ב„חדר״ של ר׳ מנדל חיים־חייקעלס והצטיין באהבתו לתורה. בנערותו התיתם מאמו, ואביו שלחו ל„ישיבת״ לומז׳ה.

ב„ישיבה״ יצאו לו מוניטין כעילוי. אולם, חשדוהו במינות ואמרו עליו, שהוא, מעין, אלישע בן־אבויה, שספרי מינות נושרים מחיקו. ראש־הישיבה גזר עליו נידוי. אולם ראשי קהילת לומז׳ה התנגדו לכך ואף ה„משגיח״ סרב להישמע לגזר־דינו של ראש־הישיבה באמרו, שעילוי זה גדול בתורה יהיה.

פרסומו חרג מגבולות לומז׳ה ונתפשט בהרבה קהילות שבסביבה. הוא נצטרף למפלגת ה„מזרחי״ והלהיב את השומעים בכוח דיבורו המופלג. מדי שנה־בשנה היה מבקר בציחנוביץ והיה נושא מידברותיו בבית־הכנסת. נחרת בזכרוני אחד מביקוריו: „אין שול אַריין! אין שול אַריין״! (לבית הכנסת! לבית הכנסת!) נשמע קולו של פסח, שמש בית־הכנסת ב„ניי־שטאָט״. הוא עבר על פני כל העיירה, פניו כלפי מעלה וקולו מנסר באוויר: „יהודים, לבית־הכנסת״! היה זה ערב של יום חול רגיל ומבלי דעת למה הם נקראים, החלו החנונים לסגור חנויותיהם, בעלי־המלאכה עזבו בחיפזון את סדנאותיהם והופיעו בבגדי־עבודה בבית־הכנסת.

מה קרה? שאל איש את רעהו. אורח בא לעיירה מישיבת לומז׳ה, בן־העיירה. רב דב ליס, בנו של ר׳ טוביה המלמד, בעל כשרונות יוצאים מהכלל, מפורסם בפולין כנואם, דרשן, איש מפלגת „המזרחי״. כך הפליגו היהודים בשבחו של ר׳ דב.

אוירת־חג שוררת בבית־הכנסת. התעוררות רוחנית. הנה הוא עומד על הבימה מופשט מכל גשמיות וכולו בוער באש־קודש. כל העינים נשואות אליו ובולעים כל מלה היוצאת מפיו. שוכחים את הדוחק והצפיפות והמחנק. כולם מאזינים בדחילו ורחימו לדרוש הנפלא על ענינים שהם מכבשונו של עם ישראל. הוא מדבר על שמחת־החיים, על בטחון שבזכותו נבַלה את שונאינו. הוא מביא מימרא מר׳ נחמן מברסלב, שהחדוה היא האור המאיר מחשכת הלילה. מימרא זו מלהיבה את השומעים ומתמוגגים מנחת.

בני העיירה מבקשים מר׳ דב שישתהה קימעה במקום, אך הדרך אצה לו. הוא משמש כמחנך בבית־יתומים בלומז׳ה, שלא על־מנת לקבל פרס — והיתומים מחכים לו. שוב שוקעת העיירה בחולין ומחכים בהתעוררות גדולה לביקור הבא. כך חי לו ר׳ דב עד שעלה על „קידוש השם״ בקדושה וטהרה.

רחל קונופיאטה
(רמת־אביב — תל־אביב)

נחמה קפלן



נחמה קפלן
Nehama Kaplan

עתים משקף היופי החיצוני את היופי הפנימי. כזאת היתה נחמה קפלן. גבוהת־קומה, שיער יפה ומסופר אַלאַ גאַרסון, עיניים פקחות נוצצות בברק מיוחד, שמשכו תשומת־לב העוברים ושבים.

מוצאה מבית־חסידים. בימי מלחמת העולם הרא־שונה שהתה ברוסיה ונסחפה בזרם מהפכת אוקטובר. היא היתה מהלוחמות הפעילות למען שחרור עמי רוסיה משלטון האימים של הצאר. בחזרה הביתה הסתובבה כאורחת נוטה ללון, כי היה בדעתה לחזור מיד למולדת „האמתית", שם זורחת „שמש העמים", אולם הרבה מכשולים נערמו, כנראה, בדרכה חזרה, ולכן נאלצה להשאר, לפי שעה, בציחנוביץ. היא הסתובבה בין אנשי המקום וגם בין הנוער, אבל נראתה משכמה ומעלה גבוהה מכולם. בעינינו היתה דמות נאצלת, בלתי רגילה, הן בחיצוניותה והן ברמת התפתחותה הגבוהה.

מאחר ולא רצתה להסתובב בחלל ריק, חיפשה ידידים ומכרים וכך היא התידדה אתי ובנות־גילי האחרות, אף־על־פי שהיינו הרבה יותר צעירות ממנה. אולם, נחמה התהלכה אתנו כשווה עם שווה, לא נסתה, אפילו, להשתלט עלינו וגם לא להפוך אותנו למאמינות בתורה שהיא האמינה בה. לא דברה אתנו על פוליטיקה, כי אם על ספרות אידיש — הנושא האהוב עליה. היינו שותות בצמא את קריאותיה מכתבי פרץ, וביחוד, את „שלוש מתנות" ו„אם לא למעלה מזה". הערצנוה כדרך שחסידים מעריצים את הרבי שלהם.

אפיזודה אחת ברצוני לספר, המראה על גודל הערצתנו את נחמה. ביום כיפור התאספנו בחדר אחד יחד עם נחמה. היא קראה לפנינו ובין קריאה לקריאה נגסה ואכלה „גנילקעס" (אגסים קטנטנים) המעוררים תיאבון. אף־על־פי שצמנו, לא דנו אותה לכף־חובה, כי ודאי טעמה ונימוקה עמה.

סוף־סוף השיגה מבוקשה וקיבלה היתר יציאה לרוסיה. לוויתיה לתחנת הרכבת. חכיתי עד שהרכבת זזה ממקומה. נחמה היתה שרויה בשמחה יוצאת מהכלל, משל חסיד הנוסע לאדמו״ר שלו. עיניה נוצצו מגיל. היא היתה נרגשת ונסערת, שסוף־סוף זכתה לצאת מ„עמק הבכא״ של העולם הישן ולהגיע לעולם החדש — למולדת „האמיתית״. הרגשתי, שקשה לה לעכל את ההכרה שחלום חייה עומד להתגשם, שהיא הולכת לקראת האושר הגדול, לקראת עולם־הפלאים, לו היא מוכנה להקריב ללא תנאי וללא סיג את כוחותיה הצעירים והרעננים.

אבל, הגורל פסק אחרת. התחילו להגיע לעיירה בשורות איוב: היא לא הגיעה למחוז חפצה, נתפסה ונאסרה בדרך. יתכן, שהיתה אחד מקרבנות־השוא המרובים, שנאשמו בסטיה מהקו, בטרוצקיזם ובהשקפות אנטי־מהפכניות. נחמה התמימה לא תארה לעצמה, כלל, שבעולם שהוא, לדידה, כולו צדק ואהבת־האדם עלול לקרות דבר, הגובל באי־צדק ועוול לפרט. אבל המציאות אחרת היתה, מציאות אַכזרית, והיא רמסה ללא־רחמים את האידיאליסטית הרכה והענוגה, בת החסיד מציחנוביץ. היא נפלה קרבן, מבלי דעת מה פשעה ומה חטאה.

רחל קינופיאטה
(רמת־אביב — תל־אביב)

ד״ר יצחק ברנר*

דמות בולטת בנוף הציחנ־בצאי היה ד״ר ברנר, אחיה של צינה דיזנגוף ז״ל. הוא הגיע אלינו אחרי המהפכה הרוסית, מאקלים תרבותי אחר, מאווירה של מתבוללים. הוא לא התאים, בתחילה, להווי של ציחנוביץ, ולכן לא התיחסו אליו יהודי העיירה באימון. וגם, לאחר שהשתקע אצלנו — דרשו רבים מיה־די המקום בעצת מומחים בורשה. שם נודע להם, שחבל על טרחתם, כי בעיירתם מתגורר רופא ודיאגנוסטיקון מעולה. מאז חל מפנה לטובה ביחס האוכלוסיה היהודית בציחנוביץ לד״ר ברנר, וזכה לכתר „רופא היהודים״. החלה התקרבות הדדית בין הר־פא והציבור. הוא למד שפת־יידיש והשתלב בהווי הכללי.

ד״ר ברנר הפך לידיד־בית של החולה, מה שמכנים כיום „רופא המשפחה״. הוא התיחס לחולה כאל אדם, שיש להאזין בכובד־ראש לסבלו ולמכאוביו. יוקרתו של הרופא עלתה מעלה־מעלה והגיע לדרגת אישיות נערצת. האימון אליו גבר מיום ליום. הכול אהבוהו וכיבדוהו בגלל טוב־לבו. ספרו עליו, כשביקר אצל חולה עני, המעט שלא קיבל שכר־טירחה — היה משאיר מתחת לכר סכום־כסף מסוים.

הוא היה גם רופא־הבית שלנו ויכולתי לעמוד מקרוב על אישיותו המופלאה. כשאחי ז״ל חלה במחלת הטיפוס, הייתי מטרידה את הרופא, אפילו, בחצות הלילה, והוא היה נענה לי ברצון, אף־על־פי שידע, שלא נשקפת שום סכנה לחיי החולה.

ד״ר ברנר היה ענו מאוד. בכך היתה גדולתו של רופא זה — כי רק יחידי־סגולה, העומדים משכמם ומעלה מסוגלים לעניוות שכזו. ד״ר ברנר אהב לעזור לזולת, לא רק כרופא. כשנודע לו, שאני מתעתדת לעלות ארצה, ביקש לציידני במכתב־המלצה לדיזנגוף ז״ל, שיעזור לי להסתדר בארץ. כשסרבתי לקבלו, מסרו לאמי והיא שלחה לי אותו ארצה. אמנם, במכתב לא הסתייעתי, אבל הנני מזכירה פרט זה, כי הוא מורה על טוב־לבו של ד״ר ברנר הבלתי־נשכח.

---

* ראה תמונתו בעמוד 240.

בערטשע שטשיגאַל
(אַמעריקאַ)

ד״ר יצחק ברענער

כ׳געדענק ווען ער איז געקומען קיין ציעכאַנאָוויעץ. ס׳איז געווען אין יאָר 1919, אָדער 1920. אַ רוסישער האַלב־אַסימילירטער ייד, אָבער אַ טייערער, גוטער און ברייט־האַרציקער מענש. ווען ער פלעגט קומען צו אַ קראַנקן און ס׳איז ניט געווען קיין געלט צו באַצאָלן פאַרן וויזיט — פלעגט ער איבערלאָזן געלט צו קויפן אַ רעצעפּט.

אין אָנפאַנג צוואַנציגער יאָרן בין איך מיט אַ מיידעלע געגאַנגען זאַמלען געלט פאַר ק. ק. ל. ווען מיר זענען געקומען צו ד״ר ברענער, האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און וויפל ער האָט געהאַט, האָט ער, ניט ציילנדיק אַריינגעלייגט אין דער ק. ק. ל. פושקע. אויף וויפל כ׳געדענק איז עס געווען אַ היפשע סומע.

די פרומע יידן פונעם שטעטל האָבן אים שטאַרק קריטיקירט, הלמאי ער גייט ניט אין שול אַריין, אַפילו, אין די ימים נוראים. מ׳האָט אויך געזאָגט אַז ער עסט חזיר, און ניט נאָר עסט, נאָר ער האָדעוועט חזירים.

ס׳האָט אַ מאָל פּאַסירט אַזאַ געשיכטע: אַ בכבוד׳יקער ייד, אַ שיינער שטאָט בעל־הבית, וועלכער איז געווען אַ גרויסער קמצן, האָט גערופן דעם גוטן ד״ר ברענער אויף אַ דין־תורה צום רב. ד״ר ברענער האָט געהערט, אַז מ׳רופט אים צום רב — איז ער געגאַנגען. דער פרומער, שיינער ייד איז אַרויס מיט אַ באַשולדיקונגס־רעדע, ס׳טייטש, ווי פּאַסט דאָס אַז אַ יידישער דאָקטאָר זאָל אַזוי פאַרשעמען די יידישע קהילה: ניט ער קומט אין שול צום דאַווענען ראש־השנה און יום־כיפּור, ער עסט און האָדעוועט חזירים און נאָך אַזעלכע „מעשים טובים״, וואָס זענען אַ חרפּה פאַר אַ יידן.

דער רב האָט געפרעגט דעם דאָקטאָר: וואָס האָט איר צו זאָגן אויף דער אָנקלאַגע?

— ר—ר—ר—בי, שרייט ער אויס: ס׳איז אמת אַז כ׳עס חזיר און מיין מויל איז טריפה, אָבער כ׳האָב אַ כשרה יידישע נשמה און אַ ברייט יידיש האַרץ. ער, ר—ר—ר—רבי, עסט ניט קיין חזיר, זיין מויל איז כשר, אָבער זיין האַרץ איז טריפה. ער גיט ניט קיין צדקה, העלפט ניט אַ אָרעמען קראַנקן ייד פונעם שטעטל — ווער איז אַ בעסערער ייד, איך צו ער?... דער רב האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן און דער שיינער ייד האָט פאַרלאָזט דעם רב׳ס הויז בבושת־פּנים.

אין דער לאַקאָנישער תשובה האָט זיך אַנטפּלעקט די גאַנצע מאָראַלישע און אויך יידישע הויך פונעם טייערן אומפאַרגעסלעכן ד״ר ברענער.

יצחק שלאַסקי
(תל־אביב)

ציון לנפשות

זנביל ריינוביץ



זנביל ריינוביץ
Zanvil Reinovitz

זנביל ריינוביץ, חברי ושאר־בשרי, היה בן למשפחה עניה. בגיל צעיר נתיתם מאביו, שהיה גדול בתורה, חסיד וירא־שמים. כרוב בני־הנוער, בני־גילו, יצא בגיל בר־מצווה ללמוד בישיבת לומז׳ה, שם הוכיח את עצמו כמתמיד ובעל־כשרונות ניכרים.

באמצע שנות העשרים נפגשתי עמו בורשה. הוא עזב את ישיבת לומז׳ה ובא ללמוד בעיר־הבירה. הדבר היה תמוה בעיני, כי ישיבת לומז׳ה היתה ידועה בעולם הישיבות כמבצר של תורה ולמדנות מופלגת, הרבה יותר מישיבות ורשה.

מה ראה בחור כשרוני זה לעשות כדבר הזה? כעבור זמן־מה פוענחה החידה. התברר, שזנביל החל בלימוד אינטנסיבי של לימודי־חול, כדי להכין את עצמו לקראת בחינת הבגרות, במטרה להגיע ללימודים באוניברסיטה. בפרוטותיו הדלות, שקיבל מאחיותיו התופרות ומנתינת שעורים, שכר מורים, שהיקנו לו את הידיעות בכל המקצועות הדרושים לפי תכנית הגימנסיה הממשלתית. ימים ולילות היה שקוע בלימודיו ועשה חיל בשטח זה. במשך שנה הכין עצמו לבחינות המוקדמות, שעמד בהן בהצלחה רבה, הוא הרבה לקרוא ואף ניסה כוחו לפרסם בכתב מפרי־רוחו.

בתקופה ההיא קמה בורשה תנועת „דת ועבודה״. מחוללה היה סטודנט באוניברסיטת ורשה בשם פנחס וסרמן. זנביל ריינוביץ היה מהראשונים שנצטרפו לתנועה זו. שטח פעולתו היה, בעיקר, רעיוני־רוחני. פעילי התנועה מצאו בו בחור בעל שאר־רוח וכושר הבעה, המסוגל לתרום מפרי מחשבתו למען החדרת רעיון התנועה בקרב הציבור הרחב. צרפוהו למערכת כתב־העת, שהחל להופיע כבטאון התנועה. מאמריו

שפרסם הצטיינו בניתוח רעיוני מעמיק של בעיות הדת, הציונות והסוציאליזם. נפגשתי עמו לעתים קרובות והתפעלתי מעמקות המחשבה וכוח ההתמדה שלו. הוא הירבה לקרוא וללמוד, וכך ספג וקלט בקרבו הרבה ידע בכל ענפי התרבות.

בעקשנות שקטה, שהיא אופינית לטיפוסים מסוגו, עשה דרכו בלימודיו והתקדם לקראת המטרה הנכספת, שהציב לעצמו והיא: תעודת־בגרות. את תכנית הלימודים של שבע מחלקות עשה כאכסטרן במשך שנים ספורות בלבד. אחר־כך עבר לוילנה ונתקבל כתלמיד המחלקה השמינית בגימנסיה הממשלתית. הוא סיים בהצלחה בית־ספר תיכון זה והמשיך בלימודיו באוניברסיטת ווילנה.

ענין משפחתי הכריח אותו להפסיק לימודיו באוניברסיטה לכמה שנים, דבר שציער אותו מאוד. לפני פרוץ מלחמת־העולם השניה, חזר לוילנה, כדי להמשיך בלימודיו באוניברסיטה. הוא התפרנס מהוראה בגימנסיה. לא ארכו ימי שבתו בוילנה, כי פרצה המלחמה והוא ניספה בשואה יחד עם יהודי עיר זו.

אחת ממשפחות ציחנוביץ

אשרטט בקוים כלליים תולדות חיי משפחה אחת בציחנוביץ, שלא התבלטה במשהו מיוחד ויוצא מהכלל, אלא חיה לה חייה בפשטות, צניעות ונאמנות לאידיאלים המקודשים לעמנו מדורי־דורות.

בית הורי אשתי, משפחת ציגאל, עמד בסימטה שקטה, מרוחק ממרכז העיירה ושאונה. ראש המשפחה, ר' טוביה ציגאל, היה יהודי תלמיד־חכם, מתלמידי ה„חפץ־חיים" זצ"ל. איש ענו מטבעו. נפטר שלא בעתו והשאיר אלמנה ושלושה יתומים. בשנים הראשונות לאלמנותה התפרנסה מיגיע כפיה. אחר־כך בא לעזרתה אחיה שבארצות־הברית.

הודות לעזרה זו יכלה האם לחנך את בנותיה בבית־הספר העברי ולתמוך בבנה יחידה שלמד בישיבות שונות. את רוב זמנה הפנוי הקדישה לפעולות סעד לנצרכים.

כאשר ישיבת „בית־יוסף" (המכונה ישיבת נובהרדוק) שמרכזה היה בביאליסטוק החלה לייסד ישיבות קטנות בערים רבות שבפולין, לא פסחה גם על ציחנוביץ. יהודי העיירה, שרובם בני־תורה היו, העמיסו על עצמם את עול הדאגה לישיבה. חמותי נרתמה, אף היא, בעול הזה ועזרה לגייס כספים להחזקת הישיבה. במסירות־נפש אימהית פעלה במשך כל שנות קיום הישיבה ודאגה לבחורים הלומדים שלא יחסור להם מאומה. את שערי־ביתה פתחה לפניהם לרווחה, והם מצאו בו אווירה חמה, הבנה לבעיותיהם ויד תומכת בצר להם.

תקופה ארוכה חיתה משפחה זו את חייה בשקט ומנוחה. במרוצת הזמן נישאו הבנות. אחת בנתה ביתה בגולה והשניה עלתה ארצה עם בעלה. הבן, כרבים אחרים, עמד על סף העליה ועשה מאמצים רבים, כדי לקרב את יום הגאולה.

והנה פרצה המלחמה, שבעקבותיה באה כליה על משפחה זו, כמו על שאר משפחות־ישראל בציחנוביץ. בעלה של הבת הבכירה גויס בין הראשונים ונלקח לחזית. הוא נפל בשבי הסוביטים, נשאר בחיים ונמצא בארץ.

הערש־בער פאַסטערנאַק
(חיפה)

ציעכאַנאָוויעצער טיפּן

ווי אַנדערע שטעט און שטעטלעך האָט אויך אונזער ציעכאַנאָוויעץ פאַרמאָגט „טיפּן" — יידן אינטעליגענטע און יידן פּשוטע, יידן וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט איבערנאַרמאַלקייט, מקיים געווען דעם „כובש את יצרו" און געווען ווי פּרץ באַצייכנט דאָס מיט אפשר „נאָך העכער", און יידן וואָס האָבן דירעקט אָדער אומדירעקט אַרויסגערופן הומאָר.

זאָלן מיינע שורות זיין אַ מצבה אויף די אַלע, וואָס זייער גרעסטער טייל האָט ניט זוכה געווען ס'זאָל זיי, אַפילו, אַ יורש פאַרבלייבן.

ווי אַ פילם־לענטע גייט מיר דורך אונזער ציעכאַנאָוויעץ פאַר די אויגן. די געסלעך און הייזער, דערוואַקסענע און קינדער, בעלי־מלאכה און מכלומר'שטע „סוחרים". די גרעסערע טייל פון זיי זענען געווען לייזיקגייער און האָבן זיך גרופּירט אין „בערגלעך", צי דאָס איז געווען אין מאַרק, אָדער ביים בריק נעבן וועלוועלע'ס און חיה־שרה'ס „נאָש קראָם", אין בית־המדרש בין מנחה למעריב, אָדער, להבדיל, נעבן לייבל געצל'ס ווו ס'זענען געשטאַנען די אויטאָס.

אין אַ יריד, אָדער אַ מאַרק־טאָג, האָט מען זיך אַליין אָפּגענאַרט, געלאָפן און געמיינט אַז מ'לעבט. דערמאָן איך זיך אין אַ יידן, ווי שמואל־איציע דער שניידער, מיט דער לאַנגער באָרד. אַ פּשוטער ייד געווען, געלעבט פון שער און אייזן, אָבער וויפל האַרץ האָט ער פאַרמאָגט. ווער געדענקט ניט זיין אויפגאַבע פון באַזאָרגן אַ אורח אויף שבת, ניט איבערגעלאָזט קיין איין פרעמדן אָרימאַן אין בית־המדרש ער זאָל ניט האָבן ווו צו עסן שבת.

אָט שטייט מיר פאַר די אויגן מאָטל סאָקאָלאָוסקי (דער סמאָרשטשאָוער). דער טעכנישער פאַרוואַלטער פון „לינת הצדק", וועגן וועלכן די שכנים האָבן דערציילט אַז, אַפילו, אין שלאָף רופט ער: ס'פעלן באַנקעס, ליוואַרטיוועס, פּיאַווקעס, ווייל זיינע אַלע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען ווי צו פאַרגרעסערן די אינסטיטוציע.

ווער געדענקט ניט אַלטער הערשקעס, דער שטענדיקער קעגנער פון פאַרטייען און צושפּליטערטקייט, און זיין אייביקע שוואַכקייט צו „הילפס־קאָמיטעטן", אָנהויבנדיק מיט צענדליקער יאָרן צוריק פון בית־יתומים קאָמיטעט, פרויען־קאָמיטעט, קיך פאַר אָרימע קינדער א. אַ. וו.

זיין געגנערשאַפט צו פּאַרטייען האָט אַלטער אויסגעדרוקט אין אַ ליד „מסכת ביצה", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אינעם ניו־יאָרקער זשורנאַל „פֿאָלקס שריפֿט". דאָס ליד איז אַ משל אויף די פּאַרטייען וואָס קריגן זיך אויף אַ „ביצה שלא נולדה". זאָל קודם כל דאָס איי, דאָס הייסט, די יידישע מדינה געגרינדעט ווערן, און דערנאָך וועלן זיך די פּאַרטייען אַרומרייסן און אַמפּערן זיך.

עס דאַרף אַ הון ערשט
ביי אונז לייגן אַן איי —
נו, קערט זיך אַ וועלט,
אַז אָך און אַז וויי!
די קינדער מיינע
מיט היציקע קעפּ,
זיי קריגן אַרום זיך —
עס האַלט שיער ביי קלעפּ!

* * *

הייסט איינער דאָס איי
אין לאָקשן פֿאַרקנעטן;
דער צווייטער הייסט מאַכן
אַ פֿיינקוכן, אַ פֿעטן.
דער דריטער וויל עס האָבן,
אויף ציבעלע מיט שמאַלץ;
דער פֿערטער וויל גיכער
אַ גאָגל־מאָגל פֿאַרן האַלז...

* * *

איך טענה: „וואָס מאַכט איר,
קינדער, אַזאַ געשריי?
וואַרט כאָטש ביז די הון
וועט לייגן דאָס איי!
זאָל זי פֿריער בשלום
דאָס איי געווינען;

אוּן זאָל עס דערוויײַל
ניט ווערן אויסגעריגען —
ווען מיר שוין דעמאָלט
צום רב ניט גיין,
אוּן אַלץ וועט זיך ענדיקן
אי גוט, אי שיין".

אין דער קליינער „ביי־שטאָט", ווער געדענקט ניט דאָס קולטורעלע ווינקל ביי אייזיק ישלח, די אָפּטיילונג פ‏ּון אונזער צייטונגס־פיליע, די „גמילות חסדים" קאַסע, וואָס ער האָט מיט אייגענער איניציאַטיוו אָן מיטהילף פון נאָך איינוווינער, געגרינדעט און ניט איין מאָל געראַטעוועט אַ יידן פון אַ שווערער לאַגע ? און טאַקע ביי אים האָט מען געקענט געפונען משה האָלצמאַנען, דער וואָס פלעגט קענען, אַפילו, אין אַ מאַרק־טאָג, נישט קוקנדיק אויף דער ווייב'ס געשרייען און פראָטעסטן — לויפן אין מאַרק פּאַקן אַ פּאָרל, וואָס זאָל גיין מאַכן אַ „הרקה" פון קרן־קימת פושקעס, ווייל ס'איז שוין נאָכן ערשטן.

און פון דער צווייטער זייט, יענע יידן וואָס האָבן שטענדיק אַריינגעבראַכט אין די פאַרצאָרנטע טעג אַ ביסל הומאָר, און ניט ווילנדיק האָט מען געמוזט לאַכן.

אָט צ‏ּום ביישפּיל, דער שטענדיקער אָפּטימיסט שמואל'קע מען זאָל זאַן, כ'מיין ירחמיאל'ס איידעם דער קאָלעקטאָר. ניט קיין גרויסער גביר, אָבער שטענדיק פול מיט לעבן און ביי יעדן שמועס האָט ער געהאַט זיין ספּעציעלע מעשה און מ'האָט געמוזט לאַכן. ער האָט, פשוט, געצוווּנגען מיט זיינע ווערטער, ווייל זיין טעאָריע איז געווען „מ'זאָל נאָר זאַן געזונט", דאָס הייסט, אָפּטימיסטיש.

אַ ענלעכער טיפּ איז געווען ברוך פליגל, וואָס פלעגט אויסשניידן מעשה'לעך פון אַפריקאַנישע יידישע צייטונגען, וואָס ער פלעגט באַקומען פון אַפריקאַ און אויפקלעבן אין בית־המדרש אויפן „לוח המודעות". ער איז געווען אַ שטענדיקער אַפּיקורס, און... ניט פאַרפעלט קיין מנחה ומעריב ; גערעדט קעגן די „כלי־קודש" און שטענדיק געגאַנגען הערן וואָס זאָגט דער רב...

אָט דערמאָן איך זיך אין וואָלפקען דעם „האָלץ־סוחר", וואָס פלעגט פאַרטאָג אויסדונגען אַ פוהרל האָלץ און עס אַוועקפירן צו באַשטעלטע בעלי־בתים. זיין שטענדיקע טעאָריע איז געווען, אַז די וועלט איז פאַרקערט. „שוין אַ לענגערע צייט ווי מיין ווייב שילט מיט ניט". וואָלפקע פלעגט דאָס פאַרענטפערן מיט זיין טעאָריע אַז די וועלט האָט זיך איבערגעדרייט. ווען ער האָט געזען אַ יונג פּאָרל שפּאַצירן, און לויט זיין מיינונג שטימט דאָס ניט לויטן יחוס, האָט וואָלפקע אויך די דערשיינונג דערקלערט לויט זיין טעאָריע.

ס׳געדענקט זיך מיר אַ שכנ׳טע פייגל קיגאלעס. האָבן שכנים געוווּסט אַז פייגל באַנוצט זיך מיטן וואָרט „קיין עין־הרע״. האָבן לצים דערציילט, אַז זי האָט געזאָגט צו אַ שכנ׳טע: „איר הערט? מיין קינד איז קיין עין־הרע אַראָפּגעפאַלן פון טיש און זיך קיין עין־הרע צוהאַקט דאָס קעפּעלע״...

* * *

אין אַ געוויסן פאַר פסח האָט זיך געוואָנדן דער פּרעזעס פון דער קהילה בן־ציון נאַבאָזשני צו מיין פאָטער, היות ס׳איז דאָ אַ בכבוד׳יקע פאַמיליע און מ׳ווייסט אַז זי האָט ניט אויף פסח — ווי קען מען איר געבן אַ קליינע הילף.

מיין פאָטער האָט גענומען 20 זלאָטעס, אָנגעשריבן אַ פּאָסט־טשעק לויט יענער משפחה׳ס אַדרעס, אָפּגעשטעמפּלט אויף דער פּאָסט און מיין פאָטער האָט געבראַכט דאָס געלט.

לכתחילה, האָט דער ראש־המשפחה ניט געוואָלט נעמען דאָס געלט, אָבער ס׳איז דאָך געלונגען מיין פאָטער אים איבערצייגן אַז ער האָט גענומען דאָס געלט. מיין פאָטער האָט מיט צופרידנהייט באַריכטעט נאַבאָזשנען וועגן דעם. אָבער, ווי דערשטוינט זענען מיר געוואָרן, ווען ערב פסח איז יענער ייד געקומען צו אונז אין שטוב, אַוועקגעלייגט די 20 זלאָטעס און געזאָגט: אָדער שיקט דאָס געלט צוריק, אָדער גיט דאָס אין דער קהילה אויף מעות־חיטים. מיר קומט ניט קיין שום געלט...

* * *

אַ טאָג נאָך פסח, יאָר 1937, בין איך אַוועק דינען אין פּוילישן מיליטער. בערך, אַ וואָך שפּעטער, איז געקומען פּלוצלינג מיין מוטער צו מיר און ביים טויער האָט זי מיר דערציילט, אַז זי איז געקומען מיט 300 דאָלאַר, אפשר וועט געלונגען מיר צו באַפרייען.

וויסנדיק אַז מיר האָבן אַזאַ סומע געלט ניט פאַרמאָגט, האָב איך געפרעגט דער מוטער ווו האָט זי גענומען דאָס געלט. האָט זי מיר דערציילט, אַז באַלד צומאָרגנס נאָך מיין אַוועקפאָרן איז אַריינגעקומען מאַטעס לאָקיץ (פליאק) צו אונז אין שטוב, געבראַכט 300 דאָלאַר און געזאָגט: פאָרט און זייט מצליח צו באַפרייען אייער הערש־בער׳לען, און נאָכהער וועט איר שוין אויסצאָלן דאָס געלט...

* * *

דאָס האָט דערציילט דער מורשה פון קרן־הקימת, לייב מאַלאָווסקי. צווישן די גרויסע „סוחרים״ אין ציעכאַנאָוויעץ איז געווען אַ קרעמער׳ל חיים ריינאָוויטש, זעליג קירטשיקלס אַ איידעם. זיין געשעפט איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר בעזימער מיט שטעקנס

ביים אַריינגאַנג, אַ פושקע מיט לאַנדרין צוקערקעס, אַ ביסל ענגליש געווירץ, אַ פעסעלע הערינג א. אַ. וו.

אין אַ געוויסן טאָג זענען דורכגעגאַנגען קינדער זאַמלען אויף קרן־קימת און אַריינגעטראָפן אויך צו דעם סוחר. הערנדיק וועגן וואָס די קינדער זענען געקומען צו אים — האָט ער אַרויסגענומען 10 גראָשן און זיי געגעבן.

אין אָוונט איז ער געקומען צו מאַלאַווסקין אין שטוב און געבראַכט נאָך 5 גראָשן און געזאָגט: צופעליק האָב איך היינט געלייזט אַ ביסל פאַר מיין סחורה און כ׳פאַרשטיי אַז 10 גראָשן איז ווייניק. האָב איך גענומען נאָך 5 גראָשן און געבראַכט. ס׳איז דאָך פאַר ארץ־ישראל...

* * *

אין יאָר 1937, ווען די „אָזשעם פּאָליטיק" אין פּוילן האָט זיך פאַרשפּרייט און קראָמען, וועלכע האָבן געהערט די פּוילישע באַפעלקערונג ניט צו קויפן ביי יידן נאָר ביי „ריינע קריסטן" — זענען געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, האָט באַשלאָסן באַכאַזשעווסקי, דער אייגנטימער פון דער בוכהאַנדלונג, פאַרקויפן פּוילישע צייטונגען. פאַר אונז, אַלס איינציקע צייטונגס־פאַרקויפער, איז דאָס געווען אַ גרויסער מאַטער־יעלער קלאַפּ. מיין פאָטער איז געווען פאַרזאָרגט. אין אַ געוויסן טאָג האָט ער זיך געטראָפן מיט וועלוול קאַגאַן (קיווקע).

דערהערנדיק וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך דאָ, האָט וועלוול געזאָגט: יאָסל, ניט געזאָרגט! באַכאַזשעווסקי וועט קיין צייטונגען ניט פאַרקויפן! און דאַן האָט פּאַסירט, אַז פונקט זונטיק, ווען די צייטונגען האָבן געדאַרפט אָנקומען פאַר אים אין דער פרי צום פאַרקויפן די פּויערים, וועלכע זענען געקומען פון די דערפער אין קלויסטער — זענען זיי „צופעליק" ניט אָנגעקומען... וועלוול, וועלכער איז געווען דער דירעקטאָר פון דער אויטאָבוסן־ליניע, האָט שוין געזאָרגט פאַר דעם, ניט קוקנדיק דאַרויף, וואָס מיט דעם האָט ער ריזיקירט מיט זיין פּרנסה. דאָס האָט דערפירט דאַצו, אַז באַכאַזשעווסקי האָט שוין מער קיין צייטונגען ניט געבראַכט.

פּעשקע (פּעסיע) קאַפּלאַן
(אַמעריקע)

22 טאָג אין חודש חשון

כ׳האָב איצט אָנגעצונדן אַ יאָרצייט־ליכט — אָבער ניט פאַר איין מענש, נאָר פאַר מיין גאַנץ שטעטל ציעכאַנאָוויעץ.

22 טעג אין חודש חשון איז דער יאָרצייט נאָכן שטעטל. אין יענעם טאָג זענען כמעט אַלע יידן אומגעקומען דורך היטלערן, דעם גרעסטן מערדער פון אַלע צייטן זינט ס׳שטייט די וועלט. און אַזוי ווי דאָס ליכט ברענט — קומט מיר דאָס גאַנצע שטעטל פאַר די אויגן — ווי כ׳האָב עס געקענט מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק.

כ׳געדענק דיך שיינעס, קליינעס שטעטל מיינס, ווו כ׳בין געבוירן געוואָרן; כ׳געדענק די פאַרשידענע מינים מענשן — די פרומע לייט, די עלטערע, וואָס פלעגן גיין דריי מאָל אַ טאָג אין שול אַריין און טייל מאָל אין מיטן טאָג לערנען אַ ביסל, אויב זיי האָבן געהאַט צייט.

כ׳געדענק די יינגערע, פרייע, וואָס פלעגן גיין אין וואַלד אַריין מיט די „טרייפענע" ביכלעך און זיך טרעפן מיט נאָך אַזעלכע ווי זיי און לייענען צוזאַמען און ניט זיין צופרידן פונעם רוסישן צאַר, מיט זיין אָרדענונג, און זיי פלעגן חלומ׳ען אַז זיי וועלן נאָך דערלעבן די צייט ווען די אָרדענונג וועט זיין בעסער אָן דעם צאַר און די מענשן, וואָס זענען ניט געווען אַזוי אויפגעקלערט פלעגן לאַכן פון זיי און זאָגן אַז זיי זענען משוגע — ווי קען דען זיין אַ לאַנד אָן אַ הערשער?

כ׳געדענק די אָרעמקייט פון אַ גאַנצער וואָך פון דער באַפעלקערונג, און די פריילעכקייט ווען ס׳פלעגט קומען פרייטיק צונאַכטס, ווען יעדער האָט געמאַכט שבת אויף זיין שטייגער: ביי וועמען אויפן טיש ס׳איז געווען פלייש, פיש און רויטער ווייַן אין אַ שיינער קאַראַפינקע און נאָך ג׳טע זאַכן דאַצו, און ביי וועמען ס׳איז געווען אַ שטיקל הערינג מיט עסיג און אַ ציבעלע צורעכט געמאַכט, ס׳זאָל אויסקוקן שבת׳דיק. און אויפן פלאַץ פון רויטן וויין איז געווען חלה צו מאַכן קידוש איבער איר. די פאַ־מיליע האָט געדאַרפט האָבן אַ גוטן אינזשיניער, כדי די חלה זאָל זיין גענוג פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. אָבער שבת, פריילעכקייט — איז געווען ביי אַלע.

ס׳איז קיין גלייכהייט ניט געווען, אַפילו, אין שול, ווייל די רייכע, די דאָזאָרעס, זענען דאָך אין שול אויך געשטאַנען ביי דער מזרח־וואַנט, אָבער די וואָס זענען געשטאַנען

אָדער געזעסן נעבן דער טיר, זענען אויך געווען פריילעך אויף זייער שבת׳דיקן שטייגער. אַזוי פלעגן שוסטער, שניידער און אַנדערע אַרבעטער וויסן אַז היינט איז זייער רוה־טאָג.

די יוגנט פלעגט זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן דורך די גאַס, וואָס מ׳האָט גערופן די „וואָליע״, אין וואַלד אַריין, און דאָרט איז דאָך געווייס געווען פריילעך אויפן האַרצן. פאַרגעסן אַלע וואָכעדיקע צרות אונטערן פרייען הימל, פלעגן זיי האָבן אַ פאַרזאַמלונג אויסצוגעפּונען וואָס ס׳טוט זיך ביי די אַרבעטער, ביז וויפל אַ זייגער זיי אַרבעטן יעדן טאָג. ס׳פלעגט פרעגן אַ שניידער־ייִנגל ביי אַ צווייטן, און אויב ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איין מייסטער לאָזט ניט אַוועקלייגן זיין געזעלן די אַרבעט אין דער צייט, אַזוי ווי ס׳איז געוואָרן אָפּגעמאַכט, האָט מען באַלד באַקלערט וואָס מיט דעם מייסטער צו טאָן — אָדער דערקלערן אַ שטרייק אויף עטלעכע טעג, אָדער, אפשר, דעם צווייטן שבת ניט לאָזן לייענען אין שול די תּורה, ביז דער באַלעבאָס וועט נאָכגעבן. און די ציעכאַנאָוויעצער אַרבעטער פלעגן אויספירן. פאַרדעם פלעגט מען רופן אונזער יוגנט „רעוואָלוציאָנערן״, אָדער „חברה׳ניקעס״. אָבער אַלע מאָל זיינען זיי אַרויס די זיגער.

כ׳געדענק אַזוי גוט ווי מיר, קליינוואַרג, פלעגן פאַרברענגען זומערדיקע טעג ביי דעם וואַסער אויפן בלאָן אָדער גאַוועניק, ווו מיר פלעגן זיך באָדן און ווי שיין און ווייס דער זאַמד איז געווען און ווי שיין ס׳זענען געווען די וואַסער־ליליעס, ווען מיר פלעגן זיך שיפן אויף קליינע שיפלעך און ווי מיר פלעגן לויפן אין וואַלד קלייבן יאַגעדעס, מורא האָבנדיק אַז ס׳זאָל אונז ניט טרעפן דער שומר פון פריץ, וואָס דער וואַלד איז געווען זיינער. און ווינטער־צייט, ווי מיר פלעגן זיך גליטשן אויף דעם פאַרפרוירענעם טייך און עטלעכע קינדער צוזאַמען פלעגן אויסהאַקן אַ שטיק אייז און שעפּן וואַסער. און דער שניי ביינאַכט, ווען די קינדער פלעגן פון חדר גיין אַהיים, מיט די לאַמטערנעס אין די הענט און איינע די אַנדערע מיט שניי וואַרפן און טאַקע זיך אַ ביסל אַדורכלויפן איבער אַ פּאָר בערגלעך שניי. ס׳איז, אַפילו, געווען אַ מורא, אָבער מ׳האָט עס געטאָן.

די שכנים זענען עפּעס געווען אַזוי אינטים, איינגעוואָרצלט איינער אין אַנדערן אַזוי ווי איין גרויסע משפחה, וואָס אַלע אין איינעמס פרייד און, חלילה, אין איינעמס נויט. איז אַ פרוי צו קינד געגאַנגען, זענען שכנים געלאָפן ברענגען אונזער ספּעצ־יאַליסטין, דבורה, דאָס איז געווען די קינדער־דאָקטאָרן. דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, האָט מען עס געהאָלפן באָדן, געבאַקן לעקאָך צום ברית, אָדער צום בן־זכר; איז דאָס געווען אַ מיידל — האָט מען געבאַקן קיכל צום מזל־טוב. דאָס קליינוואַרג האָט געהאָלפן אויסוויגן דאָס וויגעלע, געכאַפּט די צוקערקעס און געהאָלפן כאַפּן די הון אַריינצוזעצן אין וויגעלע.

האָט דאָס קינד געמאָזלט האָבן די שכנים צוגעהאָלפן דער מאַמען איינצוגעבן דעם רעצעפּט. כ׳געדענק, אַפילו, ווי אַ מאַמע פון אַ זייגנדיק קינד פלעגט דאַרפן פאָרן אין אַ צווייטער שטאָט אויף אַ יריד צו פאַרדינען עטלעכע גילדן און ס׳איז געווען

אַ שכנ׳טע, וואָס האָט אויך געהאַט אַ זויגנדיק קינד, פלעגט איבערן טאָג וואָס יענע מאַמע איז אַוועקגעפאָרן, זויגן ביידע קינדער, אבי דאָס קינד זאָל ניט זיין הונגעריק.

און איז, חלילה, געשען עפּעס טרויעריגס זענען שכנים אַלע מאָל געווען אויף אַרויסצוהעלפן. אויב ביי אַ שכן אין הויז איז עמיצער געשטאָרבן, פלעגן די מענער גיין דאָרט אין שטוב דאַווענען, מ׳פלעגט קומען מנחם־אָבל זיין און מיטגעפילט איינער דעם צווייטנס אומגליק. און אַז ס׳איז געקומען אַ חתונה — איז דאָס געווען אַלעמענס שמחה; מ׳האָט דאָך חתונה געמאַכט אַ קינד, וואָס אַלע האָבן עס געזען געבאָרן ווערן און זיך אויסהאָדעווען.

אַזוי האָט געלעבט מיין שטעטל און נאָך טויזנטער אַזעלכע שטעטלעך. און אַז כ׳קוק ווי דאָס יאָרצייט־ליכט ברענט און כ׳זע ווי פון אַלעם איז געבליבן ניט מער ווי איין גרויסער בית־עולם און פון אונזערע ליבע און טייערע איז, כמעט, קיינער ניט געבליבן, ניטאָ קיין שטעטל, ניטאָ מער אונזערע מענטשן — שטיקן מיר די טרערן און ס׳זענען ניטאָ מער קיין ווערטער צום ריידן אין צו באַקלאָגן דאָס אַלץ.

יצחק בלום
(אַמעריקאַ)

ביים ליידיקן וויגל...

(צום אָנדענק פון מיין שטעטל ציעכאַנאָוויעץ)

כ'האָב אַ מצבה געשטעלט מיין שטעטל,
איידער ס'אומגליק איז געשען;
צו שלאָפן אויפן היימישן בעטל,
איז באַשערט מיר נאָך געווען.

* * *

כ'האָב באַזוכט די גאַסן, געסלעך,
אַרומגעבלאָנדזשעט טעג אַליין;
אַלץ וועט בלייבן אומפאַרגעסלעך,
אין זכרון, אין געביין.

* * *

כ'וועל אין האַרצן שטיל עס וויגן,
וואונדיק־טיף און וואונדיק־רויט,
ווי ס'וויגט אַ מאַמע ס'ליידיק וויגל,
כאָטש איר קינד איז לאַנג שוין טויט...

(פונעם בוך „אַ שטעטעלע אין פוילן")

בשלוט הסובייטים
1939-1941

בערל לעוו
(פתח־תקוה)

ציעכאנאוויעץ אונטער דער סאוויעטישער מאכט

דעם ערשטן סעפטעמבער 1939, זיבן אַ זייגער אין דער פרי, זענען געפלויגן 2 דייטשע אַעראָפּלאַנען, ממש, איבער די דעכער. די גויים זענען אַרויסגעלאָפן פון די הייזער און געשריגן: „טו נאַשי״! (ס׳זענען אונזערע!). אָבער, פלוצים האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער אויפרייס: ס׳איז אַראָפּגעפאַלן אַ באָמבע נעבן דער מיהל פון אברהם זאַביעלא.

קיינער פון אונז האָט ניט באַגריפן וואָס איז געשען, ווייל מיר האָבן נאָך ניט געוווּסט, אַז ס׳הערשט אַ קריג צווישן דייטשלאַנד און פוילן. מיט גרויס שפּאַנונג האָבן מיר געוואַרט אויף די ידיעות פונעם ראַדיאָ. צוועלף אַ זייגער בייטאָג האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן, אַז דייטשלאַנד האָט דערקלערט קריג פוילן.

מ׳האָט גלייך גענומען מאָביליזירן די רעזערוויסטן. כ׳געדענק, אַז ווען די פוילישע סאָלדאַטן זענען געזעסן אין די אויטאָס, האָבן זיי פּראָקלאַמירט מיט גרויס זיכערהייט: מיר וועלן באַזיגן די דייטשן און, אַפילו, קיין איין קנעפּל וועלן מיר ניט לאָזן אָפּשניידן פון אונזערע מונדירן. אָבער, ס׳איז געווען אַ טרויריק־טראַגישער ביטחון: נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן אָנקומען אין זייערע קאַזאַרמעס — האָבן זיי די דייטשן באָמבאַרדירט, און דאָס פוילישע מיליטער האָט געליטן אַ שרעקלעכע מפלה.

אין שטעטל האָט זיך געשפּירט אַ גרויסער הונגער. מ׳האָט פאַרמאַכט אַלע געשעפטן. די בעקער האָבן אויפגעהערט צו באַקן ברויט, און ס׳איז ניט געווען מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער. די איינציקע שפּייז איז געווען גע׳פּגר׳טע־פאַרפוילטע פיש. פון וואַנען האָט זיך פלוצים גענומען אַזאַ שפע פון פיש? די דייטשן האָבן באָמבאַרדירט שטחים ביים בוג, זענען גרויסע מענגעס פיש אַרויס אויפן ברעג. די גויים פלעגן ברענגען פולע קוישן מיט אַזעלכע פיש, און פון דעם האָבן מיר זיך דערנערט.

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן נעבן ציעכאַנאָוויעץ צנחנים (פאַראַשוטיסטן) אין ציווילע מלבושים. די פוילישע רעגירונג האָט פאַראָרדנט, אַז מ׳זאָל יעדן אומבאַקאַנטן מענטשן איבערגעבן דער פּאָליציי. אַזוי אַרום איז די טורמע אויף דער מאַלצער גאַס אָנגעפילט געוואָרן מיט די דייטשע פאַראַשוטיסטן.

דער ראַדיאָ האָט געהאַלטן אין איין מודיע זיין, אַז דער דייטש גייט פאָרויס און ער דערנענטערט זיך צו ציעכאַנאָוויעץ. פיל יידישע איינוווינער האָבן פאַרלאָזט

דאָס שטעטל. די ערשטע זענען געווען די מיטגלידער פונעם אויטאָ־קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האָט צירקולירט קיין טשיזשעוו, ברייענסק, סעמיאַטיטש און ביעלסק־פּאָדליאַסק. אַזוי אַרום זענען אַוועק וועלוול קאַגאַן, אברהם גאַווראַניעץ, יצחק קולאַסקי, חונע קוראָפּאַטווע און זיסקע ניימאַן מיט זייערע פאַמיליעס. מיט זיי זענען מיטגעפאָרן יודעל עלקעס, אייזיק און אַברהם גראָדזינסקי, ישעיה (שייקע) און חוה זלאַטאַלאַוו, מענדל און דוד סלאָוואַטשיק און זייער קוזין לייבל. זיי האָבן מיטגענומען שפּייז און פאַרפאָרן ביז ניעסוויעזש.

אַזוי האָט זיך געצויגן די טרויעריקע לאַגע ביז דאָנערשטיק דעם 8.9.1939. בייטאָג האָבן מיר דערהערט, אַז די דייטשן האָבן פאַרנומען זאַמבראָוו און דערנעענטערן זיך צו טשיזשעוו. פאַרנאַכט האָבן מיר דערזען אַ שיין פון פּראָזשעקטאָרן: דער דייטש האָט זיך געפונען דריי קילאָמעטער פון ציעכאַנאָוויעץ. דאָס זענען געווען פּראָזשעקטאָרן פון די דייטשע טאַנקען. ס׳איז געפאַלן אויף אונז אַ שרעקלעכע אימה. אינסטינקטיוו האָבן מיר אויסגעבראָכן מיט אַ יאָמערלעכן געוויין און געשריען: וויי איז אונז — די דייטשן זענען שוין דאָ!

באַלד זענען אַלע גאַסן ליידיק געוואָרן פון מענטשן. מ׳איז זיך צעלאָפן באַהאַלטן זיך אין די הייזער. דאָס שטעטל האָט געקראָגן אַ אויסזען פון אַ בית־הקברות. מיט קלאַפּנדע הערצער האָבן מיר זיך צוגעהערט צו דער שרעקלעכער אַטאַקע פון די דייטשע טאַנקן.

צו מאָרגנס האָבן מיר דערזען אַ גוואַלדיק־גרויסע דייטשע אַרמיי באַוואָפנט מיט גרייזאַמע מלחמה־כלים. באַלד האָבן זיי באַוויזן זייער „כוח״. זיי האָבן געבראָכן די טירן פון די יידישע געשעפטן און געראַבירט וואָס נאָר זיי האָבן געקענט.

אַ גרופּע זעלנער איז אַריין אין די בתי־מדרשים, אָנגעפילט אַ פּאָר לאַסט־אויטאָ־מאָבילן מיט יידן און זיי געפירט אויף „ניי־שטאָט״, צום זאַקרעָנט. ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז ווען די דייטשן זענען אַריין פון טשיזשעוו, איז געשען אַ צוזאַמענשטויס צווישן זיי מיט די פּאָליאַקן וואָס זענען אַנגעקומען פון דאַניר, אין וועלכן ס׳איז געפאַלן דער גרעסטער טייל פון דער פּוילישער אַרמיי.

די יידן זענען געצוואונגען געווען אַוועקצופירן די הרוגים מיט די דערשאָסענע פערד און באַגראָבן נעבן מאַראַשעווסקיס פּאַלאַץ.

דאָס דייטשע מיליטער האָט מאַרשירט אויף בריסק־ליטאָווסק. אַ גרויסער טייל פונעם געווער וואָס זיי האָבן געראַבירט אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז דורכגעגאַנגען דורך ציעכאַנאָוויעץ. דורכפאָרנדיק אויף די טשעכישע טאַנקען, האָבן דערווייל „עד לחשבון״ די דייטשן גענומען זיך לוסטיק מאַכן אויפן חשבון פון די יידן. אָט איז אַראָפּגעשפּרונגען אַ דייטש פון אַ טאַנק און איז צוגעלאָפן מיט אַ שער אין האַנט צו גרשון יאַך דער בעקער,

האָט אים אָפּגעשוירן די באָרד און איבערגעלאָזט נאָר צוויי שפּיצן. אַלע דייטשע טאַנקיסטן האָבן געלאַכט אין שטאַרק הנאה געהאַט.

דערווייל איז געשלאָסן געוואָרן דער הסכם צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. דער בוג האָט געדינט אַלס גרענעץ.

לויטן אָפּמאַך האָט ציעכאַנאָוויעץ געדאַרפט געהערן צו דער סאָוויעטישער זאָנע. די דייטשן האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל און ס׳איז ניט געבליבן, אַפילו, קיין סימן פון מיליטער. אין דער צווישנצייט איז קיין געלט ניט געווען גילטיק — ניט קיין רוסישעס, ניט קיין פּוילישעס און ניט קיין דייטשס. די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט אַ ציווילע פאַר־וואַלטונג, וואָס האָט זיך געפונען אינעם הויז פונעם דענטיסט לעווין. איר אויפגאַבע איז געווען איבערצוגעבן די אַדמיניסטראַטיווע ענינים דער סאָוויעטישער מאַכט, וואָס האָט געדאַרפט יעדן טאָג אָנקומען.

דריי טעג איז געבליבן ציעכאַנאָוויעץ אָן קיין שום רעגירונג. כדי צו שיצן די באַפעלקערונג קעגן כל מיני באַנדיטן, האָבן די דייטשע באַאַמטע גערופן עטלעכע פאַר־שטייער פון דער באַפעלקערונג און פאַראָרדנט, אַז יעדע גאַס זאָל באַשטימען אַ גרופּע שומרים, צו היטן די איינוווינער קעגן רויב און מאָרד אָנפאַלן.

אויפן צווייטן טאָג, נאָכן פאַרלאָזן פון די דייטשן דאָס שטעטל — האָבן זיך באַוויזן אין דער עפנטלעכקייט די היגע יידישע קאָמוניסטן, וואָס זענען געווען אַרעסטירט אין וואַרשע. ס׳זענען צוריקגעקומען משה׳לע עלקעס, יצחק־אריה לין און קריסטאל. ביי זיי איז געווען „ליהודים״, אַ גרויסער יום־טוב. זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ טריאומף־טויער, וואָס האָט זיך געצויגן פון אַלטער לובאַוויצערס הויז ביז ליפּא רובינשטיין, ד. ה. אין ווינקל פון מאלצער און קאָוואַלסקי גאַסן. אָט דעם פאַראַדנעם טויער האָבן זיי באַפּוצט מיט ריזיקע טראַנספּאַרענטן, וואָס האָבן געלויטעט: „זאָל לעבן די סאָוויעטישע מאַכט״! און „ברוך הבא״!

„הושענא רבה״, יאָר 1939, זענען אַריין די סאָוויעטן קיין ציעכאַנאָוויעץ. ס׳איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף די מידע זעלנער מיט זייערע פערד — הויט און ביינער. דאָס איז געווען ווייס־ר״סיש מיליטער. די זעלנער זענען געווען אָרעם געקליידעט, שמוציקע און הונגעריקע. זיי זענען אַריין מיט אַ גרויסן אָרקעסטער „נאַשפּיץ״, זיך אַוועקגעזעצט אין מיטן מאַרק און געשפּילט פאַרשידענע רוסישע מאַרשן. די באַציונג צו דער באַפעל־קערונג איז געווען זייער העפלעך. זיי האָבן געקויפט אַלץ פאַר פּולעס געלט.

נאָך אַ געוויסער צייט האָבן די סאָוויעטן פאַראָרדנט צו עפנען די געשעפטן, נאָר די בעלי־בתים האָבן זיך געטוישט. דאָס מאַנופאַקטור־געשעפט פון ליפּא רובינשטיין האָבן פאַרוואַלטעט יעלטשע באנדע און חיים בוטשקעוויטש. זיי האָבן געמאַכט דעם אויספאַרקויף. די געשעפטן פין לייבעלע בלום און חיים גאנשאק האָט מען פאַרוואַנדלט

אין אַ קאָאָפּעראַטיוו. דאָס ביכער־געשעפט פון מאניק באַכאַזשעווסקי (אַ פּאָליאַק) האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ מאַנופאַקטור געשעפט.

כדי צו באַקומען שפּייז און פאַרשידענע סחורות, האָט מען געדאַרפט שטיין לאַנג אין תור. מ׳איז אויפגעשטאַנען אין די קליינע שעה׳ן פון דער נאַכט און זיך געשטעלט אין דער ריי, כדי צו זיין פון די ערשטע.

אַזוי איז מען געשטאַנען עטלעכע שעה, אין קעלטן און אין ווינטן, ביז מ׳האָט זוכה געווען עפּעס צו קריגן.

די לאַגע פון די אַרבעטער האָט זיך פאַרבעסערט. די סאָוויעטן האָבן פאַראָרדנט, אַז אַלע שוסטערס, שניידערס און סטאָלאַרעס זאָלן שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוו. יעדער מייסטער האָט געדאַרפט צושטעלן אַ מאַשין אין קאָאָפּעראַטיוו. ווער ס׳האָט ניט געקענט צושטעלן קיין מאַשין, איז ניט אויפגענומען געוואָרן אין קאָאָפּעראַטיוו. אַזוי ווי כ׳האָב ניט געהאַט קיין מאַשין, האָב איך מיר אַרומגעדרייט ליידיק. ענדלעך בין איך געוואָרן אַ נאַכט־וועכטער. כ׳האָב געהיט בהמות וואָס זענען אויפגעקויפט געוואָרן פאַר דער סאָוויעטישער מאַכט. ביינאַכט האָב איך געהיט און בייטאָג — דער בוכהאַלטער יצחק (איצל) שאַפּיראָ און זיין זון יעקב.

אין שטעטל האָבן זיך דאַן געפונען אַ סך פּליטים פון דער גאַנצער סביבה. ס׳האָבן זיך אויך אומגעקערט ציעכאַנאָוויעצער פרויען, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט מענער פון דער געגנט. די סאָוויעטן האָבן אויפגעהאַנגען גרויסע פּלאַקאַטן, וואָס האָבן געמעלדעט, אַז די וואָס ווילן זיך אומקערן צו זייערע הייזער, זאָלן זיך מעלדן צו דעם צוועק. הגם די מקומות זענען געווען אונטער דער דייטשער מאַכט, האָבן זיך פיל פאַרשריבן, ווייל זיי האָבן געהערט, אַז די דייטשן טוען ניט קיין שלעכטס די יידן, מ׳קען מיט זיי האַנדלען און מ׳פאַרדינט ביי זיי ניט שלעכט.

אין אַ געוויסער נאַכט, אַרום צוויי אַ זייגער, האָב איך דערהערט אַ גערויש פון וועגענער. כ׳בין אַרויס אין גאַס און דערזען, אַז מ׳פירט גאַנצע משפחות פון יידן צו דער באַן־סטאַציע. דאָס זענען געווען די משפחות וואָס האָבן זיך פאַרשריבן זיך צוריקקערן צום דייטש. מ׳האָט זיי פאַרשיקט צו די „ווייסע בערן" (קיין סיביר).

אָבער, ס׳איז געווען לטובה. אַ דאַנק דעם זענען זיי לעבן געבליבן. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען ציעכאַנאָוויעצער מענער און פרויען, ווי דבורה פּרץ, שרה סעמיאַטיצקי, די משפחה פון לייבוש גאָטליב און די משפחה קלאָדע. זיי פלעגן שרייבן, אַז ס׳גייט זיי גאַנץ „גוט" אין סיביר, נאָר ס׳פעלט זיי זיידעל דער בעקער („זיי האָבן קיין ברויט"), ליפּא רובינשטיין („זיי האָבן קיין מלבושים") און איסר סלאָוואַטשיק („זיי האָבן קיין פלייש").

אין יאָר 1940 האָבן די סאָוויעטן אָנגעהויבן מאָביליזירן צום מיליטער יידישע, ווי אויך קריסטלעכע יונגעלייט. ראש השנה פון דעם יאָר איז אַוועק איין גרופּע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך, צווישן אַנדערע, געפונען מאָטעל דמאַך און יאָסקע איינבינדער.

די צווייטע גרופּע איז אַוועק יום־כּיפּור. ס׳האָבן זיך אין איר געפונען סאָקאָלאָווסקי און דוד קוקס (ישעיה דעם סקיריצערס אייניקל).

די דריטע גרופּע איז אַוועק אום הושענא רבה, אין וועלכער ס׳האָבן זיך געפונען צווישן אַנדערע עזריאל לעוו, שמחה קלאפּאטאָווסקי, ישראל גזשיבאַק, יעקב קאָזע און דער שרייבער פון די שורות.

כ׳האָב פאַרלאָזט דאָס שטעטל און דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז כ׳וועל דאָס מער ניט זען. צו אונזער גרויסן ווייטאָק איז די שוואַרצע נבואה מקויים געוואָרן פיל־פיל מער, פיל־פיל שרעקלעכער וואָס אונזער דמיון האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן.

אלתר פיורה
(כפר ויתקין)

„המשיח" האדום נכנס לעיירתנו...

הבא לכתוב תולדות השמדת יהודי־ציחנוביץ, עליו להבחין בין הגרמנים שלפני מלחמת גרמניה־רוסיה לבין אלה שלאחר מלחמת־שואה זו.

הגרמנים נכנסו לעיירתנו עם תבוסת פולין. בתקופה ההיא טרם קבלו הנאצים פקודה לרצוח ולהשמיד יהודים. במשך השבועיים ששלטו בציחנוביץ, עד חתימת הסכם ריבנטרופ־מולוטוב — לא פגעו, כמעט, ביהודים, פרט להתעללויות „שגרתיות".

והמעשה שנעשה במשפחת אטקס יוכיח. משפחה זו התגוררה בקרן שני רחובות. בנסיגתם השאירו הפולנים במקום זה רכב צבאי. בהגיע היחידות הקדמיות של הצבא הנאצי לקרן רחובות אלה, סברו שהפולנים נטשו את הרכב והם עצמם התחבאו בבתים הסמוכים. נכנסו לבית־אטקס, הוציאו כל בני־המשפחה, ערכו חיפוש מדוקדק בחפשם אנשי־צבא. משלא גילו דבר, הוביל משמר מזוין את בני־המשפחה לארמון מרישבסקי שבתוך היער. בהיותם בדרך, יצא פולני מאחת הסימטאות וביקש לחצות את הרחוב. המשמר צעק: האַלט! ותוך כדי קריאה ירו בו והרגוהו במקום.

משפחת אטקס בטוחה היתה שגורל דומה לזה צפוי גם לה. אולם, בהגיעה ליער, קידם פניה המפקד הנאצי בצריחות. „יהודים ארורים! שאו רגליכם ורוצו מהר הביתה"! זהו, בעצם, המקרה ה י ח י ד י שהביאו יהודים היערה והשאירום בחיים.

הגרמנים נכנסו אצלנו במוצאי־שבת. שכבנו כולנו על הרצפות, כי פחדנו להרים את ראשינו מאימת היריות הרבות שפילחו את האויר. גרנו בשוק וכשפתחנו ביום ראשון בבוקר את דלת המאפיה, ראינו שהשוק הומה מרוב צבא גרמני על כלי־המשחית הנוראים שלו.

ביום השני לבואם התפשטה השמועה, שהגרמנים מתכוונים לחפש נשק בבתי־היהודים. הפולנים, משתפי־הפעולה, הלשינו על היהודים. נכנסה לביתנו קבוצה גדולה של גרמנים, אחד מהם הוציא מכיסו תער ממורט והצמידו לצווארי, כמתכוין לשחוט אותי; אולם, יצאתי כדי שריטה קלה בלבד. כל בני־המשפחה פרצו בבכי, כי למראה הדם בטוחים היו שהגרמני חתך גרוני. הרוצחים הגרמניים ומלוויהם הפולניים שדדו מביתנו כל מה שיכלו לשוד, חלקו ביניהם את השלל והסתלקו.

כעבור שבועיים נודע בעיירה, שהגרמנים עומדים לעזוב אותנו, כי עשו הסכם עם הסוביטים, שלפיו עליהם לסגת מעֵבר לבוג. היה זה כיומיים לפני יום־הכיפורים.

היהודים פחדו להתאסף בבתי־הכנסת לתפילת „כל נדרי" והתפללו בבתים פרטיים. התפילות השתלבו יפה במצב־הרוח העגום. מי שלא שמע מעריב ליל יום־כיפור ההוא, את ה„יעלה תחנוננו" — לא שמע מימיו תפילה מחרידה.

חזרנו מהתפילה שנערכה בבית השכן ושכבנו לישון על הרצפה. בחוץ הורגשה תנועה בלתי רגילה של הצבא הגרמני, שלא ידענו פשרה. יהודים יראי־שמים, שהשליכו יהבם על אבינו שבשמים, פרשו תנועה זו לטובה.

כמה מזעזעת היתה הפרידה מעל בננו. בידים רועדות חיבקנו אותו. הילד המסכן לא הבין פשר המחזה. אף אנו לא תארנו לעצמנו, כי בפעם האחרונה מסתכלים אנו בפניו הזוהרים. נתנו לנו דקות ספורות בלבד להיפרד מעל בננו, משפחתנו, ידידים וקרובים. קהל רב מבני העיירה, אנשים, נשים וטף, שאליהם הגיע דבר גרושנו, צבא על בית־המשטרה, כאילו באו לחלוק לנו כבוד אחרון. מבלי משים הרגשתי את מבטם החם. דברי עידוד ונחמה נזרקו אלינו מרחוק. אהבה ללא־מצרים ודאגה לגורלנו הובעו במלים ספורות, שהתגנבו אלינו מבין הקהל הרב. השוטרים עמדו מחוסרי־אונים מול הצבור הגדול, שניסה להתפרץ ולעלות על העגלה בה הוסענו לתחנת צ׳יז׳ב. היה זה מחזה איום שנחרת היטב בזכרוני ולעולם לא אשכחהו.

אל בני־משפחתנו, שיצאו ללוותנו לתחנת־הרכבת, נלוו רבים מבני־העיירה. עם הצפירה האחרונה של הקטר הוטלנו לתוך קרון אפל, שהיה מלא אנשים מפה אל פה, ולא ניתנה לנו, אפילו, שהות להסתכל בקהל המלווים. אף בלחיצת יד לא זכיתי להפרד מעל אבי. כמשותקים עמדו כולם למראה זועה זו.

דלת הקרון הכבדה נסגרה מאחורינו ונמצאנו כלואים בתוכו בין עשרות אנשים אומללים כמונו. איש לא הוציא הגה מפיו. רק כעבור זמן הבחנו בחריקת גלגלי־הרכבת. חריקה זו היתה, כעין, גניחה עצורה והשתתפות בצער האנשים.

הרכבת התקדמה והתרחקה וקרעתנו לנצח מעל כל היקר והחביב לנו. במשך

כשלשה שבועות, בתנאים קשים מאוד, בלכלוך וזוהמה, רעב וצמא, עשינו דרכנו לערבות סֶויר, צפונה לארחנגלסק — לעבודת כפיה.

כל אשר עבר עלינו ברוסיה זוהי פרשה ארוכה רבת סבל, טלטולים ותלאות. עבדנו ביער, בכריתת עצים ויבוש ביצות, ולא פעם היינו צפויים להיות טרף לשיני חיות. חיינו חיי סחי ומאוס, חיים של שעבוד הגוף והשפלת הרוח.

אולם, האמונה הצרופה שספגתי בבית־אבא, התורה שקבלתי למורשה מפי מורים מסורים, זכרון עיירתנו שהגיה את חשכת חיי, — נסכו בדמי כוח נעלם, חוסן תעלומות, ועודדוני במשך כל שנות טלטולי, חזקוני בכל תלאותי והביאוני עד הלום.

צבי פסטרנק
(חיפה)

בנדודים

משהוטלה ע״י הגרמנים הפצצה הראשונה, שפגעה בטחנת־הקמח של זאביעלא, שלחו שלטונות הצבא הפולני צוי־גיוס לכל חיילי המילואים שבידיהם כרטיסים לבנים. בדקתי את הצו שלי ומצאתי בו קו אדום באמצע, משמע, שלפי שעה פטור אני מגיוס זה.

יהודי העיירה נצמדו למקלטי־הרדיו והאזינו לחדשות, שלא היו מעודדות ביותר. ביום ראשון, 3 בספטמבר 1939, גיסו גם אותי ואת שמואל יבקובסקי, סנדר גרודזינסקי, משה ורבלינג, אברהם מונדריקמן ואחרים. העיריה העמידה לרשותנו אוטובוס, ולפנות ערב עזבנו את ציחנוביץ ויצאנו בדרך לצ׳יז׳ב. הורינו ובני־המשפחה ליוונו בעינים דומעות וברכה בפיהם שנזכה לחזור בקרוב כמנצחים.

הגענו לצ׳יז׳ב. שם נודע לנו, שהרכבת שצריכה היתה להסיענו ליעד — לשדליץ, לא הגיעה מחמת הפצצות הגרמנים. רק למחרת היום הגיעה הרכבת מכוון ביאליסטוק כשהיא מלאה חיילי־מילואים. בקושי רב נדחקנו ביניהם. הגענו לשדליץ ושם הציבו אותנו, איש־איש, ליחידתו. נפרדתי מהציחנובצאים. קיבלנו מדים ונשק והתקדמנו לעבר יערות לובלין.

הגרמנים התקדמו במהירות מפתיעה בכל החזיתות ולא ניתן היה לצבא הפולני לייצב חזית כלשהי. הלכנו ימים ולילות עיפים ורעבים. למזלי, עברנו על פני עיירות שונות במחוז לובלין ושם השגתי, בין היהודים, מזון גם לי וגם לפלוגה כולה.

ב־26 בספטמבר הגענו ליער, שם הודיעו לנו שמחר לפנות בוקר נצא להתקפה גדולה במטרה לשחרר את זמושץ׳. למשמע הידיעה הזאת התעצבנו מאוד הקצינים הפולניים, שבמשך כל שעות ההליכה היו אחוזי־פחד. שכבנו לנוח. במשך הלילה הביאו תגבורת של חיל רגלים ותותחנים.

בשעה 4 לפנות בוקר ראינו את הרקיטה בעלת שלושת הכוכבים, שבישרה את פתיחת הקרב. בצעקות יצאנו למערכה. טורי־צבא מרובים, שמנו אלפי־חיילים, החלו להתקדם. הלכנו תחת מטר של אש מרוכזת ואיומה. קמה בהלה גדולה. לא שמענו פקודות הקצינים, כי הללו התחמקו כבר בהתחלה משדה־הקרב. מחננו נתדלדל. הסתכלתי מאחורי וראיתי את מנוסת הבהלה של „הגבורים״, פרט לאלה שנפלו. לא ידעתי מה עלי להחליט. במרחק כ־200 מטר ממני ראיתי כמה בנינים, התחלתי לרוץ ונפלתי לתוך בור. מצאתי שם שני חיילים פולניים, שדברו אלי אוקראינית. בראותם ששפה זו זרה לי, החלו לדבר

אלי פולנית וספרו לי, שהצבא האדום חצה את הגבול ומתקדם לעבר הנהר בוג. הם יעצו לי להצטרף אליהם, וכן עשיתי. בדרך נפצע אחד מהם, ואני עם החייל השני הצלחנו להגיע לעיירה הרובישוב. תושבי המקום לקחו מאתנו את הנשק, האכילונו ובסירה העבירו אותנו לעבר השני של הבוג. שם נתקלתי בפעם הראשונה בחיילי הצבא האדום. נגש אלי חייל סוביטי והחל לדבר אלי. מאחר ולא הבנתי דבריו, קרא לקצין יהודי ודברתי אתו יידיש. ספרתי לו את הקורות אתי. הוא הביאני למחנה גדול של חיילים סוביטיים ושם כבדוני באכילה ושתיה. הקצין הובילני לכביש והושיב אותי על עגלה. בדרך שאלני הגוי, הידוע לי מהו היום הזה ומבלי לחכות לתשובתי השיב, שיום זה קדוש הוא ליהודים — זהו יום הכיפורים.

הגענו לוולודימיר־וולינסק. נכנסתי לבית־הכנסת שעה שהיהודים התפללו תפילת „נעילה". תקפתני סחרחורת איומה והתעלפתי. כשהתעוררתי מעלפוני ראיתי יהודים רבים סביבי. הם אמרו לי, שצעקתי בקולי־קולות בעת ההתעלפות. אחר התפילה לקחני יהודי אחד לביתו ושהיתי אצלו שלושה ימים. משם הגעתי לעיירה טריסק. לנתי בבית־כנסת, שהיה מלא מפה לפה חיילים סוביטיים. שררה אפילה, ולתמהוני שמעתי שמישהו מזכיר את השם ציחנוביץ. התקרבתי לאדם המדבר והוברר לי שזה גוי מהכפר מאלטש, הסמוך לציחנוביץ. זהיתי את עצמי ומיד תאר לי את ביתנו ואת אבי, שהיה קונה אצלו עתונים.

למחרת היום הלכתי לקובל. ברחוב נפגשתי עם חיים־יעקב וינר ונתן צ'רניביץ', חתן חיה־לאה ציגל. הצטרפתי אליהם. שהינו כמה ימים בקובל, בתקוה שבקרוב נוכל לחזור הביתה.

בחול־המעוד סוכות, כשטילנו ברחוב, עצרו אותנו חיילים סוביטיים ורכזו אותנו במקום מסוים יחד עם הרבה חיילים פולניים. הודיעו לנו, שלוקחים אותנו כשבויי־מלחמה למחנה־מיון ובקרוב ישחררונו.

הביאונו ברכבת לשיפיטובקה. שם נמצאו רבבות של חיילים פולניים. מצאתי ביניהם את אברהם מונדריקמן. הוא סיפר לי, שנמצא כבר במקום מספר ימים וכמעט שאין מגישים אוכל. ראיתי קצינים פולניים גבוהים נוברים בידיהם בפחי־אשפה, כדי להציל את חייהם ממיתת־רעב.

בערב החלו להפריד קבוצות שונות של פולנים לחוד ויהודים אוקראיניים לחוד. שאלתי לפשר הדבר והוברר לי שאת הפולנים משאירים במקום, ואילו את האחרים משלחים לכוון בלתי־ידוע. אני ומונדריקמן פלשנו לאחת הקבוצות, הכניסו אותנו לקרונות והסיעונו לקיוב. בתחנת קיוב הובילונו למטבח פועלים, בו הכרתי בין הטבחים גם יהודים. נגשתי אליהם וסיפרתי להם על הרעב הגדול השורר במחננו. בנדיבות לב כבדונו בכמה ככרות־לחם גדולות וקופסאות סרדינים. מיד חילקתי אותן בין היהודים שבתוכנו.

למחרת הגענו לקוריץ. הקימונו שם מחנה. לפי ההסברים שקבלנו נשתהה במקום

מספר ימים עד שיכינו לנו תעודות אזרחות סוביטית, וישחררונו. אבל, מה פשר הדבר שגודרים את המחנה בגדר תיל? ולמה מסתובבים סביבנו כל־כך הרבה חיילים כשבידיהם רובים מכודנים?

לאט־לאט גזו כל האשליות, וביום בהיר אחד הודיעו לנו, שאסור לנו להתקרב לגדר ומי שימרה את הפקודה — דמו בראשו! באמצעות יהודי מקוריץ בשם יעקב ברודר הצלחתי להעביר מכתבים הביתה, ואמנם אמי הגיעה לקוריץ לשם ביקור אצלי. שליטתה היפה בשפה הרוסית עמדה לה לאמי להשפיע על קצין־המחנה, שיתיר לה להיפגש אתי. הוא הביאני לצריף המיפקדה לפגישה עם אמי. הייתי מדוכא מאוד וסחתי לה מצרות נפשי. שאלתיה, שמא אברח מכאן ואחזור לציחנוביץ? היא השיבה לי, שאין טעם בדבר, שכן, ראשית ימצאוני גם בבית והשנית — מי יודע מה ילד יום? לא ידוע, כלל, מי יקנא במי... במלים אלו נפרדה מעלי אמי — ולנצח.

המפקד הסוביטי הבטיח חזור והבטח, שיום שחרורנו ממשמש ובא. אולם, עד לחשבון, החליטו הסוביטים לסלול כביש מפואר מקיוב ללבוב. בזה האופן נהיינו אנשים מועילים ופרודוקטיביים, כי העסיקונו בסלילת כביש זה שחצה את קוריץ.

בהתחלת שנת 1941 העבירו אותי, עם חלק מהאנשים, לוולוצ׳יסק. שם בנינו שדה תעופה גדול. את שדה־התעופה „חנכו" המפציצים הגרמניים. ביום הראשון לפלישת הצבא הנאצי לרוסיה הרעישוהו טייסי־האויב הרעשה כבדה ואיומה, ואך בדרך נס לא היו הרוגים. השמירה עלינו גברה מיום ליום. כעבור ימים מספר כינסו אותנו בחצר המחנה ובמלים ברורות וקודרות הודיעו לנו, כדי שלא ניפול בידי ההיטלריסטים — נלך מזרחה. המפקד הדגיש את המלה „נלך", כי רכבות ואוטובוסים אין. מי שלא יחזיק מעמד ויכשל בדרך — סופו מר. אסור לקחת אתנו בגדים, או חפצים, ועלינו להשאיר את כל המטלטלים שלנו במחנה. צווינו להקפיד על משמעת אבסולוטית.

זזנו מהמחנה. לפי היתר מיוחד היה בידי כינור, שאמי הביאה לי אותו בעת ביקורה אצלי. הלכנו, בערך, 50 ק״מ ליום. קיבלנו 100 גרם לחם כמנה יומית, אבל הקצינים הסוביטיים השיגו עבורנו בדרכים שונות קצת בשר וגבינה. הגענו, כמעט, לאפיסת הכוחות. עד כדי־כך נחלשתי, שקשה היה לי לשאת עמי את הכינור ומסרתיו לאחד הרועים שניקרה לי בדרך.

עברנו על פני פולטבה, קיוב, ויניצה וכו׳. סוף־סוף הגענו לתחנת־רכבת ומשם הביאונו לורושילובגרד. איכסנו אותנו עם עוד שבויים רבים בכנסיה פרבוסלבית. היינו כה חלשים, שבקושי יכולנו לקום, כדי לקבל את מנת־המזון. אולם, לאחר שהאכילונו כדרך שמאכילים חיילים — התחלנו לחזור לאיתננו. גרנו בצריפים, שבכל אחד מהם הצטופפו כ־100 איש.

פתאום הגיעו אלינו שמועות, שמארגנים מחדש את הצבא הפולני, בהתאם למשא־ומתן שהתנהל בין גנירל שיקורסקי והממשלה הסוביטית. ואמנם, כך הוה. כפטריות צצו

מבין השבויים קצינים פולניים, שהחלו לשחק לפנינו את המשחקים של הצבא הפולני מלפני המלחמה. משחקים אלה התבטאו בתרגילי־סדר ובעיקר לחלוק כבוד ל„גדולים" שלהם.

כעבור כמה חדשים נסענו לאסיה, למחוז בוכרה. גם שם ישבנו באפס־מעשה, פרט למשחקים שהזכרתים לעיל. רגש היוהרה התעורר שוב בלב הקצינים הפולניים וכשרק הרימו ראשיהם — החלו לצחוק וללעוג ליהודים. אמנם, כל אחד מהם היה, בחינת, גברא קטילא ולא פחדנו מהתעלולים האנטישמיים שלהם. להפך: ענינו להם כאולתם והזכרנו בכל הזדמנות את „מעשי הגבורה" שלהם, שהמיטו קלון עליהם ועל הצבא הפולני.

נתקבלה פקודה שעל הצבא הפולני לעזוב את אדמת רוסיה ולנסוע לפרס. משם יצאו לחזית. ליהודים ניתנה הברירה להשאר בצבא הפולני, או לנסוע לכל מקום שירצו. בחרתי, כמובן, באפשרות השניה ונסעתי למחוז צ'קלוב שבסיביר. עבדתי שנתיים בקולחוז, עשיתי את כל העבודות שהטילו עלי, וראש־הקולחוז הללני כאיכר מצוין.

בשנת 1944 גויסתי ונשלחתי לאורל, לעיר הגדולה מגניטוגורסק. שם עבדתי בבית־חרושת ללבני־שאמוט עד לסיום המלחמה.

כשקראתי בעתון על שחרור ציחנוביץ מידי הגרמנים כתבתי הביתה כמה מכתבים על־פי כתובות שונות, אבל כולם חזרו אלי כשעל המעטפה רשום, שהמען אינו קים עוד מאז שנת 1942...

בשנת 1945 חזרתי לפולין ומשם, דרך גרמניה, עליתי ארצה בשנת 1948.


השואה

אליעזר לֵאוֹנִי

קַדִּישׁ

אַלְלַי לנו, כי פנה יום. אפסו החיים, אָפֵסוּ. כל משפחות בית-ציחנוביץ נעקרו מן העולם. את נויהן הֵשַׁמּוּ, אין שריד במגוריהן. דעך נֵרָן. אוי לנו שנותרנו לבדנו. הוסרה עטרת תפארתנו. יתומים היינו. אין אב ואין אם לנו. חייהם היו למאכולת-אש.

נישא עינינו לגל-הבלהות בגיא-הצלמות דטר-בלינקה—גל עצמות כל בית-ישראל בציחנוביץ, שכל מִשְׁבָּרֵי וגלי האֵמים עברו עליהן, שלא נספדו ולא נאספו ולא נקברו, ואיש לא לִיוָן לבית מועד לכל חי.

תבוא לפנינו אנקת המתבוססים בדמם ביום הרג רב, ביום לכתם באורח לא-ישובו ממנו, ביום בו נשפטו בכל מיתות משונות ונתיסרו ביסורים שלא מעלמא הָדֵין. נאזין לשְׁאון גלי דמם הרותח ועולה ואינו נח ואין להשביחו.

יעלה עינוינו ותראה נאקתנו ומנהמת לבנו נשאג: איכה נעשתה הזוועה הזאת תחת השמש? איכה נטבחו תמימי-דרך, בני אל-חי טהורי לב, כבני עולה? איכה נתנה חרב פתוחה לטבח ביד הורג ואין ממחה בידו? איכה הסתרת פניך, מרא דארעא ומרא דשמיא, כשנאנחו ונאנקו וזעקו אליך האבודים ותעל שועתם עד שחקים?

יוצר-האדם, איכה לא חסת על עמלך, בהת-אסף גויים אשר לא ידעוך ואכלו, בוססו, רמסו, טרפו, ביתקו, כילו ואכלו את בניך, אבד מהם מנוס ואין ממלט מיד-צר ואין פודה מיד עריצים? איכה לא עמדת בפרץ ולא גערת בשטן המשחית וגמלת לו כפעלו וכרוע מעלליו? ילדי חמודות, עירין-קדישין, שועו לפניך, עיניהם שברו ויחלו אליך — איכה לא נתגלגלו רחמיך עליהם, איכה ישבת בסתר, אל-עליון, איכה לא קרעת שמים וירדת להצילם ממתלעות עול ולמחוץ ראש אויביך?

נטהר את עצמנו ונזכיר שמותיהם בסילודים, ובלב דוה „קדיש" נאמר, „קדיש" עדה מיותמת ושכולה, שנשארה מעט מהרבה, לעילוי נשמות קדושינו, שנתקדשו בענן-האש, שנסקלו ונהרגו ונחנקו בתאי-הגזים ונטבעו ונטבחו ונתלו ונקברו חיים ונטחנו ונשרפו.

„קדיש" על עוללים ויונקים, טהורים בני טהו-רים, שלא היה בהם שום דופי, שלא היו בידם רעה ופשע ולא חטאו, ומתו מות זוועה. עריצי גויים גזלום מזרועות אימותיהם, ריטשום לעי-

ניהן, רחצו פעמיהם בדמם, ניפצום אל הגדרות ואבני-הרחוב, העיפום באויר וירו בהם כבעוף-השמים.

„קדיש" על דַרְדְקֵי-דְבֵי-רַב, שפעמיהם רצו לשמוע דברי עתיק יומין, שהמליכו עליהם אֲדְנוּת יחידו-של-עולם וִיקַר אוֹרַיְתָא, וזאבי-ערב משחרי לטרף כילו בהם חמתם, שפכו דמם כמים, גופיהם הטהורים הושלכו בשדות מתבוססים בדמם, מְטוּעֲנֵי חרב, חנוקים, טבוחים ומבותקים, עיני-הם נְמַקוֹת בחוריהן, רִמָה מכסה עליהן, פיותיהם מלחכים עפר, לשונותיהם משורבבות מצמא, עורם צפד, גופם יבש, ניתנו לְאָכְלָה לחית-הארץ ולעוף השמים, אין מְקַבֵּר להם והם קוראים תִגָר על אדירי תבל.

„קדיש" על יהודי קדוש וטהור, כאשר בני-הבליעל הורידוהו לשאול, פרש כפיו שמימה בת-פילת „וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן וְלֹא יַשְׁחִית", וכשהחלו לסתום עליו את הַגּוֹלֵל ולקברו חיים — החל לְחַלוֹת פני-אל וְנָאַק נַאֲקוֹת חלל: „אֵלִי, אֵלִי, לָמָּה עֲזַבְתָּנִי"?

„קדיש" על בן ציחנוביץ, שהארכיליסטים רומנוס, שְׁחִיק טְמַיָא, צלב אותו על קיר בית-האסורים. אל ניתן דֳמִי לנו ובעיני רוחנו נחזה, כיצד העריץ מְלַבֵּן באש מסמרים ונועץ אותם בידיו ורגליו של קרבנו. איום היה כאבו על כל אֵימִים. אין קץ וחקר לו. בנהי בכי תמרורים נְבַכֶּה על קדוש זה, אשר נִתְעַלָּה וְהִתְקַדֵּשׁ וְהִתְגַדֵל וְהִתְרוֹמֵם וְהִתְנַשֵּׂא ביסוריו לְעֵילָא לְעֵילָא מכל השגת אנוש.

נאבל עליהם כל הימים עד עת קץ. צָמְאָה נפשנו להם: נִתַּנֶה בכל עַדַן וְעִדָּן תוקף אימת כליונם, כי הוא נורא ואיום. למען הטבוחים והשרופים לא נשקוט ולא נחשה. נדבק בעפר רג-ליהם ולא יִתַּמוּ יסורי געגועינו עליהם עד זִבוּלָא בַּתְרָיְתָא.

אב הרחמים, אתה עִלַּת הָעִלּוֹת, אתה דן יחידי לכל באי עולם, קדמון לכל דבר ואדון כל תולדות — בידך נפקיד רוחם. כְּנוס כל הנשמות היקרות האלו, כי נשמות אתה עשית. יחיו מתיך, כי נאמן אתה להחיות מתים. יֵעורו משנתם לעת דין, כאשר „יְקִים אֱלָהּ שְׁמַיָּא מַלְכוּ דִּי לְעָלְמִין לָא תִתְחַבַּל" — כאשר „יקים אלהי השמים מלכות אשר לא תֵהָרֵס לעולם" ותכונן כסאך למשפט ותָרום ידך על-צריך ותשפוט אותם משפט טובחי ילדים וזובחי אבות ואימהות, זמיר עריצים תש-בית וְשִׁלַּמְתָּ רשעים נחזה, „וּמָחָה ד' אֱלֹהִים דִּמְעָה מֵעַל כָּל-פָּנִים".

בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ דְּמָרֵא עָלְמָא, אֱלָהָא דִשְׁמַיָּא. נטע בהם חיי-עולם בשמי מְרוֹמָא עִלָּאָה. יהיו גנוזים לחיי העולם-הבא. יתרחש להם נס האיש המת, שנגע בעצמות הנביא אלישע, ויחי ויקם על רגליו. נצור נפשותיהם, כי בידך נפש כל חי. תהיינה צרורות בצרור החיים ותעמודנה לגורלן לקץ הימין.

אליעזר לֵאזני

קַדיש

ווי אונדז, ווייל פארלאשן זיינען געווארן די טעג פון אונזערע טייערע. שרעקלאכע נאכט־שאטן האבן איינגעהילט זייערע געפייניקטע געשטאלטן. אין טיפע אפגרונטן, אין מאַכטיקע וואסערן, זענען פארשטיקט געווארן אויף אייביקאייביקייטן די זיסע קלאנגן פון אמאל. א גרויזאמער שטורעמ־ווינט האט אויסגעראטן פון דער וועלט אלע ציעכ־אנאוויעצער פאמיליעס. צעשטערט זענען געווארן זייערע נעסטן, פאראַבלט און פארוויסט זייערע היימן. די גאסן אנגעזאפט מיט זייער בלוט און אין די הייזער זענען פארגליווערט געווארן זייער ווייגעשריי, זייער געוויין, זייער גרויל און טויטשרעק.

מיר זענען געווארן עלנט און פאריתומט, אן א פאטער און אן א מוטער. אויפגעהערט האט די פרייד אין אונזערע הערצער, ווייל געפאלן איז די קרוין פון אונזערע קעפ, ווייל זייערע לייבער זענען

איבערגעגעבן געווארן צו די פלאַמען־פייער אין טרעבלינקע.

לאמיר אויפהויבן אונזערע אויגן צום שוידער־לאכן בארג אין טרעבלינקע און מיט א צעבראכן הארץ קוקן אויפן וויסטן הויפן־ביינער פון די ציעכאנאוויעצער יידן, וואס קיינער האט זיי ניט באקלאגט, קיינער האט זיי ניט איינגעזאמלט, קיינער האט זיי ניט באגראבן און קיינער האט זיי ניט באגלייט צו זייער אייביקער רוה.

לאמיר הערן מיט אונזערע אויערן דעם אנגסט־געשריי פון אונזערע טייערע אינם טאג פון דער שרעקלאכער הריגה, ווען זיי האבן אלע געקניעט צו דער שחיטה; ווען זיי זענען אוועק מיטן לעצטן וועג, פון וועלכן זיי האבן זיך שוין מעהר ניט צו־ריקגעקעהרט און געפייניקט געווארן מיט איבער־מענשלאכע יסורים. לאמיר צוהערן צום כוואַליען־געררויש פון זייער בלוט, וואס ברומט און ברויזט און קאכט און מ׳קען דאס ניט איינשטילן.

זאל אונזער יאָמער שפאלטן די הימלען און צום וועלט־באשאפער טוען מיר רופן: ווי איז גע־שעהן די דערשיטערינדע שחיטהביים שיין פון דער ליכט?

ווי זענען געשאכטן געווארן ערלאכע מענשן, געפאלענע און דערשלאגענע, זייער וועג איז געווען ערלעך, זיי האבן ניט געזינדיקט, ניט פארבראכן, ניט שלעכטס געטאן און ניט אפגעקעהרט זיך פון די געטלאכע געזעצן — פארוואס זיינען זיי געפאלן

ווי פארברעכער ? ווי איז געגעבן געווארן די שארפע שווערד אין די הענט פון די תלינים און קיינער האט ניט געפרעגט : ביז ווי לאנג נאך וועט זי ניט רוהען ?

גאט פון הימל און ערד ! ווי אזוי האסטו געשוויגן, ווען מ׳האט געשניטן די לייבער פון די אומגליקלאכע ? מיט זייער אנגסטגעשריי איז פול געווען די ערד און זייערע קולות האבן געשטו־רעמט די הימלען.

וועלט־און־מענש באשעפער, וואס דיינע הענט האבן געשאפן און געפורעמט דיינע קינדער, ווי האסטו זיך צוגעקוקט, ווען ס׳האבן זיך פאר זאמלט טיראַנן, וואס קענן דיך ניט און וואס רופן ניט דיין נאמן, און האבן צוטרעטן, געשטאכן, געשאכטן און לעבעדיק באגראבן דיינע קינדער — און ס׳איז ניט געווען ווער ס׳זאל זיי ראטעוון ?

הארציקע קינדער, לויטערע און הייליקע ווי מלאכים, האבן געוויינט א תחנונים־געוויין, זייערע אויגן זענען צעגאנגען אין טרערן, זיי האבן אויפגעהויבן זייערע הימליש־שיינע פנים׳ער צו דיר, פאטער אין הימל, און געהאפט צו דיין חסד, ווען מ׳האט זיי געפיהרט צו דער שחיטה — פאר־וואס האסטו פארבארגן דיין פנים, פארוואס ביסטו געשטאנען פון דערווייטן, אלמעכטיקער גאט, און ניט צעריסן דעם הימל, כדי צו ראטעווען זיי פון שטנ׳ס הענט ?

לאמיר הייליקן און רייניקן זיך, כדי צו זיין

ראוי דערמאנען זייערע נעהמען מיט אויפציטערונג און פורכט. און מיט א צעבראכען הארץ „קדיש“ זאגען, „קדיש“ פון א פאריתומ׳טער עדה, וואס איז פון פיל געבליבען ווינציק — „קדיש“ צו דער דער־הייבונג פון די נשמות פון אונזערע קדושים, וואס זענען געהייליקט געווארן דורכען גיהנום־פייער, וואס זענען דערמארדעט און דערשטיקט געווארן אין די גאז־קאמערען און זענען דערטרונקען, גע־שאכטען, אויפגעהאנגען און באגראבען געווארן לעבע־דיקערהייד. זייערע ביינער זענען צעמאלען און פאר־ברענט געווארן.

„קדיש“ אויף די „כרובים“, די קליינע קינדער־מלאכים׳לאך, ריינע און אומבאפלעקטע, וואס האבען ניט געזינדיקט און קיינעם קיין שלעכטס געטאן, און זיי זענען אומגעקומען מיט א שרעק־לאכען טויט. געוואלטטוער האבען געוואשען זייערע פיס אין זייער בלוט, צעשניטען לעבעדיקערהייד פאר די אויגען פון זייערע אומגליקלאכע מוטערס, צעשמעטערט און צעהאקט זייערע צארטע קערפער ביי די פארקנס פון די הייזער און שאסיי־שטיינער, געווארפען אין דער לופט און געשאסען אין זיי ווי אין א פליהענדען פויגל.

„קדיש“ אויף די שוהל־קינדער, וואס זייערע פיס זענען געלאפען צו הערען די רייד פונם וועלט־באשעפער, צו דער תורה פון גאט איז געווען זייער באגער — און מוראדיק־אומדערבארימדיקע רויב־מענטשען האבען אויסגעגאסען אויף זיי זייער צארן,

זייער שווערד האט זיך אנגעטרונקן מיט זייער בלוט, זייערע הייליקע און ריינע לייבער האט מען צעשאָטן און אוועקגעווארפן אין וויסטע פעלדער, דערשטיקטע, געשאכטענע, זייערע אויגן פאר־פוילט, ווערעם האבן באדעקט זייערע לייבער, זייערע צינגער ארויסגעשטעקטע פונם ברענענדן דורשט, ניט געבליבן קיין גאנץ גליד אין זייערע קערפער, ס׳האבן געפוילט און געאייטערט זייערע ווונדן, שוידערלאך איז געווען זייער אויסזעהען, זענען איבערגעגעבן געווארן אלס שפייז פאר רויב־פויגל און חיות. זייער דערשטיקטער יאמער ערשי־טערט די ערד און ציטערט אויף אלע פעלקער און לשונות.

„קדיש״ אויף א קדוש, ווען די מערדער האבן אים אראפגעלאזט אין דער גרוב, האט ער מיט גרויס בטחון מתפלל געווען: „והוא רחום יכפר עון ולא ישחית״ — „גאט איז א דערבארימער, ער איז מכפר אויף זינד און ברענגט ניט אום״. און ווען מ׳האט אנגעפאנגען צו פארשיטן די גרוב און באגראבן אים לעבעדיקערהייט, האט ער פון דער אונטערשטער גרוב אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל און א שרעקלעכעס געוויין האט זיך דער־טראגן צום כסא הכבוד: „אלי, אלי למה עזב־תני״? — „מיין גאט, מיין גאט, פארוואס האסטו מיך פארלאזן״?

„קדיש״ אויף א ציעכאנאוויעצער מארטירער, וועלכן דער ארכי־מערדער ראמאנוס, ס׳זאלן צע־

שמעטערט און צעריבן ווערן זײַנע ביינער, האט אים געקרייציקט אויף דער וואנט פון דער טורמע. לאמיר זעהן מיט אונזערע גייסטיקע אויגן, ווי דער פארברעכער גליהט אן אין פייער טשוועקעס און האקט זיי אריין אין די הענט און פיס פון זיין קרבן.

שרעקלאך זענן געווען זיינע יסורים. ניט אויסגעמאסטן און ניט דערפארשט קענן זיי ווערן. אונזער הארץ טוט קלאָגן און ביטערלעך וויינען אויף דעם קדוש, וואס איז דערהויבן און געהיי־ליקט און געגרייסט און געלייטערט געווארן דורך זיינע שרעקלאכע יסורים, לעילא לעילא, פיל העכער און העכער פון יעדן מענשלאכן באגריף.

מיר וועלן אויף זיי טרויערן ביז צו דער לעצ־טער מינוט. דער טרויער וועט געדאַכט ווערן און געהאלטן ווערן אין איטלעכער משפחה. אונזערע הערצער דארשטן און לעכצן צו זיי. וועגן די גע־שאכטענע וועלן מיר קיינמאל ניט רוהען און וועגן די פארברענטע וועלן מיר קיינמאל ניט שווייגן. די בענקשאפט־יסורים צו זיי וועלן אונז פייניקן ביז די לעצטע לאפאטע ערד וועט אונז צודעקן.

דערבארמדיקער פאטער אין הימל! די ביסט די אור־סיבה פון דער וועלט, אלעס קוועלט פון דיין קוואל — אין דיינע הענט געבן מיר איבער די טייערע נשמות. זאלן אויפלעבן דיינע מתים! זאלן אויפשטיין די טויטע לייבער! זאל די ערד ארויס־געבן די טויטע! זאלן זיי זיך אויפוועקן פון זייער

שלאף צום גרויסן וועלט־געריכט, „ווען דער גאט פון די הימלען וועט אויפשטעלן א מלוכה וואס וועט אייביק ניט צעשטערט ווערן", און זיין האנט וועט צום משפט זיך נעמען. און דער וועלט־הער־שער וועט באווייזן זיין כוח און משפט'ן די רשעים מיטן געהעריקן משפט פאר שעכטן און פארברענען קליינע קינדער — זיי מיט זייערע עלטערן.

און דאן וועט פארשטערט ווערן דאס געזאנג פון די טיראנען און די באצאלונג פון די רשעים וועלן מיר זעהן, און גאט וועט אפווישן די טרער פון איטלעכן פנים, און געענדיקט וועלן ווערן די טעג פון אונזער טרויער.

זאל געערלעכט זיין דער וועלט־הערשער, דער גאט אין הימל! פארפלאנץ זיי אין דער אייביקייט! זאל זייער ליכט ניט פארלאשן ווערן! זאל עס ברענען ביז אייביק! אזוי לאנג ווי די זון זאלן בליען זייערע נעהמען, זייערע נשמות זאלן זיין איינגעבונדן אין דעם בונד פון לעבן און זיי וועלן אויפשטיין צו זייער גורל אין סוף פון די טעג.

שמחה בורשטיין

די לעצטע טעג פון די ציעכאַנאָוויעצער יידן

דעם 21 יוני 1941, גלייך באַגינען, צוליב דער נאָענטקייט פון דער גרענעץ, האָבן שוין די דייטשן דורך לופט אָנפאַלן, ווי אויך דורך אַרטילעריע, אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן דאָס שטעטל. דורך דעם זענען באַלד געפאַלן 30 יידן. 9 אַ זייגער אינדערפרי דעם זעלבן טאָג, זענען די ערשטע דייטשע מיליטער־אָפּטיילונגען אַריין אין שטעטל. מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אויף דער יידישער באַפעלקערונג דערזעענדיק די נייע „באַפרייער".

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז באַשטימט געוואָרן אַלס צייטווייליקער בירגערמייסטער פון שטעטל דער ציעכאַנאָוויעצער פאָלקס־דייטש ריכטער. און באַלד זענען שוין אַרויס געגעבן געוואָרן עטלעכע גזירות לגבי יידן:

1) יעדער ייד מוז געצייכנט ווערן מיט אַ ווייסער אָפּאַסקע און אַ געלן „ציון" אויפן האַנט.

2) יידן טאָרן נישט גיין איבער טראָטואַרן.

3) יעדער ייד מוז גיין צו דער אַרבעט.

אָבער די דייטשע מערדער באַגנוגענען זיך ניט מיט אַזעלכע „לייכטע" גזירות. אין שטעטל איז אַריינגעשיקט געוואָרן אַ געוויסער באַנדיט ראַמאַנוס, וועלכער האָט שוין זיינע ווילדע טאַטן און סאַדיזם אַרויסגעוויזן לגבי יידן אין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק. שוין באַלד, אין די ערשטע טעג פון זיין קומען אין שטעטל, האָט ער אַרויסגערופן ביי דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אַ ציטער און שרעק, צוליב זיינע מערדערישע טאַטן און גזירות. ער האָט גלייך פאַראָרדנט, אַז צוליב דעם וואָס די ווייסע אָפּאַסקעס האָבן אַ צו עסטעטישן אויסזען, מוזן, דעריבער, די יידן געצייכנט ווערן מיט געלע לאַטעס. גלייכצייטיק האָט ער גענומען שוין באַצייטנס פּלאַנירן וועגן איבערציען די יידן אין אַ באַזונדער קוואַרטאַל, וואָס ס׳איז אין קורצן געוואָרן פאַרווירקלעכט.

אין יידישע הייזער פלעגט ער אָפטמאָל אַדורכפירן רעוויזיעס און צונעמען אַלץ וואָס ס׳איז אים געפעלן. אַלע מענער און פרויען אין עלטער פון 14 ביז 60 יאָר

---

1. דער פאַרצייכענער פון דער עדות איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל קלעשטשעל ביעלסקאָ־פּאָדלאַסקער קרייז.

דאָס מאַטעריאַל האָבן מיר באַקומען פון דעם יידיש־היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע.

האָבן געמוזט גיין, טאָג טעגלעך, צו די שווערסטע פיזישע אַרבעט, ווי בויען שאָסייען, הייזער א. אַ. וו.

ניט נאָר פיזיש נאָר אויך גייסטיק, האָט דער באַנדיט ראַמאַנוס געוואָלט אונטערדריקן די יידן. ס'איז שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן צו דאַוונען. די אַלע ספרים זענען גלייך דורך די יידן אויפגערוימט געוואָרן, ווייל ער האָט געזאָגט אַז דאָס אַלץ מוז פאַרניכטעט ווערן.

גלייכצייטיק האָט ער מיט די יידן איינגעאָרדנט „פאַרווײַלונגען". אַזוי ווי אין שטעטל איז געשטאַנען אַ דענקמאָל פון לענינען (געשטעלט דורך די סאָוויעטן אין 1940 יאָר) האָט דער בירגערמייסטער פאַראָרדנט צונויפזאַמלען אַלע יידן פון שטעטל אויף דעם פלאַץ און צעקלאַפּן דעם דענקמאָל אויף קליינע שטיקלעך, אַזוי אַז יעדער זאָל קריגן אַ שטיקל אין האַנט. נאָכדעם האָט מען אַלע אויסגעשטעלט אין די רייען און נאָכהער מיט גרויס „פּאַראַד" געהייסן גיין איבער די גאַסן מיט געזאַנג און געשרייען, ווי, למשל, „נידער מיט לענינען", „נידער מיט די סאָוויעטן" א. אַ. וו. אַזוי איז מען דערגאַנגען ביזן טייך און דאָ האָט מען אַלע שטיקלעך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער. אויף אַזאַ אופן איז איינגעאָרדנט געוואָרן די „לוויה" פון לענינען.

אַ חוץ דעם בירגערמייסטער האָבן אין שטעטל גראַסירט נאָך עטלעכע מערדער, וועלכע האָבן אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין פאַרווירקלעכן דעם היטלעריסטישן פּלאַן פון אויסראָטן דאָס יידנטום. צו אַזעלכע קענען פאַררעכנט ווערן: 1) דער נאַטשאַלניק — לייטער פון דער פּאָסט, אַ געוויסער סאַדיסט, וועלכער פלעגט מערדערלעך שלאָגן יידן, אַפילו, בעת דער אַרבעט. 2) אַ געוויסער דאָלמעטשער פון דער שוץ־פּאָליציי, אַ פּאָליאַק פון פויזנער געגנט, פּיעטראָווסקי. 3) גלייכצייטיק דער אַרבעט־אויפזעער דאַוויטשוק, אַ פּאָליאַק פון ציעכאַנאָוויעץ, וועלכער האָט איינמאָל פאַרהאַלטן אַ דורכגייענדיקן טשיזשעווער יידן, און נאָכן איבערגעבן אים אין די הענט פון דער שוץ־פּאָליציי, האָט ער אים אויף אַ מערדערלעכן אופן דערהרגעט.

ענדע יאַנואַר 1942 זענען אַרעסטירט געוואָרן 18 יידן פון שטעטל, מכלומרשט באַשולדיקטע אַלס קאָמוניסטן, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען: דער פּאָטער לין מיט 2 זין, יעקב זלאטאלאוו, איינער פון די ברידער מידלער און אַנדערע. ס'איז פשוט אוממעגלעך צו באַשרייבן אלץ וואָס די דערמאָנטע צאָל יידן האָבן אַדורכגעלעבט זייענדיק אַרעסטירט דריי וואָכן ביזן אומברענגען. די אומשולדיקע קרבנות זענען כסדר מיטן גרעסטן היטלעריסטישן סאַדיזם געוואָרן געשלאָגן און געפּייניקט. זיי האָבן שוין זאָגאַר געבעטן מ'זאָל זיי וואָס שנעלער אומברענגען, אָבער די דייטשע בעסטיעס האָבן דווקא געטאָן פאַרקערט: מ'האָט זיך באַמיט צו דערהאַלטן זייערע נפשות וואָס לענגער, כדי מ'זאָל זיי קענען וואָס מער פּייניקן. ווער ס'האָט זיך שוין געפונען אין גסיסה־צושטאַנד

פלעגט מען אָפּפירן אין שפּיטאָל, דערמונטערן אַביסל און נאָכהער צוריק אין אַרעסט און פון דאָסניי קלעפּ... אַזוי האָט עס געדויערט באַ אַ דריי וואָכן...

ס׳האָבן ניט געהאָלפן די אינטערווענצן פון יידנראַט, ס׳האָבן ניט געהאָלפן די קאָלאָסאַלע סומעס געלט און גאָלד, וואָס איז ספּעציעל געזאַמלט געוואָרן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. די מערדער האָבן דאָס געלט צוגענומען און האָבן געזאָגט, דאָס איז ממילא ניט אייערס, ווייל יידן האָבן קיין רעכט צו באַזיצן גאָלד. און מיר וועלן טאָן אונזערס.

אין איין פרימאָרגן זענען די אַלע 18 יידן אַרויסגעפירט געוואָרן אונטערן שטעטל, ווו ס׳איז שוין געווען צוגעגרייט אַ קבר. מ׳האָט זיי אַלע אַריינגעוואָרפן אין גרוב און דאַן אָנגעהויבן אין זיי צו שיסן. זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז אַלע זענען ניט דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. ס׳זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען נאָר געווען פאַרווונדעט. אָבער די היטלעריסטן האָבן זיך מיט דעם ניט גערעכנט און האָבן געהייסן די יידישע אַרבעטער פאַרשיטן די גרוב. און ווען מ׳האָט אָנגעהויבן פאַרשיטן די ערד אויף די מענשן, האָט איינער פון די קרבנות, פּייזל וואַרטשין, אויסגעשטרעקט די הענט און געבעטן: „יידן ראַטעוועט״! די אַרבעטער האָבן זיך דאַן געווענדט צו די דייטשן מ׳זאָל די פאַר־ווונדעטע דערשיסן, ווייל ס׳איז דאָך אוממעגלעך זיי צו פאַרשיטן, האָבן דערויף די באַנדיטן געענטפערט, אַז פאַר יידן האָבן זיי ניט קיין אומזיסטע קוילן.

אין צוויי מאָנאַטן אַרום זענען אַרעסטירט געוואָרן 6 יידן, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען מאַנעס לעוו, יצחק זעליזער און אַנדערע. די האָבן אויך געמוזט אַדורכגיין דעם זעלבן גיהנום, ווי די 18 קרבנות. כדי צו פאַרשנעלערן דעם טויט און מאַכן אַ סוף צו די צרות, האָט זיך מאַנעס לעוו אַ וואָרף געטאָן אויפן בירגערמייסטער. דער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און אים גלייך געשאָסן. די איבעריקע 5 פערזאָן זענען אין עטלעכע טעג אַרום אויך אומגעבראַכט געוואָרן.

דעם צווייטן נאָוועמבער 1942, 5 אַ זייגער באַגינען, גלייך ווי אומעטום, איז דער געטאָ אין ציעכאַנאָוויעץ געוואָרן אָפּגעשלאָסן דורך אַ געסטאַפּאָ אָפּטיילונג. צווישן דער יידישער באַפעלקערונג איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק. אַ געוויסע טייל מענשן האָבן גענומען אַנטלויפן ניט וויסנדיק אַליין וווהין. די היטלעריסטן האָבן געעפנט אַ שיסעריי דורך וועלכער ס׳זענען באַלד געפאַלן קרבנות. דאָך איז געלונגען עטלעכע צענדליק יידן צו אַנטלויפן. פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע אַנטלאָפענע האָבן געהאַט די זכיה דער־לעבן דעם באַפרייאונגס־טאָג. אין די שווערע טעג פון דער אָקופּאַציע זענען אַ סך אַריינ־געפאַלן אין די הענט פון די מערדער. פון די אַנטלאָפענע יידן זענען געבליבן ביים לעבן בלויז 18 מאַן.

לייבל סלאָוואַטשיק
(רמתיים)

אין טעג פון שרעק, פיין און מאָרד

דעם 22־טן יוני יאָר 1941, דריי אַ זייגער ביינאַכט, האָבן מיר דערהערט אַ שרעקלעכן געריוש פון האַרמאַטן און אַעראָפּלאַנען. ס׳זענען באַלד געפאַלן יידישע קרבנות. אין דער „אַלט־שטאָט" זענען געהר׳געט געוואָרן רחל־לאה ציגאַל מיט איר אייניקל און חיה רישע (שיע דעם סטאָלערס אַ טאָכטער). מיכאל דראבטשיק איז פאַרוונדעט געוואָרן און האָט פאַרלוירן דאָס לשון. אָט אַזוי, שטומערהייט, האָט ער געלעבט אין געטאָ ביזן לעצטן טאָג. אויף דער „ניי־שטאָט" איז געפאַלן חנה־ביילע, די פרוי פון לייבל יאַרמוס.

גלייך, ווי די דייטשן האָבן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן דאָס שטעטל, זענען אַנטלאָפן פיל יידן און איך צווישן זיי. עטלעכע קילאָמעטער פון ציעכאַנאָוויעץ האָבן אונז די היטלעריסטן געכאַפּט און געבראַכט צוריק אין שטעטל.

צום גרויסן ווייטאָג האָבן מיר שוין ניט געהאַט אַוווּ זיך צוריקקערן. מיר האָבן שוין ניט געפונען אונזערע היימען, ווייל זיי זענען פאַרברענט געוואָרן פון דער באָמבאַרדירונג. די „ניי־שטאָט" איז געווען שטאַרק פאַרברענט און צעקלאַפּט.

ווען מ׳האָט אונז צוריקגעבראַכט איז געווען תחילת אָוונט. ס׳האָט געהערשט אַ גרויסע פּאַניק אין שטעטל, ווייל ס׳האָבן זיך פאַרשפּרייט שוידערלעכע קלאַנגען אַז מ׳הרגעט יידן.

פאָרלויפיק האָבן די רוצחים נאָך ניט געמאַכט קיין מאַסן הריגות, נאָר זיי האָבן געטריבן אויף צוואַנג־אַרבעט. די ערשטע אַרבעט אונזערע איז באַשטאַנען אין באַגראָבן די הונדערטער דייטשע און רוסישע הרוגים, וואָס זענען געפאַלן נעבן שטעטל. מיר האָבן זיי באַערדיקט אין די וועלדער פון נאָווי־דוואָר. דערנאָך האָט מען אונז געהייסן אויסלייגן אַ האַקן־קרייץ פון צעהאַקטע ציגל און קאַבליעס. אָט די טומאה האָבן מיר אַוועקגעלייגט אַקעגן דעם הויז פון אַלטער שמאַקאָווסקי.

ס׳איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַ בירגערמייסטער, וואָס האָט זיך באַזעצט אינעם הויז פון ליבאָוויצקי, דער מילנער אויף ברייִנסקער גאַס. צו זיין שבח דאַרף געזאָגט ווערן אַז ער איז געווען אַ רואיקער און סאָלידער מענש און האָט ניט פאַרשאַפט די יידן קיין ספּעציעלע צרות. ער האָט גענומען צו זיך אַלס געהילף דעם וויצע־בירגער־מייסטער ריכטער, וועלכער איז געווען אַ ציעכאַנאָוויעצער דייטש.

אָבער ניט לאַנג האָט זיך געצויגן די פאַרהעלטניסמעסיג רואיקע תקופה. מ׳האָט זיך דערוווּסט, אַז דער בירגערמייסטער פירט זיך אויף צו גוט מיט די יידן — האָט מען אים אַוועקגענומען פונעם שטעטל. אויף זיין פּלאַץ האָט מען געשיקט אַ בלוט־דורשטיקע חיה מיטן נאָמען פאלקע, וואָס איז געווען פונעם „טויטן קאָרפּוס״. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין שוואַרצע מלבושים און אויף זיין הוט האָט ער געטראָגן אַ שילד, אויף וועלכן ס׳איז געווען אויסגעמאָלט אַ קאָפּ פון אַ טויטן מענטשן. ס׳איז פאַר אונז קלאָר געוואָרן, אַז דער רוצח האָט געבראַכט מיט זיך טויט און חורבן.

זיין ערשטע תקנה איז געווען אָפּזונדערן די יידן פון די גויים. ער האָט די איזאָלאַציע נאָך ניט אָנגערופן מיטן „שם המפורש״ געטאָ, כדי צו מאַסקירן זיינע מערדערישע כוונות, אָבער מיט דער צייט איז דאָס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גע־שלאָסענעם געטאָ־גיהנום פאַר די יידן.

אַזעלכע איזאָלאַציע־פּלעצער האָט פאלקע געשאַפן צוויי: אויף דער „ניי־שטאָט״ און אויף דער „אַלט־שטאָט״. אויף דער „ניי־שטאָט״ האָט זיך די געטאָ געצויגן אָנקומענדיק פון „אַלט־שטאָט״, פון דער רעכטער זייט, ביז קוטשינער גאַס. אין דער „אַלט־שטאָט״ האָט זיך די געטאָ געצויגן פונעם הויז פון אייזיק קאַזאַק (קאזורער גאַס) ביז דעם הויז פון קאטיק דער בעקער אין מאַלצער גאַס. פון דאָרטן האָט זיך די געטאָ געצויגן ביז אשר דער טשעסליער אין פּאָטשט־גאַס, פון דאָרטן ביז איטשע לוזעם (זארעמסקי), ביז בן־ציון נאַבאָזשני אויף קאזורער גאַס, און פון דאָרטן ביז דער באָד, ס׳הייסט ביזן טייך.

פאלקע האָט פאַראָרדנט אַז מ׳זאָל קלייבן אַ יידנראַט. דער יידנראַט איז באַ־שטאַנען פון פאָלגנדע מיטגלידער: 1) בן־ציון נאַבאָזשני, 2) אַלטער שמאַקאָווסקי, 3) בערטשע פּרץ, 4) חונא וואינאָוויטש, 5) יוסף ליפשיץ, 6) יצחק (איטשע) זאַליזער, 7) פנחס (פּיני) וואינאָוויטש, 8) וועלוול יאקובצינער (פון וויסאָקי־מאַזאָוויעצק), 9) וועלוול קאַגאַן, 10) שמואל (אַ איידעם פון לאַבענדזש).

פאלקע האָט אָנגעהויבן אַרויפלייגן מורא׳דיקע קאָנטריבוציעס אויף דער יידישער באַפעלקערונג. צו דעם צוועק האָט ער געשאַפן ביים יידנראַט אַ פינאַנס־קאָמיסיע פון פאָלגנדע חברים: 1) יצחק בורשטיין, 2) הערשל יאסקולקא, 3) מאַנוס אקאַן, 4) עזרא (א איידעם פון יעקב ווינער), 5) יצחק קולאסקי, 6) איסר סלאוואטשיק, 7) יהושע (שיע) ראָגאָווסקי. דער יידנראַט האָט זיך געפונען אינעם הויז פון ברוך פליג, דער סטאָליער, אויף פּאָטשטאָווער גאַס.

מיר האָבן געגלייבט אַז פאָלקע איז דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה פון זאָאָלאָגישער רציחה און בלוטדורשטיקייט, אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אינעם היטלעריסטישן טיר־גאָרטן האָבן זיך געפונען פיל מער שרעקלעכע און געפערלעכע חיות. נאָכדעם ווען פאָלקע איז אַוועק, איז אָנגעקומען אויף זיין אָרט אַ מוראדיקער סאַדיסט פון קעניגסבערג מיטן נאָמען ראמאנוס.

וועגן אַזעלכע רויבער ווי ראַמאַנוס פּלעגן מיר לעזן אין אַלטערטימליכע לעגענדע־ספרים און מיר האָבן געמיינט אַז אַזעלכע אָנגעהויער עקזיסטירן נאָר אינעם עולם הדמיון און האָבן גאָר קיין אַחיזה אין דער ווירקלעכקייט. ציעכאַנאָוויעץ האָט געהאַט דאָס ביטערע און טרויריק מזל, אַז אויף אירע גאַסן איז אַרומגעגאַנגען אַזאַ מוראַדיקע חיה און האָט זיך געבאָדן אין יידיש בלוט.

ראַמאַנוס, האָט ניט, סתם, געהרגעט יידן. ער האָט זיי, קודם־כל, געפּייניקט. ער האָט הנאה געהאַט צו זען ווי דער קרבן צאַפּלט ביי אים אין די הענט. און ווען דער פּאַרפּייניקטער ייד האָט שוין געהאַלטן ביי גסיסה — האָט ער אים דערמונטערט, כדי ער זאָל קענען אים ווייטער פּייניקן.

דער „קבלת פּנים", וואָס ראַמאַנוס האָט איינגעאָרדנט דעם יידנראַט, איז געמאַכט געוואָרן לויט אַלע כללים פונעם סאַדיסטישן „שולחן ערוך": ער האָט באַפוילן די ראַטמענער צו קריכן אויפן בויך פונעם הויז פון ברוך פליג ביז צו דער פּאָסט — אַן ערך פון 700 מעטער. קיינער פון זיי איז, פאַרשטייט זיך, ניט דערקראָכן צום ציל, און אַלע זענען געבליבן ליגן פאַרחלשטע אינמיטן וועג. מ׳האָט זיי געבראַכט צו טראָגן אויף די הענט אין יידנראַט, און מ׳האָט זיי קוים אָפּגעראַטעוועט.

לויט די באַגריפן פון ראַמאַנוס׳ן איז דאָס געווען אַ „מילדע" שטראָף, און ער האָט טאַקע געהאַט רעכט, ווייל זיין ווייטערדיקער טעראָר איז געווען פיל מורא׳דיקער.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער אַרעסטירט דריי טשיזשעווער יידן־קאָמוניסטן — אייזיק וורצנע, קאָוואַדלאָ און אַ דריטער וואָס כ׳האָב זיין נאָמען פאַרגעסן.

ער האָט זיי אָפּגעהאַלטן עטלעכע וואָכן און האָט זיי דריי מאָל אַ טאָג מורא׳דיק געשלאָגן איבער די קעפּ. דער פּועל־יוצא פון די מערדערישע קלעפּ איז געווען אַז זייערע קעפּ זענען אַזוי געשוואָלן געוואָרן, אַז זיי זענען ברייטער געוואָרן פון די אַקסלען. זייערע פּנימער זענען דעפאָרמירט געוואָרן, אָנגעוווירן אַ מענטשלעכע צורה. זיי האָבן אויסגעזען ניט ווי קיין דאָאיקע באַשעפענישן און ס׳איז געווען אַ שרעק צו קוקן אויף זיי.

איינמאָל אַ פרייטיק האָט ער באַפוילן די ראַטמענער זיי זאָלן קומען אָפּנעמען די אַרעסטירטע. זיי האָבן ניט געקענט גיין און מ׳האָט זיי געטראָגן אויף די הענט. ראַמאַנוס האָט באַפוילן צו זינגען די „התקוה" און אַנדערע יידישע לידער. ער האָט זיי געפירט ביז צום וואַלד אויף „ביי־שטאַט" און געבראַכט צום פּלאַץ וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויף הינריכטן יידן. אָבער, אין דער לעצטער מינוט, האָט זיך דער רוצח באַדאַכט און געהייסן די פאַרמשפּטע זיך אומקערן אין געטאָ. די דאָקטוירים האָבן באַלד דערלאַנגט הילף. זיי האָבן מיט זייערע כירורגישע מכשירים, פּראָסט פשוט, געשניטן שטיקער געשוואָלן פלייש פון די קעפּ פון די אַרעסטירטע, כדי צו ברענגען זיי צו אַ נאָרמאַלן אויסזען. צו דער גרויסער באַוווּנדערונג איז די געפערלעכע אָפּעראַציע

געלונגען און אַלע זענען געבליבן לעבן. איינער פון זיי — אייזיק וורשאָנע פון טשיזשעוו — האָט זוכה געווען צו זען היטלערס מפּלה.

ביי ראַמאַנוס׳ן איז געווען אַ חוק ולא יעבור, אז יעדן פרייטאָג האָט ער געמוזט אומברענגען אַ פּאָר יידן. אַנדערש האָט ער זיין רציחה׳ש בלוט ניט געקענט באַרואיקן. ער האָט געהאַט געטרייע מיטהעלפער צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג, וואָס פלעגן זאָגן פאַלשע עדות אויף געוויסע יידן, און ראַמאַנוס האָט זיי אָן קיין חקירה ודרישה, באַלד פאַראורטיילט צום טויט.

אָט אַזעלכע מוסרים־מנוולים זענען געווען אַנטעק זשוקאָווסקי (אַ אָנפירער פון דער מכבי־אש) און קאַזיק יאַניצקי, וועלכן די דייטשן האָבן, על־פּי־טעות געהרגעט. פון אַזעלכע מסירות זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט יצחק־אריה לין מיט זיינע צוויי זין — חיים־הירש און משה, מולקע ראַגאָווע (דער שערער), שעפסל טשעמיען און פייוול וואַרטשין (יאָסל דעם שוסטערס זון).

ראַמאַנוס האָט אַרויסגעגעבן אַ תקנה צו שליסן דעם געטאָ מיט שטעכיקן דראָט. ער האָט אויך באַפוילן דעם יידנראַט זיך אַריבערקלייבן אין געטאָ.

דער יידנראַט האָט אָרגאַניזירט אַ יידישע שמירה, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען אויספירן די באַפעלן פונעם יידנראַט. דער קאָמענדאַנט איז געווען דוד טרייבאַטש, די שומרים: מאָטל העלער, פאַליק דאַנאָוויטש, משה ווינער, ישראל זשאַלאָנדזש, לייזער טורינסקי, לייבל סלאָוואַטשיק, זאַוול מאַנקוט (פון דאַניר), בינשטיין (אַ איידעם פון יוסף גרודקא) און איטשע יאַבקאָווסקי.

דאָס לעבן אין געטאָ האָט זיך געצויגן מער ווייניקער „נאָרמאַל״. מ׳איז געגאַנגען צו דער אַרבעט ביי די פּויערים, קערן די גאַסן א. אַ. וו. ס׳איז, אַפילו, פאָרגעקומען אַ חתונה אין געטאָ. ס׳האָט חתונה געהאַט בתיה זשולף (אַ טאָכטער פון סענדער דער שניידער) מיט אַברהם לעוו. זיי האָבן אויך געבראַכט אַ קינד אויף דער וועלט. פון דעם פאַקט זען מיר, ווי שטאַרק ס׳איז געווען דער ביטחון פון אונזערע אומפאַרגעסלעכע אַז זיי וועלן בלייבן לעבן און איבערלעבן דעם שרעקלעכן שונא.

אָבער ניט אַזוי האָט געטראַכט ראַמאַנוס. זיין פּלאַן איז געווען צו ליקווידירן דעם געטאָ — שנעל און טאָטאַל. נאָר היות ווי ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ מעגלעכן אויפשטאַנד פון דער יוגנט, איז ער געקומען אין יידנראַט מיט אַ באַהאַלטענער כוונה, אַז לויט זיין מיינונג איז כדאי דאָס די יידן זאָלן פאַרנעמען וואָס מער אַרבעט־פּלעצער און ער ראָט זיי צו שיקן אַרבעטס־כוחות אין די דערפער פּאַביקראַ און פּירלעוווע. ער האָט מיט דעם געוואָלט אָפּשוואַכן די ווידערשטאַנד־פעאיקייט פונעם געטאָ. ער האָט אַרויסגעשיקט אין די דערפער די שטאַרקסטע און יונגסטע בחורים. אין די פּלעצער זענען באַשטימט געוואָרן יידישע בריגאַדירן אַלס אויפזעער. אין פּירלעוווע איז געווען דער משגיח איטשע באַלענדער.

איינמאָל איז געקומען ראמאנוס אין יידנראַט און באַפוילן אַז מ׳זאָל שיקן שליחים אין די דערפער צו קאָנטראָלירן אויב ס׳איז דאָ די ריכטיקע צאָל יידן וואָס מ׳האָט געשיקט. קיין פּירלעווע האָט מען געשיקט איטשע יאַבקאָווסקי. זייענדיק אין דאָרף האָט ער באַקומען פון איטשע באָלענדער צוויי לאַבענס ברויט — איינעם פאַר זיין משפּחה און איינעם פאַר יאַבקאָווסקין. ווען יאַבקאָווסקי איז אָנגעקומען ביינאַכט אין געטאָ, האָט ער, צום גרויסן אומגליק זיך אָנגעטראָפן מיט דייטשן, וואָס האָבן זיך אין שטעק־שיך אַריינגעגנבעט שטיל און אומבאַמערקבאַר אין געטאָ. אַז זיי האָבן דערזען איטשען מיט די צוויי לאַבענס ברויט, האָבן זיי אים געכאַפּט, שטאַרק געשלאָגן און אַוועקגעפירט אין דער פּוילישער פּאָליציי.

יעדן טאָג, 9 אַ זייגער פרי, פלעגט ראמאנוס קומען אין טורמע צו זען ווער זענען די אַרעסטירטע. אַז ער האָט דערזען אַז ס׳זיצט אַ ייד מיטן נאָמען יאַבקאָווסקי פאַר שמוגלען ברויט אין געטאָ — האָט ער אים אַזוי מערדעריש געשלאָגן ביז ער האָט מודה געווען ווער ס׳האָט אים געגעבן דאָס ברויט.

ראמאנוס איז באַלד געלאָפן אין יידנראַט און באַפוילן אַז מ׳זאָל ברענגען באָלענ־דערן אין געטאָ. אַזוי ווי כ׳האָב געוווּסט אַז אַזאַ „חטא" שמעקט מיט טויט האָב איך מיט מיין ברודער צווויסן געגעבן באָלענדערן דורך אַ גוי אַז זיין לאַגע איז זייער קריטיש און ער זאָל זיך באַצייטנס ראַטעווען.

באָלענדער האָט זיך גוט איינגעלעבט מיט די דייטשן אין פּירלעווע. באַקומענדיק די ידיעה האָט ער דערציילט די דייטשן אַז ראמאנוס זוכט אים. היות ווי די דייטשן האָבן געקענט ראמאנוס׳ן פאַר אַ גרויסן מערדער, האָבן זיי געגעבן באָלענדערן אַ שיין, אַז ער גייט פאַר זיי זוכן ציגעל צום בויען. און אַזוי איז ער דאַן געראַטעוועט געוואָרן. זיינע טריט זענען נעלם געוואָרן.

ראמאנוס האָט ניט געוואָלט וויסן פון קיין זאַך. ער האָט באַפוילן, אַז ער וועט הרג׳נען 30 יידן, אויב מ׳וועט אים ניט צושטעלן באָלענדערן. דערווייל איז אַריינגעקומען אין יידנראַט פּיעטראָווסקי, דער קאָמענדאַנט פון דער פּוילישער פּאָליציי, און געזאָגט, אַז מ׳דאַרף האָבן 7 יידן אויף אַרבעט אין דער שוץ־פּאָליציי. היות ווי מ׳האָט געוווּסט אַז מ׳דאַרף הרג׳נען 30 יידן — האָט קיינער ניט געוואָלט גיין.

די דייטשן האָבן געוואַרט אַ שטיקל צייט, און ווען זיי האָבן געזען אַז קיינער שטעלט זיך ניט צו — זענען זיי אַריין אין געטאָ און געכאַפּט וועמען זיי האָבן נאָר געטראָפן, צווישן זיי אויך מיין קוזין מענדל סלאָוואַטשיק (יצחק סלאָוואַטשיק׳ס אַ ברודער). אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען זיי געקומען צוריק און געבראַכט אַ שרעקלעכע בשורה, אַז מ׳האָט זיי געהייסן אויפבינדן שטריק. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט מען גענוצט די שטריק צו בינדן די יידן.

כ׳האָב גוט געוווּסט אַז דער גורל פונעם געטאָ איז ענטשידן. האָב איך געזאָגט

צו מיינע צוויי ברידער, אַז מיר מוזן די נאַכט אַנטלויפֿן פונעם געטאָ. מיין פֿאָטער איז שוין געזעסן 2 וואָכן אַרעסטירט פֿאַר אויסבאַהאַלטן אַ פּעלץ.

מיר זענען צו צום טירל פון דער געטאָ און געזען אַז ס׳שטייט אַ פּולישער פּאָליציאַנט. מיר האָבן פֿאַרגעלייגט דעם פּאָליציאַנט אַ זייגער, כדי ער זאָל אונז אַרויס־לאָזן. ווען ער האָט געהאַלטן אַ שפּיץ פונעם זייגער אין האַנט — האָבן מיר אים אַרויסגעריסן און אַנטלאָפֿן מיטן זייגער. מיר האָבן גוט געוווּסט, אַז דער פּאָליציאַנט וועט ניט מאַכן קיין טומל, ווייל ס׳האָט אים געדראָט טויט־שטראָף פֿאַר אַרויסלאָזן אַ יידן פונעם געטאָ.

מיר זענען געלאָפֿן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און אַרויף אויפֿן בוידעם פון אַ שטאַל, וואָס האָט געהערט צו אַ פויער מיטן נאָמען זריקאָווסקי. אַרום איינס אַ זייגער ביינאַכט האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי אין געטאָ. מיר האָבן געקלערט אַז מ׳וויל כאַפּן די 30 יידן און זיי צעלויפֿן זיך.

ווי ס׳איז ליכטיק געוואָרן האָבן מיר באַמערקט דורך די שפּאַרעס, אַז מ׳טרייבט מאַסנווייז די יידן פונעם געטאָ אין דער „ניי־שטאָט״, אינעם געטאָ פון דער „אַלט־שטאָט״. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ האַנדלט זיך שוין ניט פון 30 יידן, נאָר וועגן אַ פיל שרעקלעכער זאַך.

אינדערפרי, ווען די דינסט איז אַריין אין שטאַל מעלקן די בהמות, האָבן מיר געהערט ווי זי האָט גערעדט מיט אַ באַקאַנטן שייגעץ, אַז מ׳האָט געהרג׳עט אין טורמע מיין פֿאָטער איסר סלאָוואָטשיק און יצחק יאבקאָווסקי, און אין דער שוץ־פּאָליציי האָט מען געהרג׳עט שלום־יצחק פעלכאָוויטש, די ברידער יאָסל און שמואל קולאסקי און הירש־וועלוול ווינער.

מיר זענען געלעגן אויפֿן בוידעם צוויי טעג, אָן עסן און אָן טרינקען. צום סוף האָבן מיר באַשטימט זיך צו באַווייזן פֿאַר דער גויע. ווי זי האָט אונז געזען האָט זי זיך זייער דערשראָקן און געזאָגט, אַז די דייטשע פּאָליציי האָט אונז געזוכט אין אַלע ווינקעלעך.

אַ באַקאַנטער שייגעץ האָט אונז געהאָלפֿן פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל. ער האָט אונז דורכגעפירט דורכן פּאַרק, מיר האָבן זיך מיט אים הערצלעך געזעגנט און אַרויס אויף אונזער יסורים־פולן דערנער־וועג. די ערשטע סטאַציע אונזערע איז געווען אין דאָרף באיאנקי.

יהודה ריץ*
(הרצליה)

דער גרויזאמער מערדער ראמאנוס

ווען כ׳קום שילדערן די אכזריות׳דיקע מעשים פונעם מערדער, וואָס האָט געטראָגן צופעליק אַ נאָמען פון אַ מענשן — ראמאנוס — דערמאָנט זיך מיר אַ מעשה׳לע פון אַמאָל: מ׳האָט געפרעגט אַ געוויסן טיראַן, פאַרוואָס פאַראורטיילט ער צום טויט פאַר גאַנץ קליינע חטאים. האָט דער טיראַן געענטפערט: לויט מיין מיינונג קומט טויט־שטראָף פאַר דער קלענסטער עבירה. וועלכע שטראָף דאַרף מען געבן פאַר גרויסע חטאים — וועגן דעם האָב איך נאָך ניט געקלערט...

ראמאנוס האָט געפייניקט און געמאָרדעט אָן קיין שום פאַרוואָס. זיין שנאה צו יידן האָט אין אים געברענט און געפלאַקערט און מ׳האָט זי בשום אופן ניט געקענט לעשן.

ביי דער אַרבעט האָט ער שרעקלעך געפייניקט די יידן. ער האָט איינמאָל באַפוילן צעלייגן רואינירטע מויערן. אַרבעטנדיק זענען אַראָפּגעפאַלן עטלעכע ציגעל אויף יעקב קיזמאַכער און זיינע הענט זענען צעקוועטשט געוואָרן. ס׳האָט זיך פון זיי געגאָסן בלוט, און דער אומגליקלעכער האָט שטאַרק געוויינט און געשריען. קיין דאָקטוירים זענען אויפן פּלאַץ ניט געווען, האָבן מיר פאַרהאַלטן דעם בלוט־שטראָם מיט פּרימיטיווע מיטלען. ראמאנוס האָט געקוקט אויפן פאַרוווּנדעטן מיט גרויס הנאה און אים געצוווּנגען ווייטער אַרבעטן מיט זיינע צובייַלטע הענט.

ראמאנוס פלעגט זיך „שפּילן" מיט אַריינשיסן אין אָפענע פענצטער. ער איז אַמאָל אַריין אין געטאָ, אַריינגעשאָסן אין שטוב פון מיין שוואָגער משה פליסקע און פאַרוווּנדעט זיין קינד. איז ער געלאָפן מיט דעם צו דער אַקושערקע שיינע ווראנא, אָבער דער רוצח מיט זיינע מיטהעלפער האָבן אים פאַרהאַלטן, שטאַרק געשלאָגן און געצוווּנגען זיך צוריקקערן אַהיים.

ס׳האָט געטראָפן אַ פאַל מיט אפרים און הערשל פליסקע און יעקב „דער שוואַרצער". ראמאנוס האָט זיי געטראָפן האַנדלען מיט די פּויערים. האָט ער זיי פאַר־נומען אין טורמע און אין משך פון צוויי וואָכן זיי אַכזריות׳דיק געשלאָגן. ווען זיי האָבן

---

* יהודה ריץ, אַ איידעם פון לייבל לעמקעס, איז פון דאַניר. מיטן אַריינקומען פון די סאָוויעטן האָט ער געוווינט אין ציעכאַנאָוויעץ.

געחלשט, האָט ער אויף זיי געגאָסן וואַסער און דערמונטערט, כדי ער זאָל קענען זיי ווייטער פייניקן.

ווען ער האָט די געפייניקטע באַפרייט, האָט מען זיי געבראַכט אַהיים אויף די הענט, ווייל זיי האָבן אויף זייערע אייגענע פיס ניט געקענט גיין. זיי זענען געלעגן אין די בעטן האַלב־טויטע, אָן קיין מעדיצינישע הילף. זיי האָבן ניט געקענט עסן און ניט טרינקען. אין אַזאַ טרויעריקן מצב זענען זיי געלעגן צוויי חדשים.

אָבער מיט דעם האָבן זיך נישט געענדיקט זייערע יסורים. ווי נאָר ראמאנוס האָט דערהערט אַז די יידן שפּירן זיך אַביסל בעסער — האָט ער געהייסן זיי ברענגען צו זיך און ער האָט זיי געשלאָגן 4 טעג, כמעט אָן איבעררייס. ער האָט זיינע קרבנות, אפילו, קיין טראָפּן וואַסער געגעבן. ווען דער רוצח האָט איינגעזעען, אַז ער האָט שוין באַלד ניט וועמען צו שלאָגן, ווייל די פּאַרפּייניקטע האָבן געהאַלטן ביי גסיסה — האָט ער זיי באַפרייט, זיי זאָלן קומען אַביסל צו זיך, כדי ער זאָל קענען אויפסניי זיי פייניקן.

איינמאָל, אַ שבת, ווען כ׳בין געגאַנגען צו דער אַרבעט, איז אָנגעפאָרן אויף פערד ראמאנוס מיט אַ שוץ־פּאָליציאַנט. דער מערדער האָט מיר באַשולדיקט אַז איך אַרבעט צו שוואַך. האָט ער מיר באַפוילן צו לויפן פאַר די פערד און אַזוי האָט ער מיר געטריבן ביזן בית־עולם אויף „ניי־שטאָט”. די גאַנצע צייט האָט ער מיר געהאַלטן אין איין שלאָגן. קומענדיק צום בית־עולם האָט ראמאנוס מיר באַפוילן צו קניען אויף דער ערד. קניענדיק, זענען זיי אַרויף אויף מיר מיט זייערע צעיושעטע פערד און מיר דערלאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט אַ נאַגייקע, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ בלייענעם קאָפּ.

כ׳בין געבליבן ליגן אָן באַוווסטזיין. ס׳איז מיר געוואָרן פינסטער אין די אויגן און כ׳האָב אַרום מיר גאָרניט געזעען. כ׳האָב נאָר געפילט ווי דאָס בלוט רינט פון מיין צעשפּאָלטענעם קאָפּ. מיט גרויס מיה האָט איך מיר געשטעלט אויף די פיס און אַוועק צום גוי ביי וועלכן כ׳האָב געאַרבעט. אָפּגעוואַשן דאָס בלוט און פאַרבאַנדאַזשירט דעם קאָפּ. כ׳בין געליגן ביים גוי ביז מוצאי־שבת און דערנאָך אַוועק אין געטאָ.

כ׳בין געליגן מיט גרויסע שמערצן צוויי וואָכן און דערנאָך ווייטער געגאַנגען צו דער אַרבעט. נאָך יענעם בלוטיקן שבת בין איך געוואָרן זעער אומרואיק. כ׳האָב געפילט אַז מיר שטייען פאַר אַ שרעקלעכן שטורם, אַז דער טעראָר פון ראמאנוסן איז בלויז אַ פּאָרשפּיל צו דער גרויסער און שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע וואָס וועט, פריער אָדער שפּעטער, קומען אויף דער יידישער קהילה אין ציעכאַנאָוויעץ.

די לאַגע איז טאָקע ערגער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. ס׳האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מ׳האָט ליקווידירט דעם טשיזשעווער געטאָ. מיר האָבן אין דעם ניט געוואָלט גלויבן, און כדי זיך איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון דער שרעקלעכער ידיעה האָבן מיר גענומען אַ ציעכאַנאָוויעצער קריסט, אים באַצאָלט גאַנץ פיין, און

געשיקט קיין טשיזשעוו קלאָר צו מאַכן די לאַגע. קומענדיק צוריק האָט ער אונז געבראַכט די שרעקלעכע בשורה, אַז ער האָט אין טשיזשעוו ניט געטראָפן קיין יידן.

מיר האָבן זיך געריכט יעדן טאָג אויף אַ אַקציע. די יידן זענען אַרומגעגאַנגען אין געטאָ ווי פאַרחלומטע. זיי האָבן ניט געוווּסט וואָס ס׳טוט זיך מיט זיי. פרומע יידן האָבן זיך געטרייסט, אַז גאָט וועט זיינע קינדער ניט פאַרלאָזן אין אַזאַ עת צרה, און פונקט ווי ער האָט אַרויסגענומען אברהם אבינו פונם כבשן האש, און דניאל׳ן פון דער לייבן־גרוב אַזוי וועט ער אין דער לעצטער מינוט באַווייזן אַ גרויסן נס, און מיר וועלן אַלע בלייבן לעבן.

אַז די לאַגע איז קריטיש האָב איך געזעען אין דעם וואָס מ׳האָט פּלוצים אויפגעהערט צו טרייבן די יידן צו דער אַרבעט. ראַמאַנוס האָט זיך, בכלל, ניט געקימערט צי מען אַרבעט יאָ אָדער ניט. די נעכט זענען געוואָרן קאָשמאַרפול, מ׳איז ניט געשלאָפן און כסדר געטראַכט, וואָס וועט זיין, וואָס שטייט אונז פאָר? צי וועט אונזער גורל זיין דער זעלבער ווי פון די טשיזשעווער יידן? כ׳האָב באַטראַכט די לאַגע מיט אָפענע אויגן, אָן קיין שום אילוזיעס. איינס איז מיר געווען קלאָר: מען מוז אַנטלויפן פון געטאָ און וואָס שנעלער! כ׳האָב געהאַט אַ קאָנספּיראַטיוו טיהרל אין געטאָ דורך וועלכן מ׳האָט געקאָנט אַנטלויפן. מיין פרוי איז ניט געווען איינשטימיק צו דעם, האָב איך גענומען מיינע צוויי גרעסערע קינדער און אַוועק צום גוי ביי וועלכן כ׳האָב געאַרבעט. כ׳בין געליגן באַהאַלטן אויף אַ בוידעם ביז 1 ביינאַכט. ס׳האָט געהערשט אַ טיפע רוהיקייט. האָבן די קינדער אָנגעהויבן שרייען: טאַטע, לאָמיר גיין צוריק אַהיים! קיינער איז דאָך ניט אַוועק אויסער אונז.

כ׳האָב געהאַט רחמנות אויף זיי און זיך צוריקגעקערט אין געטאָ. מיין פרוי איז געקומען צו מיר מיט אַ טענה: אַלע יידן שלאָפן אין טיפן שלאָף, נאָר דו איינער פלאַגסט זיך. כ׳האָב איר געענטפערט: הלואי זאָל זיך דאָס ענדיקן מיט דעם, און זיך געלייגט אויפן בעט אין די מלבושים.

ליגנדיק האָב איך פּלוצים דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ גרויסער טומעל. כ׳בין אַרויס אין גאַס און דערזעען, אַז די יידן הענגען ממש אויף די דראָטן פונם געטאָ און באַמיען זיך צו אַנטלויפן. די רוצחים האָבן געשאָסן אויף זיי און ס׳זענען געפאַלן קרבנות. יעדער האָט געפילט אַז דאָס איז דער סוף — ראַמאַנוס האָט באַשלאָסן צו ליקווידירן דעם געטאָ. צו דעם צוועק האָט ער געבראַכט מיט אַ פּאָר טעג פריער אַסך היטלעריסטן און פיל־פיל וועגענער.

אין דער לעצטער מינוט האָב איך געעפנט מיין קאָנספּיראַטיוו טירל און צוזאַמען מיט שמואל וואינאָוויטש בין איך אַנטלאָפן אין אַ נאָענט וועלדל. ביים לויפן האָב איך באַגעגענט מאַטעס איידעם, דער זייגערמאַכער. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אונז און געזאָגט, לאָמיר זיך האַלטן צוזאַמען און זען וואָס וועט ווייטער געשען.

צבי בלוטמן
(רמת־גן)

מימי הדמים בגיטו

על צד האמת מביעים הבריות פעמים על־דבר אכזריותו של האדם כעין „חיתו יער", אבל הרי זה עיוות־הדין במידה יתירה ועלבון כלפי החיות: החיה אינה יכולה לעולם להיות אכזרית כל־כך כעין האדם. אכזריות מצוינת, אכזריות אמנותית. הנמר מגרם פשוט ומשסע, ואף זה בלבד הוא יודע. על דעתו לא היה עולה כלל לתקוע מסמרים באזנים ולהניח כך את קרבנו במשך כל הלילה, אילו אף היה בידו לעשות ככה.

(פ. מ. דוסטויבסקי: „האחים קרמזוב", חלק ב', פרק „מרו")

אכן, לא זהו הצד המוזר שבדבר, ולא על־זה היה צריך להשתומם, שאלהים נמצא וקים באמת, אלא זוהי ההפלאה שבדבר, שרעיון כזה — הרעיון על־דבר נחיצות האלוהים — יכול היה להיכנס במוחו של בעל־חיים פרא ורע כעין האדם...

(פ. מ. דוסטויבסקי: „האחים קרמזוב", חלק ב', פרק „האחים מתודעים זה לזה")

ב־22 ביוני שנת 1941, בשעה 4 לפנות בוקר, הופגזה ציחנוביץ ע"י התותחים הגרמניים. הפגזים פגעו ב„אַלט־שטאָט" וזרעו מות ובהלה. היהודים התכנסו בבתיהם משותקי־אימה.

שרוים היינו באבל כבד, אבל הלב סרב להאמין שזוהי התחלת הקץ. אולם, האותות ברורים היו, שהופקרנו בידי סדיסטים איומים ודמנו הותר. בתי־הכנסת, מקום חיותם של היהודים, בהם היו מנַשים עמלם בדף גמרא ומזמורי תהלים — נסגרו, והמלכות הרשעה אסרה את התפילה בהם. גם תפילת־יחיד נחשבה כעבירה חמורה, וכשתפסו את חוקק־המצבות, פולאק, יושב בביתו מוכתר בתפיליו ומעוטף בטליתו היכוהו מכות־רצח.

בימים הראשונים לכניסתם ערכו הגרמנים מרחץ־דמים. הם תפסו 7 יהודים הסונים, ביניהם שבתאי (שעפסל) קשעמיצן וישעיהו (שייקע) „קלופוט", עינו אותם עינויים ממושכים וכשהגיעו לסף הגסיסה הוציאום להורג.

להשגת מנת־הלחם הזדנבו תורים ארוכים ליד המאפיות. כמפקח על התורים האלה נתמנה פולני בן־בליעל, טיפוס אפל מהעולם התחתון, שכונה בכינוי „מאליערל". משהותרה הרצועה, פרץ סדיסט זה את כל סכרי יצריו האפלים והיה מתעמר ומתעלל ללא רחמים ביהודים הממתינים לפת־הלחם. המוכים היו חוזרים לבתיהם כשפיתם מגואלת בדמם.

במנת לחם־יסורים זה נאלצנו לעבוד כל מיני עבודות־פרך, שמוצצו לשד־חיינו. העבודה היתה מלווה בצליפות מגלבים והתעללויות קשות ונוראות, ששברו את רוחנו וביזו את צלם האדם שבנו. מי שיצא לסבלותיו היה מצווה לביתו, כי לא היה בטוח שיוציא את יומו. מי שעלה בגורלו לעבוד אצל ה„פוסטמייסטר" התענה יסורי־שאול. רוצח זה היה משפר ומשכלל חדשים לבקרים את אמצעי העינוי וההתעללות ביהודים. לתכלית זו אילף כלבים רעים, צמאי־דם. אילוף זה נעשה על גופם של יהודים. הוא היה בוחר ביהודי, כופת ידיו ומצווה עליו לרוץ. הכלבים המשוסים רדפו אחריו, קרעו בגדיו, תקעו בו שיניהם החדות וסילוני דם היו זורמים מגופו של הקרבן. בלילות היתה פולחת את האויר אנקת הפצועים, שהתפתלו בכאביהם וחיכו למוות הגואל, כי שום עזרה רפואית לא הוגשה להם.

אולם, רציחות והתעללויות אלו היו פתיחה בלבד לחורבן הגדול, שהביא עלינו הנבוזראדן רב־הטבחים מקניגסברג, רומנוס שחיק־טמיא (שתישחקנה עצמותיו). הוא הגיע אלינו מעיר, בה נולד הוגה־דעות גדול, שדיבר על השלום הנצחי. רומנוס היה פושע מועד והוא הביא עמו מגילת כליה. בואו בישר את הקץ. עצם הזכרת שמו עוררה חלחלה. עיניו היו כעיני אוכל־אדם. מנהגו היה לרסק גולגולת של יהודי לפני שסעד פת־שחרית. ריח הדם היהודי היה מגרה את תיאבונו. הוא היה מלעלע דם היהודים בצמאון שכמוהו לא מצינו, אפילו, אצל חיות־טרף.

ואם, בכל ימות השבוע היה מקנח ידיו בקרבן אחד, הרי יום ששי היה יום של זבחי־אדם. ביום זה היה מוציא להורג קבוצות־קבוצות של צעירים יהודיים, באמתלא שבזמן הסוביטים השתיכו לקומסומול. היו אלה מטובי הנוער הציחנובצאי. את כל צורות המוות והזוועות היה מבצע רומנוס בגופיהם של צעירים אלה לפני שהוציאם להורג.

בגירסא דינקותא למדנו ב„חדר" שבחורבן ביתר „שקע הסוס בדם עד חוטמו. והיה הדם מגלגל סלעים משאוי ארבעים סאה, עד שהלך הדם בים ארבעת מיל". זוועות אלה הומחשו לעינינו. הכתוב בגמרא היה למציאות מרה. מהדם הרב ששפך רומנוס האדימו מימי הנורץ וזיבלו בו את השדות שנים רבות.

על קרבן אחד, שנפל בידי מרצח זה, ברצוני לייחד את הדיבור, כי הוא עלה על „קידוש־השם" כיהודי גאה. היה בעמידתו מול רב־הטבחים משהו קמאי, ראשוני, משהו מגבורת קדומים. בחור יהודי היה בציחנוביץ, שקורץ מאותו חומר שכולנו קורצנו ממנו. לא גיבור ולא בן־גיבור; אבל, בעת שואה ומצוקה גילה גבורה נפשית עילאית. שמו היה משה רובינשטיין. כשגבר הרעב בגיטו והתגוללו בחוצות נפוחי־כפן, חשף עצמו משה לסכנת מוות כדי להביא אוכל לרעבים. פעם תפס אותו רומנוס כשחבילת מזון בידו. התנפל עליו כחיה משוסה וסחב אותו לבנין־המשטרה. שם היכהו מכות־רצח

וכל גופו כוסה צלקות וחבורות שותתות דם. בראות הלסטים שקרבנו גוסס, הרפה ממנו וציווה להחזירו לגיטו. קרובו, ד״ר רובינשטיין, ניתח אותו במכשירים כירורגיים פרימיטיביים והציל חייו.

לפני חיסול הגיטו הצליח משה להתחמק מזרועות המוות, אבל תקפוהו געגועים על היהודים הכלואים והוא חזר לגיטו, כדי למות יחד עם אחיו המעונים. בהתקרבו לשער־הגיטו פגע בו רומנוס. הוא חייך חיוך רצחני וסטר על פניו. משה לבש עוז והטיח כלפי הלסטים: נראה, מי שיצחק האחרון! רומנוס הגיב על „העזה" זו במטר של מהלומות. משה התאושש, התקרב למרצח וירק בפניו. הלסטים סחב את משה לבית־הסוהר ובחר לו מות־זוועה, שאימתו יש בה כדי להקפיא את דמנו. הוא נעץ בידיו ורגליו מסמרים ארוכים וצלב אותו על קיר בית־הסוהר. תעמוד זכותו של משה לדורות הבאים ויאותו לזכרו ולזכר מות־הגבורה שלו כל שוחרי גבורה עילאית.

הצפיפות בגיטו איומה היתה. רבים התגוללו בחצרות, ומגפות פשטו. כשירד הלילה נצטווינו להיכלא בבתים. ישבנו מכווצים בחושך. החיים החלו דועכים וחכינו לגורלנו המר. המצב היה ללא־נשוא. מצב רוחנו העגום ניתן למיצוי בפסוק „בבוקר תאמר מי יתן ערב! ובערב תאמר מי יתן בוקר". הפולנים היו אדישים לאסוננו. דאגתם היחידה היתה, שהיהודים ימכרו להם חפציהם ותכשיטיהם בזיל־הזול. בעברם ליד גדר הגיטו היו מזרזים אותנו למכור חפצינו, כי בקרוב נחוסל. כשהודיע רומנוס, שבעד תפיסת יהודי שנמלט מהגיטו יעניק פרס של פח נפט וכמה ק״ג מלח — התנדבו פולנים רבים למעשי־נבלה אלה.

בגיטו לא ידענו מהמתרחש בעולם החיצון. לא רדיו ולא עתון היו לנו. סגורים ומסוגרים היינו. הזמן, כאילו, קפא. בכל זאת הצליחה משפחתי לקשור קשרים מסוימים עם פולנים מעבר לבוג שנזדמנו לציחנוביץ. מפיהם נודע לנו, בהתחלת שנת 1942, שבטרבלינקה משמידים יהודים עשרים וארבע שעות ביממה. כיום יודעים אנו, שבטרבלינקה הושמדו 800.000 איש, רובם יהודים, אבל אז סרבו להאמין במציאותה של זוועה זו. התיחסו לכך כאל חלום בלהות.

אט־אט חדרו שמועות אלו להכרתם והוויתם של יהודי עיירתנו. אותות הזמן בישרו רעות והכול ראו בעליל שאחרית הימים הגיעה. יהודים יראי־שמים, חזקים באמונתם, השליכו יהבם על הכתוב: „אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם, אל ימנע עצמו מן הרחמים", וציפו לנס. אבל, צעירים בעלי ראיה מפוכחת, ראו שאבדה כל תקוה. יצחק קולאַסקי ולייבל בלוטמן עברו מבית לבית ושידלו את היהודים להשמיד חפציהם ותכשיטיהם, לבל יהיו ביזת הפקר בידי שונאינו. עם שריפה זו החלו הורינו, אחינו ואחיותינו, להתכונן בהכרה ברורה לקראת המוות. התחוללו מחזות זוועה של

אמירת „וידוי", הורים נפרדו מבניהם, בקשו סליחה ומחילה, נפלו איש על צואר רעהו וגעו בבכיה.

אולם, לא כולם קיבלו את השואה כדבר בלתי נמנע. נעשו גם נסיונות נועזים של בריחה מהגיטו. ישראל רובינשטיין, מוליא פרץ, אלוניק שפילמן ואסתר קולאסקי נמלטו מהגיטו והסתתרו בטחנת־הקמח של זאביעלא. אולם, מחמת אי־זהירות קיפחו חייהם. הם בישלו אוכל והעשן שיצא מהארובה היה בעוכריהם. פולני אחד, שראה את העשן המתמר ועולה, מיהר להודיע על־כך לגרמנים. מיד באו המרצחים והוציאום להורג במקום מחבואם. אשה אחת ושלושת ילדיה ממשפחת יעקב רוזנבלום (ז׳זקובר) הצליחה, אף היא, להימלט מהגיטו והסתתרה בסביבות כפר טימיאַנקה. האיכרים גילו עקבותיהם והודיעו על־כך לגרמנים. הם אילצו את האם האומללה לכרות קבר במו ידיה, בו קברו אותה ואת ילדיה.

בשניים בנובמבר שנת 1942 החליט רומנוס לחסל סופית את הגיטו. יום קודם לכן הזמין אליו את הירש־וועלוול ווינר, ואת יוסף ושמואל קולאסקי, שהועסקו אצלו כנהגים, והודיע להם שכיהודים יעילים אין זה לכבודו שיחניקו אותם בתאי־הגזים וישרפו גוויותיהם, לכן הוא בחר להם מוות של־כבוד — מוות ביריה. הוא תכף עשייה לאמירה, הוציא את ה„נאגאן" וצרור־כדורים פילח את ראשיהם.

בשעה 5 בבוקר הקיפו הרוצחים את הגיטו. הודיעו לנו, שמובילים אותנו לעבודה בקרים, אולם איש לא האמין לבדותה זו, כי לא היה ספק בתכניות ההשמדה של הנאצים וידענו שאנו יוצאים לדרך שאין שבים ממנה. רבים החלו להימלט. איטקה פטאשק, אברהם־משה פטאשק, ראובן־יוסף חזן ומשפחתו הצליחו להימלט, אבל רבים נהרגו בשעת הבריחה. מרדכי שמאַקובסקי סרב לעזוב את מחבואו ונורה במקום. מאַרקל, אחי, הסתתר עם אשתו ותינוקם. בלילה החל התינוק לבכות ובכך גרם למותו ולמות הוריו.

יהא השניים בנובמבר חקוק באותיות־אש בלב כל אחד מאתנו. ביום זה כיבו את גחלת בית ציחנוביץ. ביום זה נעקדו יקירינו בחבלים, הובלו לתחנת צ׳יז׳ב ומשם למחנה ההשמדה שבטרבלינקה.

צבי בלאַטמאַן
(רמת־גן)

די בלוטיקע טעג אין געטא

דעם 22־טען יוני, יאָר 1941, פיר אַ זייגער פאַרטאָג, איז ציעכאַנאָוויעץ באָמבאַר־דירט געוואָרן דורך די דייטשע האַרמאַטן. די קוילן זענען געפאַלן אויף „אַלט־שטאָט" און געזייט טויט און אַנגסט. די יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין די הייזער, באַהערשט פון טויט־שרעק.

מיר זענען געווען איינגעהילט אין אַ טיפן טרויער, אָבער דאָס האַרץ האָט ניט געוואָלט גלויבן, אַז דער סוף איז נאָענט, אפילו, ווען אַלע צייכענס האָבן געדייטעט, אַז מיר זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון אכזריות׳דיקע סאַדיסטן און אונזער לעבן איז געוואָרן הפקר.

די בתי־מדרשים, אין וועלכע ס׳האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס גייסטיקעס און געזעל־שאַפטלעכעס לעבן פון די יידן, ווו זיי פלעגן פאַרגעסן זייערע צרות ביי אַ בלאַט גמרא, אָדער ביי אַ קאַפיטל תהלים — זענען פאַרשלאָסן געוואָרן און די מערדער־רעגירונג האָט פאַרבאָטן דאָס דאַווענען אין זיי. אויך אַ תפילת־יחיד איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ פאַרברעכן, און ווען מ׳האָט געפאַקט דעם מצבה־קריצער, פאָלאַק, זיצנדיק אין זיין הויז אין טלית און תפילין — האָט מען אים מערדערלעך געשלאָגן.

שוין אין די ערשטע טעג פון זייער אַריינקום אין ציעכאַנאָוויעץ, האָבן די דייטשן געמאַכט אַ בלוט־באָד. זיי האָבן געכאַפּט 7 קרעפטיקע יידישע יונגעלייט, צווישן זיי: שעפסל קשעמיען און שייקע „קלאַפּאָט", מ׳האָט זיי לאַנג געפייניקט און אין אַ גסיסה־צושטאַנד זיי הינגעריכטעט.

כדי צו קריגן אַ בידנעס שטיקל ברויט האָט זיך געשלענגלט אַ לאַנגע רייע פון יידן ביי די בעקערייען. אַלס אויפזעער אויף די רייען איז באַשטימט געוואָרן אַ פאָליאַק, אַ סאַדיסט, אַ אונטערוועלטניק, וואָס מ׳האָט אים גערופן „דאָס מאַליערל".

ווען אַלעס איז דערלויבט געוואָרן און מ׳האָט געקענט טוהן מיט די יידן וואָס מ׳האָט נאָר געוואָלט — האָט דער סאַדיסט באַוויזן וואָס ער „קען" און פלעגט פייניקן און איזדעקעווען אָן רחמים די יידן, וואָס האָבן געוואַרט אויפן שטיקל ברויט. די געפייניקטע פלעגן זיך אומקערן אין זייערע הייזער מיטן שטיקל ברויט, באַפלעקט פונם בלוט, וואָס האָט געפלאָסן פון זייערע ווונדן.

מיט דעם שטיקל טרערן־ברויט זענען מיר געצוווּנגען געווען צו אַרבעטן כל מיני צוואַנגס־אַרבעט, וועלכע האָט אויסגעזויגן דעם מאַרך פון אונזערע ביינער. די אַרבעט איז געווען באַגלייט מיט שמיץ פון נאַגייקעס, וואָס האָבן געבראָכן אונזער גייסט און פאַרשוועכט דעם „צלם אלקים" אין אונז. אַרויסגעענדיק צו דער אַרבעט, האָט מען זיך געזעגנט מיט אַלע טייערע, ווייל מ׳איז ניט זיכער געווען צו מ׳וועט זיך צוריקקערן.

אין וועמענס גורל ס׳איז געפאַלן צו אַרבעטן ביים פּאָסטמייסטער — האָט געהאַט דעם גיהנום אויף דער וועלט. דער רוצח האָט פון טאָג צו טאָג פאַרפולקאמט די פּייני־קונגס־מיטלן. ער האָט ספּעציעל דרעסירט בלוט־דורשטיקע הינט. דאָס דרעסירן איז געמאַכט געוואָרן אויף די לייבער פון די יידן. ער פלעגט כאַפּן אַ יידישן בחור, פאַרבונדן זיינע הענט און אים באַפוילן לויפן. די געהעצטע הינט זענען אים באַפאַלן, צעריסן זיינע מלבושים און אַריינגעשטעקט זייערע שאַרפע ציינער אין זיין לײַב. שטראָמען בלוט האָבן געפלאָסן פונם אומגליקלעכנס קערפּער. ביינאַכט פלעגט הילכן אין דער לופט דאָס קרעכצן פון די פאַרוווּנדעטע, וועלכע האָבן געוואַרט אויפן טויט, ווי אויף משיח׳ן. הגם די ווייטיקן זענען געווען אומדערטרעגלעכע און אומבאַשרייבלעכע — האָט מען די אומגליקלעכע קיין שום מעדיצינישע הילף געגעבן.

אָבער, די אַלע רציחות און פּייניקונגן זענען געווען בלויז אַ פּראָלאָג, אַ פאָר־שפּיל, צום גרויסן חורבן, וועלכן ס׳האָט געבראַכט אויף אונז דער נבוזראַדן פון קעניגס־בערג, ראמאנוס — צעריבן זאָלן ווערן זיינע ביינער. דער מערדער איז געשיקט געוואָרן צו אונז פון דער שטאָט, אין וועלכער ס׳האָט געלעבט דער גרויסער דענקער קאַנט, וועלכער האָט געשריבן אַ טראַקטאַט וועגן אייביקן פרידן און אייביקער מענטשן־ליבע. אַ איראָניע פונם גורל!

ראמאנוס איז געווען אַ געבוירענער מערדער. זיין אָנקום האָט געדייטעט, אַז דער סוף איז נאָענט. דאָס בלויזע דערמאָנען זיין נאָמען האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק. זיינע אויגן זענען געווען ווי פון אַ מענטשן־פרעסער. אַ מנהג האָט ער געהאַט — צעשמעטערן אַ קאָפּ פון אַ יידן איידער ער האָט געפרישטיקט. יידיש בלוט האָט גערייצט זיין אַפּעטיט. זיין בלוט־דורשט האָט איבערגעשטיגן, אפילו, די בלוט־דורשטיקייט פון אַ רויב־טיער.

אַלע טעג פון דער וואָך האָט ראמאנוס זיך באַגנוגנט „בלויז" מיט איין קרבן, נאָר פרייטיק פלעגט ער אויספירן מאַסן־מאָרדן. אין דעם טאָג האָט ער הינגעריכטעט גאַנצע גרופּן פון יידישע יוגנטלעכע, מיטן אויסרייד, אַז ביי די סאָוויעטן האָבן זיי געהערט צום קאָמסאָמאָל. דאָס זענען געווען פון די בעסטע און טייערסטע ציעכאַנאָ־וויעצער יוגנטלעכע. ראמאנוס האָט זיי ניט באַלד געמאָרדעט, נאָר תחילת איזדעקעוועט איבער זייער קערפּער, געשטאָכן און געשניטן זייערע לייבער.

זייענדיק חדר־יינגלעך, פלעגט דער רבי, ערב תשעה־באב, אונז דערציילן די

לעגענדן פון תלמוד וועגן חורבן ביתר, „אַז די פערד האָבן געזונקן אין בלוט ביז איבער זייערע קעפּ און די כוואַליעס בלוט האָבן מיטגעריסן מיט זיך גרויסע שטיינער, און דער בלוט־שטראָם איז געגאַנגען פיר מייל אין ים".

ווײ, ווײ, דאָס זענען ניט קיין לעגענדן! דאָס איז געווען פאַר אונז אַ גרויזאַמע ווירקלעכקייט. דאָס, וואָס די גמרא דערציילט, האָבן מיר געזען מיט אונזערע אייגענע אויגן. פונם בלוט, וואָס ראמאנוס האָט פאַרגאָסן, איז רויט געוואָרן דאָס וואַסער פון נורעץ און די גוים האָבן געמיסטיקט מיט דעם זייערע פעלדער.

וועגן איין קרבן, וואָס איז געפאַלן פון ראמאנוס'עס הענט, וויל איך מיר ספּעציעל אָפּשטעלן, ווייל זיין עולה זיין אויף קידוש־השם איז אַ בלאַט פאַר זיך אין דער געשיכטע פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע.

געווען איז אַ יידישער בחור אין ציעכאַנאָוויעץ, וואָס איז געווען ענלעך צו אונז אַלעמען. ניט ער איז געווען אַ העלד און ניט זיין פאָטער איז געווען אַ העלד. ער איז פאָרמירט געוואָרן פון דער זעלבער מאַטעריע, פון וועלכער מיר אַלע זענען געשטאַלטיקט געוואָרן. אָבער, אין צייט פונם גרויסן קאַטאַקליזם, פונם גרויסן חורבן, וואָס איז געקומען אויף אונז אַלעמען — האָט זיך אַנטדעקט אין אים אַ געוואַלדיק־גרויסע גייסטיקע גבורה. זיין נאָמען איז געווען משה רובינשטיין.

ווער דער הונגער אין געטאָ איז געוואָרן אומדערטרעגלעך און ס'האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן געשוואָלענע און פאַרחלעשטע, האָט משה זיך מוסר נפש געווען, כדי צו ברענגען שפּייז פאַר די הונגעריקע. איינמאָל האָט אים ראמאנוס געפּאַקט, האַלטנדיק אין האַנט אַ פּעקל שפּייז. איז ער אים באַפאַלן ווי אַ צעיושעטע חיה און מיט געוואַלד אים געשלעפּט צו דער פּאָליציי. דאָרט האָט ער אים שוידערלעך געשלאָגן און זיין גאַנצער קאָפּ איז באַדעקט געוואָרן מיט בלוט־טריפנדע ווונדן. ווען דער מערדער האָט איינגעזען, אַז זיין קרבן האַלט ביים שטאַרבן — האָט ער אים אפּגעלאָזט און באַפוילן צוריקקערן אין געטאָ. זיין קרוב, דאָקטאָר רובינשטיין, האָט אים אָפּערירט מיט פּרימיטיווע כירורגישע אינסטרומענטן און האָט געראַטעוועט זיין לעבן.

פאַר דער ליקווידאַציע פונם געטאָ, איז משה'ן געלונגען זיך אַרויסדרייען פון די אָרעמס פונם טויט. אָבער, ס'האָט אים געפּייניקט אַ בענקשאַפט צו די איינגעשפּאַרטע יידן אין געטאָ און ער האָט זיך צוריקגעקערט, כדי צו שטאַרבן צוזאַמען מיט זיינע געפּייניקטע ברידער. צוקומענדיק צום טויער פונם געטאָ, האָט אים באַגעגנט ראמאנוס. דער מערדער האָט אים „מקבל פּנים" געווען מיט אַ מעפיסטאָפילישן שמייכל, באַגלייט מיט אַ פייערדיקן פּאַטש. משה האָט מוטיק אַ זאָג געגעבן צום מערדער: מיר וועלן זען, ווער ס'וועט לאַכן דער לעצטער. ראמאנוס האָט רעאַגירט אויף אַזאַ „חוצפּה" מיט

אַ האַגל פון קלעפּ. משה האָט זיך דערמונטערט, צוגעגאַנגען צום רויבער און אים אַ שפּיי געגעבן אין פּנים.

פול מיט רציחה האָט ראַמאַנוס געשלעפּט משה׳ן אין דער טורמע און האָט פאַר אים אויסגעווײלט אַזאַ שרעקלעכן טויט, וואָס דאָס בלויזע דערמאָנען וועגן דעם פאַרגליווערט אין אונז דאָס בלוט. ראַמאַנוס האָט אַריינגעהאַקט לאַנגע טשוועקעס אין משה׳ס הענט און פיס און אים געקרייצט אויף דער וואַנט פון דער טורמע.

זאָל משה׳ס זכות ב״ישטיין אין די צוקונפטיקע דורות און זאָלן גיין אין שיין פון זיין הייליקן אָנדענק און העלדישן מאַרטירער־טויט די אַלע וואָס שטרעבן צו העכערער גבורה.

די ענגשאַפט אין געטאָ איז געווען אומדערטרעגלעך. פיל האָבן זיך געוואַלגערט אין די הויפן און ס׳זענען אויסגעבראָכן מגיפות. ווי ס׳איז נאָר נאַכט געוואָרן, האָט מען געמוזט זיך איינשפּאַרן אין די הייזער. מיר זענען געזעסן איינגעשרומפּענע אין דער פינצטער. דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן צאַנקען און אויסלעשן זיך, און מיר האָבן געוואַרט האָפנונגסלאָז אויף אונזער ביטערן גורל. אונזערע טרויעריקע שטימונג קען מען אויס־דריקן מיטן פסוק פון חומש: „אין פרימאָרגן וועסטו זאָגן: הלוואי ווערט אָוונט! און אין אָוונט וועסטו זאָגן: הלוואי ווערט פרימאָרגן” (דברים, כ״ח, ס״ז). די פאַליאַקן זענען געווען אינדיפערענט צו אונזער אומגליק. זייער איינציקע דאגה איז געווען, אַז די יידן זאָלן זיי פאַרקויפן זייער מעבל און צירונג בזיל־הזול.

דורכגייענדיק ביים געטאָ, פלעגן זיי אונז צואיילן, אַז מיר זאָלן זיי וואָס שנעלער פאַרקויפן אונזער האָב און גוטס, ווייל מיר וועלן בקרוב ליקווידירט ווערן. ווען ראַמאַנוס האָט געמאָלדן, אַז פאַר כאַפּן אַ אַנטלאָפענעם יידן פונם געטאָ, וועט ער געבן אַ באַלוינונג פון אַ בלעך־באַנקע מיט נאַפט און עטלעכע קילאָגראַם זאַלץ — האָבן זיך פיל פּאַליאַקן פרייוויליק געמאָלדן צו דערפילן די שענדלעכע אויפגאַבע.

אין געטאָ זענען מיר געווען אָפּגעשניטן פון דער אויסערלעכער וועלט. ניט קיין ראַדיאָ און ניט קיין צייטונג האָבן מיר געהאַט. מיר זענען געווען הערמעטיש פאַרשלאָסן און איזאָלירט. דאָך האָט מיין פאַמיליע באַוויזן אָנקניפּן געוויסע פאַרבינ־דונגען מיט פאַליאַקן פון דער צווייטער זייט פונם בוג, וואָס פלעגן באַזוכן ציעכאַנאָוויעץ. פון זיי האָבן מיר זיך דערוווּסט, (אָנפאַנג יאָר 1942) אַז אין טרעבלינקע פאַרניכטעט מען יידן 24 שעה אין מעת־לעת. היינט ווייסן מיר שוין, אַז אין טרעבלינקע האָט מען אומ־געבראַכט 800.000 מענטשן, דער גרעסטער טייל פון זיי יידן, אָבער דאַן האָט קיינער ניט געוואָלט גלויבן, אַז די דערשיטערנדע ידיעה איז אַ ווירקלעכקייט. מ׳האָט זיך צו איר באַצויגן ווי צו אַ גרויל־ווּיזיע, און ניט מעהר.

אָבער צוביסלעכווייז זענען די שוידערלעכע ידיעות אַריינגעדרונגען אינם באַוווּסט־

זיין פון די יידן פון אונזער שטעטל. די צייכנס פון דער צייט האָבן עדות געזאָגט, אַז מיר שטייען פאַר אַ שוידערלעכער געשעעניש און אַלע האָבן איינגעזעען קלאָר און דייטלעך, אַז ס׳דערנענטערט זיך די אַפּאָקאַליפּסע — די אחרית־הימים.

גאָטספאָרכטיקע יידן, אומדערשיטערטע אין זייער בטחון, האָבן געאַנקערט זייער גלויבן אינם תלמודישן מאמר, אַז „אפילו, ווען ס׳ליגט אַ שאַרפע שווערד אויפן האַלדז פון אַ מענטשן, זאָל ער נאָך אַלץ גלויבן אין רחמים״, און זיי האָבן געוואַרט אויף אַ נס. אָבער, יוגנטלעכע מיט אַ רעאַליסטישן קוק אויף די געשעענישן האָבן איינגעזעען, אַז ס׳איז ניטאָ קיין שום האָפנונג. יצחק קולאסקי און לייבל בלאטמאַן זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז און צוגערעדט די יידן, אַז זיי זאָלן אַלעס פאַרברענען, כדי דער שונא זאָל פון דעם קיין הנאה האָבן.

מיטן פאַרברענען פון זייער האָב און גוטס האָבן אָנגעהויבן אונזערע עלטערן, שוועסטער און ברידער, צוגרייטן זיך מיט אַ קלאָרן באַוווסטזיין צום טויט. ס׳זענען אויסגעבראָכן שרעקלעכע סצענעס פון „ווידוי״ זאָגן, עלטערן האָבן זיך געשיידט פון זייערע קינדער, געבעטן ביי זיי מחילה, געפאַלן איינער אויפן האַלדז פונם צווייטן און יאָמערלעך געוויינט.

אָבער, ניט אַלע האָבן באַטראַכט דעם חורבן ווי אַ אומפאַרמיידלעכע זאַך. ס׳זענען געמאַכט געוואָרן געוואגטע פאַרזוכן צו אַנטלויפן פונם געטאָ. ישראל רובינשטיין, מוליא פרץ, אלוניעק שפילמאַן און אסתר קולאַסקי זענען אַנטלאָפן פונם געטאָ און זיך באַהאַלטן אין דער מיהל פון זאַביעלאַ. אָבער, צוליב אַ פעל־שריט האָבן זיי פאַרלוירן זייערע לעבנס. זיי האָבן געקאָכט עסן און דער רויך, וואָס איז אַרויס פון קוימען, האָט זיי פאַראומגליקט. אַ פּאָליאַק, וואָס האָט געזעען דעם רויך, האָט וועגן דעם געמאָלדן די דייטשן. באַלד זענען געקומען די רוצחים און זיי דערמאָרדעט אויפן פּלאַץ. אַ פרוי און אירע דריי קינדער פון יעקב ראָזענבלומס (זשאַזשקאָווער) פאַמיליע איז אויך געלונגען אַנטלויפן פונם געטאָ און זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן נעבן דאָרף טימיאַנקע. גויים האָבן אַנטדעקט אירע טריט און געמאָלדן וועגן דעם די דייטשן. זיי האָבן געצווונגען דער אומגליקלעכער מוטער אויסגראָבן מיט אירע אייגענע הענט אַ קבר, אין וועלכן מ׳האָט באַגראָבן לעבעדיקערהייט איר מיט אירע קינדער.

דעם צווייטן נאָוועמבער יאָר 1942 האָט ראמאנוס באַשלאָסן צו ליקווידירן ענט־גילטיק דעם געטאָ. אַ טאָג פריער האָט ער איינגעלאַדן צו זיך הערש־וועלוול ווינער, יוסף און שמואל קולאַסקי, וועלכע ער האָט באַשעפטיקט אַלס שאפערן, און זיי מודיע געווען, אַז אַלס נוצלעכע יידן איז ניט פאַר זיין „כבוד״, אַז מ׳זאָל זיי דערשטיקן אין די גאַז־קאַמערן און פאַרברענען זייערע קערפּער, דערפאַר האָט ער פאַר זיי אויסגעוויילט אַ „נאָבעלן״ טויט, אַנטשפרעכענד זייער נוצבאַרקייט. ס׳הייסט, ער וועט זיי דערשיסן. און

טאַקע באַלד האָט ער אַרויסגענומען דעם נאַגאַן און אַ סעריע קוילן האָט דערכגעלעכערט זייערע קעפּ.

5 אַ זייגער פאַרטאָג האָבן די רוצחים אַרומגערינגלט דעם געטאָ. זיי האָבן אונז געמאָלדן, אַז מ׳שיקט אונז, כלומר׳שט, אויף אַרבעט אין קרים. אָבער אַלע האָבן גוט געוווּסט אַז ס׳איז אַ ליגנט און ס׳איז קלאָר געווען, אַז מיר גייען אַרויס אויף אַ וועג, פון וועלכן מיר וועלן זיך שוין ניט צוריקקערן. פיל האָבן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. איטקע פּטאַשעק, אברהם משה פּטאַשעק, ראובן יוסף חזן און זיין פאַמיליע איז געלונגען צו אַנטלויפן, אָבער פיל זענען דערמאָרדעט געוואָרן ביים אַנטלויפן. מרדכי שמאַקאָווסקי האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן זיין באַהעלטעניש, האָט מען אים דערמאָרדעט אויפן פּלאַץ. מיין ברודער, מאַרקל, מיט זיין פרוי און קינד האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ געוויסן פּלאַץ. ביינאַכט האָט דאָס קינד אָנגעהויבן וויינען און דאָס האָט פאַראורזאַכט זיין טויט און דעם טויט פון זיינע עלטערן.

זאָל דער צווייטער נאָוועמבער זיין איינגעקריצט טיף אין אונזערע הערצער. אין דעם טאָג איז פאַרלאָשן געוואָרן דאָס ליכט פון דער ציעכאַנאָוויעצער קהילה. אין דעם טאָג האָט מען געבונדן אונזערע טייערע אין שטריק, מ׳האָט זיי אַוועקגעפירט צו דער באַן־סטאַציע אין טשיזשעוו און פון דאָרט — אין פאַרניכטונגס־לאַגער אין טרעבלינקע.

(איבערזעצט: אליעזר לאוני)

אפרים ווינער
(באָליוויע)

א קאַפּיטל פון חורבן ציעכאַנאָוויעץ

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה, בין איך מיט מיין ברודער יצחק־שמעון און שוועסטער טויבע געווען אין ביאַליסטאָק. מיר האָבן דאָרט געהאַט מיהלן. די סאָוויעטן האָבן באַלד גענומען פאַרשיקן קיין סיביר אַלע פאַרמעגלעכע, אַלס שונאים פונעם קאָמוניזם. גליקלעכערווייז איז מיר געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן, און מיט גרויסע סכנות האָב איך פאַרלאָזט ביאַליסטאָק און זיך צוריקגעקערט קיין ציעכאַנאָוויעץ.

אין שטעטל האָט געהערשט אַ פּאַניק. היטלערס אַרמיי איז געשטאַנען ניט ווייט פון ציעכאַנאָוויעץ און מיר האָבן געוווּסט, אַז דייטשלאַנד גרייט זיך באַפאַלן רוסלאַנד. די ערשטע ידיעות וואָס היטלער טוט מיט די יידן האָבן מיר באַקומען פון מיידלעך, וואָס זענען אַנטלאָפן פון קאָסוב־לאַצקי קיין ציעכאַנאָוויעץ. זיי האָבן דערציילט וועגן די גרויזאַמע טאַטן, וואָס מ׳טוט מיט די יידן פון קאָסוב. מיר האָבן ניט געוואָלט גלויבן אין דעם און באַטראַכט די מיידלעך אַז זיי זענען ניט ביים זינען און ווילן סתם אָנוואַרפן אויף אונז אַ פחד. אין אַ קורצער צייט איז ציעכאַנאָוויעץ פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן און מיר האָבן דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז אין ביאַליסטאָק האָבן די נאַציס דערשאָסן 5.000 יידן, צווישן זיי אַ ציעכאַנאָוויעצער ייד מיטן נאָמען מאיר רודאק. דאָס האָט באַשטעטיקט, אַז די מיידלעך זענען, דווקא, יאָ ביים זינען און מ׳דאַרף זיך באַציען ערנסט צו זייערע ידיעות.

די געשעענישן האָבן זיך אַנטוויקלט מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט. באַלד איז געשיקט געוואָרן צו אונז דער הויפּט־תלין ראַמאַנוס און האָט מיטן בלוט און טרערן פון די ציעכאַנאָוויעצער יידן באַשטעטיקט, אַז די קאָסובער מיידלעך רעדן אמת.

ראַמאַנוס האָט אויסגעוויילט אַלס זיין פּריוואַט־סעקרעטאַר דעם פּאָליאַק שווענציצקי, דער געוועזענער דירעקטאָר פון דער פּוילישער פאָלקס־שול און גלייכצייטיק פיגורירט אַלס אָפיציעלער דירעקטאָר פון דער „תרבות״־שול לגבי דער רעגירונג. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן האָט דער עלעגאַנטער אַנטיסעמיט געוואַרט אויף אַ פּאַסנדער געלעגנהייט צו דעמאָנסטרירן עפנטלעך זיין האַס צו די יידן. די ערשטע קרבנות וואָס זענען געפאַלן דורך אים, זענען געווען, דווקא, די שילער פון דער „תרבות״־שול.

מיין ברודער הערש־וועלוול און וועלוול קאַגאַן האָבן באַלד איינגעזען, אַז די לאַגע

איז זעער קריטיש. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויב די יידן וועלן זיצן גאַנצע טעג אין געטאָ מיט פאַרלייגטע הענט — וועלן זיי מיט דעם דערנענטערן זייער סוף. זיי האָבן אָרגאַניזירט פיל יידן אין קאָאָפּעראַטיוון, כדי צו מאַכן זיי פּראָדוקטיוו. דער געדאַנק איז געווען, זוען ראמאנוס וועט זעהן, אַז די יידן ברענגען אים אַ נוצן — וועט ער זיי ניט אויסהרגענען. און ווירקלעך, דאָס האָט אַ ביסל געשטילט זיין רציחה.

ווען שוועַנציצקי האָט איינגעזען, אַז די יידן זוכן מעגלעכקייטן ווי זיך צו ראַטעווען — האָט ער געגומען העצן ראמאנוס׳ן, ווי אַזוי קען ער צוקוקן, אַז די יידישע קאָמוניסטן, — די געפערלעכסטע שונאים פונעם דריטן רייך — גייען אַרום פריי און ער הרגעט זיי ניט אויס.

ראמאנוס, אויסהערנדיק די העץ־רעדע פון זיין געטרייען דינער — איז ער ווי אַ צעיושעטע חיה אַרויס אין גאַס און געכאַפּט 21 יידן, צווישן זיי יעקב יעגער, שעפּסל קשעמיען און „יאָסל דעם שוואַרצנס" אַ זון, אַריינגעזעצט זיי אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָ און געפירט אין דער ריכטונג צום טייך. גלייכצייטיק האָבן מערדער־גרופּן געכאַפּט מיך מיט נאָך עטלעכע יידן, אונז געגעבן לאָפּאַטעס און געצוווּנגען גראָבן גריבער, ניט וויסנדיק צו וועלכן צוועק. ווען די גריבער זענען פאַרטיק געוואָרן, האָט זיך דערנענטערט אַ פאַרמאַכטער אויטאָ מיט די פאַרשפּאַרטע יידן. ראמאנוס האָט זיי באַפוילן אַראָפּשפּרינגען גלייך אין די גריבער און באַלד גענומען שיסן אין זיי. די קוילן האָבן זיי שטאַרק פאַרוווּנדעט, און פון גרויס שרעק איז זיי באַפאַלן אַ טירוף־הדעת, אַ וואַנזין, און אָנגעהויבן טאַנצן און שפּרונגען אין די גריבער, מאַכנדיק דאַביי מאָדנע גרימאַסן.

ראמאנוס האָט זיך צוגעקוקט צו דעם בלוטיקן שפּיל און געלאַכט פון גאַנצן האַרצן. שווענציצקי האָט מיט גרויס הנאה אַ זאָג געגעבן: „זעען זי, הער ראמאנוס, ווי די יודען שפּילן טעאַטער". צו ביסלעכווייז האָט זיך דאָס „טעאַטער־שפּיל" איינגעשטילט, די אומגליקלעכע זענען געפאַלן אין אַ גרויסער קאַלוזשע בלוט און שווער געאָטעמט. ווען ראמאנוס האָט געזען, אַז די יידן לעבן נאָך, האָט ער שנעל באַפוילן זיי פאַרשיטן מיט ערד. יאָסל דעם שוואַרצנ׳ס זון איז געלונגען אַנטלויפן פונעם גרוב, און אַ שווער־פאַרוווּנדעטער איז ער געלאָפן ביזן דאָרף קאזאר. אָבער דאָרט האָט אים געכאַפּט דער פוילישער רוצח, וואָס מ׳האָט אים גערופן דאָס „מאַליערל", און אים געבראַכט צו שלעפּן צוריק צו די גריבער. צוערשט האָט אים ראמאנוס שטאַרק געפּייניקט און דערנאָך באַפוילן צו באַגראָבן אים לעבעדיקערהייט. נאָכן פאַרשיטן די גריבער, האָט זיך די ערד געהויבן. די אומגליקלעכע האָבן זיך נאָך געראַנגלט מיטן טויט. שעה׳ן לאַנג האָט זיך געהויבן די ערד, און ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט 3 ביינאַכט אין געטאָ — איז נאָך אַלץ געווען אַ באַוועגונג אין די גריבער.

ווען שוועניצקי האָט איינגעזען, אַז זיין העצע פּועל'ט ביי ראמאנוסן, איז ביי אים געוואַקסן דער אַפּעטיט און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער צוגעשטעלט ראמאנוס'ן אַ ליסטע פון 21 יידן צום פאַרניכטן. הערש־וועלוול האָט געבעטן שוועניצקי'ן אַז ער זאָל אַריינשטעלן זיין נאָמען אין דער רשימה. שוועניצקי האָט אים געטאָן די „טובה״. אַ תקנה האָט געהאַט ראמאנוס, לויט וועלכער מ'האָט געדאַרפט פאָרלעזן די נעמען פון די צום טויט פאַראורטיילטע. ווען ראמאנוס האָט געהערט דעם נאָמען הערש־וועלוול ווינער, האָט ער אַ פרעג געגעבן: וועלכער ווינער איז דאָס? האָט שוועניצקי געענטפערט, אַז דאָס איז דער ווינער וועלכער אָרגאַניזירט די יידן אין קאָאָפּעראַטיוון און מאַכט זיי פּראָדוקטיוו. אויב אַזוי, האָט ראמאנוס געזאָגט, ווי קומט ווינער אין דער רשימה?

הערש־וועלוול האָט געבעטן ראמאנוס'ן, אַז ער זאָל אים ערלויבן זאָגן אַ פּאָר ווערטער און זיין בקשה איז ערפילט געוואָרן. און ווי אַ ריכטיקער מליץ־יושר האָט מיין ברודער אויפגעוויזן, אַז שוועניצקי האָט זזויסגעטראַכט אַ בלבול אויף די יידן, ווייל די פּאָליאַקן ווילן נקמה נעמען אין אונז. ס'איז ניט ריכטיק אַז מיר זענען קאָמוניסטן. דאָס יידישע פאָלק קעמפט ניט מיט די דייטשן. מיר האָבן ניט געהרג'עט, אַפילו, איין דייטשן זעלנער. ער האָט גערעדט אַ גאַנצע שעה. ראמאנוס איז אַזוי גערירט געוואָרן פון דער רעדע, אַז ער האָט באַלד געגעבן אַ באַפעל צו באַפרייען די 21 יידן. ער איז אַרויס אין גאַס און געכאַפּט 21 פּאָליאַקן, אַריינגעזעצט זיי אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָ, געהייסן גראָבן גריבער מיט זייערע אייגענע הענט און זיי דערשאָסן.

ווען שוועניצקי האָט געזען, אַז דער וועג פון בלבולים און יידן־העצע איז אַ געפערלעכער פאַר אים און פאַר דער פּוילישער באַפעלקערונג, האָט ער געמאַכט אַ הסכם מיט די יידן, אַז מ'זאָל אָפּשטעלן די קעגנזייטיקע גרויל־פּראָפּאַגאַנדע — ניט די פּאָליאַקן וועלן מער מסר'ן די יידן, און ניט יידן וועלן מסר'ן די פּאָליאַקן.

נאָך דעם הסכם האָבן זיך צייטווייליק אָפּגעשטעלט די מאַסן־מאָרדן, אָבער ראמאנוס'עס טעראָר קעגן די יידן האָט ניט אויפגעהערט. אָט איז געווען אַ פאַל מיטן בעל־עגלה הערצקע ליס (טאנדע). ער האָט זיך פאַרזינדיקט, מ'ווייסט ניט מיט וואָס, ביי ראמאנוס'ן. האָט ער אים אַוועקגעלייגט אויף דריי בענקלעך, איין דייטש האָט געהאַלטן זיין קאָפּ און צוויי זיינע פיס. דריי דייטשן מיט נאַגייקעס אין די הענט האָבן געשמיסן זיין נאַקעט לייב מיטן טאַקט: איינס, צוויי, דריי! איינס, צוויי, דריי! און אַזוי האָבן זיי אים פאַרשמיסן צום טויט. דאָס איז געטאָן געוואָרן פאַר די אויגן פון דער יידישער פּאָליציי, וועלכע האָט געקראָגן דעם טויטן קערפּער צום באַגראָבן.

אַזוי זענען פאַרביי 18 מאָנאַטן פון ראמאנוס'עס גרויזאַמען רעזשים.

דעם צווייטן נאָוועמבער 1942 בין איך געגאַנגען שפּעט ביינאַכט אין געטאָ

מיט שיינדל סעהר און גאָלדע ארבאוּוסקי און באַטראַכט די געפּערלעכע לאַגע אין וועלכער מיר געפינען זיך. מיר האָבן לאַנג גערעדט וועגן דעם, וואָס מ׳דאַרף טאָן, אין פאַל פון אַ ליקווידאַציע. גייענדיק האָבן מיר דערזען, אַז דער געטאָ איז שטאַרק באַוואַכט דורך פּוילישע פּאָליציאַנטן אין שניי־ווייסע מלבושים, כדי מ׳זאָל זיי ניט באַמערקן. באַלד האָבן זיי אָנגעהויבן שיסן אויף יידן, וואָס זענען געווען אין דרויסן. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע בהלה. לויפנדיק האָב איך פאַרלאָרן שיינדלע׳ן און גאָלדע׳ן. כ׳האָב מיך שוין ניט צוריקגעקערט אַהיים, און מיט אַלע כוחות האָב איך דורכגעשפּרונגען דעם טויער פונעם געטאָ און געלאָפן צו דער ריכטונג פונעם טייך. דאָרט האָב איך באַמערקט מיין שוואָגער שמואל־דוד מגדל שווימט מיט די לעצטע כוחות. ער האָט ביים ברעג געלאָזט זיין מאַנטל, ווייל ער האָט אים געשטערט אין שווימען. כ׳האָב געשריגן: שמואל־דוד! שמואל־דוד! אָבער מיין קול איז צו אים ניט דער־גאַנגען, ווייל ער איז שוין געווען ווייט. כ׳האָב אַרויסגענומען פון די קעשענעס פון זיין מאַנטל 20 מאַרק און אַ שאַרפשטיין פון זיין ראַזיר־מעסער, וועלכעס כ׳האַלט אַלס זכרון ביזן היינטיקן טאָג. נאַכהער האָבן מיר פויערים דערציילט, אַז מ׳האָט געכאַפּט שמואל־דוד׳ן און אים דערמאָרדעט.

כ׳בין געלאָפן אין וואַלד זיך אויסבאַהאַלטן. אויפן וועג האָט מיר אַ קריסט געזאָגט, אַז ער האָט געזען צוויי יידישע פרויען מיט אַ קליין קינד. דאָס זענען דעם מילנערס טעכטער — האָט ער צוגעגעבן. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען מיינע שוועסטער. כ׳בין זיי געגאַנגען זוכן און אָנגעקומען אין אַ גוט פון אַ קריסט מיטן נאָמען שאַבלאָווסקי. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי באַהאַלטן זיך אין אַ שייער. שטילערהייט האָב איך זיך אַריינגעגנ׳בעט און גענומען רופן די נעמען פון מיינע שוועסטער. דערשראָקענע האָבן זיי דערהערט מיין קול. מיט גרויס געוויין האָבן זיי מיך צוגערופן צו זיך, שטיקנדיק אין זיך די גרויסע ווייטאָקן אין זייערע הערצער. מיר זענען געלעגן אין שייער צוויי טעג ביז דער בעל־הבית האָט אונז אַנטדעקט און באַפוילן באַלד פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. מיר זענען אַוועק אין אַ וואַלד אין דער ריכטונג פון ברייַנסק. אויפן וועג האָבן מיר געטראָפן אונזער ברודער, יוסף. פיר קינדער פון אונזער משפּחה מיט אַ צוויי־יאָריק קינד — האָבן מיר געזוכט מיטלען ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. מיר האָבן געזען, אַז ס׳איז אַ סכנה זיך צו באַהאַלטן ביי אַ קריסט, ווייל די פּאָליאַקן מאָרדן אויס די יידן, אָדער זיי בינדן זיי אין שטריק ווי שעפּסן און געבן זיי איבער די דייטשן. האָבן מיר באַשלאָסן אויסגראָבן אַ לעבעדיקן קבר און זיך באַהאַלטן אין אים. מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין דער געגנט פון שאַבלאָווסקי׳ן און ביי אים אין וועלדל אויסגעגראָבן אַ גרוב ביים ברעג פון אַ טייכל. דאָרט זענען מיר געלעגן זעקס וואָכן. ס׳האָט אָנגעהויבן רעגענען, דאָס וואַסער האָט פאַרפלייצט אונזער גרוב און מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ.

מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו גראָבן אַ גרוב אונטער דער וואַסער־מיהל פון שאַבלאָווסקי און זיך באַהאַלטן דאָרט. מיר זענען געווען זיכער, אַז קיינעם וועט ניט איינפאַלן אַז דאָ באַהאַלטן זיך יידן, ווייל יעדן טאָג פלעגן קומען דייטשן אין מיהל אַריין. מיט גרויס אָנשטרענגונג און גרויסע סכנות האָבן מיר אין די נעכט געגראָבן די גרוב. די ערד האָבן מיר אַריינגעוואָרפן אין טייך אַריין. מיר האָבן פאַרדעקט די גרוב מיט ברעטער און צווייגן, און זיך באַהאַלטן. דאַן האָט זיך דערוועקט די פראַגע, מיט וואָס זעטיקט מען דעם הונגער? אַזוי ווי כ׳האָב געקאָנט גוט דעם געבוי פון אַ וואַסער־מיהל, איז מיר אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ דורכקריכן ביינאַכט דורך דער טורבינע אין מיהל אַריין און ברענגען מיט זיך מעהל. כ׳האָב זיך אויסגעטאָן נאַקעט, אַריין אין וואַסער און לאַנגזאַם זיך דורכגעשלעפּט דורך דער טורבינע מיט אַ זעקל אויפן קאָפּ און צוגעקומען צו די קאַסטנס מיט מעהל. כ׳האָב געבראַכט מיט זיך אויפן קאָפּ אַ זעקל מעהל. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר געגעסן דאָס מעהל, כדי ניט צו שטאַרבן פון הונגער.

פונעם רויען מעהל האָבן מיר געקראָגן גרויסע שמערצן און אונזער לעבן איז געווען אין אַ סכנה. אין אַזאַ האָפנונגסלאָזער לאַגע איז מיר געקומען אין חלום מיין ברודער הערש־וועלוול און געזאָגט, אַז כ׳זאָל גיין אין דער ריכטונג פונעם טייך, דאָרט וועל איך טרעפן אַ הייזקע, אין וועלכער ס׳וווינט אַ אַרבעטער, וואָס האָט אַ מאָל געאַרבעט ביי אונז. דער אַרבעטער וועט אונז העלפן און צושטעלן ברויט. אויפ־כאַפּנדיק זיך פונעם שלאָף האָב איך דערציילט מיין ברודער יוסף דעם חלום. כ׳בין גלייך אַוועק, ווייל קיין אַנדערע ברירה האָבן מיר ניט געהאַט, און צו מיין גרויסער איבערראַשונג האָב איך איינגעזען, אַז דער חלום איז געווען אַ ריכטיקער. כ׳האָב דערזען אַ קליין הויז, אין וועלכן ס׳האָט געברענט אַ קליין לעמפּעלע. דער הונט האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו בילן. דער אייגנטימער איז אַרויס צו זען, ווער איז געקומען. כ׳האָב זיך דערנענטערט צום מענטשן, אָנגערופן דעם נאָמען פון זיין פאָטער און געזאָגט: דו ביסט זיין זון. ער האָט באַשטעטיקט. כ׳האָב אים דערציילט ווער כ׳בין און געבעטן אַ שטיקל ברויט. דער גוי האָט זיך שטאַרק צעוויינט און געזאָגט, אַז ער אַליין האָט ניט וואָס צו עסן. האָב איך געזאָגט, אַז כ׳האָב גענוג מעהל און מיין בקשה איז אַז ער זאָל מיר באַקן ברויט פון דעם.

14 מאָנאַטן האָב איך אין די פינצטערע אָוונטן געבראַכט דאָס מעהל און זיך צוריקגעקערט מיט אַ זעקל פריש ברויט, וואָס האָט אונז דערהאַלטן ביים לעבן. ביז ס׳איז ווייטער געקומען צו מיר אין חלום מיין ברודער און געזאָגט, אַז כ׳זאָל זיין פאָרזיכטיק, ווייל מ׳זוכט מיך. פונעם חלום האָב איך פאַרשטאַנען, אַז כ׳מוז אויפהערן באַזוכן דעם קריסט, ווייל ער איז געווען אַ באַהאַלטענער קאָמוניסט און די פּאָליאַקן

האָבן געהאַט אויף אים אַ אויג. צו אים אין הייזקע פלעגן קומען יידישע פּאַרטיזאַנער, צווישן זיי בערעלע מאַנטשאַר און ליפּשיץ דעם שניידערס אַ זון.

דריי וואָכן בין איך צום גוי ניט געגאַנגען באַקן ברויט. קומענדיק צו אים איז ער אויף מיר אַרויפגעפאַלן, אָנגעהויבן קושן און דערציילט, אַז אין די דריי וואָכן איז געזעסן ביי אים אין שטוב אונזערער אַ געוועזענער אַרבעטער, וועלכער איז יעצט אַ פּאָליציאַנט און זיין אויפגאַבע איז זוכן יידן. צוריק מיט צוויי טעג האָט ער פאַרלאָזט זיין הויז. דער גוי האָט מיט גרויס יראה געזאָגט: ווייזט אויס, אַז מיט דיר פירט אַן גאָט, ווייל ווען דו וואָלסט, גאָט באַהיט, זיך באַוויזן אין משך פון די דריי וואָכן — וואָלסטו שוין ניט געלעבט. יעצט זע איך איין, אַז דו וועסט בלייבן לעבן, אָבער מיין סוף איז נאָענט. און, אַזוי איז טאַקע געשען. די .A. K באַנדיטן האָבן אים דערמאָרדעט.

מיר זענען געלעגן אין גרוב גאַנצע 18 מאָנאַטן. איינמאָל האָבן קליינע שקצים דערזען, אַז מייז לויפן אונטער דער מיהל. יאָגנדיק זיך נאָך די מייז, האָבן זיי באַמערקט די גרוב און באַלד געמאַכט אַ גרויסן אַליאַרם, אַז יידן באַהאַלטן זיך. מיר זענען אַרויס אין מיטן העלן טאָג און אַנטלאָפן אין אַ וואַלד. ס׳זענען באַלד אָנגעקומען 12 דייטשן אויף פערד. זיי האָבן אַרעסטירט דעם מילנער און אים שטאַרק געפּייניקט, הלמאי ער האָט אויסבאַהאַלטן יידן. ער האָט געשוואָרן, אַז ער ווייסט ניט פון גאָרניט, און די דייטשן האָבן אים אָפּגעלאָזט.

דערווייל האָבן זיך דערנענטערט די טעג פון באַפרייונג. ס׳איז געווען בלויז 6 וואָכן פאַר דער באַפרייונג דורך די סאָוויעטן. אויף די פעלדער איז שוין געשטאַנען די תבואה, אַ האַלבן מעטער די הויך, און מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די זאַנגען.

זעענדיק, אַז דער סאָוויעטישער פראָנט דערנענטערט זיך צו ציעכאַנאָוויעץ, האָבן מיר אויסגעגראָבן אַ גרוב נעבן נורעץ, אַנטקעגן אַ מיהלכל אסופקא, וועלכעס געפינט זיך אויף יענער זייט טייך. ווען מיר זענען אַריין אין גרוב, האָבן מיר באַמערקט, אַז די דייטשן שפּיאָנירן דעם פּלאַץ נעבן אונז, כדי צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די סאָוויעטן, וואָס זענען געגאַנגען פאָרווערטס מיט אַ שנעלן טעמפּאָ.

ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און די דייטשן זענען צוגעטראָטן גראָבן אָקאָפּעס נעבן אונזער גרוב און אַוועקשטעלן מאַשין־געווער איבער אונזערע קעפּ. מיר זענען זיכער געווען אַז מיר זענען פאַרלוירן. אָבער, ווי אַ מלאך פון הימל האָט זיך אָנגערופן אַ דאַרער, בלאָנדער דייטשער אָפיציר (כ׳האָב אים געזען דורכן אַריינגאַנג פונעם גרוב), אַז דער פּלאַץ איז איסטראַטעגיש ניט פּאַסיק, ווייל ביים שיסן וועט מען טרעפן אין

מיהלכ׳ל און דאָס וועט שטערן צו דערגרייכן דעם ציל. דערפאַר שלאָגט ער פאָר, אַז מ׳זאָל זיך אָפּרוקן עטלעכע מעטער, כדי אויסמיידן דאָס מיהלכ׳ל. און אַזוי איז טאַקע געשען. 12 מעת־לעת האָט זיך געצויגן דער קאַמף און די גראַנאַטן זענען גע־פלויגן איבער אונזערע קעפּ. אין גרוב האָבן מיר געהאַט בלויז 15 ציבעלעס, האָבן מיר באַשלאָסן אַז די ציבעלעס זאָלן זיין בלויז פאַרן קינד. מיר האָבן אויסגעגראָבן אין גרוב אַ קליין גריבעלע און ס׳איז אָנגעקומען וואַסער. פון דעם וואַסער מיט די ווערים האָבן מיר זיך „דערנערט" די 12 מעת־לעת.

אַ פרייטאָג צו־נאַכטס, דעם 18־טן אויגוסט 1944, דריי בייַנאַכט, האָבן מיר דערהערט, אַז די דייטשע האַרמאַטן האָבן אויפגעהערט צו שיסן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס׳קומט פאָר אַ גרויסע ענדערונג: אָדער די דייטשן גייען פאַראויס, אָדער זיי אַנטלויפן. יעדעס מאָל איז די שיסערייַ נעבן אונז שוואַכער געוואָרן, ביז זי האָט זיך אינגאַנצן איינגעשטילט.

מיט אַמאָל האָבן מיר דערזען ווי אויפן טייך נעבן אונז בויט מען אַ בריק און מ׳רעדט רוסיש. גלייכצייטיק האָבן מיר דערזען, אַז מענער און פרויען באָדן זיך אין נורעץ, מוזיק שפּילט און איינער זאָגט: „טאָוואַרישטש קאָמאַנדיר!" האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די רוסישע אַרמיי. ס׳איז געוואָרן טאָג און מיר זענען אַרויס פונעם גרוב. מיר זענען געווען געשוואָלן און ניט געקענט גיין. די רוסן האָבן אונז געבראַכט אין אַ שפּיטאָל אין דאָרף גרודעק און פאַראָרדנט די דאָקטוירים, אַז זיי זאָלן אונז געבן שנעלע הילף.

ווען מיר האָבן זיך געשטעלט אויף די פיס, זענען מיר אָנגעקומען צוריק קיין ציעכאַנאָוויעץ. די מיהל איז געווען פאַרברענט. אונזער וווינונג איז געווען באַזעצט דורכן סאָוויעטישן גענעראַל־שטאַב. ווען כ׳בין אַריין אין גענעראַל־שטאַב, האָב איך באַמערקט ווי אייניקע אָפיצערן האָבן שטאַרק געוויינט קוקנדיק אויף אונז. דאָס זענען געווען יידישע אָפיצערן.

אין אָנפאַנג האָבן מיר ניט געטראָפן קיין יידן. אָבער, באַלד האָבן זיך באַוויזן יאָסל און לייבל סלאַוואַטשיק, די פאַמיליע חזן, וועלוול פּטאַשעק, בערעלע מאַנטשאַר, ליפּשיץ און נאָך אייניקע. מיר האָבן אָנגעפאַנגען טראַכטן וועגן עקזיסטענץ. אַזוי ווי די טורבינע פון אונזער פאַרברענטער מיהל איז געבליבן גאַנץ, האָב איך פון אַ פּאָר פאַרברענטע מאַשינען געמאַכט איין מאַשין. מיט דער הילף פון די סאָוויעטן האָב איך באַקומען האָלץ און אויסגעבויט אַ קליין מיהלכ׳ל. כ׳האָב געדענקט, אַז כ׳וועל האָבן פון דעם פרנסה, אָנזאַמלען געלט און אַוועקפאָרן.

דעם ערשטן שבת ווען די מיהל האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן, איז אַריין צו

מיר אַ קריסט, אַ בעטלער, און געבעטן אַ נדבה. כ׳האָב גענומען אַ שופלע מעהל און אים געגעבן. דער בעטלער האָט מיר אַרומגענומען און געזאָגט אין דער אָנוועזנהייט פון פיל פּאָליאַקן: כ׳גיי פון גראַיעווע און פון קיין שום פּאָליאַק האָב איך ניט געקראָגן, וואָס כ׳האָב באַקומען פון דיר, אָרעמער ייד. ער האָט געדרוקט מיין האַנט און געזאָגט: ווען איר, יידן, האָבן געלעבט, האָבן מיר אויך געלעבט. יעצט האָבן מיר, אָרעמע פּאָליאַקן, קיין פּלאַץ אויף דער וועלט. ער האָט מיר שטאַרק געדאַנקט און געוואָלט אַוועקגיין. הערנדיק די רייד, האָבן די פּאָליאַקן גענומען שלאָגן דעם אָרעמען פּאָליאַק און שרייען: „דו זשידאָווסקי פּאַכאָלעק" (מה־יפית׳ניק). דער אָרעמער פויער האָט גע־שוויגן און איז אַוועק.

אויפן צווייטן שבת האָט זיך דער בעטלער אומגעקערט צו מיר, אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע דריי גראַנאַטן און געזאָגט: ייד, אַנטלויף פון דאַנען! כ׳קום יעצט פון אַ פאַר־זאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אַ מיהל אין דאָרף קוצ׳ין און כ׳האָב מיט מיינע אייגענע אויערן געהערט און מיט מיינע אויגן געזען אַ פאַראָרדענונג, וואָס ס׳האָבן באַקומען צוויי שקצים פון דער A. K. צו הרגענען דיך מיט יאָסל סלאַוואַטשיק. און דער בעטלער האָט צוגעגעבן: „כ׳גיי ניט אַוועק פון דאַנען, ביז דו וועסט זיך ראַטעווען. כ׳וויל ניט זאָלסט פאַלן אַ קרבן. אין אַ שעת־סכנה וועלן דיר די דריי גראַנאַטן שיצן".

מיר האָבן זיך באַלד פאַרקליבן אויף אַ סאָוויעטישער מאַשין און אַוועק קיין ביאַליסטאָק. אין זעלבן אָוונט ווען מיר זענען אַוועק, זענען אָנגעקומען פון דאַניר אַ ברודער מיט אַ שוועסטער אין מיין וווינונג, כדי צו זיין צוזאַמען מיט די לעבנגעבליבענע ציעכאַנאָוויעצער יידן. ווען זיי האָבן מיך ניט געטראָפן, האָבן זיי זיך געלייגט שלאָפן אין די בעטן. ביינאַכט זענען אַריין די A. K.־רויבער און זיי דערמאָרדעט.

אין ביאַליסטאָק האָבן איך, ראובן חזן, ראובן בוטשקעוויטש, מיין ברודער יוסף און אַלטער דרזעווקא אויפגעעפנט אַ געשעפט פון זאַלץ און צוקער. דאָס געשעפט איז געגאַנגען ניט שלעכט. די פּאָליאַקן האָבן אונז ניט פאַרגינען און פאַרמסר׳ט דער רעגירונג. איינמאָל, קומענדיק פון וואַרשע, איז צוגעקומען צו מיר מיין פרוי׳ס אַ חבר פון קנישין, משה שוסטער, וועלכער איז געווען וויצע־קאָמענדאַנט פון דער פוילישער שוץ־פּאָליציי, און מיר געזאָגט, אַז כ׳בין אין דער רשימה פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר, ווייל כ׳פאַרנעם זיך מיט עקאָנאָמישן סאַבאָטאַזש. און אויב כ׳וועל ניט באַלד אַנטלויפן — מוז ער מיך אַרעסטירן. כ׳האָב אַלץ איבערגעלאָזט און אַנטלאָפן קיין לאָדזש, זיך באַהאַלטן ביים לאָדזשער רב, רב אברהם, מיין יעצטיקן שווער׳ס אַ חבר פון דער ישיבה. ער האָט מיך באַהאַלטן אין אַ שאַפע צווישן וועש, ווייל ער האָט געוווּסט אַז מ׳וועט קומען מיך זוכן.

און טאַקע, ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, איז ביי מיין שוועסטער מלכה, וועלכע האָט געוווינט אין לאָדזש, פאַרהייראַט מיט יוסף סלאוואטשיק — פאָרגעקומען אַ רעוויזיע. מ׳האָט מיך געזוכט. זי האָט געטענה׳ט, אַז זי ווייסט גאָרניט, און מ׳האָט איר אָפּגעלאָזן. אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען געקומען אַלע ציעכאַנאָוויעצער יידן פון ביאַ־ליסטאָק קיין לאָדזש. מיר האָבן באַקומען אַ קאָנטאַקט מיט די שליחים פון דער מחתרת, וועלכע האָבן אונז געבראַכט צו דער טשעכישער גרענעץ. פון דאָרט — קיין עסטרייך און דייטשלאַנד אין לאַגער וואַלדשטאַט ביי פּאַקונג.

מיר זענען געווען אַ משפּחה פון 10 קינדער. לעבן זענען געבליבן איך, מיינע ברידער חיים און יוסף און די שוועסטער טויבע און מלכה. אומגעקומען זענען די ברידער יצחק־שמעון, הערש־וועלוול, משה און שלמה און די שוועסטער שיינע־פייגע.

וועלוול פטאשעק
(חיפה)

די שחיטה אין פּאָביקרע

פאַר זייער אַריינמאַרשירן האָבן די דייטשן באַשטורעמט ציעכאַנאָוויעץ מיט גרויסע האַרמאַטן. די שראַפּנעלן זענען געפאַלן אויף יידישע הייזער און געבראַכט מיט זיך אַ גרויסן חורבן.

דעם 23־טן יוני 1941 איז מיין ברודער יצחק געגאַנגען קיין וויכטאזשין זוכן מיין מוטער. דורכגייענדיק צווישן דער תבואה, האָט אים אַ דייטש אַנטדעקט און געבראַכט קיין ווישאָנג. מ׳האָט אים געצוווּנגען אויסגראָבן מיט זיינע אייגענע הענט אַ גרוב נעבן קאָשצ׳יאָל, און מ׳האָט אים דאָרט דערשאָסן. אין צוויי וואָכן אַרום איז געקומען צו מיר דער שומר פון די בריקן און אָנגעזאָגט די טרויעריקע בשורה, אַז מיין ברודער איז טויט און זיין קערפּער וואַלגערט זיך אין אַ אָפענער גרוב. כ׳בין באַלד אַוועק קיין ווישאָנג, צונויפגעזאַמלט אַ מנין יידן און געבראַכט מיין ברודער צו קבר ישראל.

דאָס לעבן אין שטעטל איז געוואָרן פינסטער און מרה־שחורה׳דיק. פינף אַ זייגער פאַרטאָג האָט מען זיך געמוזט צושטעלן צו דער אַרבעט, וואָס איז באַשטאַנען פון טראָגן שווערע שטיינער פון איין אָרט צום צווייטן, אויפגראָבן און פאַרשיטן ליימיקע גריבער און אַנדערע ענלעכע אַרבעטן. ביי דער אַרבעט פלעגט מען קיין עסן ניט געבן, און צאָלן פלעגט מען מיט שטאַרקע קלעפּ, אַזוי אַז די פאַרפּייניקטע יידן זענען געווען, ממש, „גליקלעך“, ווען דער אַרבעטס־טאָג האָט זיך געענדיקט.

אַ געוויסן פרימאָרגן האָבן די רוצחים דערמאָרדעט חיים בוטשקעוויטש׳ן, ווייל מ׳האָט אים באַשולדיקט אין קאָמוניזם. מ׳האָט אויך געהר׳געט פסח זלאטאלאוו׳ס זון, ווייל מ׳האָט אים חושד געווען אַז בחדרי־חדרים לייענט ער קאָמוניסטישע ליטעראַטור. מיט איטשע זעליזער׳ס אַ יינגל האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ שרעקלעכע טראַגעדיע. מ׳האָט אים געפּאַקט אַרויסטראָגן פונעם געטאָ עטלעכע שטיקלעך סחורה צום פאַרקויפן. האָט מען אים געבונדן, פאַרדרייט די הענט אויף הינטן, און אין אַזאַ טרויעריקער לאַגע האָט ער זיך געפּייניקט גאַנצע 7 וואָכן. דערנאָך האָבן די רוצחים אים אַ „טובה“ געטאָן און אים דערשאָסן.

מיט דער רציחה האָבן זיך פאַרלויפיק אָפּגעשטעלט די הריגות. מ׳האָט אַרויפ־

געלייגט שווערע קאָנטריבוציעס אויף דער יידישער באַפעלקערונג. ס׳האָט געהערשט אַ גרויסער הונגער אין געטאָ. די יידן האָבן אויספאַרקויפט די קריסטן וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט פאַר אַ בלויז שטיקל ברויט. אָבער, ס׳האָט ניט גענוגט און מ׳האָט מיט גרויסע געפאַרן אַריינגעבראַכט פּראָדוקטן פון דרויסן. אין געטאָ האָט מען קיין פּראָדוקטן ניט געטאָרט אַריינטראָגן. פאַר אריינטראָגן עסנוואַרג דורך די צוימען האָט מען זאָפאָרט באַשטראָפט מיט טויט־שטראָף. די שפּייז האָט מען געקאָנט ברענגען נאָר לויט אַ קאָנטיגענט, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן דורכן דייטשן בירגערמייסטער. דאָס אַריינלאָזן פון קאָנטיגענט איז געלעגן ביים פּאָליאַק פּשטשאַלקאָווסקי אין די הענט, וועלכער פלעגט נאָר אַ קליינע טייל פּראָדוקטן אַריינשיקן אין געטאָ. די גרעסערע טייל פלעגט ער פאַרקויפן די פּאָליאַקן זאָגנדיק, אַז די יידן האָבן גענוג צו עסן.

דעם 31־טן אָקטאָבער 1942 האָט דער יודנראַט געמאָלדן, אַז מ׳מוז גיין קיין פּאַביקרע אויסהאַקן בוימער פאַרן סטאַראָסטע. צו דעם צוועק דאַרף מען צושטעלן 240 בחורים און 20 מיידלעך. מ׳האָט שוין צוגעגרייט 13 גרויסע צימערן, צי 20 מענשן אין יעדן צימער. בראש פון די 260 יוגנטלעכע איז געשטאַנען דער קאָמענדאַנט דוד טרייבאַטש. מיט אים זענען מיטגעפאָרן אַלטער שמאַקאָווסקי פונעם יודנראַט און עטלעכע יידישע פּאָליציאַנטן. מ׳האָט אונז מיטגעגעבן אַ גרויסן קוואַנטום פון קאַרטאָפל און ברויט. אַלץ האָט געמאַכט דעם רושם, אַז מ׳שיקט אונז, באמת, צו דער אַרבעט און אויף אַ לאַנגער צייט.

צומאָרגנס, פינף אַ זייגער פאַרטאָג, האָבן מיר דערהערט אַ געררויש וואָס האָט זיך דערנענטערט צו אונז. אינסטינקטיוו זענען מיר אַלע צוגעלאָפן צו די פענסטער און דערזען, אַז באַוואָפנטע דייטשן מיט פּוילישע פּאָליציאַנטן דערנענטערן זיך צו אונז. מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען פאַרלוירענע. די דייטשן האָבן פאַר־שלאָסן פון דרויסן אַלע צימערן. דערנאָך האָבן זיי געעפנט דאָס ערשטע צימער, אַרויס־גענומען די 20 פּערזאָן און זיי צוגעפירט צום פּאַלאַץ, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ טיף וואַסער און צו וועלכן ס׳האָט געפירט אַ שמאָל בריקל. ווען מ׳האָט געפירט די ערשטע גרופּע האָט דוד טרייבאַטש געפרעגט אַ דייטש, וואָס איז געשען? מ׳האָט דאָך געזאָגט אַז מ׳פירט אונז צו אַ לאַנגער אַרבעט. האָט דער דייטש געענטפערט, אַז ס׳איז דערהאַלטן געוואָרן אַ דרינגענדע ידיעה, צו ברענגען אונז שנעל צוריק קיין ציעכאַנאָוויעץ, ווייל ראמאנוס דאַרף דורכפירן אַ וויכטיקע אַרבעט און ס׳פעלן אים אויס אַרבעטס־כוחות.

דערווייל האָט מען אויסגעליידיקט אַלע הדרים און קאָנצענטרירט די געפאַנגענע נעבן פּאַלאַץ — צו פינף פּערזאָן אין יעדער שורה. ווען מיר זענען געשטאַנען אויס־געשטעלט אין רייען זענען צוגעגאַנגען צו אונז די רוצחים און האָבן די ערשטע ריי און

די לעצטע ריי געבונדן מיט שטריק האַלז צו האַלז, און די זייטיקע רייען האָט מען צונויפגעבונדן די הענט אַזוי, אַז ס׳האָט זיך געשאַפן אַ פאַרמאַכטער קאַסטן. שטייענדיק אַזוי געבונדן ווי שעפסן וואָס וואַרטן אויף דער שחיטה, איז צוגעגאַנגען אַ פּאָליציאַנט מיטן נאָמען פראקאפּ צו בערל וואינאַװיטש, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר און מיט גרויס פאָרזיכט אַריינגעלייגט אין זיין האַנט אַ קליין מעסערל, אים איינגערוימט אַ סוד, אַז מ׳גייט אונז שיסן, און געראָטן אַז ווי נאָר מ׳וועט אונז דורכפירן דורכן בריקל זאָלן מיר איבערשניידן די שטריק און אַמשנעלסטן אַנטלויפן.

מ׳האָט אונז צוגעפירט ביז צו דער ציגיעלניע פון פאביקרע, באַגלייט דורך 7 באַוואָפנטע דייטשן און 20 פּוילישע פּאָליציאַנטן. צוקומענדיק צום באַשטימטן פּלאַץ, האָבן די דייטשן באַפוילן די פּוילישע פּאָליציאַנטן אַז זיי זאָלן זיך אָפּרוקן אין אַ זייט, און באַלד האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי. בערל וואינאַװיטש האָט ניט פאַרלוירן זיין מוט און באַלד איבערגעשניטן די שטריק. מיר האָבן אָנגעהויבן לויפן מיט איבער־מענטשלעכע כוחות. ס׳איז געווען צווישן אונז אַ וואָלקאָוויסקער בחור, וואָס האָט געהאַט ביי זיך אַ סיגאַרעטן־צינדער, האָט ער אים אָנגעצונדן און אַריינגעוואָרפן אין שטרוי, וואָס איז געלעגן אויפן פעלד. באַלד האָט אונז איינגעהילט אַ געדיכטער וואָלקן־רויך. די רוצחים האָבן פאַרלוירן אונזערע טריט, און דאָס האָט אונז געראַטעוועט. 51 מאַן האָט געלונגען צו אַנטלויפן.

מיר זענען אַוועק אַ וועלכע 20 קילאָמעטער פון פּאביקרע. אינעם דאָרף קאַנאַרעס האָב איך מיך געטראָפן מיט מיינע עלטערן און מיינע שוועסטער. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אויפן אָרט, ווייל דער גוי וואָס האָט אונז אויסבאַהאַלטן האָט זיך באַצויגן צו אונז פריינטלעך. איינעם אַ אָוונט איז געקומען צו מיין מוטער דעם וואָיט׳ס פרוי און מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן, אַז מיר זאָלן באַלד פאַרלאָזן דאָס פּלאַץ, ווייל די דייטשן האָבן זיך דערוווּסט אַז יידן באַהאַלטן זיך אינעם דאָרף. מיר זענען באַלד אַוועק אין דאָרף ליניעוואַ. מיט אַ טאָג שפּעטער זענען געקומען די דייטשן צום גוי, ביי וועלכן מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, און אים מורא׳דיק געשלאָגן, ער זאָל אויסזאָגן ווו מיר געפינען זיך. דער גוי האָט געלייקנט און געטענה׳ט, אַז ער האָט אונז בכלל ניט געזען. די דייטשן האָבן אים פאַרשיקט אין אַ לאַגער און אים דאָרטן אַזוי געפּייניקט, אַז אין אַ קורצער צייט איז ער געשטאָרבן.

אין ליניעווע האָבן זיך מיינע עלטערן און מיין שוועסטער געפילט מעהר ווייניקער זיכער. כ׳האָב מיך אַרומגעדרייט אין די אַרומיקע דערפער צו זוכן לעבנ־געבליבענע ציעכאַנאָוויעצער יידן. קומענדיק אין דאָרף זאַוויסטאַ, האָט מיר דער וואָיט געזאָגט, אַז שיינדל סעהר באַהאַלט זיך אויס ביי אים אין שטאַל מיט נאָך אַ פרוי. די ערשטע טרעפונג מיט איר האָט געמאַכט אויף מיר אַ שווערן איינדרוק. שיינדל איז

געלעגן אויף אַ בוידעם זעהר אַ טרויעריקע און אַנטוישטע. כ׳האָב איר געבעטן זי זאָל גיין מיט מיר, ווייל ס׳דראָט איר אַ גרויסע סכנה אין דעם באַהעלטעניש. זי האָט מיר ניט געפאָלגט, ווייל די פרוי, מיט וועלכער זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן, האָט איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט איר אויסאַרבעטן אַ דאָקומענט, וואָס וועט עדות זאָגן, אַז זי איז אַ פויליש מיידל.

קומענדיק אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, האָט מיר דעם וואָיט׳ס פרוי געזאָגט, אַז איר מאַן האָט איבערגעשיקט שיינדלען צו אַ קריסט אינעם דאָרף טריניעס. כ׳בין גלייך אַוועק אַהין. שיינדל האָט מיך געבעטן, כ׳זאָל איר אַריבערפירן אין דאָרף טשאַאי. איר פאָטער האָט אַ מאָל געקויפט אַ הויף אין דעם דאָרף, און זי איז געווען זיכער אַז די דאָרטיקע גויים וועלן זי אויסבאַהאַלטן. און כך הוה: זי האָט זיך טאַקע אויסבאַהאַלטן אין דעם דאָרף ביי אַ באַקאַנטן קריסט אַ גאַנצן מאָנאַט. צו איר אומגליק האָבן די שכנים איינגעזען, אַז זי איז אַ יידיש מיידל. מ׳האָט זי אַוועקגעפירט אין דאָרף רידקי און איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשן. דאָרט איז זי עולה געווען אויף קידוש־השם.

דער סוף פון מיינע עלטערן איז אויך געווען דער זעלבער. מיין מוטער איז דערמאָרדעט געװאָרן אין ליניעווא. מיין פאָטער איז געלונגען צו אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין פאַרשידענע באַהעלטענישן. אָבער, אַ גוי האָט אים געכאַפּט און געבראַכט אַ „מתנה" די דייטשן. פאַר דער „מתנה" האָט ער באַקומען 2 קילאָ זאַלץ. איך בין אַוועק אין דאָרף זלאטקי. דאָרט האָב איך געטראָפן מיין שוועסטער רחל, איר מאַן ראובן־יוסף חזן און זייערע דריי קינדער. מיר זענען דאָרט געווען ביי אַ גוי ביז דעם 13־טן יולי 1944, ביז צו דער באַפרייונג. מיין שוועסטער איטקע לעבט ביז היינטיקן טאָג אין ביאַליסטאָק. די שוועסטער רחל מיט איר מאַן און קינדער געפינען זיך אין אַמעריקא.

אסתר קליינוט (גולדברג)
(קרית ביאליסטוק)

מחזות אֵימִים ותופת

במוצאי־שבת של חודש יוני 1941, באַשמורת האחרונה של הלילה, שמענו רעש מחריש אזנים של אוירונים. כולם נחרדו ממיטותיהם ויצאו החוצה, בהולים ואחוזי־אימה, לראות מה קרה. כאור היום החלה הרעשה כבדה וחרדה גדולה נפלה עלינו. הבינונו, שפרצה מלחמה, על־אף האַשליות שהשלו אותנו הקצינים הסוביטיים, שאלה הם תמרונים בלבד.

תחת מטר־כדורים ופגזים מתפוצצים נמלטנו — אמי, שלוש אחיותי, אחי ואנוכי — לכפר קוצ׳ין. מרחוק ראינו שעיירתנו עולה באש. אחוזי בעתה הסתתרנו כל הלילה בשדה, מוסוים ע״י השבלים. בבוקר ראינו את תושבי קוצ׳ין הולכים בסך וזרי־פרחים גדולים בידיהם. כך קיבלו הם את קלגסי־היטלר. הבינונו, שהצורר הגדול כבש את עיירתנו.

לעת ערב חזרנו לציחנוביץ. „נײ־שטאָט״ היתה רובה ככולה שרופה באש, וליד המשואות העשנות התגוללו הרבה קרבנות־אדם.

מיד עם כניסתם גזרו הנאצים את הגזרה בדבר עניבת ה„מגן־דוד״ הצהוב על היד השמאלית, כסימן היכר המבדיל בין יהודי לנוצרי, וסמוך לגזירה זו נכלאו היהודים בשני גיטאות. בביתנו שבגיטו סודר „מנין״ והיהודים התפללו תפילת „מעריב״ בלבד, כי מהנץ החמה עד שקיעתה הועבדו בעבודת כפייה, שהיתה מלווה מכות רצח והתעללויות נוראות.

פעם, בשעת התפילה, הוקף הבית ע״י שוטרים, ובאלות גומי שבידיהם הכו את המתפללים, כנסו אותם בתוך מחסן אפל וצחון, וכך הוחזקו שעות מספר. כשהוצאו משם, הלמו השוטרים על ראשיהם בקתות־הרובים ודשו את בשרם בפרגולים. מוכים, פצועים וזבים דם חזרו האומללים לבתיהם.

ימים אֲחדים אחרי מחזה־אימים זה, בשבת אחר־הצהרים, נחטפו אחי ועוד כמה יהודים לעבודה. חרדנו לשלומם. סמוך לחצות חזר אחי ובקול־נכאים סיפר לנו, שהוא והיהודים האחרים, נלקחו לחפור קברים ע״י הטחנה של מאַריסקי, במקום שנקרא „קאָזאַרער קארטשעס״. האדמה היתה קפואה ובדי עמל רב נחצבו הקברים. הבינונו, שבדעת הרוצחים להוציא יהודים להריגה. ואמנם, בבוקר ראינו מכונת־משא נוסעת

בכוון הבורות שנחפרו ובה עמדו צפופים ודחוקים משה זלוטולוב, יצחק־אריה לין ובניו חיים־הערשיל ומשה, יצחק זליזה, פייבל ווארטשין, שעפסיל קשעמיען ומולקה ראַגאַווע.

כשנודע הדבר, שהם מובלים לשחיטה, עלו ברכה, אשת משה זלוטולוב, ילדה ואנוכי, על עליית הגג, כדי לראות את האומללים בדרכם האחרונה. מרחוק ראינו את זלוטולוב פוכר ידיו וממרר בבכי. מקול הברתו שהגיע לאזנינו הדהדה קריאת־יאוש: יהודים, הצילו!

גורל יהודים אלה עד שהומתו היה אכזרי מאוד. רומנוס כלאם בכלא כמה שבועות. מדי בוקר בבוקר הוציאם למגרש לתרגילי „התעמלות", כביכול, ובשעת התרגיל דקר בשרם בפגיון ושיסה בהם כלבים רעים, שהתנפלו עליהם ותקעו בבשרם שיניהם החדות.

בין הכלואים נמצאו גם האחים מאַנעס ושלמה לב. בוקר אחד, כשהוצאו למגרש ה„התעמלות" — גיא החזיון לעינויי־תופת — אמר מאַנעס: „תמות נפשי עם פלשתים", התנפל על רומנוס, החל לחנוק אותו וביקש להוציא מידיו את הרובה האוטומטי, כדי לפלח במטח־כדורים את ראש העריץ הנורא הזה. אולם, הרוצח התאושש, הפעיל נשקו ותקע בגופו של מאַנעס עד הכדור האחרון. שלמה שוחרר, על־פי נס, מבית־הסוהר והובל אחר־כך יחד עם כל יהודי עיירתנו לטרבלינקה.

בשניים בנובמבר שנת 1942 פשטו שמועות, שהגיעו לעיירה הרבה אנשי ס. ס. ועמהם כמויות עצומות של חבלים. היה זה אות מבשר רעות. ואמנם, בשעות המוקדמות של הלילה החלו אנשי הגיסטאפו לירות יריות הפחדה. כולם התלבשו אחוזי בעתה. כל הגיטו עמד על רגליו קשוב ודרוך. כשרובו של הלילה עבר בשלום, התנחמו היהודים שהיו אלו יריות בעלמא ואין לייחס להן חשיבות מיוחדת. אולם, עוד אנו יושבים ומרגיעים את עצמנו, שמענו יריות שהלכו ותכפו. כל הכלואים רצו לגדר במטרה לפרוץ אותה ולהימלט. אולם, הרוצחים קצרו ברובים האוטומטיים שבידיהם על ימין ושמאל. הצלחתי להימלט תחת מטר הכדורים השורקים. מול הגיטו עמד ביתו של אברהם חזן. ביקשתי להסתתר בו, אולם הגויה שירשה אותו גרשתני משם.

הורדתי מעלי את הטלאי הצהוב והלכתי לטחנת מאליסקי, שעמדה בקירבת חורשה. צנחתי תחת אחד העצים, ומחשבות נוגות עינו אותי: אנה אברחה מפני רוצחים אלה? אשת מאליסקי רחמה עלי, הכניסתני לאורווה והאכילתני. בשבתי חבויה בתוך התבן, הגיעו לאזני קולות מחרידים מכוון הגיטו. מסתבר, שהגרמנים ועוזריהם הפולנים עקדו את היהודים בחבלים והטילום לעגלות כשה לטבח יובל.

עודני יושבת והוגה נכאים על גורלם המר של יקירינו, התקרבו אלי שתי נשים, כשהאחת מחזיקה ילד בזרועותיה. היו אלה אשת רופא־הילדים באַיער וילדה ומישע איינבינדר.

כרופא נהנה ד״ר באַיער מחופש יחסי והתגורר מחוץ לגיטו, אולם על אשתו אימה גזירת ההשמדה. אשת הרופא בקשה את מאַליסקי למסור מכתב לבעלה בדבר מקום הימצאה. הגוי מסר את המכתב לתעודתו וכעבור זמן קצר חזר יחד עם הרופא. מאַליסקי רתם עגלה והוביל את הרופא ואשתו לאחד ממכריו. משם הגיעו לורשה בתעודות אריות. הוא נשאר בחיים, אולם אשתו וילדם נספו בשעת חיסול גיטו ורשה.

נותרתי לבדי עם מישע. טעמנו ממוראות החיים במרתף של חורבה אחת בקרבת היער. בבוקר שרכנו דרכנו על פני שדות ויערות. הלכנו מכפר לכפר, בקשנו פת־לחם, מים והתחננו שירשו לנו להתחמם, כי הקור גדול היה. בבית אחד בישר לנו גוי בשורת איוב, שבמו־עיניו ראה שיירה ארוכה של עגלות טעונות יהודי ציחנוביץ עושה דרכה לתחנת צ׳יז׳ב.

בדרך נדודינו פגשנו הורי וועלוול פטאַשק, שמצאו מחסה בכפר אוגוסטין. הגענו לכפר זלוטקי ונכנסנו לבית גוי אחד בשם קאַמינסקי שהוחזק כאוהב־ישראל. לאמתו של דבר היה אַנטישמי מוסווה וידיו נגואלו בדם יהודים. הוא סיפר לנו שבביתו מצאו מחסה מאַטעס הספר (חתנה של מישע לב מ״ניי־שטאַט״) ואברהם גונשק. ביקשנו לראותם, אך קמינסקי לא נענה לנו, באמרו שאין זה לטובתם, כי עלולים לגלותם. אולם, כדי שלא נטיל ספק בצדקת דבריו הצביע על זוג מגפים ואמר, שאלה הם מגפי מאַטעס, החבוי במקום סתר. בדברו דברים אלה, לא ידעתי, עדיין, שמאַטעס כבר לא היה בחיים, שהרי קמינסקי חנק אותו במו־ידיו. לאחר מכן ספר לי שכנו של קאַמינסקי, סטאַ־קובסקי, שהיה אחד מחסידי אומות העולם סיפור־אימים כזה: עם חיסול הגיטו, נמלט מאַטעס לקאמינסקי ואמר לו, שהוא הטמין בבור כלי־כסף, תכשיטים ובגדים, והוא נכון למסור בידו כל העושר הזה, אם יאות להסתירו עד סוף המלחמה.

קאמינסקי הצטלב ונשבע בשם ה״שילוש הקדוש״, שיסתירהו וישמרהו בביתו עד בוא הגאולה. בליל־אופל רתם קאַמינסקי את סוסיו ונסע יחד עם מאַטעס לציחנוביץ. הם הטעינו את כל כלי־היקר וחזרו לכפר. קאַמינסקי הסתיר את מאַטעס בחדר סמוי והצהיר בחגיגיות: כאן תשב עד שוך הקרבות. אולם, שלושה ימים לאחר מכן הוציאו ממחבואו, הכניסו לגורן, כרך חבל על צוארו וחנקו. השליך את גופתו לשדה והלך וסיפר למשטרה, שבמו־ידיו הרג יהודי. בעד ״גבורה״ זו הוענק לו פרס 2 קילו סוכר.

כשכילה סטאַקובסקי את סיפורו המחריד אמר לנו, שטוב נעשה אם נסתתר בביתו, בו מצאו מחסה כמה יהודים. הלכנו אצלו ומצאנו את שפרה צ׳ארני (יתומה, שגדלה בבית הערשיל יסקולקה), את האחיות רחל ומינה אולשק, (מוצאן היה מזרמבה קושצ׳ילנה והן באו לעיירה עם כניסת הסוביטים לציחנוביץ), את שלום הזגג ואת צביה לב. הודיתי לגוי על טוב לבו, כי ביקשתי להמשיך בדרכי בתקוה להגיע לפרטיזנים.

שפרה וצביה הצטרפו אלי ולמישע איינבינדר ויחד נדדנו. היסורים היו קשים

מנשוא. לבושות היינו בגדי קיץ קלים, והקור דקר את הגוף כבמחטים. אוכל לא בא לפינו והיינו מלקטות עשב יבש, שהזדקר מהאדמה הקפואה.

משכלו העשבים בשדות — התפצלנו. אני נשארתי עם מישע איינבינדר, ושפרה צ׳ארני נשארה עם צביה לב. שתי הנערות ישבו בשדה ועסקו במעשה רקמה, שתמורתה קבלו פת קיבר ומים. אולם, לא ארכו ימי שבתן. יום אחד התנפל עליהן גוי אחד, את האחת חנק בכפיו הגרמיות ואת ראש השנייה מלק בגרזן שבידו.

בהודע לנו מה עלה בגורל שתי הנערות, חזרנו נרעשות ונפחדות לבית סטאקובסקי. שם מצאנו את אברהם גונשק. הוא סיפר לנו, שקאמינסקי ביקש להרגו, אך הצליח להימלט מפניו. גונשק נראה עצוב ומדוכדך מאוד. החיים נמאסו עליו. ערב אחד הופיעו קאַמינסקי והסולטיס ודרשו מסטאַקובסקי להסגיר בידיהם את גונשק. הוא הצליח להימלט ממבקשי נפשו בדלת אחורית ומאז לא הוספנו לראותו.

חוויה גדולה היתה לי פגישתי בבית סטאקובסקי עם הגברת חזן ושלושת ילדיה יצחק, אסתר ואריה. פעם, בליל שבת, יצאה גברת חזן ויצחק בנה לבקש לחם. אסתר נשארה אתנו בשדה. פתאום שמענו מרחוק קולות בכי ותחנונים של גברת חזן: אדונים רחימאים, בשם האלוהים, רחמו עלי, אל תירו בי, אם אני לשלושה אפרוחים קטנים. יצחק הצטרף לבכי אמו והתחנן בדמעות: הרגו־נא אותי, אנשים טובים, קחו נשמתי, הניחו בחיים את אמי היקרה. אולם, חיות־טרף אלו לא שעו אל תחנוניו ואל בכיו. שמענו יריה ונדם קולו של יצחק, יריה שניה — ונדם קולה של הגברת חזן.

בשמוע אסתר בכי האם התפרצה בבכי מר. סתמתי פיה לבל ישמע קולה, כי סביבנו שרצו רוצחים. אריה היה חבוי תחת ערמות שחת. לשמע היריות, החל לרוץ נרעש ונפחד לכוון הכפר כדי לראות שלום אמו ואחיו. ברוצו נתקל בגוויותיהם שעדיין חמות היו. הוא זעק זעקה מחרידה וקונן: אמי, אמי היקרה! מי יתן מותי אני תחתיך! אמא היקרה, על מי עזבת אותי?

המצב הלך והחמיר. הרגשנו שאורבים לדמנו, כי החלה לפעול המחתרת הפולנית נגד הגרמנים והרוסים. קראו לה (Armja Krajowa) A. K. ו־N. S. Z. (Narodowe Siły Zbrojne). אם כי כנופיות מרצחים אלו התארגנו לשם מלחמה בכובשים, הרי קודם כל קינחו ידיהם בדם יהודים.

בחודש אוגוסט שנת 1943 מצאנו את האחים לייבל ויוסף סלובצ׳יק. הם ספרו לנו, שמצאו מחבוא בבור שכרוהו ביער. יחד אתם נמצאים יהודה ריץ ובנו שמואל מדאניר, שמואל וווינוביץ׳ ומשה רוזנקרנץ. הבטיחו לנו, לכשירחיבו את הבור יקחונו עמהם. חכינו להם עד בוש. הימים היו ימי־שֶׁלֶף, התבואה נאספה הגורנה והיינו חשופות לכל צר ומתנכל. מצאנו מחסה בתעלות שמשני צדי הכביש. ירדו גשמים שוטפים ונרטבנו עד לשד־העצמות. כשהעריב היום הגענו לכפר אוגוסטין. ליד ביתו של גוי

אחד בשם זאויסטובסקי היה גן. היה בדעתנו להסתתר בו עד שיאור היום. אולם, לפתע פתאום הגיחו מבין העצים שתי מפלצות־אדם ואקדוחים בידיהן. היו אלה אנשי A. K. הם תפסונו בידינו והובילונו לבית זאויסטובסקי. בהכנסנו פנימה הרגשנו, שהועמדנו פנים־אל־פנים נוכח המוות ואין מנוס. מצאנו שם עוד רוצח אחד מחזיק בידו אקדח טעון ופניו נזעמים. החדר היה לוט באפלולית. על השולחן הבהבה פתילית־נפט. אחד הרוצחים התיצב נכחנו כשלוע האקדוח מכוון כלפינו. לחשתי למישע: אלה הם רגעי חיינו האחרונים.

ביקשנו על נפשותינו, אולם הם הכבידו לבותיהם ואמרו, שהיהודים בני־מוות הם, והוציאונו בכוח מהבית.

ליל זוועה היה — חרדת אלוהים! ירדו מטרות עוז. ברקים ברקו. קול הרעמים החריש את האזנים וסופת זעם השתוללה ויבבה. מישע התאוננה בפני, שדם רב ניגר מפניה על בגדיה. היא ביקשה, „לסתום" ברגבי־עפר את הפצע העמוק שנתהוה בראשה מהמהלומות שהמטיר עליה בקת האקדח אחד הרוצחים. הרימונו קול צעקה. קוינו, אולי ישמע קולנו ויחושו לעזרתנו. הרוצחים גררו אותנו לשדה שומם. שם נעצרו ואמרו: פה תהא קבורתכן!

מקובלני מבית־אבא „הבא להרגך השכם להרגו" — לכן נאבקתי עם החמסן בשארית כוחותי. בהאבקי עמו צנחתי על האדמה הרטובה. הלסטים הלם על ראשי בקת האקדח. התאוששתי, כי כוחות שלא מעלמא הדין התעוררו בי, לפתתי בידו והאקדח נשמט ממנה. הוא הזעיק את חברו, שבמרחק מה נאבק עם מישע שהתגוננה בגבורה, על־אף הדם הרב שאיבדה. בראותי שהאקדח נשמט מידו, לא החמצתי את שעת־הכושר והסטתי את עצמי מטווח ראיתו של הרוצח. לאזני הגיע קול הלסטים השני שהודיע, כי גמר כבר עם הז׳ידובקה. משמע, מישע איננה עוד בחיים.

מחמת האפלה נבצר מהרוצחים לאתר את מקומי. הם הדליקו גפרורים, כדי להאיר את השטח, אולם הגשם והסערה כיבום מיד. הם סרקו את השדה, אך למזלי חפשוני בכוון הפוך. בזה האופן התרחקו ממני הרוצחים עד שנעלמו מהאופק. כך שכבתי בשלולית מים ברשות הלילה וזוועותיו. המבול ירד עלי ללא־הפוגה, סופה השתוללה והילכה עלי אימים. לנוגה הברק ניתר לבי ממקומו, כי אורו עלול היה לגלותני. עשיתי דרכי בעקלתון. בבקרו של יום חזרתי לכפר ונכנסתי לבית גוי אחד בשם ביאלי. לשמחתי, מצאתי שם את האח והאחות חזן. הם ששו עלי, כי פשטו שמועות שנרצחתי, משום שראו בשדה כובעי שאיבדתיו תוך כדי ריצה. לבית ביאלי באו האחים סלובצ׳יק, ובראותם אותי חיה ובריאה, דבקה לשונם לחיכם מרוב התרגשות, משל, כאילו שבתי מעולם־האמת. הם לקחו אתם אותי ואת הילדים חזן למחבואם שביער. פעם, ביום ראשון אחד, באה גויה עם ילד ללקט פטריות ביער. בראות הילד את פתח הבור, החל לצווח:

דודה, ז'ידים (יהודים) מסתתרים! ברור היה לנו, שאנו שרויים בצרה גדולה. הוחלט, שאחזור עם הילדים לבית ביאלי.

בשעות הבוקר של ערב יום־כיפור שמענו הד עמום של יריות. הלב ניבא רעות. ברור היה לנו, שהגרמנים גילו את המחבוא ועושים כלה בדרים בו. לצערנו, חששותינו לא נתבדו. הגרמנים הקיפו את הבור והמיתו את שמואל ווינוביטש, משה רוזנקרנץ, שמואל (בנו של יהודה ריץ) ונערה מהעיר לַאכַאווע בשם גניה.

חזרתי למיטיבי ואיש חסדי סטאקובסקי. לצערי הגדול, כבר לא מצאתי יהודים בביתו. הסתתרתי אצלו עם הילדים חזן. מיום ליום החמיר המצב. הגרמנים הודיעו, כי מי שיחביא יהודי בביתו, דמו בראשו. יוציאוהו להורג, אותו ובני־משפחתו, ואת ביתו יעלו באש. לפנות בוקר אחד שמעתי חילופי יריות וכשפקחתי עיני ראיתי להבות אש לופתות את הכפר זלוטקי. סטאַקובסקי אמר לי, שהגרמנים שורפים בית על אנשי A. K. שבתוכו. הוא הוסיף ואמר, שהגרמנים סורקים את הבתים ועורכים בהם מצוד על יהודים. לכן, החליט להוציאנו מהכפר, כי סכנת מות צפויה לו ולנו.

אשת סטאַקובסקי כלכלה מעשיה בערמה: היא הכניסה את הילדים חזן ואותי בשקים גדולים, העלתה אותנו על עגלה וכיסתה אותנו בתבן. הוציאה מהרפת עדר כבשים, ובכך הוליכה שולל את משמר החיילים הגרמניים, שסבורים היו שהיא נוהגת בעדר שנועד למכירה. הגויה ברכה אותם בשלום והם קדו לה קידה. כך יצאנו בשלום מהכפר, שהיה כולו אחוז להבות.

ראינו בעליל שחלה תמורה גורלית במערך הכוחות העולמיים שעמדו במלחמה זה מול זה, ומשטר הדמים של היטלר עומד לפני התמוטטות. החזית הלכה והתקרבה לאדמת פולין ואז הכבידו הגרמנים את אכפם יותר ויותר. עריצותם לא ידעה גבול. הם העלו באש כפרים רבים וזרעו מוות וחורבן.

ישבנו מוסתרים בשדה, הסתכלנו באש המשתוללת והאזנו לרעש האוירונים שהלך הלוך וגבור. לילה אחד נרדמתי, כי הגעתי לאפיסת הכוחות. כשהתעוררתי, ראיתי הרבה טנקים, תותחים ומכונות גדושות אנשי־צבא, וקצין גרמני צורח: להימלט! לא להתמהמה! היה זה מחזה, שהעין רואה אותו והלב אינו מודה בו. דמיתי בנפשי, שאני חולמת בהקיץ.

כעבור שעות אחדות הגיע אלינו סטאקובסקי והכריז בקול שמחה: ילדים, בני־חורין אַתם! הנאצים נמלטו! ואמנם, למחרת היום הגיע לכפר הצבא הסוביטי. לאשרנו לא היה קץ.

מיד הודעתי לסטאקובסקי, שאני חוזרת לציחנוביץ. הוא ניסה לעצור בעדי באמרו, שהדרכים ממוקשות והמות אורב על כל צעד ושעל. אולם, נחושה היתה החלטתי לראות, לפחות, את משואות עיירתנו ולפקוד קברות הקדושים. יחד עם האחיות אולשק

יצאתי לדרך. בדמעות נפרדנו מהאיש הטוב סטאקובסקי והלכנו ברגל בדרך העולה לציחנוביץ. עברנו על פני כפרים רבים. גויים, שהזדמנו לנו בדרכנו סיפרו, שהגיעו לציחנוביץ מספר יהודים.

ואמנם, בבואי לעיירה מצאתי את ראובן־יוסף חזן וילדיו, וועלוול ואיטקה פטאַשק, אפרים ווינר, לייבל ויוסף סלובצ׳יק, ברל מונצ׳ר, אבציע ליפשיץ, חיה קיז׳ק, ראובן בוצ׳קביץ׳ ויעקב יגר.

ממשפחתי לא נותר איש. מדי יום ביומו הלכתי למקום עליו עמד ביתנו. אולם, עתה לא נשאר שום סימן וזכר. הכול נמחק. אין להכיר, כלל, שפעם חיו כאן אנשים: דעך כליל נר התמיד של יהודי עיירתנו. את המֵית סלקו וחרשו את האדמה. מתוך ההפכה נשארה האבן בלבד ליד ביתנו שמימים ימימה היתה מבצבצת מעל פני האדמה. עתה היתה כקוראת תגר על כל מה שעולל לנו. לבי נמק בי מרוב כאב ודמעותי זלגו ללא־הפוגה. אבל כבד העיק עלי.

כנופיות הפורעים הפולניים החלו להכרית את שארית יהודי הסביבה. בחסות האפלה עזבתי את העיירה יחד עם חיה קיז׳ק והגענו לביאליסטוק. משם עליתי ארצה בשנת 1950.

אסתר קליינוס (גאָלדבערג)
(קרית־ביאַליסטאָק)

גרויזאמע געשעענישן

מוצאי־שבת, יוני 1941, אין לעצטן צייט־אפשניט פון נאַכט־וואַך, האָבן מיר דערהערט אַ אויער־פאַרטויבנדן גערויש פון עראָפּלאַנען. אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן דערשראָקענע פון די בעטן און אַרויס אין דרויסן, קלאָר צו מאַכן וואָס איז געשעהן.

ווי ס׳איז נאָר טאָג געוואָרן, האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע באָמבאַרדירונג, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אויף אונז אַ גרויסע שרעק. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן דייטשלאַנד און די סאָוויעטן, חאָטש די סאָוויעטישע אָפיצירן האָבן אונז באַרוהיקט, אַז דאָס זענען בלויז מאַנעווערן.

אונטער אַ האָגל פון עקספלאָדירנדע האַרמאַטן־קוילן, זענען איך, מיין מוטער, דריי שוועסטער און ברודער, אַנטלאָפן אין דאָרף קוטשין. פון ווייטן האָבן מיר געזען, אַז אַ גרויס פייער ברענט אין אונזער שטעטל. דערשראָקענע האָבן מיר זיך אַ גאַנצע נאַכט אויסבאַהאַלטן אויף אַ פעלד, פאַרשטעלטע דורך די זאַנגען. אין דער פרי האָבן מיר געזעהן אַ מענשן־מאַסע פון קוטשינער גויים מיט גרויסע בלומען־קרענץ אין זייערע הענט — אַזוי האָבן זיי אויפגענומען היטלערס אַרמיי. פון דעם האָבן מיר געדרונגען, אַז דער שרעקלעכער פיינט האָט פאַרנומען אונזער שטעטל.

פאַרנאַכט האָבן מיר זיך צוריקגעקערט קיין ציעכאַנאָוויעץ. „ניי־שטאָט" איז גרעסטנטייל געווען פאַרברענט און נעבן די רויכערנדע וויסטענישן האָבן זיך געוואַלגערט פיל מענשלעכע קרבנות.

מיט זייער אַריינטריט, האָבן די נאַציס גוזר געווען די גזירה וועגן טראָגן אַ געלן „מגן־דוד" אויף דער לינקער האַנט, אַלס ערקענטניס־צייכן, צו אונטערשיידן פון אַ ייד און אַ גוי. און באַלד האָט מען פאַרשפאַרט די יידן אין צווייי געטאָס. אין אונזער וווינונג, וואָס האָט זיך געפונען אין געטאָ, האָט מען איינגעאָרדנט אַ „מנין" און די יידן האָבן געדאַוונט בלויז „מעריב", ווייל פונם זון־אויפגאַנג ביז איר פאַרגאַנג האָט מען געאַרבעט צוואַנגס־אַרבעט, באַגלייט מיט מערדערישע קלעפּ און איזדעקעווונג.

איינמאָל איז ביים דאַוונען אַרומגערינגלט געוואָרן אונזער הויז דורך פּאָלי־ציאַנטן מיט גומענע שטעקנס אין זייערע הענט, אָנגעהויבן שלאָגן די דאַוונער, פאַר־שלאָסן זיי אין אַ פינצטערן און פאַרשטיקטן מאַגאַזין און אָפּגעהאַלטן זיי עטלעכע שטונדן. ווען מ׳האָט זיי באַפרייט פון זייער געפענגעניש, האָבן די פּאָליציאַנטן אויפסניי

זיי געשלאָגן מיט די הענטלעך פון די ביקסן און געדראָשן זייערע לייבער מיט קאָנט־שיקעס. געשלאָגענע, פאַרווונדעטע און באַשפּריצטע מיט בלוט האָבן זיך די אומגליק־לעכע צוריקגעקערט צו זייערע הייזער.

עטלעכע טעג נאָך דער טראַגעדיע, אַ שבת נאָך מיטאָג, האָט מען געכאַפּט צו דער אַרבעט מיין ברודער און נאָך עטלעכע יידן. נאָענט צו האַלב־נאַכט האָט זיך צוריקגעקערט מיין ברודער און מיט אַ נידערגעשלאָגענעם קול אונז דערציילט, אַז ער, ווי די אַנדערע יידן, זענען געצווונגען געוואָרן גראָבן גריבער נעבן מאַריסקי׳ס מיהל, ביי די „קאָזאַרער קאָרטשעס״. די ערד איז געווען געפרוירן און מיט גרויס מיה האָבן זיי אויסגעהאַקט די קברים. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ אַקציע. און טאַקע, צומאָרגנס האָבן מיר דערזעהן אַ לאַסט־אויטאָ פאָרן אין דער ריכטונג צו די גריבער, אין וועלכן ס׳זענען געשטאַנען צוזאַמענגעדריקטע משה זלאָטאָלאָוו, יצחק אריה לין און זיינע צוויי זיהן חיים הערשיל און משה, יצחק זאַליזע, פייבל וואַרטשין, שעפּסל קשעמיען און מולקע ראַגאָווע.

ווען מ׳האָט זיך דערוווּסט, אַז מ׳פירט די יידן צו דיר שחיטה, זענען ברכה (משה זלאָטאָלאָוו׳ס פרוי), אירע קינדער און איך אַרויף אויף אַ בוידעם, כדי צו זען די אומ־גליקלעכע אויף זייער לעצטן וועג. פון ווייטן האָבן מיר געזען זלאָטאָלאָוו׳ן פאַרברעכט זיינע הענט און וויינט יאָמערלעך. פון זיינע געשרייען, וואָס האָבן אָפּגעהילכט, איז דערגאַנגען צו אונז זיין פאַרצווייפלטער רוף: יידן, ראַטעוועט!

דער שיקזאַל פון די יידן ביז מ׳האָט זיי אומגעבראַכט איז געווען אַ שרעקלעכער און אַ שוידערלעכער. ראַמאַנוס האָט זיי פאַרשפּאַרט אין אַ טורמע עטלעכע וואָכן. יעדן פריהמאָרגן פלעג ער זיי אַרויספיהרן אויף אַ פּלאַץ, כלומרשט צו גימנאַסטישע איבונגען, און בשעת מעשה פלעג ער שטעכן זייערע לייבער מיט באַגנעטן און אַנרייצן אויף זיי הינט, וואָס פלעגן זיי באַפאַלן און אַריינשטעכן זייערע שאַרפע ציינער אין זייערע קערפּערס.

צווישן די געפאַנגענע האָבן זיך געפונען די ברידער מאַנעס און שלמה לעוו. איין פריהמאָרגן, ווען מ׳האָט זיי אַרויסגעפירט צו דער טאָג־טעגלעכער „גימנאַסטיק״, האָט געזאָגט מאַנעס די רייד פונם ביבלישן העלד שמשון: „לאָמיך שטאַרבן אין איינעם מיט די פלשתים״! איז אַרויפגעפאַלן אויף ראַמאַנוס׳ן, אים אָנגעהויבן וואַרגן און זיך באַמיט אַרויסרייסן פון זיינע הענט די אַבטאָמאַטישע ביקס, כדי צו דורכלעכערן מיט אַ סאַלווע־קוילן דעם קאָפּ פון דעם שרעקלעכן טיראַן. אָבער, דער באַנדיט האָט אים איבערוווינדן און אַריינגעשאָסן אין מאַנוס׳עס קערפּער ביז דער לעצטער קויל. שלמה איז, על־פי נס, באַפרייט געוואָרן פון דער טורמע און נאָכהער אַוועק מיט אַלע ציעכאַ־נאָוויעצער יידן קיין טרעבלינקע.

אין צווייטן נאָוועמבער, יאָר 1942, האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ס׳זענען

אָנגעקומען אין שטעטל פיל ס. ס. לייט, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך אַ גוואַלדיקן קוואַנטום פון שטריק. דאָס איז געווען אַ שלעכטער סימן. און טאַקע, תחילת אָוונט, האָבן די געסטאַפּאָווצעס אָנגעהויבן שיסן אין דער לופט, כדי צו שרעקן דעם עולם. אַלע האָבן זיך אָנגעטוהן ציטערנדע פון שרעק. די פאַרשפּאַרטע יידן אין געטאָ זענען געשטאַנען וואַכזאַם אויף די פיס און מיט גרויסער שפּאַנונג זיך צוגעהערט צו יעדן גערויש. נאָר אַזוי ווי די גרעסטע טייל פון דער נאַכט איז אַריבער רוהיק, האָבן זיך די יידן געטרייסט, אַז מ׳האָט געשאָסן סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין און מ׳דאַרף דאָס, חלילה, ניט אויסטייטשן צום שלעכטן.

זיצנדיק אַזוי און טרייסטנדיק זיך, האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי. די קוילן האָבן געשניטן די לופט אָן אויפהער. אינסטינקטיוו האָבן אַלע איינגעשלאָסענע יידן אָנגעהויבן לויפן צום פאַרקן פונם געטאָ, גלויבנדיק אַז זיי וועלן באַוויזן אים דורכברעכן און אַנטלויפן. אָבער, די רוצחים האָבן מיט זייערע אויטאָמאַטישע ביקסן געקאָסיעט אויף רעכטס און אויף לינקס. אונטער אַ האָגל פון קוילן איז מיר דאָך געלונגען צו אַנטלויפן. אַנטקעגן דעם געטאָ איז געשטאַנען אברהם חזנ׳ס הויז. כ׳האָב מיר געוואָלט דאָרט באַהאַלטן, נאָר די גויע וואָס האָט עס „געירשנט" האָט מיר אַרויסגעטריבן.

כ׳האָב אַראָפּגעריסן פון מיר די געלע לאַטע און אַוועק צו מאַליסקי׳ס מיהל, וואָס איז געשטאַנען נעבן אַ וועלדל. זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ בוים און טרויעריקע געדאַנקען האָבן געפּייניקט מיין לייב: וווהין וועל איך אַנטלויפן פון די רוצחים? פרוי מאַליסקי האָט זיך דערבאַרעמט איבער מיר, פאַרבאַהאַלטן אין אַ שטאַל און מיר געגעבן צו עסן. זיצנדיק פאַרשטעקט אין שטרוי, זענען דערגאַנגען צו מיינע אויערן שרעקלעכע קולות פון דער ריכטונג פונם געטאָ. ס׳איז קלאָר געווען פאַר מיר, אַז די דייטשן און זייערע פּוילישע העלפער האָבן געבונדן די יידן אין שטריק און פיהרן זיי צו דער שחיטה ווי שעפּסן.

זיצנדיק אַזוי און באַקלאָגנדיק דעם גרויזאַמען שיקזאַל פון אונזערע טייערע, האָבן זיך דערנעענטערט צו מיר צוויי פרויען מיט אַ קליין קינד. דאָס זענען געווען די פרוי פונם קינדער־דאָקטאָר באַיער און זייער קינד און מישע איינבינדער.

אַלס דאָקטאָר, האָט ד״ר באַיער גענאָסן פון אַ פאַרהעלטניסמעסיקער פרייהייט און געוווינט אויסערן געטאָ, אָבער אויף זייער פרוי האָט געדראָט די געפאַר פון אומקום. פרוי דאָקטאָר האָט געבעטן מאַליסקין ער זאָל איבערגעבן אַ בריוו איר מאַן, אין וועלכן זי האָט געשריבן ווו זי געפינט זיך. דער גוי האָט איבערגעגעבן די בריוו, און אין אַ קורצער צייט האָט ער זיך צוריקגעקערט צוזאַמען מיטן דאָקטאָר. מאַליסקי האָט איינגעשפּאַנט אַ וואָגן און אַוועקגעפירט דעם דאָקטאָר, מיט זיין פרוי און קינד צו זיינעם אַ באַקאַנטן. פון דאָרט זענען זיי מיט אַרישע דאָקומענטן אָנגעקומען קיין

וואַרשע. דער דאָקטאָר איז געבליבן לעבן, אָבער זיין פרוי איז אומגעקומען ביי דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ.

כ׳בין געבליבן צוזאַמען מיט מישע׳ן. אין אַ קעלער פון אַ רואינע נעבן וואַלד האָבן מיר איבערגעלעבט שרעקלעכעס און גרויזאַמעס. מיר האָבן זיך אַרומגעשלעפּט דורך פעלדער און וועלדער. געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף, געבעטן אַ שטיקל ברויט, וואַסער און אַ אָרט זיך אָנווואַרעמען, ווייל די קעלט האָט געשניטן אונזערע לייבער. אין איין הויז האָט אונז אַ גוי אָנגעזאָגט אַ איוב־בשורה, אַז מיט זיינע אייגענע אויגן האָט ער געזען אַ גרויסן קאַראַוואַן פון וועגענער, אָנגעלאָדנע מיט יידן, פאָרט צו דער באַן־סטאַציע פון טשיזשעוו.

וואַנדערנדיק האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט וועלוול פּטאַשעק׳ס עלטערן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דאָרף אָגוסטין. מיר זענען אָנגעקומען אין דאָרף זלאָטקי און אַריין צו אַ גוי מיטן נאָמען קאַמינסקי, וואָס האָט זיך כלומרשט געהאַלטן פאַר אַ יידן־פריינד. פאַקטיש איז ער געווען אַ גרויסער אַנטיסעמיט און זיינע הענט זענען באַפלעקט געוואָרן מיט יידיש בלוט. ער האָט אונז דערציילט, אַז ביי אים אין הויז באַהאַלטן זיך מאַטעס דער שערער (דער איידעם פון מישע לעוו פון „ניי־שטאָט“) און אברהם גאָנשאַק. מיר האָבן געוואָלט זיי זעהן, נאָר קאַמינסקי איז ניט געווען איינ־שטימיק, זאָגנדיק אַז מ׳קען זיי נאָך אַנטדעקן, נאָר כדי דערוויטערן פון אונזערע הערצער יעדן ספק און ניט מיינען, אַז ער האָט, חלילה, אַ בייזע כוונה, האָט ער אָנגע־וויזן אויף אַ פּאָר שטיוול און געזאָגט, אַז דאָס זענען מאַטעסעס שטיוול, וועלכער איז באַהאַלטן אין אַ קאָנספּיראַטיווען צימער. זאָגנדיק די רייד, האָבן מיר נאָך ניט געוווּסט אַז מאַטעס לעבט שוין ניט, ווייל קאַמינסקי האָט אים דערשטיקט מיט זיינע אייגענע הענט.

קאַמינסקיס שכן, הערר סטאַקאָווסקי, וועלכער איז געווען איינער פון די חסידי אומות העולם, האָט אונז דערציילט פאָלגנדע גרויזאַמע געשיכטע: ביי דער ליקווידאַציע פונם געטאָ, איז אַנטלאָפן מאַטעס צו קאַמינסקין און אים דערציילט, אַז ער האָט באַהאַלטן אין אַ גרוב זילבערנע כלים, צירונג און קליידער. ער איז גרייט אַוועקגעבן קאַמינסקין דאָס אַלעס, אויב ער וועט איינשטימיק זיין אים אויסבאַהאַלטן ביז ענדע קריג. קאַמינסקי האָט זיך גע׳צלמט און געשווירן ביים גוישן גאָט, אַז ער וועט אים באַהאַלטן ביי זיך אין שטוב ביז צו דער באַפרייונג. אין אַ פינצטערער נאַכט האָט קאַמינסקי איינגעשפּאַנט זיינע פערד און געפאָרן מיט מאַטעס׳ן קיין ציעכאַנאָוויעץ. זיי האָבן אָנגעלאָדן דאָס גאַנצע גוטס און זיך צוריקגעקערט אין דאָרף. קאַמינסקי האָט כלומרשט באַהאַלטן מאַטעסן אין אַ פאַרבאָרגענעם צימער און פייערלעך דערקלערט: דאָ וועסטו זיצן ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן. אָבער, דריי טעג נאָך דעם, האָט ער אַרויסגענומען מאַטעסן פון זיין באַהעלטעניש, אַריינגעפירט אין אַ שייער, אָנגעבינדן אַ שטריק אַרום זיין האַלדז און אים דערשטיקט. אַוועקגעשליידערט זיין טויטן קערפּער

אויף אַ פעלד און דערציילט דער פּאָליציי, אַז מיט זיינע אייגענע הענט האָט ער דער־מאָרדעט אַ יידן. פאַר דער גרויסער „גבורה״ האָט ער געקראָגן אַ באַלוינונג פון צוויי קילאָ צוקער.

ווען סטאַקאָווסקי האָט געענדיקט זיין שרעקלעכע דערציילונג, האָט ער אונז געראַטן, אַז מיר זאָלן זיך אויסבאַהאַלטן ביי אים אין הויז, ווו ס׳געפינען זיך עטלעכע יידן. מיר זענען געגאַנגען צו אים און געטראָפן שפרה טשאַרני (אַ יתומה, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט ביי הערשיל יאסקולקא), די שוועסטער רחל און מינע אָלשאַק (זיי האָבן געשטאַמט פון זאַרעמבע קאָשציעלנע און זיי זענען אָנגעקומען קיין ציעכאַנאָוויעץ מיטן אַריינמאַרש פון די סאָוויעטן), שלום דער גלעזער און צביה לעוו. מיר האָבן געדאַנקט דעם גוי פאַר זיין גוטהערציקייט, ווייל מיר האָבן געוואָלט פאָרטזעצן אונזער וועג, מיט דער האָפנונג צו טרעפן פּאַרטיזאַנער.

שפרה און צביה האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין מיר און אין מישע איינבינדער און מיר האָבן צוזאַמען געוואַנדערט. די יסורים זענען געווען אומדערטרעגלעכע. מיר זענען געווען געקליידעט אין לייכטע זומערדיקע קליידלעך, און די קעלט האָט געשטאָכן אונזערע לייבער. ניט געהאַט ביי זיך קיין שום שפייז, און כדי ניט צו שטאַרבן פון הונגער, האָבן מיר זיך דערנערט פון טרוקענעם גראָז, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון דער געפרוירענער ערד.

ווען מיר האָבן שוין קיין גראָז אויך ניט געהאַט — האָבן מיר זיך געשיידט. כ׳בין געבליבן מיט מישע איינבינדער, און שפרה טשאַרני איז געבליבן מיט צביה לעוו. דיביידע מיידלעך זענען געבליבן זיצן אויף אַ פעלד און געהאָפטן פי־רשידענע העפטונגען פאַר די גויעס. פאַר דער מיה האָבן זיי געקראָגן אַ קלייַנדיק שטיקל ברויט מיט וואַסער. אָבער, ניט לאַנג האָבן זיי גענאָסן פון דעם „גליק״. איינמאָל איז זיי באַפאַלן אַ גוי, איינע פון זיי האָט ער דערשטיקט מיט זיינע ביינערנע לאַפּעס און די צווייטע האָט ער אָפּגעהאַקט איר קאָפּ מיט אַ האַק.

ווען מיר האָבן זיך דערוווסט וועגן שיקזאַל פון די ביידע מיידלעך, האָבן מיר זיך צוריקגעקעהרט דערשראָקענע צו סטאַקאָווסקין. דאָרט האָבן מיר געטראָפן אברהם גאנשאק׳ן. ער האָט אונז דערציילט, אַז קאַמינסקי האָט געוואָלט אים דערמאָרדן, אָבער האָט באַוויזן צו אַנטלויפן. גאנשאק איז געווען זייער טרויעריק און דערשלאָגן. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס לעבן איז אים נמאס געוואָרן.

איינעם אַ אָוונט זענען געקומען קאַמינסקי מיטן סאָלטעס צו סטאַקאָווסקין און געפאָדערט, אַז ער זאָל איבערגעבן גאנשאקן אין זייערע הענט. אָבער ער האָט באַוויזן צו אַנטלויפן דורך אַ הינטערשטע טיר, און פון דאַן האָבן מיר אים מעהר ניט געזען.

אַ גרויסע איבערלעבונג איז געווען פאַר מיר די טרעפונג אין סטאַקאָווסקי׳ס הויז מיט פרוי חזן און אירע דריי קינדער — יצחק, אסתר און אריה. אין אַ פרייטאָג צו־

נאַכטס איז פרוי חזן מיט יצחק'ן געגאַנגען בעטן ברויט. אסתר איז געבליבן מיט מיר אין פעלד און אריה האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ סטויג היי. פלוצים האָבן מיר דער־הערט פון ווייטן, ווי די פרוי חזן וויינט מיט ביטערע טרערן און בעט זיך: ליבינקע און טייערינקע מענשן, האָט רחמנות אויף מיר, שיסט מיר ניט. כ'בין אַ מוטער פון דריי קליינע עופעלעך. יצחק האָט אויך אויסגעבראָכן מיט אַ יאָמער און געבעטן: הרגעט מיר, גוטינקע מענשן, נעמט מיין נשמה, טוט מיט מיין קערפער וואָס אייער האַרץ פאַרלאַנגט, נאָר לאָזט לעבן מיין טייערע און ליבע מוטער. אָבער, די בלוט־דורשטיקע חיות זענען געווען טויב צו זייערע געשרייען און געוויינען. מיר האָבן דער־הערט אַ שאָס אין ס'איז פאַרשטומט געוואָרן יצחק'ס שטים, אַ צווייטן שאָס — און ס'איז פאַרשטומט געוואָרן די שטים פון דער פרוי חזן.

ווען אסתר האָט געהערט דאָס געוויין פון איר מוטער, האָט זי אָנגעהויבן שרעק־לעך וויינען. כ'האָב פאַרשטאָפּט איר מויל, כדי מ'זאָל ניט הערן איר געוויין, ווייל אַרום האָבן געלויערט רוצחים אויף אונז. ווען אריה האָט דערהערט די שיסעריי, האָט ער אָנגעפאַנגען לויפן אַ דערשראָקענער אין דער ריכטונג פונם דאָרף, כדי קלאָר צו מאַכן, וואָס איז געשען מיט זיין מוטער און ברודער. לויפנדיק האָט ער זיך אָנגע־שטויסן אין זייערע וואַרעמע קערפּערס. ער האָט אָנגעהויבן קלאָגן: מאַמע, מיין טייערע מאַמע, הלוואי וואָלט איך געשטאָרבן אָנשטאָט דיר. ליבינקע מאַמע, אויף וועמן האָסטו מיר איבערגעלאָזט? פאַרוואָס האָט מען דיר אַוועקגערויבט פון מיר? וועמען האָסטו שלעכטס געטאָן? פאַר וועלכע זינד האָט מען פאַרגאָסן דיין אומשולדיק בלוט?

די לאַגע איז געוואָרן קריטיש פון טאָג צו טאָג. מיר האָבן געפילט, אַז מלויערט אויף אונז. ס'איז געוואָרן אַקטיוו די פּוילישע אונטערגראַבונג, וואָס האָט געקעמפט קעגן די דייטשן און די סאָוויעטן. מ'האָט איר גערופן A. K. (Armja Krajowa) און N. S. Z. (Narodowe Siły Zbrojne). חאַטש די מערדער־טרופּן האָט זיך אָרגאַניזירט, כדי צו קעמפן מיט די אונטעריאָכער, האָבן זיי, קודם כל, זיך געבאָדן אין יידיש בלוט.

אויגוסט 1943 האָבן מיר זיך געטראָפן מיט די ברידער לייבל און יאָסל סלאָ־וואַטשיק. זיי האָבן אונז דערציילט, אַז זיי באַהאַלטן זיך אויס אין אַ גרוב, אין וואַלד. מיט זיי געפונען זיך יהודה ריץ און זיין זון שמואל פון דאַניר, שמואל וואַינאָוויטש און משה ראָזענקראַנץ. זיי האָבן אונז צוגעזאָגט, אַז ווען זיי וועלן פאַרגרעסערן די גרוב, וועלן זיי קומען אונז נעמען צו זיך. מיר האָבן געוואַרט אויף זיי, און זיי זענען ניט געקומען. ס'איז געווען נאָך שניט־צייט, מ'האָט צונויפגעזאַמלט די תבואה פון די פעלדער און מיר האָבן ניט געהאַט קיין באַהעלטעניש. יעדע ווילע האָט מען געקענט אונז דערמאָרדן. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די קאַנאַלן פון ביידע זייטן שאָסיי. ס'האָט שטאַרק גערעגנט און מיר זענען דורכגענעצט געוואָרן ביזן מאַרך פון די ביינער. ווען ס'איז טונקל געוואָרן זענען מיר אָנגעקומען אין דאָרף אויגוסטין. נעבן הויז פון אַ גוי

מיטן נאָמען זאַוויסטאָווסקי איז געווען אַ גאָרטן. מיר האָבן געדאַכט זיך אויסבאַהאַלטן אין אים ביז ס׳וועט ליכטיק ווערן. נאָר, פּלוצים זענען אַרויס צווישן די בוימער צוויי מאָנסטער־מענשן מיט רעוואָלווערן אין זייערע הענט. דאָס זענען געווען A. K. באַנדיטן. זיי האָבן אונז אָנגעכאַפּט ביי די הענט און אַריינגעפירט צו זאַוויסטאָווסקין אין הויז. אַריינגעענדיק איז אונז קלאָר געוואָרן, אַז דער טויט איז נאָענט. אין הויז איז געזעסן אַ דריטער מערדער מיט אַ דערצאָרנטעס געזיכט און אין זיינע הענט אַ אָנגעלאָדענער רעוואָלווער. דאָס צימער איז געווען איינגעהילט אין אַ פּאַרטונקלונג. אויפן טיש האָט געטליעט אַ קליינעס נאַפט־לעמפּל. איין רוצח האָט זיך אַוועקגעשטעלט האַלטנדיק דעם שלונג פונם רעוואָלווער אַנטקעגן אונז. כ׳האָב שטילערהייט געזאָגט צו מישען: דאָס זענען אונזערע לעצטע מינוטן.

מיר האָבן געבעטן רחמים, אָבער זיי האָבן געענטפערט, אַז די יידן האָבן קיין רעכט צו לעבן, און האָבן אונז מיט גוואַלד אַרויסגעשלעפּט פונם הויז. ס׳איז געווען אַ שרעקלעכע נאַכט. ס׳האָט שטאַרק גערעגנט, געבליצט און געדונערט. מישע האָט זיך באַקלאָגט פאַר מיר, אַז ס׳שטראָמט פיל בלוט פון איר קאָפּ אויף אירע מלבושים. זי האָט געוואָלט פאַרשטאָפּן מיט ערד די טיפע ווונד, וואָס האָט זיך געשאַפן אין איר קאָפּ פון די שטאַרקע קלעפּ, וואָס דער מערדער האָט איר געשלאָגן מיטן הענטל פונם רעוואָלווער.

מיר האָבן אָנגעהויבן שטאַרק שרייען, גלויבנדיק אַז אפשר וועט עמיצער דער־הערן אונזער קול און וועט אונז ראַטעווען. די מערדער האָבן אונז געבראַכט אויף אַ וויסטעס פעלד און געזאָגט: דאָ וועט זיין אייער קבר!

ס׳איז דאָ אַ מאָראַלישעס געזעץ, וועלכעס לויטעט: „דערמאָרדע דעם וואָס קומט דיך דערמאָרדן“, און כ׳האָב מיר געראַנגלט מיט די לעצטע כוחות מיטן מערדער. ראַנגלנדיק, בין איך אַוועקגעפאַלן אויף דעם נאַסן באָדן. דער באַנדיט האָט מיט גרויס רציחה געהאַקט אויף מיין קאָפּ מיטן הענטל פונם רעוואָלווער. דאָך בין איך געקומען צו זיך, ווייל ס׳האָבן זיך דערוועקט אין מיר איבערמענשלעכע כוחות. כ׳האָב אָנגע־כאַפּט זיין האַנט און דער רעוואָלווער איז אַרויסגעפאַלן פון איר. ער האָט גערופן צו הילף זיין חבר, וואָס ניט ווייט פון מיר האָט ער זיך געראַנגלט מיט מישע׳ן, וועלכע האָט זיך אויך העלדיש פאַרטיידיקט, הגם זי האָט פיל בלוט פאַרלוירן. זעענדיק, אַז דער רעוואָלווער איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט, האָב איך מיר דערוויטערט אַ געוויסע שטרעקע. צו מיינע אויערן איז דערגאַנגען די שטים פונם צווייטן מערדער, וואָס האָט אויסגערופן, אַז ער האָט שוין געענדיקט מיט דער זשידאָוקע. ס׳הייסט, אַז מישע לעבט שוין ניט.

צוליב דער פינצטערניש האָבן די מערדער ניט געקענט מיר אַנטדעקן. זיי האָבן אָנגעצונדן שוועבעלעך, כדי צו באַלויכטן דעם שטח, נאָר דער רעגן און דער

שטורם האָבן זיי פֿאַרלאָשן. זיי האָבן דורכגעזוכט דאָס פעלד, נאָר צו מיין מזל האָבן זיי מיר געזוכט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. אויף אַזאַ אופן, האָבן זיי זיך דערווייטערט פון מיר, ביז זיי זענען פאַרשוווּנדן. כ׳בין געבליבן ליגן אין אַ קאַלעזשע און ס׳האָט גערעגנט אויף מיר אָן אויפהער. דער שטורם האָט געבושעוועט און געוואָרפן אויף מיר אַ גרויסע שרעק. ביי יעדן בליץ האָט מיין האַרץ שטאַרק געקלאָפּט, ווייל זיין שיין האָט געקענט ברענגען דאַצו אַז מ׳זאָל מיר אַנטפלעקן.

ווען ס׳איז טאָג געוואָרן, האָב איך אָנגעהויבן גיין זיג־זאַגיק, זיך צוריקגעקערט אין דאָרף און אַריין אין אַ הויז פון אַ גוי מיטן נאָמען ביאַלי. צו מיין גרויסער פרייד האָב איך דאָרט געטראָפּן אסתר און אריה חזן. זיי האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיר, ווייל ס׳האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז מ׳האָט מיר דערמאָרדעט, ווייל מ׳האָט געפונען אין פעלד מיין הוט. ס׳זענען אַריינגעקומען די ברידער סלאָ׳זאַטשיק, און ווען זיי האָבן מיר דערזען, איז ביי זיי, ממש, אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון פון גרויס איבערראַשונג. זיי האָבן געמיינט, אַז כ׳בין געקומען פון יענער וועלט.

זיי האָבן גענומען מיר מיט די קינדער חזן אין זייער באַהעלטעניש. איינמאָל, אַ זונטאָג, איז געקומען אַ גויע מיט איר קינד קליבן שוואָמען. אַז דאָס קינד האָט דער־זען דעם אַריינגאַנג פונם גרוב, האָט עס אָנגעהויבן שרייען: מוהמע, זשידעס באַהאַלטן זיך! ס׳איז קלאָר געווען, אַז מיר געפונען זיך אין אַ גרויס געפאַר. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז כ׳זאָל מיך אומקערן מיט די קינדער אין הויז פון ביאַלי.

אין די פריהמאָרגן שטונדן פון ערב יום־כפור האָבן מיר געהערט אַ אָפּקלאַנג פון אַ שיסעריי. מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז אין די מינוטן געשעט עפּעס שרעק־לעכעס. כ׳האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז די דייטשן האָבן אַנטדעקט די גרוב און ברענגען אום אַלע, וואָס באַהאַלטן זיך אין איר. צו מיין גרויסן באַדויערן, איז טאַקע אַזוי געשען. די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט די גרוב און דערמאָרדעט שמואל וואינאָוויטשן, משה ראָזענקראַנץ, שמואל (דער זון פון יהודה ריץ) און אַ מיידל מיטן נאָמען געניע פון דער שטאָט לאַכאָווע.

כ׳האָב מיר צוריקגעקערט צום גוטינקן און האַרציקן סטאַקאָווסקי. צום באַדויערן, האָב איך שוין מער ניט געפונען קיין יידן ביי אים. כ׳האָב מיר באַהאַלטן ביי אים מיט די קינדער חזן. פון טאָג צו טאָג איז די לאַגע געוואָרן ערנסטער. די דייטשן האָבן געמאָלדן, אַז ווער ס׳וועט אויסבאַהאַלטן אַ ייד ביי זיך אין הויז, וועט מען דערמאָרדן אים מיט זיין פאַמיליע און פאַרברענען זיין הויז.

איין פריהמאָרגן האָב איך געהערט אַ שיסעריי און ווען כ׳האָב געעפנט מיינע אויגן, האָב איך געזען, אַז דאָס דאָרף זלאָטקי שטייט אין פלאַמען. סטאַקאָ׳וסקי האָט מיר געזאָגט, אַז די דייטשן פאַרברענען אַ הויז מיט די .A. K באַנדיטן, וואָס געפונען

זיך אין דעם. ער האָט צוגעגעבן, אַז זיי גייען פון הויז צו הויז און זוכן יידן. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן דערוויטערן אונז פונם דאָרף, ווייל ס׳דראָט אים אין אונז אַ סכנה.

פרוי סטאַקאָווסקי האָט זיך באַנוצט מיט זייער אַ קלוגעס מיטעל: זי האָט מיר מיט די קינדער חזן אָנגעטאָן גרויסע זעק, אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָגן און אונז באַדעקט מיט שטרוי. האָט אַרויסגעפירט אַ סטאַדע שעפסן, און מיט דעם האָט זי פאַרפירט די דייטשן, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז דאָס פירט זי שעפסן צום פאַרקויפן. זי האָט זיי פריינטלעך סאַלוטירט און זיי האָבן זיך העפלעך פאַרנויגט פאַר איר.

מיר האָבן איינגעזען קלאָר און דייטלעך, אַז ס׳איז געשען אַ גרויסע ענדערונג אין די וועלט־געשעענישן, און היטלערס אַרמיי שטייט פאַר אַ מפלה. דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו פוילן, און דאַן איז געשטיגן די רציחה פון די דייטשן אַלץ גרעסער און גרעסער. זיי האָבן פאַרברענט דערפער מיט די איינוווינער.

מיר זענען געזעסן באַהאַלטענע אין אַ פעלד, זיך איינגעקוקט אין פייער און צוגעהערט צום גערויש פון עראָפּלאַנען, וואָס איז צומאָל געוואָרן רוישיקער. איין אָוונט האָב איך איינגעדרימלט, ווייל כ׳בין געווען מאַכטלאָז. ווען כ׳האָב מיר אויפגעכאַפּט, האָב איך דערזען פיל טאַנקען, האַרמאַטן און מאַשינען פולע מיט סאָלדאַטן, און אַ דייטשער אָפיציר שרייט נערוועז: אַנטלויפן! ניט אויפהאַלטן זיך! כ׳האָב מיר צוגעקוקט און צוגעהערט צו דעם אַלעמען, און כ׳האָב ניט געגלויבט מיינע אייגענע אויגן און אויערן. כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ חלום.

אין עטלעכע שטונדן אַרום איז געקומען צו אונז סטאַקאָווסקי און מיט פרייד אויסגערופן: קינדער, איר זענט באַפרייט! די נאַציס זענען אַנטלאָפן! און טאַקע, צומאָרגנס זענען געקומען אין דאָרף סאָוויעטישע זעלנער. צו אונזער פרייד איז ניט געווען קיין ברעג.

כ׳האָב באַלד געמאָלדן סטאַקאָ׳וסקין, אַז כ׳קער מיך אום קיין ציעכאַנאָוויעץ. ער האָט זיך באַמיט מיר אָפּהאַלטן פון דעם שריט, ווייל די וועגן זענען מינירט און דער טויט לויערט אויף יעדן טריט און שריט. נאָר אַזוי ווי ס׳איז געווען שטאַרק מיין ווילן צו זען כאָטש די וויסטעניש פון אונזער שטעטל, האָב איך מיר מיט טרערן געזעגנט פון סטאַקאָווסקין און צוזאַמען מיט די שוועסטער אָלשאַק האָב איך מיר געלאָזט אין וועג אַריין. מיר זענען דורכגעגאַנגען דורך פאַרשידענע דערפער, און די גויים האָבן אונז געזאָגט, אַז ס׳האָבן זיך צוריקגעקערט קיין ציעכאַנאָוויעץ עטלעכע יידן.

קומענדיק אין שטעטל האָב איך געטראָפן ראובן יוסף חזן מיט זיינע קינדער, וועלוול און איטקע פּטאַשעק, אפרים ווינער, לייבל און יאָסל סלאָוואַטשיק, בערל מאַנ־טשאר, אבציע ליפשיץ, חיה קיזשאק, ראובן בוטשקעוויטש און יעקב יעגער.

פון מיין פאַמיליע איז קיינער נישט געבליבן. יעדן טאָג בין איך געגאַנגען אויפן פּלאַץ אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען זאונזער הויז. ס׳איז פון דעם ניט געבליבן קיין זכר.

אַלץ איז אָפּגעמעקט געוואָרן. ס׳איז גאָרניט קענטיק, אַז ס׳האָבן דאָ אַמאָל געוווינט מענטשן. ס׳איז פולשטענדיק פאַרלאָשן געוואָרן דאָס ליכט פון די ציעכאַנאָוויעצער יידן. מ׳האָט אָפּגערייניקט דעם צוזאַמענברוך און צואַקערט די ערד. נעבן אונזער הויז איז פאַרבליבן בלויז דער שטיין, וואָס האָט פון לאַנגע יאָרן אַרויסגעשפּראָצט פון דער ערד. מיין האַרץ איז צעגאַנגען אין מיר, און טרערן, הייסע טרערן, האָבן זיך געגאָסן אָן אויפהער פון מיינע אויגן.

די פוילישע פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אָנגעהויבן פאַרענדיקן דאָס וואָס היטלער האָט ניט באַוויזן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אין פוילן איז מער ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר יידן. אין אַ פינסטערער נאַכט בין איך מיט מיין חברטע חיה קיזשאַק אַוועק קיין ביאַ־ליסטאָק און פון דאָרט עולה געווען קיין ישראל אין יאָר 1950.

איבערזעצט: **אליעזר לאוני**

חיה מלינאַזש (קיזאק)
(הרצליה)

אין געראנגל מיטן טויט

כ׳בין געווען אין געטאָ ביז דער ליקווידאַציע, ס׳הייסט ביז׳ן 2.11.1942. כ׳האָב מיר געראַטעוועט מיט מיין פאַמיליע אַנטלויפנדיק פונעם געטאָ, אָבער אין אַ קורצער צייט האָבן די גויים דערמאָרדעט מיין פאָטער משה דוד און מיין שוועסטער פעשקע הי״ד. ביים אַנטלויפן פונעם געטאָ איז פאַרלוירן געגאַנגען מיין עלטסטער ברודער שעפסל.

איך מיט מיין מוטער מאַטעל און ברודערל יאָסעלע האָבן מיר זיך אויס־באַהאַלטן אין די אַרומיקע דערפער און וועלדער. יאָסעלע׳ן האָט מיין מוטער אָפּגעגעבן צו אַ באַקאַנטער קריסטן, וועלכע האָט מסכים געווען אים אויסבאַהאַלטן, אָבער אין יאָר 1944 האָבן די שכנים פון דער קריסטן געמאָלדן די דייטשן, אַז זי באַהאַלט אַ יידיש יינגעלע. ווען יאָסעלע איז געווען אויפן פעלד, זענען געקומען דייטשן און אים דערמאָרדעט.

איך מיט מיין מוטער האָבן זיך ווייטער אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער, און ביי־נאַכט פלעגן מיר אַרויסגיין בעטן ברויט. אַזוי האָבן מיר זיך געמאַטערט און אויס־באַהאַלטן אין נויט און הונגער און אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען ביז צוויי וואָכן פאַר דער באַפרייונג.

איינעם אַ אָוונט, ווען מיר זענען געגאַנגען בעטן ברויט, זענען אונז באַפאַלן קריסטן און פאַרוווּנדעט מיין מוטער. מיר איז געלונגען צו אַנטלויפן, און אָפּלויפנדיק אַ שטיקל בין איך געפאַלן אונטער אָפּגעהאַקטע ביימער.

ווען כ׳בין געקומען צום באַוווּסטזיין, האָב איך געהערט דאָס קרעכצן פון מיין מוטער. כ׳האָב געוואָלט לויפן צו איר, אָבער כ׳האָב דערזען אַז ס׳גייט עמעצער מיט אַ לאָמפּ און שרייט: „ווו איז די זשידובקע? ווו האָט זי געקענט אַנטלויפן?“ כ׳האָב פאַרשטאַנען אַז די מערדער זוכן מיר. דאַן זענען זיי צוגעגאַנגען צו מיין מוטער, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט, ס׳האָט זיך דערהערט אַ שאָס, און באַלד זענען שטיל געוואָרן מיין מוטער׳ס קרעכצן.

אַזוי בין איך געלעגן ביז פאַרטאָג. ווען כ׳בין אַריין אין דאָרף, האָב איך שוין דעם טויטן קערפּער פון מיין מוטער ניט געפונען. כ׳האָב באַגעגנט אַ פויער, וועלכער

האָט געזאָגט צו מיר, אַז ניט ווייט ליגט אַ דערשאָסענע זשידובקע, וועלכע מ׳האָט די נאכט געשאָסן. ווען כ׳בין צוגעגאַנגען האָב איך דערקענט אין דער פרוי מיין מוטער. איר קערפּער איז געווען דורכגעלעכערט דורך 6 קוילן און צוויי פינגער אָפּגעהאַקטע. כ׳בין אַריין צום סאָלטיס פונעם דאָרף, וועלכער איז געווען אַ גוטער מענש, און אויף מיין ביטע האָט ער באַערדיקט מיין מוטער.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער בין איך געקומען מיט עטלעכע לעבנגעבליבענע דראָגאָטשינער יידן אינעם דאָרף, וווּ מיין מוטער איז באַערדיקט געוואָרן, און איר געבראַכט צו אייביקער רו אויפן דראָגאָטשינער בית־עולם, ווייל זי איז געווען אַ געבוירענע אַ דראָגאָטשינער.

און אַזוי, אַ געראַטעוועטע פון די אָרעמס פונעם טויט, בין איך געקומען אין לאַנד, מיט מיין מאַן און צוויי קינדער אין יאָר 1958.

צבי בלוטמן
(רמת־גן)


במחנות המות

(מיידאניק, אושויץ־בירקנאו, בליז׳ין, סקסנהאוזן, מטהאוזן וגונסקירכן)

משוזה הרכבת מצ׳יז׳ב לטרבלינקה, שדלוני אבי והסבתא פייגה בדברים שאקפוץ ממנה. אבי ביקש שלא תכבה גחלת משפחתנו, לכן חיזק רוחי שאמלט מהמות בדרך הרת־סכנות זו. צוואה זו שימשה לי דחף רב־אונים ורוחי נכונה בי ל„קפיצת מות" זו.

בשלהי שנת 1942 טרם היו חלונות הקרונות מרושתים, כי עד כה לא נודעו מקרי־קפיצה מהרכבות, וגם השמירה לא היתה מעולה ביותר. בטוחים היו הרוצחים, שאיש לא ימלט מקרונות המות. חלחלה אחזה את נוסעי הקרון בראותם שאני מוציא ראשי ומתכונן לזנוק החוצה. כששירבבתי פלג גופי העליון, אבדתי את שווי־המשקל ובמהירות מסחררת טולטלתי החוצה.


הרכבת דהרה למחנה־המות שבטרבלינקה והסיעה עמה את כל בית ציחנוביץ — אבות, אימהות, ילדים, אחיות ואחים יקרים. שכבתי הלום והמום. משחזרה אלי הכרתי



מסילת-הברזל מתחנת הרכבת של טרבלינקה למחנה-ההשמדה

דער אייזן־באַן פון דער באַן־סטאַציע פון טרעבלינקע צום פאַרניכטונגס־לאַגער

The Railroad from the Train-Station in Treblinka to the Extermination-Camp



מחנה־ההשמדה בטרבלינקה דער פאַרניכטונגס־לאַגער אין טרעבלינקע
The Extermination-Camp in Treblinka

חשתי, כי שמש חורף נעימה מלטפת אותי ושדות אין־קץ צחורים מבהיקים בלבנונית השלג העוטה אותם. קמתי על רגלי ומצאתי מחסה עד שיחשיך. מסביב שרר שקט ולא ראיתי נפש חיה. לעת ערב יצאתי ממחבואי והלכתי בכוון לציחנוביץ. בימים כתיקונם עמדו הרבה גויים בקשרי מסחר עם אבי ואף לנו בביתנו. בטוח הייתי, שאחד מהם יחוס עלי ויסתירני עד עבור זעם. אולם, הם התנכרו אלי מאימת השלטונות שהודיעו, כי המלין יהודי בביתו — דמו בראשו.

בימים היה לי היער הציחנובצאי למחסה ולמסתור, ובלילות — התעלות שבצדי הכביש. הקור היה בעיצומו ודקר בבשרי כבמחטים. ארבעה־עשר לילות כפור, מלווה סופות־שלגים, הסתתרתי בתעלות אלו. נודע לי מפי גוי אחד, שבגיטו צ׳יז׳ב שרדו כמה יהודים. בחסות האפילה הלכתי לעיירה זו ומצאתי בה את פסח ווינוביטש ומשפחתו, השוחט הציחנובצאי, עזרא (חותנו של יעקב ווינר) וישעיהו דנוביץ׳. בעת שהקיפו את הגיטו ב„ניי־שטאַט" הצליחו יהודים אלה להתחמק מידי הרוצחים ונמלטו לצ׳יז׳ב.

למחרת היום נגש אלי עזרא והמתיק לי סוד, שהשאיר כל רכושו בדולארים במרתף ביתו שבגיטו ציחנוביץ. בליל־אופל אחד של דצמבר 1942, יצאנו לציחנוביץ להביא עמנו את המטמון. בית עזרא עמד ברחוב קוצ׳ין. פחדנו לעבור דרך כפר בוגוטי, כי שם חנתה משטרה גרמנית, לכן עשינו דרכנו דרך כפר אושי ומשם הגענו לגיטו.

השעה מאוחרת היתה ודממת־מות שררה מסביב. בתי־היהודים פרוצים ושדודים היו. נעקרו מהם הדלתות והחלונות, והרוח שרקה ויללה בהם.

באותו לילה חזרנו לצ׳יז׳ב עם המטמון בידינו. היתה זו הפעם האחרונה שראיתי את ציחנוביץ. בשלהי דצמבר 1942 חיסלו הגרמנים סופית את גיטו צ׳יז׳ב והשרידים המעטים שעדיין שרדו בחיים העבירו לזמברוב. את השוחט הציחנובצאי השאירו בצ׳יז׳ב, כי היה מומחה לעיבוד עורות, דהיינו, יהודי יעיל.

לזמברוב הגעתי יחד עם דוד־ישעיה לב, הרשיל יוקטה ויצחק שטיינברג. ריכזו אותנו בקסרקטינים עד צאת רכבת לאושביץ. ביום 18.1.43 העלו על עגלות את כל היהודים שרוכזו בזמברוב והסיעום לתחנת הרכבת שבצ׳יז׳ב. הצעירים אולצו לשרך דרכם בין העגלות. בחסות החשיכה המקתי יחד עם שלושת הציחנובצאים לצד הכביש ונמלטנו בכוון ביאליסטוק.

לביאליסטוק באתי ביום 21.1.43. היהודי הראשון שפגשתי בגיטו היה ד״ר קלצקין. הוא היה יחד עם בנו שימעק (שמעון) (את אשתו ובתו השמידו בטרבלינקה), מראהו עורר רחמים. הוא הועסק בנקוי רצפות וחלונות. הוא הקל עלינו את יסורי ה״התאקלמות״ בגיטו. דוד־ישעיה לב ואנוכי עבדנו אצל העגלונים היהודיים בגיטו, שהועסקו בהוצאת האשפה מחוץ לעיר. אגב כך באנו בקשרים עם אכרי הסביבה, שסיפקו לנו מצרכי־מזון שונים. קשרתי קשרים עם אנשי המחתרת שבגיטו, שהיו מבריחים בחורים מזוינים ליערות. משעמדתי במבחן האמון, הוחלט שאצא ליערות ביולי 1943, אלא שחיסול הגיטו הקדים את מועד יציאתי. בפברואר 1943 התקימה אקציה בגיטו ביאליסטוק. למזלנו חלינו, אני ושטיינברג, בטיפוס הבהרות ואושפזנו בבית־חולים. מאחר והגרמנים לא נכנסו לבית־החולים, כי חששו לאילוח (אינפעקציע) — נצלנו מדינה של אקציה זו. דוד־ישעיה לב שבריא היה חפר בור עמוק, ובמשך עשרת ימי האקציה הסתתר בו.

ביולי 1943 חיסלו סופית את גיטו ביאליסטוק. הנשים הובלו לטרבלינקה והגברים — למיידאניק. בעלותנו על הרכבת, אמר דוד־ישעיה לב שבדעתו לקפוץ מהקרון. השתדלתי למנוע אותו ממעשה יאוש זה, כי לאחר שקרו כמה מקרים של קפיצה מהרכבת, הגבירו הגרמנים את השמירה. על כל קרון הופקדו 4 אוקראינים מזוינים בנשק אוטומטי, על הגג העלו מכונות יריה ולאורך פסי הרכבת הציבו שוטרים ואנשי ס. ס. חמושים היטב. במצב כזה, קפיצה מהקרון כמוה כהתאבדות. דוד־ישעיה לא נענה לי ואמר, שהוא מעדיף ליפול מכדור, מלהישרף חי בקרמטוריום. וכך הוה: כשאך הוציא ראשו בעד החלון ירה בו אוקראיני. גוויתו הושלכה החוצה והתגוללה ליד פסי־הרכבת.

במיידאניק שהיתי שבועיים. עבודתי היתה לנקות את הקרונות לאחר שהוצא


מהם „המשלוח". בהיכנסי לקרון מצאתי בו כמה גוויות, מהן חנוקות ומהן ירויות. היו מקרים, שהאומללים בקשו להימלט ע"י קידוח חורים ברצפות. אלה חוסלו במקום.

מפקד המחנה, רכוב על סוס לבן, היה מוליך אותנו לעבודה. מאחר וידע שאנו מהאזור הרוסי, אילץ אותנו לשיר שירים רוסיים להנאתו הרבה.

ממיידאניק העבירוני לבליז'ין. שם עבדתי במחסן עצים. בהתקרב הסוביטים לסביבות לובלין, העבירו את מחסני העץ העצומים שבמיידאניק לבליז'ין. פעם, בעת הטענת עצים, הסב תשומת־לבי בול־עץ, בו ראיתי פיתוחי מלים אלו:

„זכרו, שביום 11.11.43 הוצאו להורג במיידאניק ע"י יריות ממכונות יריה 24.000 יהודים. זכרו ונקמו את דמנו"!

מבליז'ין הועברתי לגיהנום הנורא ביותר שהקימו הנאצים עלי־אדמות — לאושביץ־בירקנאו. באושביץ היו 4 כבשנים. בבואי לשם עבדו בסל־לת כבישים בשטח שבין כבשן מספר 1 לבין כבשן מספר 2. הועסקתי בפריקת אבני גויל מקרונות רכבת. שטח הקרמטוריום היה מגודר בגדר־תיל דוקרני, מוסווית בשמיכות בגובה אדם, כדי שהנמצא בחוץ לא יראה את המתרחש בפנים. אולם, בעמדי על הקרון שהיה גבוה מהגדר, ראיתי מוראות אושביץ — את הכיבשנים האיומים שבלעו קרבנות־אדם יומם וליל.



כבשן־האש במיידאַניק　　　　דער קאַלך־אויוון אין מיידאַנעק

The Crematorium in Maidanek

יום העבודה בגיהנום דאושביץ נפתח במיסדר בוקר, שתחילתו בשעה 4 וסופו בשעה 7 בבוקר. מדי יום ביומו עמדנו בחוץ שלוש שעות רצופות בקור חזק, שהסב לנו יסורים קשים. לפני היציאה לעבודה השקונו במשקה דמוי קפה, ובצהריים חילקו „מרק", שערכו התזונתי היה אפסי. בערב קיבלנו מאתיים גרם לחם, עתים מנה זעומה של מרגרינה, ועתים ריבה. בתפריט זה היה עלי לפרוק אבני־גויל כבדות עד שעה 4 אחה"צ; בשעה 5 אחה"צ נערך מיסדר־ערב, שנמשך עד שעה 8 בלילה. רצוצים ושבורים היינו מתמתחים על הדרגשים שבצריפים האפלים ונרדמנו כהרוגים במלבושינו.

יום אחד הופתעתי הפתעה גדולה. בעמדי על הקרון ראיתי את שלמה קלודה, אחי הרצקה קלודה. הגרמנים העסיקוהו כספר, וכיהודי יעיל האכילוהו לשובע. קלודה הביא לי, מדי פעם בפעם, שאריות מזון, עתים ככר לחם, שהחיו את נפשי. פעם נגש אליו וגלה אזני, כי בקרוב יפרוץ מרד באושביץ, שהוא אחד ממתכנניו. מאחר ונהנה מחופש מסוים, נהירה היתה לו הדרך למחסני־הנשק והוציא מהם רימוני־יד ופצצות תבערה, שחילקם בחשאי בין רוקמי המרד העתיד לפרוץ.

לעובדי הקרמטוריום, שהועסקו בשריפת גופות המומתים, קראו בשם „זונדר־קומנדו". היהודים כינום בכנוי „הימל־קומנדו", שהרי „העלו" את היהודים ה„שמימה". הללו עבדו 3—4 חדשים ואחר־כך העבירום למחנה אחר בו נשרפו. בהינתן הפקודה לאנשים אלה שעליהם להתכונן לדרך — פרץ המרד.

בשעת הצהריים עמד ה„אָבער־קאַפּו" על־יד שער הכניסה לכבשן ועישן סיגריה בנחת. פתאום הופיע שלמה קלודה עם עוד שלושה אסירים, תפסו את ה„קאפו" בידיו וברגליו והטילוהו לכבשן הבוער. מיד נשמעה התפוצצות אדירה בקרמטוריום מספר 4 ולהבות אש פרצו ממנו. עובדי הקרמטוריום מספר 1 ומספר 2 יצאו בקריאות „הורה!" עם אתים ומכושים בידיהם וניתקו בהם את חוטי התיל. השעה היתה שעת־הצהריים, בה הפסיקו הגרמנים את החשמל לשעה אחת. האסירים התפרצו בהמוניהם החוצה. הזקיפים שעל מגדלי־התצפית נבוכו ובשעת־כושר זו ברחו לשדות כ־160 יהודים. כעבור דקות מספר נשמעה קריאת־האזעקה המסורתית של אושביץ, שסימנה היה בריחת אסירים. בין רגע הופיעו הרבה אנשי ס. ס., עלו על מכונות עם כלבי גישוש ודלקו אחר הנמלטים. פרט לשניים, נתפסו כולם ובתוכם שלמה קלודה. מאחר ונודע לגרמנים, שקלודה היה בקושרים, עינוהו בעינויים קשים ונוראים ואחר־כך המיתוהו.

בצאתי לעבודה למחרת הבריחה, נגש אלי ה„קאפו" ואמר לי: אתם, היהודים, שרפתם חבר טוב שלי, „אַ דויטשן רייכס־קאַפּו", ובדברו הרים ידית של טוריה, הכה בה בחימה עזה על פני ושבר את שיני הלסת העליונה.

מיום ליום הלך גופי ונתדלדל. כשהוציאוני בהתחלת פברואר 1945 למטהאוזן

שבאוסטריה הייתי „מוזלמן" *. בטרמינולוגיה הנאַצית כונה אדם בשם „מוזלמן", שמשקל גופו היה כמשקל עצמותיו וכל־מה שאכל היה נראה מבחוץ. היו אלה שלדים חיים, שחיכו לתורם להישרף. לעבודה לא לקחו אותנו, כי הגרמנים לא יחסו שום חשיבות לשלדים אלה. ב־3 לפנות בוקר הוציאונו החוצה בקור גדול, כשעל גופנו ה„פּאַשאַק". (היה זה הלבוש של ה„קצטניקים" — מכנסיים וחולצה מפוספסים). כך החזיקו אותנו בעמידה עד שעות הצהריים. מהקור העז נדבק שלד לשלד, והמסתכל מרחוק ראה גוש מצופף שעמד בלי נוע.

מחנה מטהאוזן נבנה על גבעה, שהיתה מוקפת חומת אבן בגובה של למעלה מ־2 מטר. ראשוני האסירים שהגיעו למטהאוזן היו יהודי אוסטריה וצ'כיה. הם אונסו להעלות לראש הגבעה אבנים במשקל 70—50 קילו. את האבן העמיסו על העורף, ומכיון שהעליה היתה תלולה כשלו רבים ובנפלם מחצה האבן את ראשיהם. אם נפל אדם ומת לא היו שמים לב אליו. לפי עדות מהימנה עלתה בניית חומה זו בחייהם של 100.000 יהודים.

יום אחד שמענו שמועה רעה, שאייכמן ביקר במחנה מטהאוזן. מפי ותיקי המחנה נודע לנו, כי ביקור הצורר הזה מבשר מוות. ימים אחדים לאחר מכן, הוציאו את כל ה„מוזלמנים" מהמחנה וריכזום ב„צעלטן־לאַגער" — מחנה־אוהלים שעמד מחוץ לחומת מטהאוזן.

אוהלים אלה מתוחים היו על אדמת חימר טחובה. השכיבונו עליה, דחוסים וצפופים, מבלי שאפשר היה להתהפך מצד אל צד. לילה אחד הופיע אוירון והטיל צרור־פצצות על המחנה. שמענו את ההתפוצצות, אבל הגוף שנטלה ממנו החיות, לא נזדעזע. בצאתי בבוקר מהאוהל ראו עיני מחזה מחריד שלעולם לא אשכחהו: אברי־אסירים מרוסקים פזורים היו על הקרקע, ועל גגות הצריפים ראיתי ידיים ורגליים שנתלשו מהגוף. הרבה אסירים עטו אל האברים המרוסקים האלו, אספו אותם, צלום על אש בשפודים ואכלום.

בהתקרב הסוביטים לוינה הוליכונו הגרמנים ברגל למחנה גונסקירכן, שעמד בתוך יער משובש באגמי־ביצות. הלכנו ששה ימים רצופים. מי שנכשל בהליכתו — נורה

---

* במשפט אייכמן הגדיר העד ד"ר אהרן ביילין את ה„מוזלמן" במלים אלו: ה„מוזלמן" היה איש, הגווע מחמת חוסר תזונה ודועך בהדרגה עד למותו. הסימפטום הראשון של ה„מוזלמניות" היה, שהאיש החל לדבר על אוכל, שכן העצורים נהגו שלא לדבר על שני נושאים: הקרמטוריום והאוכל. הדיבורים על אוכל היו מגבירים את התיאבון וממריצים את הפרשת מיצי הקיבה במידה מציקה, כך שברגע שהחל אדם לדבר על האוכל הטוב בבית הישן קבעו שזו „תופעה מוזלמנית". תנועותיו של ה„מוזלמן" היו אטיות, פניו כמסכה אפורה, הוא לא שלט בתהליכי ההפרשה ונראה כשלד בעל רגלים נפוחות. בעת מיסדרים היו חבריהם נוהגים להשעינם על הקיר, כדי שיוכלו להישאר על רגליהם. אך גם אז נעו מצד אל צד מחמת ליקוי שווי המשקל. גורלם היה להילקח להשמדה עם גוויות המתים.

במקום. במחנה זה בנו הגרמנים מקלט תת־קרקעי, שנועד להשמדת אסירים בגזים. אוכל כמעט ולא ניתן לנו. מדי יום ביומו ראיתי בשקיעת אסיר אומלל בבוץ העמוק ומוציא נשמתו באין מושיע.

במחנה הזה הקצו מטרים אחדים למאה איש. עמדנו איש על גבי רעהו כפירמידות חיות. מדי לילה בלילה הוציאו אחדים מאתנו נשמותיהם. את המתים לא פינו מיד. במקום לשכב על הקרקע הטחובה, שרוע הייתי שלושה לילות רצופים על גופת־מת. כשפינו את הגוויה הצטערתי מאוד, כי היא „חיממה" אותי ושמרה עלי מהטחב.

בגונסקירכן מלאה סאת יסורי. שם שוחררתי ע"י הצבא האמריקאי ביום 4.5.45. בשלושה במאי של שנה זו ראינו פתאום שאנשי המשמר נעלמו, ואז הבינונו שהננו בני־חורין. בשעה 8 בבוקר של ה־4 במאי הופיעו במחנה טנקים וג'יפים אמריקאים. החיילים עודדונו, חלקו לנו מזון ואמרו לנו שנצא לעיר וולס, בה פועל ארגון הצלה יהודי. אם כי עיר זו רחוקה היתה מהמחנה 4 ק"מ בלבד, הלכתי 8 שעות רצופות, כי הייתי, בחינת שלד חי, הבא מעמק־רפאים. בדרך פגשנו חיילי־הישע, שכיבדונו בביסקויטים, סיגריות וקופסאות שימורים.

בוולס טפלו בנו שבויים איטלקיים. כעבור ימים אחדים אושפזנו בבית־חולים של הצבא האמריקאי. שם חזרתי לאיתני ובסיוע הבריגדה היהודית הגעתי לאיטליה. משם עליתי ארצה בשנת 1948 באניה „אלטלנה".

חוה חזן
(אַמעריקאַ)

ווי אזוי בין איך געראַטעוועט געוואָרן?

ניט וויסנדיק פון גאָרניט, האָבן מיר זיך שבת אויף דער נאַכט געלייגט שלאָפן. נאָר אונזער שלאָף האָט לאַנג ניט געדויערט. עפּעס אַ שטאַרקע קלאַפּעריי פון מאַשין־געווער האָט אונז אויפגעוועקט. מיר זענען אַלע אַרויס אין דרויסן. אַרום זענען געשטאַנען דייטשע סאָלדאַטן און ס׳זענען שוין געווען געהרג׳עטע.

איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, איז מיין פאָטער און מיינע צוויי ברידער געלונגען צו אַנטלויפן, און איך מיט דער מאַמען זענען פאַרבליבן, ניט וויסנדיק, וואָס וועט מיט אונז ווייטער זיין. נאָר אַ געלונגענער איינפאַל פון מיין מוטער האָט אונזער לעבן געראַטעוועט. מיין מאַמע האָט אויפגעריסן אַ ברעט פון דער פּאָדלאָגע און מיר ביידע זענען אַריין אין אַ קעלער און דאָרט געזעסן דריי טעג אָן שום שפּייז און וואַסער.

אויף אונזערע קעפּ זענען אַרומגעלאָפן די ווילדע טיגערס און געקלאַפּט מיט די פיס אין דער פּאָדלאָגע. צו אונזער גליק האָבן זיי אונז ניט אַנטדעקט. מיר האָבן איינגעזען, אַז לאַנג וועלן מיר דאָ ניט קענען עקזיסטירן, האָבן מיר אין דער דריטער נאַכט פון אונזער באַהאַלטן זיך דעצידירט צו אַנטלויפן. די נאַכט איז געווען זייער אַ פינסטערע. בשעת׳ן לויפן האָט מיך מיין מאַמע פאַרלוירן אין אַ פעלד און כ׳בין געבליבן אַליין אין אַ פינסטערער נאַכט נעבן אַ געדיכטן וואַלד. שרייען און רופן מיין מאַמען האָב איך מורא געהאַט, ווייל די ווילדע נאַצישע חיות וואָלטן דאָך באַלד דערהערט מיין געשריי, בין איך אַריין אין וואַלד, געבלאָנדזשעט צווישן די בוימער און קאָרטשעס, דאָס האַרץ האָט אין מיר שטאַרק געקלאַפּט און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון מיינע אויגן, וויסנדיק אַז כ׳בין געבליבן אַליין אין דער וועלט, אַז כ׳האָב שוין ניט קיינעם, און כ׳בין געיאָגט פון בלוט־דורשטיקע חיות.

פּלוצים האָב איך מיר אין דער פינסטערניש אָנגעשטויסן אין אַ מענש. מיין ערשטער געדאַנק איז געווען אַז כ׳בין אַ פאַרלוירענע. ס׳איז זיכער אַ אוקראַינער, אָדער אַ געסטאַפּאָוויעץ, אָבער צו מיין גרויס גליק האָב איך איינגעזען אַז ס׳איז מיין מוהמע.

מיין פרייד דאַן איז געווען אין לשער און אומבאַשרייבלעך, וואָס כ׳האָב ווייטער געפונען עמיצן און כ׳בין שוין ניט אַליין. אָבער ניט לאַנג האָט זיך געצויגן מיין פרייד.

מיין מוהמע איז געגאנגען זוכן מיינע עלטערן און האָט מיר איבערגעלאָזט אין אַ שייער אין מיטן פעלד, ווו כ׳בין געלעגן דריי טעג אָהן אַ ביסן ברויט און אָהן וואַסער.

די מוהמע האָט געפונען מיין פאָטער און מיינע צוויי ברידער אין אַ גרוב אין מיטן פעלד. זי האָט איבערגעגעבן מיין פאָטער אַז כ׳לעב און כ׳ליג אין אַ שייער. די מוהמע האָט זיך צוריקגעקערט און מיר אָנגעזאָגט די פריילעכע בשורה, אָבער כ׳האָב קוים געהערט איהרע ווערטער, ווייל כ׳בין געלעגן אַ פאַרחלש׳טע.

מיר האָבן זיך וואָכנלאַנג געוואַלגערט אין גריבער, אָבער ניט קענענדיק לאַנג ליגן אין זיי, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ס׳איז אונז געלונגען זיך אַריינצוכאַפּן אין אַ שייער, אונטער דער פאָדלאָגע, ווו מיר זענען געלעגן צוויי וואָכן. לענגער האָבן מיר דאָרט ניט געקענט זיך אויסבאַהאַלטן, ווייל דער קעלער איז אָנגעפילט געוואָרן מיט וואַסער.

איז מיין פאָטער אַוועק צו אַ קריסט, זייער אַ אָרענטלעכער מענטש, וועלכער האָט אונז אויפגענומען זייער פריינטלעך און אונז באַהאַלטן אין אַ שטעלכ׳ל. דאָרט זענען מיר איבערגעליגן זייער אַ געפערלעכע און קריטישע צייט. איינמאָל, ווען מיין פאָטער איז געגאַנגען זוכן עסן, האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט מיין מוטער, זענען מיר שוין אַלע געווען צוזאַמען.

דער הונגער האָט אונז שרעקלעך געפייניקט. מיר זענען אַלע געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. נאָר דאָך האָבן מיר די צרות אויסגעהאַלטן און מיר האָבן זיך דערוואַרט אויף דער גליקלעכער שעה, ווען די רויטע אַרמיי האָט אונז באַפרייט.

קומענדיק צוריק אין שטעטל, האָבן מיר ניט געהאַט קיין כוח צו שטיין אויף די פיס און מיר זענען עטלעכע וואָכן געלעגן אין די בעטן. מיר זענען געגאַנגען אויף שטעקנס, און ס׳איז ניט געווען קיין ווונדער, ווייל 22 מאָנאַטן האָבן זיך געצויגן אונזערע אומבאַשרייבלעכע ליידן. ווען מ׳האָט אונז באַפרייט, בין איך אַלט געווען 7 יאָר.

לייבל סלאָוואַטשיק
(רמתיים)

דער וועג צו דער באַפרייאונג

פון געטאָ זענען מיר אַרויס דריי ברידער: יאָסל, דוד און איך. מיר זענען אַריין צו אַ גוי אין אַ שייער, אָן זיין וויסן.

פאַרטאָג האָבן מיר געהערט אַז ס׳רירט זיך עפּעס אין שייער. מיר האָבן פאַר־שטאַנען, אַז דאָס דאַרפן זיין יידן, ווייל דער גוי איז געווען אַ אוהב ישראל. און טאַקע באַלד האָבן זיך באַוויזן שמחה וורעַנע׳ס צוויי זין — אביגדור און זיין ברודער, און אַברהם גאנשאַק.

אינעם שייער זענען מיר געבליבן עטלעכע טעג. דער גוי האָט זיך באַצויגן צו אונז גוט. ער האָט אונז געטרייסט, אַז ווער ס׳וועט בלייבן לעבן ביזן 11־טן נאָוועמבער 1942 — איז אַ געראַטעוועטער. צום גרויסן באַדויערן — דער דאַטום איז אַריבער און מ׳האָט גאָרניט געזען, אַפילו, קיין סימן, אַז די ישועה האַלט ביים קומען. דער גוי איז געוואָרן אומגעדולדיק. ער האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז מ׳רעדט וועגן אים, דאָס ער באַהאַלט אויס יידן. דאָס איז געווען אַ קלאָרער סימן, אַז מיר מוזן זוכן אַן אַנדער באַהעלטעניש.

בלית־ברירה האָבן מיר זיך געמוזט שיידן. איך מיט מיינע ברידער זענען אַוועק אין דאָרף איסאַ (אויף דער פּוילישער זייט) צו אַ פּויער מיטן נאָמען זאַוויעסטאָווסקי, ביי וועלכן מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן עטלעכע מאָנאַט. ביינאַכט פלעגט ער אונז ברענגען עסן און געטאָן אַלץ מעגלעכעס.

אַזוי האָבן זיך געצויגן טעג און נעכט ביז חודש מערץ 1943. דאַן האָט אונז געמאָלדן זאַוויעסטאָווסקי, אַז מיר מוזן פאַרלאָזן דאָס באַהעלטעניש, ווייל ס׳איז געקומען פון וואַרשע זיין ברודער, וועלכער איז אַ גרויסער שונא־ישראל, און ער וועט אונז זיכער הרג׳ענען.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אונזער לאַגע איז זייער קריטיש, זענען מיר אין אַ געדיכטער פינסטערניש אַוועק אין אַ צווייטן דאָרף, אויך מיטן נאָמען איסאַ, און זיך באַהאַלטן אין אַ שייער. אויפן צווייטן טאָג ווען ס׳איז טונקל געוואָרן, האָבן יאָסל און דוד באַשלאָסן גיין צו זאַוויעסטאָווסקי׳ן, און דערציילן אים ווו מיר געפינען זיך.

יאָסל האָט זיך באַלד צוריקגעקערט און מיט געוויין אויסגעשריען: מ׳האָט

געכאַפּט דוד׳ן! ער האָט מיר דערציילט, אַז דוד׳ן האָט פאַרהאַלטן דער אײדעם פונעם סאָלטיס פון איסאַ. מיר זענען באַלד אַריין צו אים און געמאָלדן, אויב ער באַפרייט ניט באַלד דוד׳ן — פאַרברענען מיר דאָס דאָרף. נאָך אײדער מיר האָבן באַוויזן ענדיקן אונזערע רייד, זענען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ מחנה פון אַ וועלכע 20 פּויערים.

מיר זענען שנעל אַרויס פונעם הויז און געלאָפן מיט אַלע כוחות אָן איבעררייס אַ מהלך פון 5—6 קילאָמעטער. מידע און דערשלאָגענע האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט נעבן אַ וואַלד און געוואַרט אויף דוד׳ן, ווייל מיר האָבן געהאָפט אַז מ׳וועט אים באַפרייען.

גלויבנדיק, אַז אפשר איז דוד אַוועק צוריק קיין ציעכאַנאָוויעץ, זענען מיר מיט מסירות־נפש אַדורך דעם נורעץ און אַריין צו אַ באַקאַנטן פּויער אויף „אַלט־שטאָט״. ער האָט אונז אָנגעזאָגט די טרויעריקע בשורה, אַז אויף וויפל ס׳איז אים באַקאַנט, געפינט זיך דוד ביי די דייטשן. דאַביי האָט ער צוגעגעבן, אַז מיר זאָלן שנעל אַוועק, ווייל מ׳זוכט אונז.

מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן א ענדע מיטן אויסבאַהאַלטן זיך ביי גויים און פאַרבונדן זיך מיט די פאַרטיזאַנער.

מיר זענען אַוועק אין דאָרף קאבעס און אַריין צו אַ גוי מיטן נאָמען אַלעקסיי. ער האָט אונז געגעבן עסן און געהייסן קומען אין דריי טעג אַרום, דאַן וועט ער אונז פאַרבונדן מיט רוסישע פאַרטיזאַנער. צו אים קומט אַריין אַ ציעכאַנאָוויעצער קאָמוניסט מיטן נאָמען גראַבאַזש, וואָס שטייט אין קאָנטאַקט מיט די פאַרטיזאַנער. אַלעקסיי האָט זיך ענטשולדיקט פאַר אונז, הלמאי ער לאָזט אונז ניט נעכטיקן ביי אים, ווייל ניט לאַנג האָבן די דייטשן דערשאָסן אַ רוסישן געפאַנגענעם, וואָס האָט געאַרבעט ביי אים.

נאָך דריי טעג האָבן מיר זיך צוריקגעקערט, אָבער אַלעקסיי האָט אונז געזאָגט, אַז דערווייל האָבן זיך נאָך ניט באַוויזן קיין פאַרטיזאַנער. ער האָט אונז געגעבן עסן און געהייסן זיך צוריקקערן אין אַ פּאָר טעג אַרום.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין נעבן אַ וואַלד און אָנגעהויבן עסן. פּלוצים האָבן מיר דערהערט אַ גערודער צווישן די ביימער און באַלד איז אַרויס אַ מענש פונעם וואַלד. ס׳איז געווען אַ לבנה־נאַכט. לאַנגזאַם האָבן מיר זיך דערנענטערט צום אומבאַקאַנטן און דערזען אַז דאָס איז גראַבאַזש.

גראַבאַזש איז געווען אַ איבערגעגעבענער קאָמוניסט און ער האָט זיך אויס־באַהאַלטן פון די דייטשן. ער האָט געהאַט ביי זיך אַ ביקס. מיט אים האָבן מיר זיך געפילט מוטיקער, ווייל ער איז געווען באַוואָפנט. פון דאַן האָבן מיר געוואַנדערט מיט אים אין די וועלדער.

גראַבאַזש האָט אונז דערציילט, אַז ס׳דרייען זיך אַרום אין וואַלד צוויי יינגלעך

פון ציעכאַנאָוויעץ. און באַלד טאַקע האָט ער אונז אַוועקגעפירט צו זיי. מיר האָבן דערזען אַ פייער אין וואַלד, נעבן וועלכן ס׳האָבן זיך געוואַרעמט די יינגלעך.

ווען זיי האָבן אונז דערזען, האָבן זיי זיך שטאַרק דערשראָקן און פאַר גרויס פּחד אַנטלאָפן. מיר זענען געבליבן שטיין ביים פייער. איינער פון די יינגלעך האָט זיך באַלד צוריקגעקערט. ער איז געווען געשוואָלן פון הונגער און כ׳האָב אים קוים דערקענט.

דאָס איז געווען בערל מאַנטשאַר, פּייגע דער שניידערקעס זון (פון קאַזאַרער גאַס). ער האָט אונז דערציילט, אַז מיט אים געפינט זיך אַבטשע, יאָסל ליפשיצ׳עס אַ זון.

כ׳האָב געפרעגט די קינדער, ווער זאָרגט פאַר זיי, האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז אַברהם קלאָפּיטאָווסקי איז זיך מוסר נפש פאַר זיי. כ׳בין געווען זייער גערירט פון דעם. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן איז קלאָפּיטאָווסקי געווען צוזאַמען מיט די קינדער און ביינאַכט פלעגט ער זיך לאָזן גיין אויף קידוש־השם. אין דער פינצטערניש, אַרומגערינגלט פון שונאים, פלעגט ער אַוועק אינעם פאַרלאָזטן ציעכאַנאָוויעצער געטאָ און ברענגען עסן די יינגלעך. ער האָט זיך צו זיי באַצויגן ווי צו זיינע אייגענע קינדער און געזאָרגט פאַר זיי ווי אַ געטרייער פאָטער.

קלאָפּיטאָווסקי האָט געהאַט אַ באַקאַנטן פויער אין ציעכאַנאָוויעץ, ביי וועלכן ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן מיט יעקב־מאיר ליפשיץ, אבטשע׳ס אַ ברודער. מ׳האָט געמסר׳ט דעם פויער און אים דערשאָסן צוזאַמען מיט קלאָפּיטאָווסקי׳ן און יעקב־מאיר ליפשיץ.

מיר האָבן זיך „איינגעאָרדנט” אין וואַלד. שפּעט ביינאַכט האָט זיך צוריקגעקערט אַבטשע. זענען מיר געווען 4 פּערזאָן.

איינמאָל, אַ פּאַרנאַכט, האָבן מיר באַמערקט אין וואַלד טריט, וועלכע זענען אונז געווען גאַנץ גוט באַקאַנט. דאָס זענען געווען די שפּורן פון די A. K. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ) לייט, אַ פּוילישע מחתרת, וואָס האָט זיך געבאָדן אין יידיש בלוט.

אין יענע טעג איז געשען אַ אומגליק. אונזער באַשיצער גראַבאַזש איז פאַר־וווּנדעט געוואָרן דורך אַ קויל, וואָס איז אומגליקלעכערווייזע אַרויס פון זיין ביקס. ער איז געלעגן אַ פּאַרבלוטיקטער אין פעלד. מיר האָבן אים גענומען אויף די הענט, און נאָך צוויי טעג זענען מיר אָנגעקומען זיין פּאַביקרער וואַלד.

מער ווי איין טאָג זענען מיר ניט געבליבן אויף דעמזעלבן פּלאַץ, ווייל ס׳האָט אונז געדראָט אַ גרויסע סכנה. יאָסל האָט פּלוצעם אויסגעשריען: די דייטשן גייען! באַלד האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכע שיסעריי. מ׳האָט געשאָסן פון אַלע זייטן. איידער מיר זענען זיך צולאָפן, האָבן מיר באַשטימט צווישן זיך, אַז אויב מיר וועלן בלייבן לעבן, זאָלן מיר זיך טרעפן אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ. פון גרויס שרעק און צוטומלונג האָט

יאָסל אָנגעהויבן לויפן אַקעגן די דייטשן. פון דערווייטנס האָב איך געזען ווי די מערדער שיסן אויף אים.

כ׳האָב אָנגעהויבן צו לויפן מיט אַלע כוחות און אַריין אין אַ וואַלד. געפאַלן מאַכטלאָז אויפן באָדן און אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט מיין לייב. כ׳האָב געזען דעם טויט פאַר מיינע אויגן. אָבער, וועגן מיר האָב איך זיך ניט געקימערט. כ׳האָב נאָר געטראַכט וועגן יאָסל׳ן, זייענדיק זיכער, אַז ער איז דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט גראַבאַזש׳ן.

ווען כ׳בין געקומען צו זיך, בין איך אַוועק צום באַשטימטן פּלאַץ, וווּ מיר האָבן זיך באַדאַרפט טרעפן. מיין האַרץ האָט ניט געוואָלט גלויבן, אַז יאָסל איז טויט. ס׳איז געווען שפּעט ביינאַכט, ווען כ׳בין אָנגעקומען נעבן אַ הויז פון אַ פּויער. מורא האָבנדיק אָנצוקלאַפּן אין טיר, האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געלעגן אין דרויסן. פאַרטאָג האָט מיר אויפגעוועקט אַ שטאַרק בילן פון הינט. ס׳האָט זיך געעפנט די טיר, און צו מיין גרויסער איבערראַשונג האָב איך דערזען אַ באַקאַנטן פּויער. ער האָט מיר מיטגעטיילט די כמעט אָנגלויבלעכע בשורה, אַז יאָסל לעבט, און ער געפינט זיך ביי אים.

ווען כ׳האָב דערזען יאָסל׳ן — איז ביי מיר אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. מיר זענען געפאַלן איינער אויפן האַלדז פונעם צווייטן און אַ לאַנגע צייט האָבן אונז געשטיקט די טרערן. ווי אַזוי איז יאָסל געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט, איז פאַר מיר אַ געהיימניס ביזן היינטיקן טאָג, ווייל אויך יאָסל האָט דאָס ניט געקענט דערקלערן.

עלנטע און גערודפ׳טע דורכן פיינט האָבן מיר געוואַנדערט איבער פוסטע פעלדער און געדיכטע וועלדער. אין אַ מאָנאַט אַרום האָבן מיר פּלוצים דערזען גראַבאַזש׳ן זיצן אונטער אַ בוים. ער איז געווען איינגאַנצן פאַרענדערט. זיין פאַרווונדעטער פוס איז געווען פאַרוואַקסן מיט ווילד־פלייש און ער האָט געליטן שרעקלעכע ווייטאָקן. מיר האָבן אים גענומען מיט זיך און געגאַנגען פרעגן אַ פּויער, מיט וואָס קען מען אויסהיילן די ווונד.

דער גוי האָט מעשה דאָקטאָר פאַראָרדנט, אַז מ׳דאַרף אַרויפשיטן אויף דער ווונד אַ פּולווער פון בלושטיין. ער האָט אונז געגעבן די רפואה, נאָר מיר האָבן ניט געוווּסט ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט איר. מ׳האָט באַדאַרפט אַרויפשיטן בלויז אַ קליינעם טייל פון אַ גראַם; נאָר אַזוי ווי מיר זענען געווען קנאַפּע מומחים דאָצו — האָבן מיר באַשאָטן די ווונד מיט גאַנצע 50 גראַם. דאָס האָט שרעקלעך געברענט, און גראַבאַזש האָט געשריען אַז ער גייט שטאַרבן. מורא־האָבנדיק, אַז זיינע געשרייען וועלן אונז ענטדעקן, האָבן מיר פאַרשטאָפּט זיין מויל און מיט אַ פאַרזשאַווערט מעסער אויסגעשניטן דאָס ווילד־פלייש. פון דער „אָפּעראַציע" איז אים לייכטער געוואָרן און מיט דער צייט איז ער געזונט געוואָרן.



קבוצת ניצולים מיהודי ציחנוביץ במחנה שבפוקינג (גרמניה) בשנת 1946

אַ גרופּע פון געראַטעוועטע ציעכאַנאָוויעצער יידן אינם לאַגער פון פאָקינג (דייטשלאַנד) אין יאָר 1946

A Group of Jewish Survivors from Ciechanovietz in a Camp in Foking (Germany) in 1946

ס׳שטייען פון רעכטס צו לינקס : 1) אַלטער פיורא. 2) גאָטליב. 3) ראובן באטשקעוויטש.
4) מאיר רייזלס. 5) אפרים ווינער. 6) ראובן־יוסף חזן

ס׳זיצן פון רעכטס צו לינקס : 1) יעגער. 2) הערש־בער פאַסטערנאַק. 3) רחל חזן.
4) 5) פייבל ראסאכאצקי ז״ל

דריטע רייה : די קינדער פון ראובן־יוסף און רחל חזן

דאַן האָבן מיר זיך געשיידט. איך מיט יאָסל׳ן זענען אַוועק אין דאָרף לינעוויץ און אַריין צו אַ באַקאַנטן פויער. ער האָט אונז געזאָגט, אַז צו אים קומען פיל יידן. זיצנדיק ביי אים, האָט זיך באַוויזן יהודה ריץ, וואָס איז געקומען בעטן ברויט.

מיט יהודה ריץ האָבן זיך באַהאַלטן זיין זון, אברהם גאנשאק, שמואל וואינאוויטש, משה ראָזענבערג און די פרוי חזן מיט אירע דריי קינדער.

יהודה האָט געזאָגט, אַז ס׳וואַנדערן פיל יידן אין וואַלד אין אַ האָפנונגסלאָזער לאַגע. נעכטן האָט מען דערמאָרדעט אַ ציעכאַנאָוויעצער מיידל מיטן נאָמען מישע,

יוקל דעםביידער׳ס טאָכטער פון „ניי־שטאָט“. מיר מוזן, האָט יהודה צוגעגעבן, זיך אַקעגנשטעלן מיט געווער אין האַנט, אַ ניט זענען מיר אַלע פאַרלוירן.

אונזער ערשטע פאַרטיידיקונגס־אַקציע איז געווען גראָבן אַ טיפע גרוב אין וואַלד. זי איז פון אויבן גוט פאַרמאַסקירט געוואָרן, און אַ געהיימעס טירל האָט געדינט אַלס איינגאַנג. ס׳זענען געווען ברענענדע פרעסט, און אין גרוב האָט געהערשט אַ מוראדיקע קעלט. די קינדער חזן האָבן מיר באַהאַלטן ביי אַ פויער פאַר אַ גרויסן אָפּצאָל.

מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין גרוב עטלעכע מאָנאַטן. אַ פויער, וואָס האָט צופעליק געזען איינעם פון אונז, האָט אונז געמסר׳ט. באַלד זענען געקומען פיל דייטשן און מ׳האָט אָנגעהויבן באַשיסן דעם וואַלד. זיי האָבן צעאַקערט דעם וואַלד מיט גראַנאַטן — אָבער די גרוב ניט אַנטדעקט.

אינעם טאָג פונעם אָנפאַל בין איך מיט יהודה ריץ געווען אין אַ שכנות׳דיקן דאָרף. ווען מיר האָבן דערהערט די שרעקלעכע אויפרייסן פון די גראַנאַטן — זענען מיר פאַרבליבן אין דאָרף אַ גאַנצן מעת־לעת.

די דייטשן האָבן געבראַכט דעם פויער וואָס האָט געמסר׳ט און ער האָט אָנגעוויזן ווו ס׳געפינט זיך, בערך, די גרוב. זיי האָבן באַלד געבראַכט אַ גאַנצע מחנה פויערים מיט לאָפּאַטעס, וועלכע האָבן אַזוי לאַנג געגראָבן ביז זיי האָבן דערגרייכט צום טירל פונעם גרוב.

שמואל וואינאַוויטש האָט געהאַט אַ ביקס. ווען ער האָט דערזען, אַז דער שונא שטייט אַזוי נאָענט צו אים, האָט ער אָנגעהויבן שיסן אָן אויפהער. די דייטשן האָבן זיך דערשראָקן און זיך צוריקגעצויגן. זיי האָבן געמיינט מי יודע, וועלכע מורא׳דיקע כלי־משחית געפונען זיך אין גרוב. נאָר, ווען זיי האָבן באַמערקט אַז ס׳איז פאַראַן בלויז איין ביקס, זענען זיי צוגעטראָטן צום גרוב און מיט גראַנאַטן אויפגעריסן אַלע וואָס האָבן זיך געפונען אין איר. פון דעם מערדערישן אָנפאַל זענען צעריסן געוואָרן אויף שטיקער שמואל וואינאַוויטש, משה ראָזענבערג, אַ מיידל פון יענדזשעיעוו און דער זון פון יהודה ריץ.

אַ טאָג שפּעטער בין איך מיט יהודה ריץ געגאַנגען באַזוכן די גרוב. מיר האָבן געוואָלט באַערדיקן די צושמעטערטע אברים פון די קדושים, אָבער די רוצחים האָבן אונז פאַרשפּאַרט די אַרבעט. ווען מיר זענען געקומען צום פּלאַץ — איז שוין אַלץ געווען אויסגעגלייכט מיט דער ערד. ס׳איז ניט געבליבן, אַפילו, קיין שפּור פונעם גרוב און ס׳איז ניט געבליבן קיין זכר פון דעם, אַז ערשט נעכטן האָבן דאָ געקלאַפּט מענשלעכע הערצער, פול מיט האָפענונג אַז זיי וועלן איבערלעבן דעם שונא און נקמה נעמען פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט.

מיר זענען אַוועק צו אַ פויער, וועלכער האָט אונז אויפגענומען גאַנץ פריינטלעך

און האָט אונז אויסבאַהאַלטן אין אַ גרוב, וועלכע איז פֿון אויבן געווען פֿאַרדעקט מיט דיקע באַלקעס, באַשאָטן מיט מיסט. אויף אונזערע קעפּ האָבן געטראָטן די פֿיס פֿון די דייטשע פֿערד. אַזוי זענען מיר געלעגן דריי מעת־לעת אָן עסן און אָן טרינקען.

אונזער לאַגע איז געווען זייער קריטיש.

אויפֿן פֿערטן טאָג איז, ממש, אַ נס געשען. מ׳האָט געביטן דאָס מיליטער, וואָס איז איינגעשטאַנען אינעם דאָרף און מ׳האָט אַרויסגענומען די פֿערד פֿונעם שטאַל. ביז מ׳האָט געבראַכט דאָס נייע מיליטער, האָט דערווייל דער פּויער אויסגענוצט די גע־לעגנהייט און אונז אַראָפּגעבראַכט אין גרוב אַ ברויט מיט אַ עמער וואַסער, פֿון וועלכע מיר האָבן זיך דערנערט גאַנצע 12 טעג.

איינעם אַ אָוונט האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי באַגלייט מיט אויפֿ־רייסן פֿון באָמבעס. פּלוצים איז געוואָרן רוהיק. דער פּויער איז אַריין צו אונז און געזאָגט, אַז מ׳זעט ניט מער קיין דייטשן, אָבער דאָך האָט ער אונז געראָטן אַז מיר זאָלן נאָך בלייבן אין גרוב ביז ס׳וועט טאָג ווערן.

ס׳האָט אויפגעשיינט די זון און געבראַכט מיט זיך אַ מאָדנע רוהיקייט, וועלכע האָט געהערשט אין די אויערן. דער פּויער איז אַוועק קיין ציעכאַנאָוויעץ און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט האָט ער געזאָגט אַז אין שטעטל רעדט מען נאָר רוסיש.

פֿון די רייד האָבן מיר פֿאַרשטאַנען, אַז ציעכאַנאָוויעץ איז באַפֿרייט געוואָרן דורך די סאָוויעטן. אויף מאָרגן זענען מיר גלייך אַוועק אין שטעטל און געטראָפֿן דאָרט 14 יידן, צווישן זיי די משפּחה ווינער.

מיר האָבן איינגעזען, אַז אין ציעכאַנאָוויעץ איז ניטאָ מער קיין פּלאַץ פֿאַר אונז. די לאַגע איז געווען אַ שרעקלעכע. די .A. K־באַנדיטן זענען אונז באַפֿאַלן און אַלץ אַוועקגערויבט פֿון אונז. זענען מיר אַוועק קיין ביאַליסטאָק, ווו ס׳האָבן זיך געפֿונען מעהרערע יידן און דאָס לעבן איז געווען זיכערער.

ביי דער משפּחה ווינער האָבן זיך געפֿונען מאיר, חוה׳טשע און רחל האַלצמאַן. מיר האָבן זיי געוואָלט מיטנעמען מיט זיך קיין ביאַליסטאָק, האָבן זיי געזאָגט, אַז נאָכדעם ווי זיי האָבן איבערגעלעבט דעם דייטש, וועלן זיי שוין בלייבן לעבן אויך ווייטער און זיי רירן זיך ניט פֿון פּלאַץ.

מיר פֿלעגן פֿאָרן אָפֿטמאָל פֿון ביאַליסטאָק קיין ציעכאַנאָוויעץ און יעדעס מאָל האָבן מיר זיך געבעטן ביי די האַלצמאַנ׳ס זיי זאָלן מיט אונז מיטפֿאָרן, ביז איינעם אַ אָוונט איז אַריין אַ באַנדע באַנדיטן און געהרג׳עט חוה׳טשען מיט מאיר׳ן. רחל האָט באַוויזן צו אַנטלויפֿן און אַוועק קיין ביאַליסטאָק.

אריה ווייסבארד
(חיפה)

אין קאַמף מיטן שונא

ס׳איז געווען גאַנץ פריה. די זון איז פּאַמעלעך אויפגעגאַנגען אין הימל און פאַר־וואַנדלט די נאַכט אין טאָג. דער טאָג איז געווען ענלעך צו די אַנדערע. פרומע יידן האָבן זיך געאיילט צו די בתי־מדרשים, דאַווענען מיטן ערשטן מנין, די אַרבעטער האָבן זיך געאיילט צו דער אַרבעט, קינדער אין די שולן — דאָס לעבן האָט געפלאָסן נאָרמאַל. מיכלע די בעקערין, ביי וועלכער כ׳האָב געדונגען די בעקעריי, איז ווי יעדן טאָג געווען פאַראינטערעסירט צו וויסן, צי דאָס געבעקס איז געראָטן.

פלוצים האָט מיכלע אויפגעהויבן איהרע וואַכזאַמע אויגן און מיט גרויס שרעק אַ געשריי געטאָן: „גיט נאָר אַ קוק וואָס דאָ טוהט זיך!" איהרע אויגן האָבן באַמערקט אין די בלויע הימלען אַ עראָפּלאַן מיט אַ האַקנקרייץ, וואָס האָט זיך מיט אַ ריזיקער שנעלקייט אַראָפּגעלאָזט, ממש, איבער אונזערע קעפּ און אַראָפּגעשליידערט צוויי גרויסע באָמבעס. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע בהלה, די גאַסן זענען פול געוואָרן מיט מענטשן, וואָס האָבן ניט באַגריפן וואָס קומט דאָ פאָר. אָבער די הערצער האָבן געפיהלט און פאַר־אויסגעזען, אַז די באָמבעס זאָגן אָן די צושטערונג פון אונזערע וואַרעמע היימען.

די געשעענישן אַנטוויקלען זיך זעער שנעל. די היטלעריסטישע חיילות־באַנדעס פאַרנעמען אונזער שטעטל. טאָג און נאַכט פליען זיי ווי טייוולאָנים איבער אונזערע גאַסן און וואַרפן אָן אַ פּחד אויף דער באַפעלקערונג. ס׳דערגעהען צו אונז שרעקלעכע ידיעות. אין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק איז גרויזאַמעס געשען: די דייטשע רוצחים האָבן דאָרט אומגעבראַכט 500 יידן. אין אַן אַנדער שכנות׳דיק שטעטל האָבן זיי צונויפגעטריבן פיל יידן אויף איין פּלאַץ און די קוילן פון מאַשין־געווער האָבן דורכגעלעכערט זייערע הערצער. בלויז איינצלנע איז געלונגען צו אַנטלויפן. מיר זענען זיכער, אַז דער זעלבער גורל דראָט אויך די ציעכאַנאָוויעצער יידן.

נאָר פלוצים איז אַ נס געשען: די דייטשן האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל און אויף זייער פּלאַץ זענען אַריין די סאָוויעטן. די פרייד איז געווען גרויס. נאָר ניט לאַנג האָט זיך געצויגן די שמחה. מיר האָבן געמערקט, אַז די סכנה איז ניט פאַרביי: פריער אָדער שפּעטער וועט היטלער גיין אויף ראַטנפאַרבאַנד. די סאָוויעטן האָבן פאַראויסגעזען, אַז די קריג איז אומפערמיידלעך און האָבן דערקלערט אַ אַלגעמיינע מאָביליזאַציע פון דער יוגנט. דער „וואָיענקאָמאַט" איז איבערפולט, מ׳גייט דורך פאַרשידענע קאָמיסיעס און

מ׳ווערט צוגעטיילט צו פאָרן דורכמאַכן 45 טעג איבונגען. איך, אַלטער פּיורע, אפרים קאָנאָפּיאטע, אברהם וורובעל און צבי זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן דעם 11־טן מאַי 1941 אין דער פעסטונג פון באָברויסק. מיט גרויס טרויער פאַרלאָזן מיר אונזערע היימען. אַלע ציעכאַנאָוויעצער יידן באַגלייטן אונז מיט טרערן אין די אויגן צו אונזער געפאהר־פולער נסיעה. מיר פיהלן, אַז ס׳בלאָזן חורבן־ווינטן אין אונזער שטעטל.

די מיליטערישע איבונגען זענען געווען זייער שווערע. מ׳האָט אונז טאָג און נאַכט געאיבט ווי זיך באַגיין מיט אַ ביקס און גראַנאַט. טראָץ דעם וואָס די דיסציפּלין איז געווען זייער גרויס און טראָץ דעם וואָס אונזערע יונגע הערצער האָבן געביינקט אַ היים —האָבן מיר מיט גרויס אינטערעס זיך געלערנט ווי צו באַגיין מיט געווער, ווייל מיר האָבן געגאַרט מיטצוהעלפן פאַרניכטן דעם שרעקלעכן שונא פון אונזער פאָלק. אָבער, מיר האָבן געהאַט דערביי נאָך אַ כוונה: מיר, די ציעכאַנאָוויעצער יוגענטלעכע, זענען געווען ציוניסטיש געשטימט און ביי אונז האָט זיך געשאַפן אַ שטאַרקער גלויבן, אַז מיטן זיג איבערן שונא, וועלן מיר, וואָס האָבן פאַרגאָסן אַזויפיל בלוט, באַקומען אַ רעכט אויף אונזער לאַנד. מיר האָבן געהאָפט, אַז ס׳וועט קומען דער טאָג און מיר וועלן אויסנוצן אונזערע מיליטערישע קענטנישן, כדי צו קעמפן מיט געווער אין האַנט אין אונזער לאַנד, פאַר אונזער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט. דער טיפער גלויבן האָט געשטאַרקט אונזערע הענט און געקרעפטיקט אונזערע הערצער.

אָנפאַנג יוני זענען מיר אַרויסגעפאָרן אויף מאַנעוורעס אין די וועלדער פון קרופּקע. מ׳האָט אונז צוגעזאָגט, אַז דעם 25־טן וועלן מיר באַפרייט ווערן און צוריקקעהרן קיין ציעכאַנאָוויעץ, נאָר צום באַדויערן האָבן מיר דערהערט דעם 21־טן אַ שטאַרקן אַלאַרם. אונזער קאָמאַנדיר מעלדעט אונז, אַז היטלער איז באַפאַלן ראַטן־פאַרבאַנד. מיר באַקומען באַלד נייע מלבושים און שווערן צו זיין טרייע סאָלדאַטן.

היטלער האָט אָנגעגריפן מיט אַ גוואַלדיקער מאַכט. ס׳איז געקומען אַ באַפעל זיך צוריקצוציהען. די בהלה איז גרויס. די סאָוויעטישע עראָפּלאַנען הויבן זיך אויף און צינדן זיך אָן אין דער לופט. זיי פאַלן ווי ברענענדיקע שטערן צו דער ערד. מיר, די פינף ציעכאַנאָוויעצער, זענען מתפלל אַ שטילע תפילה. אָבער, אונזער געבעט צו גאָט העלפט ניט: אונזערע אויגן זעען די שרעקלעכע בילדער פון די פאַלנדע עראָפּלאַנען־שטערן, וואָס ווערן פאַרברענט צוזאַמען מיט די פּילאָטן. מיר ווערן באַהערשט פון אַ געפיהל פון אומבאַהאָלפנקייט. אונזער גאַנצעס וועזן ווערט אָנגעפילט מיט אַ רעליגיעזן גלויבן, ווייל נאָר אַ איבערנאַטירלעכע קראַפט קען אונז ראַטעווען. דאָך, אין די שווערע שטונדן, זענען מיר געווען זיכער, אַז דער זיג איז מיט אונז און דאָס האָט געגעבן כוח און מוט אויסצוהאַלטן.

מיר האָבן זיך קאָנצענטרירט ביי די ברעגן פון דניעפּר. ווען ס׳איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל זיך צוריק צוציהען — איז געפאַלן דער מוט. דער שונא האָט באַמ־

באַרדירט טאָג און נאַכט. מיר האָבן אונזער מחנה איבערגעפירט ביינאַכט. ס׳איז געווען פינצטער. די בריקן אויפגעריסן און די וועגן זענען געווען פאַרפלייצט מיט טיפע בלאָטעס. די רעדער פון די וועגענער זינקן אין זיי. מיר שטופן די מאַשינען. די כוחות גייען אויס. מיר, די ציעכאַנאָוויעצער, האַלטן זיך צוזאַמען, אָבער דאָך פאַרלירן מיר זיך אין דער טיפער פינצטערניש. די זייטיקע וועגן זענען פול מיט גריבער פון אַראָפּגעוואָרפענע באָמבעס. ס׳ליגן אויך ניט קיין אויפגעריסענע באָמבעס, צעקלאַפּטע מאַשינען, טויטע פערד — דאָס אַלץ זאָגט עדות אַז דער שונא איז שטאַרק.

אונזער לאַגע איז געוואָרן קריטיש. מיר זענען אַרומגערינגלט פונם פיינט. ס׳איז שוין ניטאָ קיין פראָנט. פיל טויטע זעלנער און ציווילע וואַלגערן זיך איבער די פעלדער. דער שונא וואַרפט פון די עראָפּלאַנען כרוזים (אויפרופן), אין וועלכע ער רופט דעם רוסישן סאָלדאַט צו פאַרניכטן די יידן און קאָמוניסטן, וועלכע צווינגען זיי צו קעמפן. מיר, יידן, פילן אַז מיר זענען באַדראָט מער ווי אַנדערע. די כרוזים זענען געווען פאַר אונז ווי גיפטיקע באָמבעס, וואָס פאַרסאַמען די לופט. מיט נסים געלונגט אַ טייל פון אונזער אָפּטיילונג דערשלאָגן זיך ביז דער שטאָט ביעלגאָראָד. אָבער, ס׳באַווייזן זיך פיינדלעכע עראָפּלאַנען, מאַכן אַ געפערלעכן קרייז און באַשיטן אונז מיט באָמבעס. פיל זענען געפאַלן טויט. איך בין פאַרוווּנדעט געוואָרן, מ׳האָט מיך געהיילט אַ פאָר וואָכן אין אַ שפּיטאָל ניט ווייט פון דאָרף ראַזומנע, וואָס איז געווען איבערפולט מיט ראַנירטע זעלנער. אין די געפערלעכע קאַמפן זענען געפאַלן אונזערע צוויי טייערע חברים פון ציעכאַנאָוויעץ, אברהם ווּרובעל און צבי. ביי יעדן קויל וואָס זיי האָבן געשאָסן אין שונא׳ס האַרץ האָבן זיי געדענקט וועגן ציעכאַנאָוויעץ. זיי האָבן געגלויבט אַז מיט דער שליחות פאַרהיטן זיי די ציעכאַנאָוויעצער יידן פון אַ גרויסער קאַטאַסטראָפע. זיי האָבן וועגן דעם געדאַכט טאָג און נאַכט. נאָר צום באַדויערן איז שוין דאַן אונזער שטעטל געשטאַנען אין פלאַמען און די יידן האָבן זיך געגרייט צו דער שרעקלעכער עקידה.

נאָכן פאַרלוסט פון אונזערע טייערע חברים זענען מיר געבליבן בלויז דריי ציעכאַנאָוויעצער. אַנטלויפנדיק פונם שרעקלכען שונא זענען מיר אַוועק אויפן וועג קיין אָסטראָגאָרסק. מיר האָבן זיך געטראָפן מיט צעקלאַפּטע מיליטערישע איינהייטן, צווישן זיי פיל יידן. ס׳געהען אַרום קלאַנגען, אַז ס׳שאַפט זיך אַ יידישע אַרמיי. פון גרויס פרייד האָבן מיר אָנגעהויבן זינגען יידיש־נאַציאָנאַלע לידער. ביים אַריינפאָר אין גאָראָדאָק ביי אָסטראָגאָרסק האָבן אַלטער פיורע, אפרים קאָנאָפּיאַטע און איך ספּאָנטאַן געזונגען די „התקוה״. אונזערע טענער האָבן געהילכט ווייט־ווייט. אַרום אונז זענען געשטאַנען יידישע זעלנער, וואָס זענען אַזוי גערירט געוואָרן פון אונזער זינגען, אַז טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זייערע אויגן. אין די גרעסטע געפאַרן האָבן מיר נאָר געטראַכט וועגן ארץ־ישראל. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין נאָוואָסיבירסק און אויפן וואָקזאַל האָט מען צוגעגרייט

פאַר אונז געדעקטע טישן מיט „וואָדקאָ“ האָבן מיר, די דריי ציעכאַנאָוויעצער, געמאַכט אַ לחיים און זיך געווונטשן: „לשנה הבאה בירושלים!“

דאָ האָבן מיר זיך געשיידט. מיר האָט דער גורל פאַרטריבן קיין אַשכאַבאַד. מיין לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט. כ׳האָב געקראָגן אַרבעט אין אַ בעקעריי. פון טעהעראַן פלעג איך באַקומען פעקלעך. פון מאָסקווע פלעג איך באַקומען די צייטונג פונם אנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. איינמאָל בין איך גוואַלדיק איבערראַשט געוואָרן: כ׳האָב באַקומען אַ ביולעטין, מיט אַ בלוי־ווייסן ערשטן בלעטל, אין וועלכן ס׳איז געווען אַ טעלעגראַמע פון ארץ־ישראל מיט דעם אינהאַלט: „מיר וועלן ניט רוען ביז מיר וועלן אייך באַפרייען“. אונטערגעשריבן: דוד בן־גוריון. דאָס האָט מיר באַפליגלט מיטן גלויבן, אַז היטלער מיט זיינע חיילות וועט ווערן באַזיגט און ס׳וועט פאַרווירקלעכט ווערן דאָס שטרעבן פונם יידישן פאָלק: אין ארץ־ישראל וועט זיך שאַפן אַ יידישע מדינה.

מיט דער מפלה פון היטלערן איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַן אָפּמאַך צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און דער פוילישער רעגירונג לויט וועלכן ס׳איז דערמעגלעכט געוואָרן אַלע יידישע בירגער פון פוילן זיך צוריקקעהרן צו זייערע היימען. אין מאַי 1946 פאַר־לאָזן די יידן מאַסנווייז ראַטנפאַרבאַנד און קומען אַן קיין פוילן. דער קבלת פנים פון די פאָליאַקן איז געווען אַ שרעקלעכער. „ס׳לעבן נאָך יידן“, האָבן זיי געזאָגט. מיר פיהלן, אַז אין פוילן איז פאַר אונז מעהר קיין פּלאַץ ניטאָ, און מ׳מוז אַנטלויפן.

פון ווייטנס בלאָזן טרויעריקע ווינטן פון אונזער אומגעקומענעם שטעטל — ציע־כאַנאָוויעץ. איך זע פאַר מיינע אויגן די ציעכאַנאָוויעצער יידן, וואָס געען מחנותווייז זייער לעצטן וועג. כ׳זע צווישן זיי טייערע, אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן. דאָס האַרץ וויינט אין מיר. כ׳וויל פאָרן קיין ציעכאַנאָוויעץ, פאַלן צו דער ערד, קושן דעם זאַמד, וואָס איז געהייליקט געוואָרן דורך די טריט פון די קדושים. נאָר מ׳רעדט מיר אָפּ דאַפון. ס׳איז אַ גרויסע סכנה. אַ לעבנס־געפאַר. באַנדעס רויבער לויערן אויף יעדן יידן. זיי ווילן פאַרענדיקן דאָס וואָס היטלער האָט ניט באַוויזן צו ענדיקן. אַ אינערלעכער קול שרייט פון די טיפענישן פון מיין האַרץ: אַנטלויף! כ׳קום אָן אין דייטשלאַנד און שליס מיך אָן אין דער שארית הפליטה.

דעם 14 אויגוסט 1948 האָב איך דערגרייכט די ברעגן פונם אויסגעבענקטן לאַנד. די פרייד איז גרויס, אָבער זי איז געמישט מיט אַ טיפן טרויער. כ׳בין געקומען אַליין. אַ יתום פון אַלע טייערע און אומפאַרגעסלעכע. אונטער מיר קברים, טייכלעך בלוט און אַש פון די ציעכאַנאָוויעצער יידן. מיין גרעסטע פרייד איז געווען, ווען כ׳האָב מיר געטראָפן אין לאַנד מיט אַלטער פיורא און אפרים קאנאפיאטע, וואָס האָבן צוזאַמען מיט מיר דורכגעמאַכט די שרעקלעכע איבערלעבענישן אין ציעכאַנאָוויעץ און אינם קאַמף מיטן וועלט־שונא. דאָ האָבן מיר געמאַכט דעם ריכטיקן „לחיים“ און זיך דערמאָנט אין די ווונשן, וואָס מיר האָבן זיך געווונטשט אויפן וואָקזאַל פון נאָוואָסיבירסק.

שמחה שטראסמאַן
(נצרת)

אויף די רואינען פון אונזער שטעטל

ענדע 1944 האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אין דער רוסישער אַרמיי און געקעמפט קעגן היטלערן ביז זיין קאַפּיטולאַציע. כ'האָב געקעמפט אין גאַנצן געגנט פון מזרח־דייטשלאַנד ביז בערלין. מיר האָבן גערייניקט גאַנצע גרופּן ס. ס.־לייט, געסטאַפּאָווצעס, אוקראַינער, פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט די דייטשן און האָבן געטראָגן דייטשע אוניפאָרמען.

אין דער צייט האָב איך אַוואַנסירט אין דער רוסישער אַרמיי און געוואָרן אַ קאָמאַנדיר. מיר האָבן זייער אָפט אָנגעטראָפן אויף שווערע קאַמפן. טיילמאָל זענען די דייטשן געווען שטאַרק פאַרביסן און געקעמפט ביז דער לעצטער קויל. און הגם ס'זענען געפאַלן פון אונז אַ סך קרבנות — דאָך זענען מיר זיי בייגעקומען. פיל פון זיי האָבן מיר דערשאָסן צום טויט און אַ סך האָבן מיר גענומען אין פּלען.

אַזוי האָבן מיר געקעמפט מיט די דייטשן ביז ענדע קריג. אַם ענדע פון דער מלחמה זענען מיר איינגעשטאַנען אין אַ וואַלד, אין טשעכיען. רוסישע זעלנער זענען פאַרסמ'ט געוואָרן פון פאַרשידענע געטראַנקען, וועלכע די דייטשן האָבן ספּעציעל צוגעגרייט אין וויין־פלעשער.

אין דער צייט האָב איך באַקומען פאַרשידענע אויסצייכענונגען פאַר מיין אָנטייל אין די שלאַכטן.

פון טשעכיען האָבן מיר אַרויסמאַרשירט צופוס קיין ווייס־רוסלאַנד. מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ פּאָר טויזנט קילאָמעטער. אין רוסלאַנד בין איך געווען ביזן 25־טן אָקטאָבער 1945. די רוסן האָבן מיר נישט געוואָלט באַפרייען, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די דעמאָביליזאַציע. זיי האָבן מיר געזאָגט מיט גרויס זיכערהייט, אַז פון יידן איז סיי־ווי קיינער נישט פאַרבליבן און כ'דאַרף ניט פאָרן קיין פּוילן, ווייל ס'בושעוועז דאָרט באַנדעס רויבער, וועלכע הרג'נען אויס די רעשטלעך יידן.

כ'האָב זיי ניט געהערט, אומלעגאַל אַריבער די גרענעץ און געקומען קיין ביאַליסטאָק. ניט געוואוסט וווהין צו גיין פון דער באַן, ווייל די שטאָט איז געווען חרוב און כ'האָב זי ניט דערקענט.

כ'בין אַריין צו אַ באַן־באַאַמטן און געפרעגט, ווי אַזוי קען איך פאָרן קיין ציע־

כאַנאָוויעץ. כ׳האָב ביי אים געגעכטיקט, אָבער אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ניט צוגעמאַכט קיין אויג, ווייל כ׳האָב אים ניט געטרויט. פאַרטאָג בין איך, לויט זיין אָנווייזונג, געפאָרן מיט דער באַן ביז דער סטאַציע טשיזשעוו. כ׳בין אַראָפּ פון דער באַן און אויך דאָ האָב איך גאָרנישט דערקענט. ס׳האָט אויף מיר אַ בלאָז געגעבן אַ ווינט פון טרויער און עלנט; אַלץ איז געווען חרוב.

פון טשיזשעווער סטאַצ״ע האָב איך זיך געלאָזן גיין צופוס קיין ציעכאַנאָוויעץ. אָפּגייענדיק אַ פּאָר קילאָמעטער בין איך אַריין אין אַ הויז, אַ טרונק טאָן אַ ביסל וואַסער. ביי דער געלעגנהייט האָב איך געפרעגט דעם אייגנטימער, ווי זעט יעצט אויס ציעכאַנאָוויעץ? האָט ער מיר אָפּגעמשל׳ט, אַז די גרעסערע העלפט איז פאַרברענט. „ניי־שטאָט“ איז, כמעט, אינגאַנצן רואינירט, ס׳זענען געבליבן בלויז געציילטע הייזער. ער האָט מיר ניט געראָטן גיין צופוס קיין ציעכאַנאָוויעץ, ווייל מ׳קען מיר אויפן וועג הרג׳נען. אָבער די בענקשאַפט נאָך דער טייערער און ליבער היים איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז כ׳האָב אים ניט געהערט און געגאַנגען ווייטער צופוס קיין ציעכאַנאָוויעץ.

אָפּגייענדיק נאָך אַ 4 קילאָמעטער האָב איך באַמערקט, אַז די פּויערים, וועלכע אַקערן די פעלדער, קוקן מיר נאָך. כ׳בין געבליבן שטיין און באַקלערט, וואָס ווייטער צו טאָן: יאָ גיין, אָדער נישט גיין. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, ניט צו גיין. כ׳האָב מיר אומגעקערט צוריק צו דער סטאַציע טשיזשעוו און געוואַרט, אפשר וועט אָנקומען אַ באַקאַנטער פּויער, מיט וועמען כ׳וועל קענען מיטפאָרן קיין ציעכאַנאָוויעץ.

אַ שטאַרקע קעלט האָט געשניטן מיין לייב. ס׳איז געווען סוף אָקטאָבער. כ׳בין אַריין אין אַ קרעמל, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ געוועזענער יידישער שטוב. די קריסטן פון קרעמל איז געווען צו מיר זייער פריינדלעך און איז צוגעשטאַנען אַז כ׳זאָל ביי איר עפּעס עסן, באַטאָנענדיק אַז זי ווייסט, דאָס כ׳האָב ניט קיין געלט. צוליב איר גוטסקייט האָט מיר זייער פאַראינטערעסירט צו וויסן ווער זי איז. כ׳האָב זיך נאָכהער דערוווסט, אַז זי איז אַ טאָכטער פון אַ קריסט, וועלכער האָט אויסבאַהאַלטן ביי זיך עטלעכע מנינים יידן, נאָר זייער אַ שכן האָט אים געמסר׳ט און מ׳האָט אַלע יידן געהרג׳עט.

פאַרנאַכט איז געקומען צו דער באַן אַ באַקאַנטער פּויער פון ציעכאַנאָוויעץ מיט אַ פוהר, האָט מיר איינגעדעקט אין שטרוי, אַז מ׳זאָל מיר ניט באַמערקן און אַזוי בין איך אָנגעקומען קיין ציעכאַנאָוויעץ.

קומענדיק אין שטעטל האָט דער פּויער מיר אָנגעוויזן ווו ס׳שטייען איין די סאָוויעטן. כ׳האָב מיר פאָרגעשטעלט פאַר זיי, דערציילט ווער כ׳בין און געבעטן אַ באַגלייטונג, וואָס זאָל מיט מיר גיין צו אַ געוועזענעם שכן. 3 מאַן מיט געווער אין די הענט, זענען מיטגעגאַנגען מיט מיר. ווען כ׳בין אַריינגעקומען צום אַמאָליקן שכן —

טרעבלינסקע — האָט מיר זיין עלטסטע טאָכטער דערקענט. כ׳בין דאָרט געבליבן נעכטיקן און די זעלנער זענען אַוועקגעגאַנגען.

מאָרגן פרי בין איך געגאַנגען אַ קוק טאָן ווי זעט אויס דאָס שטעטל. ווײ, ווײ, וואָס איז פון אונז געוואָרן! דער חורבן איז געווען שרעקלעך. כמעט אַלע הייזער פון „ניי־שטאָט״ זענען פאַרברענט. אויפן בית־עלמין זענען אַרומגעגאַנגען בהמות און ס׳איז ניט פאַרבליבן קיין סימן פון אַ מצבה. די יידישע שול אויף „ניי־שטאָט״ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַרג פון שטיינער. אויף „אַלט־שטאָט״ זענען בלויז פאַרבליבן רואינען פון די שולן, וועלכע האָבן געדינט אַלס מחסנים פאַר די קאָאָפּעראַטיוון.

אַלע געוועזענע יידישע הייזער זענען געווען באַזעצט דורך שטאָטישע און דאָרפישע פויערים. אַ סך קריסטן האָבן מיר דערציילט די גרויזאַמע טאַטן, וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן איבער די יידן, אָבער כ׳האָב איינגעזען אין זייערע רייד, אַז זיי זענען אונזז גרויסע שונאים.

אויף מאָרגן האָב איך געטראָפן 3 קריסטן, צווישן זיי פּיעטראָווסקי ציעסלאַ. ווי מ׳האָט מיר אינפאָרמירט, האָט דער רוצח דערמאָרדעט מאיר און חוה׳טשע האַלצמאַן וועלכע האָבן געוווינט ביי יעקב ווינער אין מויער.

כ׳בין געווען אין שטעטל עטלעכע טעג און אַוועקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק. דאָ האָב איך זיך געטראָפן מיט אייניקע ציעכאַנאָוויעצער משפחות, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי פויערים. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז ס׳איז לעבן געבליבן ישראלקע אורלינסקע׳ס אַ ייִנגעלע, וועלכער געפינט זיך ביי אַ קריסט אין אַ קאָלאָניע נעבן דאַניר. זיי האָבן זיך אַמאָל געווענדעט צו אים, אַז ער זאָל אָפּגעבן דאָס קינד און ער האָט זיי אָפּגעזאָגט.

די יידן האָבן מיר געזאָגט, אַז אַלס רוסישער מיליטער־מאַן וועט מיר אפשר געלונגען אויסלייזן דאָס קינד פון גויישע הענט. כ׳האָב באַלד דעצידירט צו טאָן אַלץ מעגלעכעס צו ראַטעווען דאָס קינד. צו דעם צוועק בין איך גלייך נאָך אַ מאָל אַוועקגעפאָרן קיין ציעכאַנאָוויעץ און געווענדעט זיך צו אַ רוסישן אָפיצער, ער זאָל מיר געבן אַ אָפּטיילונג זעלנער מיט אַ אויטאָ, ווייל כ׳מוז ראַטעווען מיין שוועסטער׳ס ייִנגעלע. מיינע רייד האָבן געווירקט אויפן אָפיצער, ער האָט מיר געגעבן אַ אויטאָ מיט זעלנער און מיר זענען אַוועקגעפאָרן אָפּנעמען דאָס קינד. דירעקט צום פויער האָבן מיר ניט געקענט דערפאָרן, צוליב די געדיכטע ביימער. האָבן מיר דעם אויטאָ מיט עטלעכע סאָלדאַטן געלאָזט אין וואַלד און מיט אַ וועלכע 10 זעלנער בין איך אַוועק צום פויער.

ווען מיר זענען אַרויס פון וואַלד, האָבן מיר דערזען אַ פויער אַרבעטן אויפן פעלד. כ׳האָב אים געפרעגט ווו וווינט יוזעף יאַשצעמסקי. האָט ער מיר געזאָגט, אַז אומגעפער אַ קילאָמעטער פון דאַנען שטייט זיין הויז. אויף מיין פראַגע וויפל קינדער האָט יאַש־

צעמסקי, האָט ער מיר געענטפערט — צוויי טעכטער און אַ יינגעלע, אויף וועלכן מ׳זאָגט אַז ער איז אַ „זשידזשאַק״ (אַ יידעלע).

נאָך דער תשובה האָבן מיר זיך מיט מער ענערגיע געלאָזט צו יאַשצעמסקי׳ס הויז. די זעלנער זענען געבליבן אין דרויסן און איך מיטן אָפיצער זענען אַריין אין שטוב. באַלד האָבן מיר דערזען אַ זעקס יאָריק קינד, וועלכעס איז געשלאָפן אין די מלבושים אויף אַ בעט מיט שמאַטעס אין אַ ניט אויסגעענדיקטן צימער. כ׳האָב גלייך דערקענט זיין יידיש פּנים׳ל. כ׳האָב עס אויפגעוועקט און גענומען אויף מיינע הענט.

די פּויערטע איז אַריינגעלאָפן מיט אַ גרויסן טומל און געפרעגט ווער מיר זיינען. זי האָט פאַרשטאַנען, צו וועלכן צוועק מיר זענען געקומען און האָט קאַטעגאָריש געמאָלדן, אַז זי וועט אויף קיין פאַל ניט אָפּגעבן דאָס קינד. ווי ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן האָבן זיי זיך צונויפגעשריבן מיטן קינדס קרובים אין אַמעריקאַ און געפרעסט פון זיי געלט.

ווען די עלטערן האָבן דאָס קינד אַוועקגעגעבן דעם פּויער, ער זאָל עס אויס־באַהאַלטן ביז ענדע קריג, האָבן זיי אים גוט באַצאָלט דערפאַר. דער פּויער האָט געוואָלט אַרויסרייסן דאָס קינד פון מיינע הענט. האָט דער אָפיצער געגעבן אַ באַפעל דעם פּויער ער זאָל זיך אָפּרוקן. דער אָפיצער האָט גענומען דאָס קינד אויף זיינע הענט און געפרעגט, צי ס׳וויל בלייבן ביים פּויער, אָדער מיטגיין מיט אונז? האָט דאָס קינד געענטפערט, אַז ס׳וויל גיין מיט אונז, ווייל ביים פּאַשען די בהמות וואַרפן די שכנות׳־דיקע קינדער אויף אים שטיינער און שרייען: „זשידזשיגאַ״. ווען דער אָפיצער האָט גע־הערט די רייד פונעם קינד, איז ער געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט און אויסגעמוסר׳ט דעם פּויער. מיר האָבן גענומען מיט זיך דאָס קינד און אַוועקגעגאַנגען. דער פּויער איז אונז נאָכגעגאַנגען.

כ׳האָב מיט אים אָפּגערעדט ער זאָל מיטפאָרן מיט מיר קיין ביאַליסטאָק און דאָרט וועט ער קריגן אַ מתנה פונעם יידישן קאָמיטעט. אויף מאָרגן זענען מיר געפאָרן קיין ביאַליסטאָק. די רייזע פון ציעכאַנאָוויעץ קיין טשיזשעוו מיטן אויטאָ און נאָכהער מיט דער באַן קיין ביאַליסטאָק — האָט מיר געקאָסט גענוג שרעק און געזונט. די באַן האָט זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט און מיר האָט זיך געדוכט אַז דאָס האָט שוין אַ באַנדע פאַרהאַלטן, ווייל אין יענער צייט פלעגן, כמעט, יעדן טאָג אָפּגעהאַלטן ווערן די באַנען דורך פאַרשידענע רויבער־באַנדעס, וועלכע פלעגן זוכן, ספּעציעל, יידן. ווען זיי פלעגן טרעפן אַ יידן, פלעגן זיי אים אַראָפּנעמען פונעם צוג און שיסן אים גלייך אויפן אָרט. אַזוי האָט אויסגעזען די לאַגע אַם ענדע פונעם קריג.

דער גוי האָט געקראָגן אַ שיינע מתנה פונעם קאָמיטעט און ער האָט זיך געמוזט אונטערשרייבן, אַז ער האָט פרייוויליק אָפּגעגעבן דאָס קינד.

עַל מִשְׁמַרְתָּם נָפְלוּ

צבי אלישר (קמינקובסקי)
(בני־ברק)

לְאַבָּא – אִמָּא

אַבָּא – אִמָּא, אַיֶּכֶם?!
מֵעֵבֶר לְיַמִּים שֶׁל דֶּמַע וְשֶׁל דָּם,
אֲכוּל כְּאֵב יוֹקֵד, נוֹאָשׁ וְלֹא נֶחָם
קוֹרֵא לָכֶם בִּנְכֶם.

אֵיכָה נְטַשְׁתִּיכֶם בִּשְׁקֹעַ יוֹם
כּוֹרְעִים – שְׁחוּחִים מִנֵּטֶל שְׁנוֹת חַיִּים קָשִׁים,
בִּזְנֹק בְּנֵי הַתֹּפֶת מִן הַתְּהוֹם
לַשְׁחִית אֲשֶׁר נִבְרָא, תֵּבֵל שְׁמָמָה לָשִׂים?

אָזְנַי אֵיךְ נֶאֶטְמוּ, וְעֵינַי אֵיךְ טַחוּ
מֵרְאוֹת פִּי שְׁאוֹל נִפְעָר, מִשְּׁמֹעַ סְאוֹן שְׂטָנִים?
אִם בִּינָתִי אָבְדָה, אֵיךְ לְבָבִי הָקְשַׁח
לְבִלְתִּי שְׁתוֹת אִתְּכֶם אֶת כּוֹס הַיְּגוֹנִים?

אַיֶּכֶם?!
מֵעֵבֶר לְיַמִּים שֶׁל דֶּמַע וְשֶׁל דָּם,
מְחוּץ יֵאוּשׁ נוֹקֵב, וּדְרוּךְ חֲמַת נָקָם,
אֶשְׁמַע הַקּוֹל, אָבִין הַכֹּל:
אֲנִי הוֹלֵךְ – זֶה קוֹל דִּמְכֶם.

השיר פורסם ב„לחייל״ (עתון יומי לחיילים עברים ביבשת אירופה, **שהופיע** בסוף המלחמה באיטליה) בה׳ סיון תש״ה — 17.5.1945 לפני **צאת החיילים** העברים לחזית שבצפון איטליה, בחתימת פסבדונים „צבי עמיסלע״.

מאָריס לעוו



Moris Lev מאָריס לעוו

בען לעוו, אַ געבוירענער אין ציעכאַנאָוויעץ און זיין פרוי חוה (געבוירן אין טשיזשעוו) שטאָלצירן מיט זייער בחור'ל, דעם 20־יאָריקן מאָריס, וואָס כאָטש ער איז קוים צוואַנציק יאָר אַלט, איז ער שוין אַ פליער־לייטענאַנט אין דער אַמעריקאַנישער אַרמיי. ער האָט זיך נאָך ניט באַטייליקט אין קיין לופט־שלאַכטן, ווייל ניט לאַנג אַז ער האָט געענ־דיקט די מיליטערישע פליער־שול, און וואַרט מ'זאָל אים שיקן קעגן היטלערן.

מאָריס האָט געקראָגן אַ רעליגיעזע דערציונג אין ,חדר' און אין ,תלמוד־תורה'. ער האָט אויך שטודירט אין קאָלעדזש, געוואָלט זיין אַ דענטיסט.

די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געגאַנגען אין קאָלעדזש האָט מאָריס געהאַלטן אַ אויג אויף וועלט־געשעענישן. ער האָט געזען און געהערט וואָס ס'קומט פאָר אויף דער וועלט. ספעציעל איז ער דערשיטערט געוואָרן פון די אַנטי־יידישע געשעענישן אין דייטשלאַנד און אין די אָקופּירטע לענדער.

ווי נאָר דער קריג האָט אויסגעבראָכן, האָט ער זיך געריסן דינען אין מיליטער, ווערן אַ פליער — ניט צוליב פּאָפּולאַריטעט, נאָר ווייל ער האָט געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט די נאַציס.

ס'איז געקומען דער 7־טער דעצעמבער. די יאַפּאַנער האָבן אונז אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין רוקן אין פּערל האַרבאָר. ווי נאָר די ידיעה וועגן איבערפאַל איז איבער־

געגעבן געוואָרן אין ראַדיאָ — האָבן יונגעלייט אין גאַנצן לאַנד באַשלאָסן: מיר וועלן גיין דינען אַלס וואָלונטערן. גענוג געוואַרט!

מאָריס לעוו איז געווען צווישן די דאָזיקע יונגע־לייט. ער האָט אַנטשלאָסן געזאָגט טאַטע־מאַמע: איך גיי זיך מאָביליזירן! זיי האָבן געשוויגן, ווייל זיי האָבן געוווּסט אַז זיי האָבן ניט קיין רעכט זיך אַנטקעגנצושטעלן. דער טאַטע אַליין איז אַ מלחמה־וועטעראַן פון ערשטן וועלט־קריג.

דער פאָטער האָט דעם זון געדריקט די האַנט און אים געווונשן, אַז גאָט זאָל אים שיצן. אויף מאָרגן איז מאָריס אַוועק און זיך אָנגעשלאָסן אַלס פלי־קאַדעט אין דער אַרמיי. ער האָט געענדיקט און געוואָרן אַ צווייטער־לייטענאַנט.

קומענדיק אויף אורלויב, האָט ער געהערט רעדן ביים טיש וועגן שוידערלעכן אומגליק וואָס די נאַציס האָבן געבראַכט אויף זיין טאַטנס היים־שטעטל ציעכאַנאָוויעץ, ווו העכער 5000 יידן זענען אומגעקומען אין טרעבלינקע.

אַז מאָריס האָט געהערט די שוידערלעכע דערציילונג, האָט ער געזאָגט דעם פאָטער: „מיר וועלן ביים דייטש מאָנען רעכענונג פאַרן אומשולדיק־פאַרגאָסענעם בלוט. אַז כ׳וועל וואַרפן מיין ערשטע באָמבע איבער דעם שונא׳ס אַ שטאָט, וועל איך וויסן, אַז ס׳איז פאַר ציעכאַנאָוויעץ, פאַר מיינע קרובים און נאָענטע דאָרט״.

און מאָריס, אַ אייניקל פון ציעכאַנאָוויעצער דאָזאָר אַלטער לעוו, האָט ליב צו האַלטן וואָרט. צום באַדויערן איז ער אַרונטערגעשאָסן געוואָרן איבער האָלאַנד דעם 31 יאַנואַר 1944.

(אויסצוג פון אַ אַרטיקל אין „מאָרגן־זשורנאַל״
דאָנערשטיק, דעם 17־טן סעפּטעמבער 1944.
איבערגעגעבן דורך מ. געלפאַנד ז״ל)

יעקב קוטיק
(תל־אביב)

שלמה זלוטולוב



שלמה זלוטולוב
Shlomo Zlotolov

קראנו לו „שלומ׳קה״. היה בשם זה ביטוי לחיבה ולהערצה שרחשנו לו. פשוט היה בהליכותיו, לא התנשא ולא התרברב. לא נדחק ל„כותל המזרח״ של החברה בה חי — ואף־על־פי־כן, עוד משחר ילדותו ראינו בו, שהוא משכמו ומעלה גבוה מכולנו. הוא חונן באומץ־לב, ביוזמה ובסגולות אחרות.

שלמה לא קיבל בילדותו חינוך עברי. הוא למד בבית־הספר העממי־הפולני — הנער היהודי היחידי. אף־על־פי־כן, לא התבטל בפני הגויים וידע להגן על כבודו. הנערים הנוצריים לא העזו לכנותו בכינויי־גנאי, שכן עורר בהם יראת־כבוד ופחד כאחד.

שלמה היה, תחלה, רחוק מבעיות יהודיות וציוניות, אולם משנוסד בצי־חנוביץ קן בית״ר, הרי למרות ריחוקו מענינים לאומיים־יהודיים — היה מראשוני חבריו. כאן מצא את אשר ביקש, כי מטבעו היה איש לוחם, ובעודו ילד חלם על עתיד של איש־צבא, ולא חייל סתם, אלא חייל עברי.

בשנת תר״ץ יצא להכשרה בקלוסובה. במקום זה גילה שלמה יוזמה גדולה בשטח הארגון. בשעות קשות ידע להפיג מרירות בכוח מגזו העליז והטוב.

מסיבות, שלא כאן המקום לעמוד עליהן, לא קיבל שלמה סרטיפיקט והוא נשאר בגולה. אחרי עלותי ארצה קיימתי אתו קשר מכתבים סדיר. ידעתי, שהוא ניסה פעמים

מספר להגיע ארצה בדרך בלתי לגלית, ולא עלה בידו. רק בשנת 1939 ירד בחוף תל־אביב מסיפון האניה הבלתי־לגלית „פאַריטה".

בימים ההם כלוא הייתי בבית־הסוהר המרכזי בירושלים. נדונותי למות, בשל פעולה מחתרתית של אצ"ל ופסק־הדין הוחלף למאסר־עולם. מיד, עם עלותו ארצה, בא שלמה לבקרני. לא היה קץ לשמחתי. שנים ייחלתי לפגישה זו במולדת. בין היתר סיפר לי, כיצד ניחם את אמי, כשחיי בנה היו נתונים על מאזני־הגורל שבין תליה ומאסר־עולם.

שלמה התגייס לפלוגת בית"ר, תחילה בבאר־טוביה ואחר־כך בראש־פינה. ביקש להתגייס לבריגדה העברית, אלא שהבדיקה הרפואית הכשילתו. מצאו ליקוי בלבו. היה זה פגם מלידה. אולם, התעלם ממצב בריאותו הרופף והצטרף למשפחת הלוחמים העברים. משחידש אצ"ל את פעילותו בראשות מנחם בגין, השתתף בהרבה מיבצעים מסוכנים, בתוכם — ההתקפה על שדה־התעופה הבריטי בקסטינה.

בפרוץ מלחמת־הקוממיות עלה בידו להעלים את הפגם שבלבו ויצא לקרבות. מיד עם כניסתו לצבא השתתף בפריצת הדרך לנגב. הוא שימש כחובש קרבי ומילא תפקידו באמונה, באומץ ובמזג־טוב כיאה לשלומ'קה. בשעות הקשות ביותר ידע לבדר את חבריו לקרב בבדיחה קולעת ובזמר ערב.

לפני הקרב על עירק אַ־סוידאן חש לפתע מועקה. הוא אמר לי, שלבו מנבא לו רעות, הירבה לדבר על בנו הג'ינג'י, בן השנה, ואיזו עצבות היתה נסוכה על פניו. אפילו רופא הגדוד הרגיש בתמורה שחלה בארשת פניו וביקש למנעו מלצאת לקרב זה. ברם, שלומ'קה לא שעה, כמובן, לא לנבואת לבו ולא להפצרת הרופא. הוא יצא לדרכו שהיתה האחרונה, לעזרת הנפגעים בקרב עירק א־סוידאן. ביום 9 בנובמבר 1948, בצאתו במשורין עם חבריו, הוא נפצע קשה, איבד את רגלו ומת לאחר יסורים קשים. דבריו האחרונים היו: „הצילו ושמרו על בני שיגדל".

בנימין גניזדוביץ
(חיפה)

דב (ברלה) גניזדוביץ



דב גניזדוביץ
Dov Gniazdovitz

דב נולד ב־30 בדצמבר שנת 1924 ועלה ארצה עם ההורים בשנת 1936. צנוע היה, שקדן וחרוץ בעבודתו ולימודיו. מסור לחבריו ותפקידיו ובן יקר ואהוב על משפחתו.

בעלותו ארצה, והוא בן 9, למד בבית־החינוך לילדי־עובדים בחיפה, אולם בגלל מצבם הדחוק של ההורים נאלץ להפסיק את הלימודים, כדי לעזור להם. אך, המשיך ללמוד בע־רבים וסיים את בית־הספר בהצטיי־נות. באותה תקופה היה פעיל ב„נוער העובד" ואחר־כך ב„הגנה".

בשובו בלילות מאימונים, השכיל להעלים את מעשיו מההורים, פן יד־אגו לו. בהיותו בן 17 הצליח ל„זייף" גילו והתגיס לצי הבריטי במלחמת העולם השניה ושירת בו כשנתיים וחצי. היה במצרים, לוב, אריתריאה, מלטה ואיטליה. במהירות רבה הגיע לדרגת סגן־ראשון. תקופת שירות זו היתה הרת־סכנות. בחופשות נהג לספר לנו, כיצד הצליח, בנס ממש, להינצל ממות ודאי, כשהגרמנים פוצצו באחד מנמלי איטליה את כל האניות שעגנו בו, ורק חמישה חיילים ניצלו ודב ביניהם.

עם שחרורו מהצבא הבריטי, המשיך בפעולות הדרכה ב„הגנה". בפרוץ המאורעות נפצע הוא ואבא, כשהמכונית שבה נסעו מהעבודה הותקפה ביריות על־ידי כנופיה ערבית בואדי־רושמיה. כאבו של דב היה גופני ורוחני כאחד, כי נבצר ממנו לצאת יחד עם יחידתו שחנתה באותו פרק זמן בנגב.

משהגליד הפצע, התגייס ונשלח לחטיבת „עודד", שפעלה בגליל העליון. מאז ראיתיו פעם אחת בלבד, ימים אחדים לפני שנפל בקרב. כשפגשתיו, אמר לי: „לא טוב ששנינו, אני ואתה, נמצאים באיזור קרבות אחד. מוטב שתבקש העברה". על שאלתי, למה זה אנוכי, ולא הוא — השיב: „משום שאתה בכיר ממני". הבטחתי לו, שנדבר על־כך בפגישתנו הבאה, אך לא זכיתי לראותו עוד. הוא נפל בקרב על מישלט הגבול הסורי תל־עזיזיאת ב־17.7.1948. דב נפל כגבור. חבריו ספרו, ששעות מעטות לאחר ההפוגה הראשונה, הותקפה יחידתו באש־מיקלעים חזקה, וחלק מהחיילים נפצעו. דב היה האחרון, שנשאר במקום וחיפה במקלעו על נסיגת יחידתו. כחייל ומפקד מסור, לא עזב את משמרתו עד נסיגת החייל האחרון.

שנה לאחר נפילתו נפטר אבא, כי לבו נשבר בקרבו מרוב צער וגעגועים על הבן האהוב.

פרופיסור בנימין מזר
(ירושלים)

בשולי הספר

ספר רב-כמות ורב-איכות זה הוא, בעיקרו, דוקומנטרי, והנושא שלו — אחת העיירות בלב התפוצה היהודית הגדולה במזרח אירופה, ציחנוביץ בפלך גרודנו, שחרבה כליל בימי השואה. מחבריו הם רובם ככולם בני ציחנוביץ, מהם שעזבו את העיירה זמן רב, פחות או יותר, לפי החורבן, ומהם שרידי השואה, עדים



הגשת ספר ה„יזכור" לפרופסור בנימין מזר
פראָפעסאָר בנימין מאַזאַר קריגט אַן עקזעמפּלאַר פונם „יזכור"־בוך
יושבים, מימין לשמאל: 1. טוביה פרץ. 2. אליעזר לאוני. 3. רחל הלר־לוין.
4. פרופיסור בנימין מזר. 5. צבי אלישר (קמינקובסקי)
Presentation of the Memorial-Book to Prof. Benyamin Mazar

לאבדונה ולעקירת שארית הפליטה שלה, אך כולם שומרים על זכרה בלבותיהם.

אכן, המסות ופרקי הזכרונות, העדויות והרשימות, שנלקטו ונאספו בעמל רב וצורפו ביחד למסכת אחת גדולה, מגוללים לפנינו תמונה רעננה ורבת-עניין של חיי קהילה יהודית קטנה, אשר — ביחד עם מאות אחרות כמוה — היתה במעצבי דמותה של הפזורה היהודית בתחום המושב ברוסיה שלפני מלחמת העולם הראשונה, ורבים מבניה נטלו חלק בפעילות הלאומית, הרוחנית והחברתית, ששינתה את פני החברה היהו-דית, ולא מעטים מהם היו שותפים למפעל הציוני ולתקומת עם ישראל בארצו, והם מעורים כעת בחיי מדינת ישראל.

ספר זה הוא פרי יזמתם ויצירתם של יוצאי ציחנוביץ, שזכר עיירתם יקר להם. ובתשוקתם העזה להנציח את שמה ואת קורותיה התנדבו לבצע את המפעל החשוב ולפרסמו ברבים. בו ימצא הקורא אוצר בלום של חומר היסטורי, ביוגרפי ופולקלורי רב-גוני; תיאורי מאורעות ופרשיות שנחרתו בזכרון, מלפני מלחמת העולם הראשונה ועד השואה; ספורים ורשמים הכתו-בים לפי תומם, שמדגימים את החיים היום-יומיים, שמעלים מסורות ומנהגים עתיקי-ימים והתרחשויות שונות בחיי הקהילה ובחיי משפחות שונות.

ענין מיוחד נודע לתיאורי דמויותיהם של אישים שונים, עסקנים, רבנים ומשכילים וכן פשוטי-העם, מעשיהם ועלילו-תיהם, כפי שנצטיירו בעיניהם של עדי-ראיה, ידידיהם ומוקי-ריהם. כמו-כן באים לידי בטוי החזיונות והתופעות השונים, על אורותיהם וצלליהם, הכרוכים בתסיסות ובשינוי הערכים, שבאו כתוצאה מן ההתעוררות ברוח הזמן, מהתהוות התנועות הלאו-מיות והחברתיות, והתגבשות אינטליגנציה יוצרת ומהפכנית, שהשפיעה השפעה רבה על הדור הצעיר, ובמיוחד — תנועת היציאה מן העיירה לערים הגדולות והנדידה ההמונית למרח-קים, למרחבי רוסיה, לארץ-ישראל ולארצות-הברית.

ובטוי רב-רושם ניתן לסוף הטרגי של הקהילה מפי שרידי השואה, שחזו בעיניהם את חורבנה בדם ובאש, את אבדן הנפשות

גם לראש עיריית ציחנוביץ· מזכיר העיר, מר סורוקה, שהיה ידיד־היהודים, השיב קצרות וברורות: בציחנוביץ אין זכר ליהודים, ובאשר לניצולים — לא ידוע לו השרדו כאלה·

הפעולה השניה היתה התרמת בני־העיירה במטרה לייסד קופת־עזרה· נבחרו זוגות, שהתרימו כל־אחד בסך 2 לירות· הכסף הזה היה ישע והצלה לניצולים· שלחנו חבילות מזון, בדים ומלבושים לרוסיה באמצעות הסוכנות היהודית בארץ־ישראל וגם על־ידי סוכנויות פרטיות· החבילות שנשלחו על־ידי הסוכנות היהודית הגיעו כולן לתעודתן והיו לעזר רב למקבליהן, שניצלו מחרפת רעב ואיפשרו לחלק מהם לעלות ארצה·

חברי הועד־הארצי הנוספים, שנבחרו באספת האזכרה של שנת 1949

די נייע מיטגלידער פונם ערשטן לאַנדס־קאָמיטעט, וועלכע זענען אויסגעקליבן געוואָרן אינם אָנדענק־אָוונט יאָר 1949


Additional Members of the General Committee, Elected at the Memorial Meeting in 1949



אבנר (יאַרמוס) שושנה



הגידוס (אטקס) חיה



ורובל אברהם־משה



פיורה נתנאל

גם הועד של חיפה עסק בפעולות סעד לשארית הפליטה· הוא שלח 18 חבילות־מזון ומלבושים, בהתאם לכתובות שהיו בידו· 15 חבילות שלח לפולין, 2 — לרוסיה ואחת — לגרמניה·

בהגיע הניצולים הראשונים ארצה, דלים ואביונים, שברי־כלים, ידענו כי כבד ממנו הדבר — להגיש להם סעד מינימלי — ולא נוכל לעשותו לבדנו, לכן פנה הועד לאחינו שבארצות־הברית שיושיטו יד־אחים. ואמנם, הם נענו בחמימות והרימו תרומה ניכרת, ששימשה מסד לקרן עזרה לניצולים.

אולם, לא על הסיוע החמרי בלבד כוננו אחינו שמעבר לים את יחסיהם לארגון, אלא החלו לטפח יחסים נפשיים בביקוריהם התכופים בארץ. ראשון האורחים היה מר משה קאליש, שבא לשם יצירת קשר בין ארגוני יוצאי־ציחנוביץ בארצות־הברית לבין הארגון בארץ.

באספת האזכרה של שנת 1944 נבחרו חברים נוספים לועד שבתל־אביב, ואלה שמותיהם: 1) אבנר (יארמוס), שושנה. 2) הגידוס (אטקס), חיה. 3) וורובל, אברהם־משה. 4) פיורה, נתנאל. הח' וורובל הקדיש הרבה מזמנו הפנוי לשם מציאת תעסוקה לניצולים שעלו ארצה, מי מקפריסין, מי מפולין, מי מגרמניה ומי מרוסיה, ועיניהם מיחלות לעזרה. החברה טובה זילברברג מכפר ויתקין העמיסה, אף היא, עליה את העול הכבד הזה.

אולם, הקופה דלה היתה ולא היה בקומץ זה, כדי להשביע את הצרכים המרובים והדחופים. לכן, הוחלט לקרוא לכינוס ארצי, שיוקדש לפעולה קונסטרוקטיבית למען הניצולים.

הכינוס התקיים בפתח־תקוה, בחצר ביתו של יצחק סלובצ'יק, והיה רב־משתתפים. התרימו את הנוכחים והסכומים, הן בהתחיבויות והן בנתינה במקום, היו ראויים להתכבד בהם. חברי הועד נסעו למקומות רחוקים, כדי לגבות מהתורמים תרומותיהם. מעתה ידע כל ניצול שקיימת כתובת, אליה ניתן לפנות ולהיעזר על־ידה, אם בהלואה ואם בסידור בעבודה. הועד שמר על זיקה אישית עם הניצולים. לא אחת נסעו חברי־הועד לפינה נידחת בארץ, כדי להתענין בגורל הניצול, לעודדו בבדידותו ולהקל עליו מצוקתו.

אם כי להלכה היתה זו קופה על כל אביזריה, הרי למעשה לא דקדקו דקדוקי ערכאות ומי שלא החזיר את ההלואה — לא ניתן בפלילים. הודות לדאגה הכנה והמסירות לשמה, ללא־פניות, של פעילי הועד, נקלטו רוב השרידים בחיי־הכלכלה והחברה בארץ וביססו את מעמדם, איש־איש במקצועו ומישלח־ידו.

אולם, לא על עזרה וסיוע בלבד התקים הארגון. הוא לא שכח אף לרגע, שקיומו נובע מהנדר שנדרנו לקדושים לנצור זכרם לנצח. לכן הקפיד, מדי שנה בשנה, לערוך אספת אזכרה בכ"ב בחשוון, היום בו נגזר כרת על קהילת ציחנוביץ. גם הועד דחיפה ערך אספות אזכרה שנתיות, במקביל לתל־אביב, בהתחשב עם קשיי התחבורה וההוצאות.

הועד ישב גם על מדוכת הנצחת העיירה. בכל ישיבה וישיבה היו מדינים אלו עם אלו על צורת ההנצחה. הדעות חלוקות היו והועלו הצעות שונות. הוצע לקרוא את השם ציחנוביץ על בית־יתומים ביד־אליהו שבתל־אביב; לתלות שלט לזכר הקדושים באחד מבתי־החולים בארץ; לאמץ גן־ילדים, ספריה, או לשפץ בית־כנסת בפתח־תקוה.

אולם, הועלתה גם הצעה להציב יד לעיירה בצורת ספר „יזכור". נבחרה ועדת הספר, שחבריה היו: 1) אורן (אברמסון), פנחס. 2) הלר־לוין, רחל. 3) וורובל, אברהם משה. 4) ורבה (סעהר), חוה. הועדה עיבדה תכנית הספר ונשלחה לבני־העיירה בצרוף בקשה שישלחו חומר. אולם, העניינים יגעים היו. לא הגיע חומר, פרט לזה שהיה גלוי לעין, כגון, „זכרונות פון א צווילינג־שטעטל", מאת אפרים אליהו ריבאק (הופיע בשני עותקים במכונת הכפלה) ושני ספרים בדפוס, האחד „א שטעטעלע אין פוילן", מאת יצחק בלום, והשני — „עירי טשעכאנאווצי", מאת יהושע מרדכי רוזנבלום.

עם כל חשיבותם של ספרים אלה, לא יכולנו לראות בהם גנזיס, מקור, לספר „יזכור". עדיין, רחוקים היינו מלחשוב במונחים של הנצחה ספרותית, כי היתה זו אתחלתא דספר בלבד. רעיון הוצאת הספר חיכה איפוא לגואלו.



קבלת־פנים לאורח מארצות־הברית, מר משה זולונדז'

די אויפנאַמע לכבוד דעם גאַסט פון אַמעריקא, הער משה זשאָלאָנדזש

A Reception Held in Honour of the Guest from the U. S. A. Mr. Moshe Zolondz

פרק ב'

הועד הארצי הראשון כיהן עד שנת 1954. באספת האזכרה של שנה זו, שהתקיימה בבית־החלוצות בתל־אביב, נבחר ועד חדש בהרכב הבא: 1) אבנר (יארמוס), שושנה. 2) דרורי (יסקולקה), שמעון. 3) לווין, מנחם. 4) מנדלסברג, פייבל. 5) סלובצ'יק, יצחק (יו"ר). 6) פורמבה (קוטיק), רבקה. 7) פטאשק, יעקב. 8) פיורה, נתנאל. 9) פסטרנק, צבי. 10) פרבר, יעקב. 11) פרץ, טוביה.



דרורי (יסקולקה) שמעון



לווין מנחם



פורמבה (קוטיק) רבקה



פרץ טוביה

חברי הועד הארצי השני

(תמונות חברי הועד: 1. אבנר (יארמוס) שושנה. 2. מנדלסברג פייבל. 3. סלובצ'יק יצחק. 4. פטאַשק יעקב. 5. פיורה נתנאל. 6. פסטרנק צבי. 7. פרבר יעקב — מופיעות בין תמונות חברי הועד הארצי הראשון עמודים 847; 850)

מיטגלידער פונעם צווייטן לאנדס־קאמיטעט

(די בילדער פון די קאָמיטעט חברים: 1. אבנר (יארמוס) שושנה. 2. מאַנדעלסבערג פייבל. 3. סלאָוואַטשיק יצחק. 4. פטאַשעק יעקב. 5. פיורע נתנאל. 6. פאַסטערנאַק צבי. 7. פאַרבער יעקב — ערשיינען צווישן די בילדער פונעם ערשטן לאַנדס קאָמיטעט, זייטן 847; 850)

הח' טוביה פרץ נבחר כגזבר והח' שמעון דרורי — כמזכיר, שפעל בשטח הארגוני והחברתי ובחידוש הקשר עם אחינו שבארצות־הברית. הועד החדש, כקודמו, נתן דעתו על האדרת הארגון מבחינה כלכלית וחברתית. אירוע חשוב בחיי הארגון היה הנשף שנערך בשנת 1954, בו השתתפו ילדי החברים בשירה, נגינה ודקלום. נכחו בו גם מר ישעיהו גלפנד ורעיתו מארצות־הברית. כעבור שנה נתקיים נשף שני בפתח־תקוה, בו נכח גם מר יעקב לוזעם, אורח מקובה. פעולות אלו ריעננו את הארגון וליכדוהו מבחינה חברתית.

הועד קיבל אורחים רבים מחו"ל וסידר לכבודם מסיבות קבלת־פנים ארציות. אורחים אלה תרמו ביד נדיבה לקופת הארגון. לציון מיוחד ראויה קבלת־הפנים, שערך הועד לכבוד מר גרשון סמולרצ'יק ורעיתו מקובה (אחות יעקב לב). הוא התרשם מאוד מפעולות הועד וביקש להתרימו כחבר קבוע בארגון לכל ימי חייו. בישיבת־ועד חגיגית הוענקה למר סמולרצ'יק חברות כבוד בועד הישראלי.

בתקופת כהונתו של הועד העכשוי התבלט בפעילותו הברוכה החבר טוביה פרץ, שעסק בארגון אספות האזכרה ומסיבות קבלת־הפנים לאורחים מהתפוצה. עמד בקשר מתמיד עם בני ציחנוביץ שבארצות־הברית, טפח יחסים לבביים בינינו לבינם והשכיל להשיג את עזרתם החמרית החשובה, שדרושה היתה למימון ספר ה„יזכור" ולקופה לעזרה ההדדית. חבר הועד מנחם לוין, שהיה גם חבר המערכת, השתתף בפעילות בעבודות הועד וניהל את אספות האזכרה בכשרון רב. כן פעלו במסירות שאר חברי הועד — יצחק סלובצ'יק, רבקה פורמבה (קוטיק), שושנה אבנר (יארמוס) ונתנאל פיורה.

הועד הרחיב פעולות הסעד לנזקקים. הוא עמד להם בשעת דחקם וביחוד יצויין המעשה ההומני הגדול של הצלת חיי חבר מכליון. הודות למסירות ללא־גבול וההזדהות המוחלטת של הועד עם הסבל הגדול של החבר, פדוהו ממוות ושיקמו אותו ואת קן־משפחתו.

אולם, פעולה הומנית זו ודומות לה, לא היה בהן משום מתן תשובה על השאלה, שהיתה נוקרת את המוחות מאז ייסוד הארגון: כיצד להנציח זכר הקהילה, שנגזר עליה כרת? הזמן יישר את ההדורים והתיר את הספקות בדבר צורת ההנצחה והגיעו למסקנה שאין עליה עוררין, כי עלינו לבחור בדרך ההנצחה הספרותית, שבכוחה בלבד להעניק אלמות לזכר קדושינו. הועד הונחה והודרך ע"י ההכרה העליונה, שהטבע חונן את האדם בספיקה, ביכולת הסגולית — להחיות מתים תחיה רוחנית. ותחיה זו תיתכן, אך ורק, באמצעות ספר, שיוריש לדורנו ולדורות רחוקים את דמות חייהם של קדושינו. ספר,



קבלת־פנים לאורחים מארצות־הברית, ה״ה משה קאליש ומשה גלפנד ז״ל
די אויפנאַמע לכבוד די געסט פון אַמעריקא, הער משה קאליש און הער משה געלפאַנד ז״ל.
A Reception Held in Honour of the American Guests: Mr. Moshe Kalish and the Late Moshe Gelfand

שיהיה בחינת „דפתראות ופנקסאות", שלפיהם נבנה מחדש את בנין עולמם של יהודי ציחנוביץ.

באספת האזכרה של שנת 1958 הגיש הועד הצעתו בדבר הוצאת ספר זכרון שנתקבלה פה אחד. נבחרה ועדת־הספר, בהרכב הבא: 1. פרופיסור אברמסון שרגא 2. אלישר (קמינקובסקי) צבי 3. אשלגי (זילברברג) תהילה. 4. בלומנקרנץ (פרץ) דבורה 5. הלר־לווין רחל 6. וורובל אברהם־משה 7. וורבה (סעהר) חוה 8. פלס (מייזלר) מלכה 9. פסטרנק צבי 10. שפירא דן. מחמת ריחוק המקום, פרשו פרופ' שרגא אברמסון ומלכה פלס מהמערכת ובמקומם נבחרו החברות אבנר (יארמוס) שושנה ובקשט (ליובוביץ') בתיה. החברים דרורי (יסקולקה) שמעון, לוין מנחם ופרץ טוביה נבחרו למערכת כחברי ועד.

עם בחירת המערכת, הוחלט להטיל מלאכת עריכת הספר על אדם היודע מלאכת העריכה. כותב הטורים האלה הוזמן לערוך את הספר. חברי המערכת מתל־אביב והסביבה מסרו הרבה מזמנם ובמשך למעלה מ־4 שנים עסקו בעבודת נמלים, צרפו לבנה ללבנה וסייעו בידי העורך באימות העוב־

דות, עיבוד החומר ואישורו הסופי לפרסום. וכך כוננו מקדש־מעט לרוחה של קהילת ציחנוביץ.

השנים, בהן נכתב הספר היו שנות מתיחות ופעילות רבה, הן של חברי המערכת והן של הועד כולו. מלאכת־קודש זו תבעה מאמצים מרובים, שבלעו הרבה כוחות גוף ונפש. היא נעשתה מתוך השראה ודבקות ללא־תנאי במשימה הנוראה של הנצחת קהילה שלימה, משימה שכמותה ידע דורנו בלבד. היתה זו עבודת־צוות ברוכה, בה הושקעו הרבה מחשבה ועיון. עשינו מה שבגדר יכולתו של אנוש לעשות, כדי שלא יועם ולא יפגם, חלילה, כבוד הקדושים ויעודעד זכרם עד דור אחרון.



צבי אלישר (קמינקובסקי), מרכז המערכת
צבי אלישר (קמינקובסקי), דער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע
Zvi Alisar (Kaminkowski)
Secretary of the Editorial Committee

בצוות זה התבלטו בעבודתם המסורה הח' צבי אלישר (קמינקובסקי) מרכז המערכת, הח' טוביה פרץ והח' שמעון דרורי. הח' צבי אלישר השקיע הרבה ממרצו בארגון פעולות המערכת, בניהול ישיבותיה ובריכוז השאלונים לדפי „יזכור". הוא בא במגע עם חברינו בישראל ובחוץ־לארץ בעניני החומר הספרותי, ייצג את המערכת בישיבות הועד ופעל בה בתדירות, בכישרון וללא־ליאות עד לחתימת הספר. בהשראתו ובהתמדתו השכיל לטפח יחסים הדוקים בין חברי המערכת, שהיו לברכה רבה במימוש מפעל־ההנצחה.

הח' טוביה פרץ, כחבר המערכת, הקדיש ממרצו וכשרונו הרב, ופעל במסירות והתמדה בניהול העניינים הטכניים, הכרוכים בהוצאת הספר ויחד עם הח' צבי אלישר טיפל בדפי ה„יזכור".

הח' שמעון דרורי (יסקולקה) תרם מכשרונו הברוך לעיצוב דמותו האמנותית של הספר בציורים ובעיטורים. בעבודות אלו ובהשתתפותו הפעילה בישיבות המערכת השקיע הרבה מכוחותיו הגופניים והרוחניים.

המערכת דאגה לחומר, לצד הרוחני של הספר. ואילו, הועד כולו התמסר למימון הוצאות הספר. נתקבלה עזרה חמרית ממשית מאחינו שב־ארצות־הברית, שיד לה בהוצאת רעיון הספר מהכוח אל הפועל. וכך זכה הועד העכשוי, שבעידן כהונתו הגיע מפעל ההנצחה עד גמירָא.

יצירת הספר איחתה את בני־העיירה ונוצר קירוב לבבות גם עם אחינו שבתפוצה. כל אימת שהגיע אורח משם, סודרה מסיבה לכבודו, בה סיפרנו על תוכן הספר וכן קראנו פרקים ממנו.

בשנת 1959 פנו לועד מהנהלת „יד ושם", שננציח את זכר העיירה ע"י קביעת לוח־שיש במרתף השואה שבהר־ציון. הועד התקשר עם הממונה על המרתף ועשה הכול, כדי לקבל מקום בולט לעין.

הושקעו כוחות מרובים, פעמים רבות עלו נציגי הועד לירושלים, כדי לקבוע את המקום המתאים ללוח. גילוי הלוט התקיים ביום הזכרון לחורבן העיירה בשנת 1960 והשתתפו בטכס כמעט כל בני־העיירה. המעמד היה



לוח־ההנצחה שבמרתף השואה בהר־ציון
דער אָנדענק טאָוול אינעם „מרתף השואה" אויפן הר־ציון, צו דער פאַראייביקונג פון די אומגעקומענע.
Commemoration-Board in the Holocaust Chamber on Mount-Zion



האמבולנס, שנתרם ע״י יוצאי ציחנוביץ בארצות־הברית ל„מגן־דוד״ אדום בישראל.
דער אַמבולאַנס, וועלכן ס׳האָבן געשפּענדעט די ציעכאַנאָוויעצער לאַנדס־לייט אין אַמעריקא פאַרן „מגן־דוד״ אין ישראל

The Ambulance, Dedicated to the „Magen David Adom" in Israel by Ciechanovtzer Landsleit in America

נורא הוד והלם את גודל השואה ואימת השבר שכולנו השברנו. צילמנו את הלוח והפצנו את הצילום בין בני העיירה.

פעולת־הנצחה זו היא כללית. אולם, בנוסף עליה, נטע הועד החיפני 300 עצים ביער הקדושים שבהרי ירושלים, לשם הנצחת הקדושים שבני משפ־חותיהם נמצאים בארץ. כל אחד מהמנציחים קיבל תעודת קק״ל. בפעולת הנצחה זו היה פעיל, במיוחד, חברנו שמואל (מוניה) יבקובסקי.

גם אחינו שבארצות־הברית הנציחו את זכר העיירה בשתי צורות הנצחה : קנו אמבולנס עבור „מגן דוד״ בישראל ע״ש קדושי העיירה וכמו־כן הכניסו ספר־תורה לבית־הכנסת שבמושב בית־אלעזרי.

בשעת כתיבת דברים אלה מלאו 21 שנה לחורבן העיירה ו־19 שנה לקיום הארגון. אין כוונתנו לחתימה, לסוף פסוק, כי הארגון נוסד על־מנת שלא ייפסק לעולם. כל עוד שאנו חיים, יחיו בלבותינו יקירינו וכל אלה

שעלו בלהבות טרבלינקה. אבל עלינו להנחיל תודעת השואה לדורות הבאים ולמסור בידם אבוקת־ציחנוביץ.

הצורר, אמנם, קיצץ אילנות עתיקי־יומין, שגדלו משנים קדמוניות בקהילת ציחנוביץ, אבל הוא לא הצליח לעשות בה כלה ולכבות לחלוטין את גחלתה. הארגון הופקד על שמירת גחלת זו, ולכן יש לשמור עליו, לחזקו ולהאדירו.



ספר־תורה — מתנת חברת „בני־יעקב אנשי ציחנוביץ" בארצות־הברית לבית־הכנסת במושב בית־אלעזרי.
אַ ספר־תורה געשענק פון דער געזעלשאַפט „בני־יעקב אנשי ציחנוביץ" אין אַמעריקא
פאַר דער שוהל פון דער קאָלאָניע בית־אלעזרי.

מימין לשמאל: 1) אוקרונגלי. 2) מר צוקר, סגן־מזכיר תנועת המושבים. 3) מר אליהו פלדמן.
4) גבאי בית־הכנסת

Pentateuch (Sefer-Tora) — a Gift from „Bnei-Yaacov of Ciechanovietz" in the U.S.A. to the Synagogue in Beit-Eliezer Settlement

From right to left: 1. Mr. Okrongly. 2. Mr. Zucker, Vice-Secretary of „Tnuat Hamoshavim". 3. Mr. Eliyahu Feldman. 4. Head of the Synagogue

ארגון יוצאי
ציחנוביץ
בארצות-הברית

צבי מתיסון
(ארצות־ה.ברית)

בני ציחנוביץ בארצות־הברית

רבים מבני עיירתנו בארצות־הברית הצליחו במסחר ובתעשיה, על פי רוב בתעשיית בגדים ובבנין בתים. יש משפחות שנתעשרו, ובניהן ובנותיהן קבלו חינוך גבוה, והם בעלי מקצועות חפשיים, רופאים, עורכי־דין, מהנדסים, מורים וכו׳. ברם, זה אמת גם לגבי כל היהודים באמריקה.

המספר היותר גדול של יוצאי ציחנוביץ נמצא, כמובן, בניו־יורק רבתי, זאת אומרת, בניו־יורק ובנותיה.

בין חמשת היהודים מפולין, שהיו המיסדים של בית־כנסת ידוע בניו־יורק לפני יותר ממאה שנה והקיים עד היום הזה, נמצא אחד ששם משפחתו אש (שכחתי את שמו הראשון) מציחנוביץ.

בניו־יורק נמצאים ארבעה אירגונים קבועים של בני ציחנוביץ, (אינני כולל בזה את אירגון העזרה והתמיכה בנגועי המלחמה הראשונה, הנקרא „טשעכאַנאָווצער רעליף", ואת הרעליף החדש לתמוך בפליטים של המלחמה האחרונה).

החברה הראשונה של יוצאי ציחנוביץ נוסדה בשנת 1893, ושמה „בני יעקב אנשי טשעכאַנאָווצע", על שם הרב הזקן ר׳ יעקב־לייב הלר, שהיה רב בעיירתנו בעת שהמהגרים הראשונים עזבו את ציחנוביץ. עד היום יש להם בית־כנסת קטן במורד העיר. באסיפותיהם מדברים אידיש והפרוטוקולים נכתבים באידיש.

יש ברשותי טופס של ה„קאָנסטיטושאַן" (קונסטיטוציה) שלהם, שהוא קוריוז מענין הן מצד השפה — אידיש מעורבת במילים ובטויים גרמניים ומבנה־המשפטים הוא גרמני — והן מצד התוכן, זאת אומרת התקנות המשונות. וזה הסעיף הראשון:

„די חברה זאָל טראָגן דעם נאָמען „חברה בני יעקב אנשי טשעכאַנאָווצע און עס קען נימאלס פערביטן ווערן. אַלע ביכער, פינאַנס און פּראָטאָקאָל, מוזן אין זשאַרגאָן שפּראַכע געפירט ווערן [1].

1. כשהמהגרים הראשונים ממזרח אירופה באו לאמריקה, מצאו שם יהודים מגרמניה שהקדימו לבוא לארץ החדשה, והיו להם חברות ואגודות ובתי תפילה, ומהם למדו המזרחיים ליסד מוסדות כאלה, וקבלו מהם ביטויים גרמניים שהיו משתמשים בהם בניהול האספות, וכך נכנסה הלשון שקוראים עתה „דייטשמעריש" אל היידיש של החברות הראשונות באספותיהן.

בשנת 1899 נוסדה חברה חדשה, ושמה „טשעכאַנאָווצער פּראָגרעסיוו סאָסייעטי״ (החברה הפרוגרסיבית של בני ציחנוביץ). כנראה, שמיסדי החברה החדשה לא מצאו ספוק בחברה הראשונה, שפעולותיה היו מסביב לבית הכנסת, ומכאן השם „פרוגרסיב״.

יש פה סניף של מיסדר הפועלים „אַרבעטער רינג״ [2] (חוג הפועלים) המשותף לבני ציחנוביץ וסעמיאטיטש. הסניף נוסד בראשית המאה הזאת.

המהגרים שבאו הנה אחרי המלחמה הראשונה יסדו סניף של ה„נאַציאָנאַלער אַר־בעטער פאַרבאַנד״. בשנות השלושים, כשגל של קומוניזם שטף את „רחוב־היהודים״, יצאו רבים מהסניף הזה של ה„פאַרבאַנד״ ונכנסו אל מיסדר קומוניסטי. לפני שנים אחדות, כשנסגר המיסדר ההוא, שבו רבים לסניף ה„פאַרבאַנד״.

2. לפנים היה ה„אַרבעטער־רינג״ מתנגד לציונות ולארץ־ישראל וזה גרם ליסוד ה„נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד״ בשנת 1912, כמיסדר פועל ציוני. בשנים האחרונות פועל גם ה„אַרבעטער רינג״ לטובת הארץ, אם כי המנהיגים מכריזים על עצמם שאינם ציונים.

אליהו פעלדמאַן (טשערמאַן פון ציעכאַנאָוויעצער רעליף אין אַמעריקא)
(אַמעריקא)

32 יאָר ארבעט
אין פאראייניקטן ציעכאנאוויעצער רעליף אין אמעריקא

אין יאָר 1929 בין איך געקומען קיין אַמעריקא און באַלד געוואָרן אַ מיטגליד אין דער „חברה בני־משה אנשי טשעכאַנאָווצע". פון דער סאָסייטע בין איך געשיקט געוואָרן צו העלפן אין דער אַרבעט פון ציעכאַנאָוויעצער רעליף.

די אַרבעט אין רעליף איז דאַן געטאָן געוואָרן דורך עטלעכע צענדליק איבער־געגעבענע חברים, וואָס פלעגן אַרומפאָרן צו אונזערע לאַנדס־לייט אין ניו־יאָרק און אין דער סביבה און זאַמלען געלט פאַר נויטבאַדערפטיקע יידן אין ציעכאַנאָוויעץ. די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן דורך הרב רובינס, ישראל־אהרן וואָלף, דוד שטערן, פיליפּ לעווין, משה־זלמן סיגאַל, לייבל ריטהאָלד, דזשעק לעווין און נטע שאַפּירע. די אַלע זענען שוין, ליידער, נישטאָ מיט אונז. פון די וואָס לעבן האָבן אָנטייל גענומען אין דער אַרבעט: הערשל (הערי) טאבאק, עדוואַרד טאבאק, איטשע קאַפּלאַן, משה קאַליש, חיים פענסטער, יעקב זעליזער, יענטל לעווין,ביילע ריטהאָלד, חיים־הערש רובין און נאָך אַנדערע, וואָס כ׳געדענק ניט זייערע נעמען.

אַזוי זענען געזאַמלט געוואָרן עטלעכע טויזנט דאָלאַר, וואָס זענען איבערגעשיקט געוואָרן — 60% פאַר „אַלט־שטאָט" און 40% פאַר „ניי־שטאָט". דאָס געלט איז פאַר־טיילט געוואָרן צווישן די נויט־באַדערפטיקע און מיר האָבן געקראָגן אַ גענויע רשימה ווער און וויפל געלד האָט יעדער באַקומען.

אין יאָר 1931 בין איך געקומען אויף אַ באַזוך קיין ציעכאַנאָוויעץ. אַ סך אָרעמע־לייט האָבן זיך באַקלאָגט פאַר מיר, אַז זיי זענען ניט צופרידן פונעם סיסטעם, ווי אַזוי דאָס געלט ווערט פאַרטיילט. זיי האָבן מיר געבעטן, אַז כ׳זאָל איבערגעבן זייער טענה דעם רעליף אין אַמעריקא. קומענדיק האָב איך פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן קאָנטראָלירן די ליסטעס, אָפּשאַפן די שיטה פון 40% און 60%, און שיקן דאָס געלט מיט אַ געהע־ריקער רשימה צו יוסף פאַסטערנאַק, אַז ער זאָל איינטיילן די געלט־שטיצע און נעמען ביי יעדן אַ קבלה.

מיין פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן און פון דאַן אָן זענען מער קיין אָנקלאַגעס ניט אָנגעקומען צו אונז. אין יאָר 1931 איז געוויילט געוואָרן אַ נייער ועד. עדוואַרד טאבאק איז געוויילט געוואָרן אַלס טשערמאַן (יושב־ראש). איטשע קאַפּלאַן — פינאַנס־

סעקרעטאַר, דוד פינקעלשטיין — טרעזשערער (קאַסירער) און דער שרייבער פון די שורות — פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר. ביי דער ערשטער זיצונג האָבן מיר באַשלאָסן צו רופן אַ מאַסן־מיטינג פון אַלע סאָסייטעס און לאַנדס־לייט, כדי צו פאַרשטאַרקן און פאַרברייטערן די אַרבעט פונעם רעליף, ווייל מיר האָבן געפילט אַז מ׳מוז פאַרגרעסערן די הילף פאַר אונזערע ברידער און שוועסטער אין ציעכאַנאָוויעץ, וואָס זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז געוואָרן זעהר קריטיש.

ביי דער מאַסן־פאַרזאַמלונג האָבן זיך מיטבאַטייליגט די פאָלגענדע סאָסייטעס: „חברה בני־יעקב״; „חברה בני־משה״; „דער קראַנקען־אונטערשטיצונג פאַראיין פון ניו־יאָרק״; דער ציעכאַנאָוויעצער ברענטש (אָפּטיילונג) פון אַרבעטער־רינג״; „ציעכאַנאָוויעצער פּראָגרעסיוו״; „דער אונטערשטיצונג פאַראיין פון די ערשטע געקומענע ציעכאַנאָוויעצער קיין אַמעריקא״ און „דער לינקער־פאַראיין״, וואָס משה׳ל העריס איז איינער פון די פירער. אויך זענען געקומען צו דער פאַרזאַמלונג אַקטיווע מיטגלידער אין רעליף ווי משה׳ל זשאַלאַנדזש און פרוי, איזיע זשאַלאַנדזש און פרוי, בעני יאַרמוס און פרוי, משה׳ל קאַגאַן, בתיה לעווין, בתיה פרידמאַן, סידנע פּאַסטערנאַק, מאָריס געלפאַנד, סידנע געלפאַנד, בערטשע שטשיגאַל, לעוו און פרוי, חיים־בערל זשאַלאַנדזש, דזשעק לעווין, רחל־מלכה קישנער, פּסח לעוו און פרוי, סעם נעראָף און משה קאַליש.

אויף דער פאַרזאַמלונג איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ נייער ועד פון פאָלגענדע פּערזאָנען: איזיע זשאַלאַנדזש — טשערמאַן; הערי טאַבאַק — וויס טשערמאַן (וויצע־פאָרזיצענדער), איטשע קאַפּלאַן — פינאַנס־סעקרעטאַר, דוד פינקעלשטיין — טרעזשערער און דער שרייבער פון די שורות — פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר און עקזעקוטיוו־טשערמאַן. אין משך פונעם יאָר האָבן מיר אַדורכגעפירט עטלעכע אונטערנעמונגען און געשאַפן אַ סומע פון אַריבער דריי טויזנט דאָלאַר.

אין יאָר 1939, ווען די נאַצי־באַרבאַרן זענען אַריין אין פּוילן, איז די פאַרבינדונג מיט אונזערע שוועסטער און ברידער איבערגעריסן געוואָרן. אונדזערע הערצער האָבן געבלוטיקט, וויסנדיק וואָס די באַרבאַרן טוען מיט די ציעכאַנאָוויעצער יידן און מיטן גאַנצן פּוילישן יידנטום. אין יאָר 1941 האָבן מיר דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון ווילנע, פון אַ גרופּע ציעכאַנאָוויעצער ציוניסטישע יוגענט, וואָס האָט זיך געגרייט עולה זיין קיין ארץ־ישראל דורך יאַפּאַן. זיי האָבן געבעטן פון אונז 500 דאָלאַר, כדי צו קענען ממשיך זיין זייער רייזע. אויף דער טעלעגראַמע זענען געווען אונטערגעשריבן שמואל (מוניע) יאַבקאָווסקי, שושנה יארמוס און נאָך אַנדערע וואָס כ׳געדענק ניט זייער נאָמען. מיר האָבן זיי באַלד איבערגעשיקט דאָס געלט און מיט דעם געגעבן זיי אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען זייער לעבן און קומען קיין ארץ־ישראל.

אין 1943 האָבן מיר געשיקט 300 דאָלאַר צום ציעכאַנאָוויעצער ועד אין ישראל, כדי צו שיקן שפּייז־פּעקלעך צו אונזערע לאַנדס־לייט, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם



הפקידים והפעילים של ה„רעליף" הציחנובצאי בארצות־הברית עם משה־יעקב (מוריס) גלפנד ז"ל לקראת ביקורו בישראל

די באַאַמטע און אַקטיווע טוער פונם ציעכאַנאָוויעצער רעליף אין אַמעריקאַ מיט הער משה־יעקב (מאָריס) געלפאַנד ז"ל, פאַר זיין אָפּפאָר אויף אַ באַזוך אין ישראל

Officials and Executive Members of the Ciechanovtzer „Relief" in the U. S. A. with the Late Moshe-Yacov (Moris) Gelfand on the eve of his departure on a visit to Israel

טייל פון פוילן, וואָס איז געווען אונטער דער הערשאַפט פון דער סאָוויעטישער מאַכט. אין יאָר 1944 האָבן מיר באַקומען אַ טעלעגראַמע פון דער ביאַליסטאָקער קהילה, אַז אין ביאַליסטאָק געפונען זיך ציעכאַנאָוויעצער יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט און נייטיקן זיך אין הילף. מיר האָבן באַלד איבערגעשיקט 600 דאָלאַר און געקראָגן אַ קבלה אויף זיי. אויף דער קבלה זענען געווען אונטערגעשריבן ראובן חזן, יאָסל סלאָוואַטשיק, אפרים ווינער, וועלוול פטאשעק און בערל וואַינאָוויטש.

אין יאָר 1945 האָבן מיר באַקומען בריוו פון ציעכאַנאָוויעצער פּליטים, וואָס האָבן זיך געפונען אין פאַרשידענע לאַגערן אין אייראָפּע און געבעטן הילף. צו דעם האָבן מיר שוין געמוזט דורכפירן אַ געלט־אַקציע אין אַ סך גרעסערן פאָרמאַט. מיר האָבן גערופן אַ מאַסן־מיטינג און אויפן פלאַץ זענען געזאַמלט געוואָרן 16 הונדערט דאָלאַר. אויך האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ באַל און געדרוקט אַ זשורנאַל, וואָס האָט אונז געגעבן אַ הכנסה פון אַריבער 2 טויזנט דאָלאַר. אין משך פונעם יאָר זענען געשאַפן געוואָרן 5.000 דאָלאַר. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר געשטיצט די ציעכאַנאָוויעצער לעבן־געבליבענע אין די לאַגערן מיט אַ סומע פון 7.000 דאָלאַר. פון דעם געלט זענען געקויפט געוואָרן שפּייז, קליידונג, רעצעפּטן און אַנדערע לעבנס־מיטלען. אויך האָבן מיר געשיקט הילף־סומעס קיין שוועדן, צו עטלעכע ציעכאַנאָוויעצער, וואָס זענען געלעגן אין די דאָרטיקע סאַנאַטאָריומס. אין די יאָרן 1946—1947 זענען די לאַגערן ליקווידירט געוואָרן. אַ טייל ציעכאַנאָוויעצער יידן זענען עולה געווען קיין ישראל און אַ טייל האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקאַ. די אָנגעקומענע אין אַמעריקאַ האָבן מיר געגעבן געוויסע סומען, כדי זיי זאָלן זיך קענען איינאָרדענען אינעם נייעם לאַנד.

קיין ישראל האָבן מיר געשיקט הילף פאַר די געראַטעוועטע דורכן ציעכאַנאָוויעצער ועד. ווען דער ועד האָט אָרגאַניזירט אַ ליי־קאַסע האָבן מיר אים געשיקט צו דעם צוועק אַריבער 2 טויזנט דאָלאַר. אין איינצעלנע פאַלן האָבן מיר אויך געשיקט הילף פאַר משפחות וואָס האָבן זיך געווענדט צו אונדז.

דאָס געלט פאַרן ועד איז געבראַכט געוואָרן דירעקט דורך אונזער לאַנדס־מאַן משה קאַליש, וואָס האָט באַזוכט ישראל אין יאָר 1950.

מיר זענען שטאָלץ מיט אונזערע ציעכאַנאָוויעצער לאַנדס־לייט, וואָס האָבן זיך שטענדיק אָפּגערופן וואַרעם אויף אַלע הילפס־אַפּעל'ס לטובת אונזערע ציעכאַנאָוויעצער נויט־באַדערפטיקע. אַ דאַנק דעם האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צו טאָן אונדזער הייליקע הילפס־אַרבעט פאַר אונזערע טייערע שוועסטער און ברידער, וואָס זענען אַרויס לעבעדיק פונעם פייער און בלוט און פון די גיהנום־קרעמאַטאָריומס, וואָס די נאַציסטישע באַרבאַרן האָבן אָנגעצונדן אויף דער פּוילישער ערד.

א. סאָל־פּאדאלעווסקי
(אַמעריקא)

די געשיכטע פון דער „חברה בני־יעקב אנשי טשעכאנאוועצ"

די איבערוואַנדערונג פון די ציעכאַנאָוויעצער יידן קיין אַמעריקא האָט זיך אָנגע־פאַנגען אַרום די אַכציקער יאָרן, זיין אָנפאַנג פון דער אַלגעמיינער אימיגראַציע.

די ערשטע ציעכאַנאָוויעצער, וואָס זענען געקומען קיין אַמעריקא זענען געווען עלנט. דער יידישער ישוב איז נאָך דאַן געווען אַ קליינער. די עלענטקייט און די בענקשאַפט אַ היים האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט, און ווען זיי זענען געווען אַן עדה פון אַכט יידן, האָבן זיי געגומען אַ ספר־תורה פאַר אַ שותף און געגרינדעט אַ חברה מיט אַ שוהל. זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן דער חברה „בני יעקב", אויפן נאָמען פונעם ציעכאַ־נאָוויעצער רב יעקב־לייב העלער. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1892 און געווען איינע פון די עלטסטע „חברות" אין אַמעריקא און די עלטסטע פון אַלע „חברות" פון די ציעכאַנאָוויעצער יידן.

די גרינדער פון דער „חברה" זענען שוין אויפן עולם האמת. זייערע נעמען זענען געווען: 1) משה־נח הירשמאַן. 2) קלמן יאסקאָלסקי. 3) אברהם לעווין. 4) זעליג סאַפּיר־שטיין. 5) יצחק־יונה מענדעלסאָן. 6) שמחה האַנדלסמאַן. 7) מענדל בערנשטיין. 8) קלמן בערנשטיין.

די תקנות (קאָנסטיטוציע) פון דער „חברה" האָבן געלויטעט פאָלגנדעס: די שפּראַך פון די מיטינגען מוז זיין יידיש; קויפן אַן אייגענע שוהל, אין וועלכער ס׳וועלן געהאַלטן ווערן דרשות, לעקציעס און אַנדערע קולטורעלע טעטיקייטן; קויפן קרקע, אין וועלכער ס׳וועלן רוהען אין אייביקער רו די מיטגלידער נאָך מאה ועשרים שנה; העלפן קראַנקע; שאַפן אַ גמילות־חסדים פאָנד; שטיצן נויטבאַדערפטיקע יידן אין ציעכאַנאָוויעץ און באַטייליקן זיך אין אַמעריקאַנישע־פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס.

אין יאָר 1938, אין דער צייט פון איר בליהונג, איז די „חברה" באַשטאַנען פון 250 מיטגלידער. 2% פון זיי — געבאָרענע אַמעריקאַנער און 5% — ניט קיין ציעכאַ־נאָוויעצער. היינט, צו איר 70סטן יובילעאום, באַשטייט זי שוין מייסטענס פון צווייטן דור אַמעריקאַנער געבאָרענע. דער היינטיקער וויס־פּרעזידענט, דזשאָו ריטהאָלד, איז דער זון פונעם פאַרשטאָרבענעם מיטגליד לייבל ריטהאָלד און זיין פרוי ביילע.

די אַלטע מיטגלידער האָבן איינגעפירט, אַז ביי מיטינגען זאָל מען זיך רופן



חגיגה בבית־הכנסת של יוצאי־ציחנוביץ ברחוב נארפאלק מספר 14, ניו־יורק, לכבוד העברת ספר־התורה למושב בית־אלעזרי — מתנת „חברת בני יעקב"

די פייערונג אין דער ציעכאַנאָוויעצער שוהל אויף נארפאלק סטריט 14, ניו־יאָרק, לכבוד דער איבערשיקונג פונם ספר־תורה אינם מושב בית־אלעזרי — אַ מתנה פון דער „חברת בני־יעקב"

Celebration in the Ciechanovtzer-Landsleit Synagogue, on 14 Norfolk St., New-York, to mark the Transfer to Beit-Eliezer Settlement of „Sefer-Hatora" — a gift by „Bnei-Yacov Society"



פקידי „חברת בני־יעקב" Officials of „Bnei-Yacov Society" די באַאַמטע פון „חברת בני יעקב"

שטייען פון רעכטס צו לינקס: 1) מ. בערנשטיין. 2) ס. נאראף. 3) ס. סאוויטש. 4) הערי טאַבאַק. 5) דזש. ריטהאָלד

זיצן פון רעכטס צו לינקס: 1) פרוי בערנשטיין. 2) פרוי נאראף. 3) פרוי סאוויטש. 4) פרוי טאבאק. 5) פרוי ריטהאָלד

„ברודער און שוועסטער". דאָס איז איינגעפּירט געוואָרן אויך אין לעבן, און איין מיטגליד רופט דעם צווייטן „ברודער", אָדער „שוועסטער".

די חברה נעמט אָנטייל אין אַלע לאָקאַלע, ווי אויך נאַציאָנאַלע, אַקציעס. די לעצטע יאָרן באַטייליקט זי זיך אַקטיוו אינעם אויפבויען פון ישראל. אַ חוץ יערלעכע שטיצע וואָס זי גיט פאַר ישראל, האָט זי לעצטנס געשיקט אַ ספר־תורה פאַרן מושב בית־אלעזרי.

אין דער חברה האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל גאַנצע משפחות. ווען מ'האָט געדאַרפט קויפן אַ שוהל און ס'איז געווען אַ מאַנגל אין געלט — האָט דער ברודער זלמן־מאיר ריטהאָלד געגעבן 300 דאָלאַר און דער ברודער לייבל ריטהאָלד — 100 דאָלאַר. דאַן זענען דאָס געווען גרויסע סומען. פונעם ערשטן דור פון דער ריטהאָלד־פאַמיליע זענען פאַרבליבן דריי ברידער: משה, ידידיה, אברהם (אברעמל) און אַ שוועסטער מיטן נאָמען ריווטשע. דער היינטיקער ווייס־פּרעזידענט, דזשאָו ריטהאָלד, און זיין ווייב עדנה, זענען קינדער פון לייבל אוןביילע ריטהאָלד.

די באַאַמטע פון דער „חברה" זענען, זייט יאָר 1962, פאָלגנדע: פּרעזידענט סעם און מאלי נאַראָף. סעם נאַראָף איז ניט קיין ציעכאַנאָוויעצער. ער איז אַן איידעם פון משה און חיה־באַשע דאמניקאָווער. (משה דאמניקאָווער האָט דערגרייכט אַ טיפן עלטער פון 106 יאָר); וויים־פּרעזידענט — דזשאָו און עדנה ריטהאָלד; פינאַנס־סעקרעטאַר — סאל און אַננא סאוויטש, (סאל סאוויטש איז ניט קיין ציעכאַנאָוויעצער, אַן איידעם פון יצחק מענדעלסאָן); הערי און פעני טאַבאַק — סעמעטערי טשערמאַן; מאָ בערנשטיין און עדנא — טראסטי; א. סאָל־פאדאלעווסקי און סטעלא (ניט קיין ציעכאַנאָוויעצער) — פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר.

מאַ בערנשטיין
(אַמעריקא)

אקטיווע געשטאַלטן אין דער „חברה בני־יעקב״

אַן אָרגאַניזאַציע איז ניט נאָר אַ צוזאַמענקונפט פון מענטשן, וואָס האָבן אַדאָפּטירט אַ נאָמען. זי דאַרף פאַרמאָגן פּרינציפּן און מענטשן, וועלכע זענען גרייט אָוועקצוגעבן אַ טייל פון זייער צייט פאַר איר און פאַר אירע פּרינציפּן.

כ׳וויל דאָ שילדערן עטלעכע אַקטיווע פאַמיליעס, און אויך יחידים, וואָס האָבן געדינט מוסטערהאַפט די אידעען פון דער „חברה בני יעקב״.

ריטהאָלד פאַמיליע האָט געהאָלפן אויסהאַלטן די שוהל אין שווערע צייטן. מיטגלידער פון דער פאַמיליע האָבן געלייסטעט פיל אַרבעט, צייט און געלט פאַר דער „חברה״. אויך האָבן זיי דערצויגן זייערע קינדער צו זיין גוטע יידן און העלפן דער אָרגאַניזאַציע.

בערנשטיין פאַמיליע איז גוט באַקאַנט יעדן לאַנדסמאַן. אַ סך פון די לאַנדס־לייט, ווען זיי זענען געקומען פון דער אַלטער היים אַלס אימיגראַנטן — האָבן זיי געטראָפן אַ וואַרעמע היים און אַ וואַרעמען מאָלצייט ביי קלמן און רבקה בערנשטיין. אויף זייער נאָמען איז געגרינדעט געוואָרן אַ פאַמיליע סוירקל, וועלכער עקזיסטירט שוין אַריבער 20 יאָר. דער פאַמיליע סוירקל טראָגט דעם נאָמען „רבקה פאַמיליע סוירקל״, אויפן נאָמען פון דער וואונדערבאַרער אשת חיל, וועלכע איז שטאַרק באַליבט ביי אַלע, וואָס האָבן איר געקענט.

מענדל בערנשטיין פאַמיליע האָט גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל, חוץ אין דער סאָסייטי, אויך אין יידישן שפּיטאָל פאַר כראָנישע קראַנקע און געגרינדעט אַ פאָנד מיטן נאָמען „בלומע בערנשטיין פונדיישן״ פאַר מעדיצינישע פאָרשונגען. די אַרבעט פון דער פונדיישן אויפן געביט פון פאָרשונגען איז אונשאַצבאַר.

בערל בערנשטיין איז געווען אַן אונערמידלעכער אַרבעטער. שטענדיק איז ער געלאָפן אין די בענק גוטמאַכן טשעקס און מאָרטגעדזשעס פון דער שוהל און דער סאָסייטי, קויפנדיק סעמעטעריס און סתם העלפן די מיטגלידער און זייערע פאַמיליעס.

הערי טאבאק, ווען מענס שטים ס׳הערט זיך נאָך היינט אויף אונזערע מיטינ־גען, פלעגט העלפן די לאַנדסלייט מיט וואָס ער האָט געקענט, ווען זיי פלעגן אַראָפּגיין פון דער שיף. ווען מ׳האָט געדאַרפט שאַפן אַ פאָנד, איז ניט געווען נאָך איינער, וואָס זאָל געבן וויפל הערי האָט געגעבן. הערי איז נאָך היינט אַ געטרייער סאָלדאַט פון דער „חברה", וואָס קומט צו יעדן מיטינג און צו יעדן רוף. דער פאַקט, וואָס ער איז אויסגעוועהלט געוואָרן פיל מאָל אַלס פרעזידענט פון דער „חברה" — רעדט פאַר זיך אַליין.

מיר האָבן דערמאָנט בלויז איינצעלנע, אָבער אויך אַלע אַנדערע ברידער און שוועסטער האָבן צוגעטראָגן, און טראָגן צו, זייער חלק מיט צייט, אַרבעט און געלט אויף אויסצוהאַלטן די סאָסייטי, וואָס איז אַ צווייג פונעם יודענטום.

באשע לעווע (וויים-פרעזידענט)
(אַמעריקאַ)

די געשיכטע
פון דער „חברה בני־משה אנשי נײַ־שטאָט טשעכאָנאָווצע"

אין די אַכציקער יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונדערט, נאָכן אויסברוך פון די פּאָג־ראָמען אויפן רוסישן יודנטום, האָבן פיל יידן עמיגרירט קיין אַמעריקאַ, צווישן זיי אויך ציעכאַנאָוויעצער יידן.

קומענדיק אַליין, אָהן פאַמיליעס, האָבן זיך אונזערע שטעטלשע געטוליעט איינער צום אַנדערן, ווייל מ'איז געווען עלנט. אַ גאַנצע וואָך האָט מען ביז שפּעט ביינאַכט געאַרבעט אין שאָפּ, טיילמאָל אויך גענעכטיקט דאָרט.

נאָך אַזאַ וואָך פון שקלאַפעריי, איז געווען אַ גרויסער פאַרגעניגן צו טרעפן זיך ביי אַ לאַנדסמאַן, דער, וואָס זיין פאַמיליע איז געווען מיט אים, פלעגט איינלאַדן צו זיך שבת אויף אַ „קידוש".


ביי אַזעלכע באַגעגענישן איז אין הויז פון אַ ציעכאַנאָוויעצער ייד אויף פאָרסייט־סטריט אין ניו־יאָרק געגרינדעט געוואָרן, אין חודש תמוז יאָר 1907, די „חברה בני־משה אנשי ניישטאָט טשעכאַנאָווצע", אויפן נאָמען פונעם „נסתר" — ר' אברהם־משה וורובעל, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן און דער פאָטער פון ר' שמחה, שייקע, שמואלקע, יצחק־מאיר און חילקע.

די תקנות פון דער „חברה" האָבן ענטהאַלטן פאָלגנדע פּאַראַגראַפן: 1) די אָפיציעלע שפּראַך פון די פאַרזאַמלונגען איז יידיש.

2) אַלע מיטגלידער זאָל רופן איינער דעם אַנדערן „ברודער" און „שוועסטער".

3) אַלע צוויי וואָכן מוז גערופן ווערן אַ פאַרזאַמלונג.

4) מ'קען ניט ווערן קיין מיטגליד אין דער „חברה", אויב מ'איז ניט פאַרהייראַט מיט אַ יידישער פרוי.



פקידי „חברת בני־משה" Officials of the ,,Bnei-Moshe Society" די באַאַמטע פון „חברת בני־משה"

שטייען פון רעכטס צו לינקס: 1) אפרים ווראָבעל. 2) דוד פּאַרטנאָוויטש. 3) הערשל קאָהן. 4) טובה'קע סיר. 5) הערשל גאָלדבערג. 6) סעם שאַפּירא

זיצן פון רעכטס צו לינקס: 1) יעקב לעווינסקי. 2) יצחק קאַפּלאַן. 3) לייבל גאָלדשטיין. 4) בוטשע לעוו. 5) חיים־הערש ווראָבעל

5) גרינדן אַ ליי־קאַסע, צו העלפן די נויט־באַדערפטיקע לאַנדסלייט (די קאַסע עקזיסטירט ביז היינטיקן טאָג).

די גרינדערס פון דער „חברה", וועלכע זענען שוין ניטאָ מיט אונדז, זענען געווען פאָלגענדע: 1) טשאַרלס מעלטשער. 2) וואָלף פיינשטיין. 3) לייב גאָלד. 4) אברהם אַלבערט. 5) בנימין קארענבערג. 6) לעווקאָוויטש. 7) איזידאָר דניאל'ס. 8) יצחק־מאיר גאָלדשטיין. 9) ישראל־אהרן וואָלף. 10) הערש־לייב כהן. 11) ישראל זיסק. 12) משה־זלמן סיגעל. 13) פיליפ לעווין. 14) שמואל וורובעל. 15) חילקע גאָלדשטיין.

די „חברה בני־משה" איז געווען די ערשטע, וואָס האָט געהאָלפן גרינדן דעם ציעכאַנאָוויעצער רעליף נאָך מיט 50 יאָר צוריק. אַ דאַנק איר איז מאָביליזירט געוואָרן די שטיצע, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין ציעכאַנאָוויעץ אין יאָר 1918. די „חברה" באַטייליקט זיך אין אַלע קאַמפּיינס, וועלכע האָבן אַ שייכות מיטן יידישן לעבן אין אַמעריקא. אויך באַטייליקט זי זיך אין די קאַמפּיינס פאַר מדינת־ישראל און האָט געקויפט פאַר טויזנטער דאָלאַרן ישראל־באָנדס.

די „חברה" ציילט ביז היינטיקן טאָג אַריבער 200 מיטגלידער.

ל. פ.
(אַמעריקאַ)

טשעכאַנאָווצער יוגענד בר. 495 CHECHANOVTZER YOUTH BRANCH 495

אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד Farband Labor Zionist Order

אַפּריל 1938 האָבן זיך פאַרזאַמלט 6 חברים אינעם הויז פון חבר מאָריס קאַליש און אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט אויף וועלכן ס׳איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די פליכט צו אָרגאַניזירן אַ ציעכאַנאָוויעצער יוגנט־ברענטש אינעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פאָלגענדע חברים: 1) מ. קאַליש. 2) ל. פעלדמאַן. 3) ב. סיגעל. 4) י. זעליזער. 5) וו. זגאָדני. 6) מ. דרייפער.

מיר האָבן באַלד גערופן אַ פאַרזאַמלונג און זיך געווענדט, ספּעציעל, צו די לעצטע אַריבערגעקומענע ציעכאַנאָוויעצער, וואָס זענען געווען חברים אין דער „פּועלי־ציון״־פּאַרטיי און אין אַנדערע ציוניסטישע ריכטונגען, וועלכע, זייענדיק אין אַמעריקאַ, האָבן זיי געוואָלט ממשיך זיין זייער טעטיקייט לטובת ארץ־ישראל און אויך זיין צווישן אייגענע חברים.

זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער ברענטש און אויך פיל ציעכאַנאָוויעצער וואָס זיינען געווען חברים אין אַנדערע ברענטש, האָבן זיי פאַרלאָזט און זיך אָנגעשלאָסן אין אונז.

יוני 1940 האָבן מיר געפייערט די גרינדונג פונעם ציעכאַנאָוויעצער יוגנט־ברענטש 495 אינעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד מיט אַ גרויסן באַנקעט, אין וועלכע ס׳האָבן אָנטייל גענומען אַריבער 200 לאַנדס־לייט. דאָרט האָבן מיר דערקלערט אונדזער ברענטש אַלס אַ געזעצלעכער צוויג פונעם פאַרבאַנד.

דער ציעכאַנאָוויעצער יוגנט־ברענטש איז איינער פון די טיכטיקסטע ברענטש׳ס אינעם פאַרבאַנד. ער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע קאַמפּיינס פונעם יידישן לעבן אין אַמעריקאַ און אויך אין אַלע קאַמפּיינס פאַר מדינת־ישראל.

די באַאַמטע פונעם ברענטש זענען: י. זעליזער — טשערמאַן; אליהו פעלדמאַן — פינאַנץ־סעקרעטאַר; מאָריס געלפאַנד — פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר.

די עקזעקוטיווע: 1) ב. סיגעל. 2) וו. זגאָדני. 3) מ. דרייפער. 4) פ. חזן. 5) ב. יארמוס. 6) פ. לעווו. 7) ס. פעל. 8) ס. געלפאַנד. 9) ב. פריזמאַן. 10) העלען יארמוס.



חגיגה בבית־ההסתדרות במלאת 20 שנה לקיום סניף הנוער, יוצאי־ציחנוביץ, על־יד ה„פאַרבאַנד"
20־יאָר פייערונג פון ציעכאַנאָוויעצער יוגנט ברענטש ביים פאַרבאַנד אין הסתדרות־הויז.

A Celebration on the Occasion of the 20th Anniversary of the Ciechanovtzer Youth-Branch, by the „Ferband", held in the Histadrut House

יעקב זעליזער
(אַמעריקא)

צווי וואַרעמע ציעכאַנאָוויעצער הייזער אין אמעריקא

די ציעכאַנאָוויעצער יידן אין אַמעריקא האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף איסט־סייט, ווו דער גרעסטער יידישער קיבוץ האָט דאָרט געלעבט.

אויף דער גאַס האָט געוווינט אַ ציעכאַנאָוויעצער פּאָר־פאָלק מיטן נאָמען יצחק־מאיר און טויבקע, וועלכע לעבן אינעם זכרון פון אונזערע לאַנדס־לייט אַלס לעגענדאַרע געשטאַלטן. זייער גוטסקייט און איבערגעגעבנהייט צו די נייע אימיגראַנטן איז אומבאַשרייבלעך. דער נייער געקומענער פלעגט האָבן אַ היים ביי איטשע־מאירן אין הויז. טיילמאָל איז איטשע־מאיר געשלאָפן אויף דער פאָדלאָגע, אָפּגעגעבן זיין בעט דעם אורח און געטיילט זיך מיטן ביסן ברויט. זיי פלעגן אויך באַזאָרגן מיט אַ דירה און געבן עטלעכע דאָלאַר צום לעבן, ביז דער ניי־געקומענער האָט זיך איינגעאָרדנט.

ווען אַ לאַנדס־מאַן איז געווען אַן אָבל, האָט ער שטענדיק געקראָגן טרייסט, וואַרעמקייט און ברידערלעכע הילף ביי איטשע־מאיר׳ן.

די חברה קדישא פון דער „חברה בני־משה" פלעג אָפּהאַלטן אירע מיטינגען אין זיין הויז. אויך האָט מען דאָרט איינגעאָרדנט שמחות פון לאַנדס־לייט. און דאָס וויכטיקסטע: דאָרט איז געגרינדעט געוואָרן דער ציעכאַנאָוויעצער „רעליף", וואָס עקזיסטירט ביז היינט.

כ׳וויל דערמאָנען מיט וואַרעמע ווערטער איטשע־מאיר׳ס ווייב — טויבקע — וואָס איר גוטסקייט האָט געהאַט אַ שם. ווען עמעצער איז קראַנק געוואָרן און געליגן אין שפּיטאָל, פלעגט זי ברענגען דעם קראַנקן אַ מאָלצייט, ווייל ער האָט ניט געגעסן קיין טריפה.

דאָס צווייטע וואַרעמע הויז, נאָך דער ערשטער וועלט־קריג, איז געווען פון שייקע און אסתר קאַזאַן (באַקאַנט מיטן נאָמען „שייקע דער סטאָליער"). דאָרט פלעגט זיך קאָנצענטרירן די ציעכאַנאָוויעצער יוגנט. אסתר איז געווען אַ צדקנית, וואָס האָט


געהאָלפֿן מענטשן דורך „מתן בסתר“. פיל ציעכאַנאָוויעצער אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געשעמט צו בעטן הילף ביים „רעליף“, פלעגן שרייבן בריוו אסתרן און געבעטן הילף. זי פלעגט זיך אַליין באַשטייערן מיט אַ פּאָר דאָלאַר און אויך ווענדן זיך צו אַנדערע לאַנדס־לייט. דאָס אַלעס איז געמאַכט געוואָרן בשתיקה, כדי ניט מבייש זיין, חלילה, דעם נויטבאַדערפטיקן.

אויף אַזאַ אופן איז יעדער בריף געענטפערט געוואָרן פּאָזיטיוו. אויך אירע קינדער זענען געגאַנגען אין די מוטערס דרכים און געשטיצט בסתר. ביז היינטיקן טאָג גייען די קינדער אין ליכט פון זייער מוטערס גרויסער מענטשן־ליבע.

די גאָלדענע קייט פון דערהויבענע, גוטע און ערלעכע משפחות פון ציעכאַנאָוויעצער יידן ווערט פאָרטגעזעצט. זאָלן זייערע נעמען פאַראייביקט און פאַרהייליקט ווערן און באַשיינען די בלעטער פון אונדזער „יזכור“־בוך.

בצלאל קאָטלער
(תל־אביב)

משה־יעקב געלפאַנד



משה־יעקב גלפנד
Moshe-Yaacov Gelfand

משה־יעקב האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ ספּעציעלן חן. אַ אײדעלער אין דער נאַטור און באַשאַנקען מיט אַ פּיהלבאַרער נשמה. געווען זעער באַליבט אין שטעטל. אַ שווייגנדיקער, גערעדט ווינציק, אָבער יעדעס וואָרט זיינס האָט געהאַט וואָג און אינהאַלט.

ער האָט ליב געהאַט דעם מענטש אַלס מענטש און אַלעס וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיטן צלם אלקים האָט אים באַ־צויבערט. ער האָט געזוכט דאָס גוטע און שיינע אינם מענטשן און מלמד זכות געווען אויף מענטשלעכע שוואַכקייטן. געווען צופרידן מיט דעם וואָס ער האָט פאַרמאָגט און קיינמאָל זיך ניט באַקלאָגט. זיין גוטסקייט און ערלעכקייט זענען גע־ווען מוסטערהאַפט.

ער איז געווען אַ טרייער מיטגליד אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַ־וועגונג און שטאַרק געגלויבט אין דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פונם יידישן פאָלק, הגם ער האָט ניט זוכה געווען באַטייליקן זיך פערזענלעך אינם אויפבוי פונם לאַנד.

נאָך 40 יאָר לעבן אין אַמעריקאַ, איז ער געקומען צו אונז, קיין ישראל, זעען מיט זיינע אויגן די יידישע מדינה און זיינע נאָענטע חברים. ער האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צום לאַנד און האָט באַשלאָסן עולה זיין. האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן אַרבעטער לעבן אין שטאָט, דאָרף און אין קיבוץ. זייענדיק באַצויבערט פונם נייעם

צום אייביקן אנדענק


שיינטשע געלפאַנד (מייזלער)

מוטער און פאָטער

שיינטשע געלפאנד
(מייזלער)

משה־יעקב געלפאנד

די פאַראייביקער:

קינדער: **אלתר (ארטור)**
מאטעל (מארטין)
אַמעריקא

*

אונזער מאַן און פאָטער

שלמה געלפאנד

די פאַראייביקער:

קינדער: **משה־יעקב** ז״ל
ישעיהו (שייקע)
אברהם־פלטיאל (פעלטע)
שיינע (שייטיל)
אַמעריקא



הסרת הלוט מעל לוח־ההנצחה על־שם שיינע ומשה־יעקב גלפנד בבית־החולים „השרון“ בפתח־תקוה

די ענטהילונג פונם אנדענק־טאָוול אויפן נאָמען פון שיינע און משה יעקב געלפאַנד
אינם שפיטאָל „השרון“ אין פתח־תקוה

Unveiling of the Plaque Commemorating the late Sheine and Moshe Gelfand
at the „Sharon" Hospital in Petah-Tikva

שטייען פון רעכטס צו לינקס : 1) יצחק סלאוואטשיק. 2) אליהו פעלדמאַן. 3) נתנאל פיורע.
4) טוביה פרץ

זיצן פון רעכטס צו לינקס : 1) מישעל פעלדמאַן. 2) מנחם לעווין. 3) שושנה אבנר (יאַרמוס)

לעבן אין לאַנד, האָט ער שטאַרק באַדויערט, וואָס זיינע בעסטע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין אַמעריקאַ — אָן אינטערעס און אָן אינהאַלט.

אין אַ געשפּרעך מיט מיר, האָט ער געזאָגט: „כ'בין קיינמאָל ניט געווען אייפער־זיכטיק, נאָר אייך בין איך מקנא, ווייל איר האָט זוכה געווען לעבן און בויען דאָס לאַנד. איר האָט געפונען טעם און אינהאַלט אין אייער לעבן. איר זעט פרוכט פון אייער אַרבעט און די מיה איז ניט געווען אומזיסט. וויל און גוט איז אייך. הלואי זאָל איך זוכה זיין געפונען זיך מיט אייך“.

אָבער, צום באַדויערן, איז זיין ווונש ניט דערפילט געוואָרן. זייענדיק אויפן הר־כנען, האָט זיין גוטעס האַרץ אויפגעהערט קלאַפּן. זיין אומגעריכטער און פּריצייטיקער טויט האָט דערוועקט אַ טיפן טרויער ביי אַלע ציעכאַנאָוויעצער לאַנדס־לייט און אויך ביי אַלע זיינע פריינט. אַלע שטעטלשע האָבן אים מיט טיפן טרויער באַגלייט אין זיין לעצטן וועג.

(איבערזעצט : א. ל.)

ארגון יוצאי צעחנוביץ בישראל

עטופי אבל על מות חברנו היקר והמסור

מר יעקב משה גלפנד ז״ל

(מ׳אמריקה)

שנפטר ללא עת (בבקורו בארץ) בליל ש״ק כ״ד אב תשכ״ב 24.8.62

ההלויה תתקיים ביום שלישי כ״ח מנחם־אב תשכ״ב (28.8.62)
בשעה 4 אחר הצהרים במכון הפטלוגי באבו כביר

תנחומנו הכנה למשפחה

הועד

מודעת האבל שפורסמה עם פטירת מר יעקב־משה גלפנד ז״ל

די טרויער־באַקאַנטמאַכונג, וועלכע ס׳האָט פאַרעפנטלעכט דער פאַרבאַנד פון די ציעכאַנאָוויעצער אין ישראל, נאָך דער פטירה פון יעקב־משה געלפאַנד ז״ל

Obituary, Announcing the Passing away of Mr. Yaacov Moshe Gelfand
Published by the Committee of the Ciechanovtzer Landsleit in Israel

אליעזר לאוני
(תל־אביב)

צו דער געשיכטע פון ציעכאַנאָוויעצער קהילה

לויט פוילישע היסטאָריקער, איז ציעכאַנאָוויעץ געגרינדעט געוואָרן אין 10־טן יאָרהונדערט.

צוויי באַרימטע יידישע היסטאָריקער, פּראָפ׳ מאיר באַלאַבאַן און ד״ר יצחק שיפּער, האַלטן אַז אין ציעכאַנאָוויעצער סביבה איז אַמאָל געווען א ישוב פון כוזרים־יידן [1]

אין געוויסע געגנטן אין רוסלאַנד און קליין־פּוילן געפינען זיך ישובים מיטן נאָמען „קאַזאַר״, אָדער עפּעס ענלעכעס צו דעם. לעבן ציעכאַנאָוויעץ געפינט זיך אַ דאָרף מיטן נאָמען „קאָזאַר״, און די גאַס וואָס פירט אַהין הייסט „קאָזארער גאַס״. די אויבנדערמאָנטע היסטאָריקער האַלטן, אַז אַזעלכע נעמען באַצייכענען אַלטע ישובים געגרינדעט דורך די וואַנדערנדיקע כוזרים, ווען זייער היימלאַנד איז חרוב געוואָרן.

אַלטע כראָניקעס ווייזן, אַז אַזוי פרי ווי אין 14־טן יאָרהונדערט איז שוין אין ציעכאַנאָוויעץ געווען אַ יידישע געמיינדע מיט אַ שוהל און בתי־מדרשים.

אין 17־טן יאָרהונדערט איז ציעכאַנאָוויעץ געווען די הויפּטשטאָט פון ראַיאָן (גליל), איינער פון די דריי ראַיאָנען פון יענער געגנט וואָס האָט געהייסן „פּאָדליעסיע״. די אַנדערע צוויי זענען געווען טיקטין און ווענגראָוו. צום ציעכאַנאָוויעצער גליל האָבן געהערט די קהילות פון די אַרומיקע שטעטלעך, און ציעכאַנאָוויעץ האָט געהאַט דאָס רעכט זיי צו באַשטייערן מיט אַ קאָפּ־שטייער (מס הגולגולת). ציעכאַנאָוויעץ האָט רעפּרעזענטירט דעם גליל אין וועד־ארבע־ארצות [2]

---

1. די כוזרים (כאַזאַרן, קאַזאַרן) זענען געווען אַ פאָלק, וועמעס לאַנד איז געלעגן צווישן די קאַווקאַזער בערג און די טייכן וואָלגאַ און דאָן. אין 8־טן יאָרהונדערט, אונטערן איינפלוס פון יידישע רייזענדע סוחרים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט זייער מלך, בולאַן, זיך מגייר געווען. עס האָבן אים נאָכגעפאָלגט די הויפלייט און אַ גרויסער טייל פון פאָלק. זיי האָבן אָנגעהאַלטן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה — מ׳קען זאָגן, אַ יידישע מלוכה — ביזן סוף פון 10־טן יאָרהונדערט, ווען זיי זענען באַזיגט געוואָרן דורך דעם רוסישן פירשט סוויאַטאָסלאָוו פון קיעוו.

2. דער וועד־ארבע־ארצות, קאָמיטעט פון 4 לענדער (פּראָווינצן), געגרינדעט אין 16־טן יאָרהונדערט, איז געווען אַן אויטאָנאָמישע, אָדער זעלבסט־רעגירנדע קערפּערשאַפט, וואָס יידן האָבן אין יענע צייטן געהאַט אין פוילן, און האָט אָנגעהאַלטן העכער 200 יאָר.

דער וועד־ארבע־ארצות פלעגט אָפּהאַלטן זיינע זיצונגען אין די צייטן פון די גרויסע ירידים, וועלכע פלעגן פאָרקומען אין פוילן אין פאַרשידענע שטעט. אַלע וויכטיקע קהילות זענען געווען פאַרטראָטן. הייסט עס, אַז ציעכאַנאָוויעץ איז שוין דאַן געווען אַ וויכטיקע קהילה.

אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד איז רעקאָרדירט פון אַ סיכסוך וואָס איז פאָרגעקומען צווישן דער קהילה פון ווענגראָוו און דער קהילה פון ציעכאַנאָוויעץ, צו וועמען דאָס שטעטל וויסאָקי זאָל געהערן. ביז אַן ענטגילטיקן פסק־דין וואָס דער וועד־ארבע־ארצות האָט געדאַרפט אַרויסגעבן אויף זיינע זיצונגען ביים נאָענטסטן יריד אין מעזריטש אין 1726, האָט מען געמאַכט אַ פּשרה, אַז פאָרלויפיק זאָלן ציעכאַנאָוויעץ און ווענגראָוו זיך צוטיילן מיטן יערלעכן קאָפּ־שטייער פון וויסאָקי, וואָס האָט אָנגעטראָפן 120 גילדן. דער פּשרה־אָפּמאַך איז דורכגעפירט געוואָרן אין שטעטל סטערדין, און פאַר ציעכאַנאָוויעץ האָט זיך געחתמ׳עט דער רב ר׳ יהושע בן שמואל. די פּוילישע איבערזעצונג האָט געמאַכט דער ציעכאַנאָוויעצער שתדלן ניסן יודאָווסקי.

עס איז פאַראַן אַ דאָקומענט אין וועלכן דער וועד־ארבע־ארצות לויבט שטאַרק די אַרבעט פון ניסן יודאָווסקי. ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער פון וועד, פון וועמען ער פלעגט קריגן זיין שכירות 8 פּוילישע גילדן אַ וואָך, אויסער רייזע־הוצאות (שכר עגלה).

צווישן די אונטערשריפטן אויף די דאָקומענטן פון וועד־ארבע־ארצות געפינט מען געוויינלעך אויך די חתימה פון ציעכאַנאָוויעצער פאָרשטייער (נאמן). אויף אַ גאָר וויכטיקן שטייער דאָקומענט געחתמ׳עט אין יאַראָסלאָוו דעם 19־טן אָקטאָבער 1753 איז אויך דאָ אַן אונטערשריפט „בערקאָ אב״ד דק״ק טשעכאַנאָווצי“. דאָס איז געווען דער ציעכאַנאָוויעצער רב ר׳ יששכר־בעריש סגל. אויף זיינע הסכמות אויף ספרים פלעגט ער זיך חתמ׳נען „יששכר בעריש אבד״ק טשעכאַנאָווצי ונאמן דד׳ ארצות“. אויף מאַנכע ספרים געפינט זיך זיין הסכמה לעבן דער הסכמה פון ווילנער גאון.


אַ קוריאָזע פּאַסירונג איז פאָרגעקומען אין יענער צייט. אַ צאָל רבנים האָבן גע׳אסרט צו עסן גענז מיט שוואַרצע שנאָבלען. מ׳האָט געזאָגט אַז יענע גענז קומען אַרויס פון גענז, וועלכע זענען באַפרוכפּערט געוואָרן פון עפּעס אַ טמא פויגל פון אינדיע. אָבער ר׳ יששכר־בעריש סגל האָט מתיר געווען צו עסן גענז מיט שוואַרצע שנאָבלען.

אין 1751 האָבן צוויי ציעכאַנאָוויעצער יונגעלייט, אהרן און זאַנוויל סגל, געהאָלפן די באַרימטע ברידער פּראָפּס, אייגנטימער פון אַ גרויסער דרוקעריי אין אַמסטערדאַם, צו דרוקן דעם ש״ס. אַזוי ווי דאָס איז דאַן געווען אַ געוואַלדיק גרויסע אונטערנעמונג, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן איסור, אַז קיינער זאָל אין ערגעץ נישט טאָרן דרוקן דעם ש״ס אין פאַרלויף פון 25 יאָר. טראָץ דעם איסור האָבן זיך געפונען יידן וועלכע האָבן 4 יאָר שפּעטער אָנגעהויבן דרוקן דעם ש״ס אין זולצבאַך, בייערן. דאַן האָבן 24 רבנים, די באַרימטסטע אין פּוילן (כ״ד המאורות הגדולים) אַריינגעלייגט אין חרם דעם זולצ־באַכער ש״ס און זיינע דרוקערס. איינער פון די 24 איז געווען דער ציעכאַנאָוויעצער רב ר׳ יששכר־בעריש סגל.

ווען ר׳ יעקב עמדן האָט באַשולדיקט ר׳ יהונתן אייבשיץ, אַז ער איז אַן אָנהענגער פון פאַלשן משיח שבתי צבי, און אין גאַנץ אייראָפּע האָט זיך צעפלאַקערט די מחלוקת

צווישן די נאָכפאָלגער פון ר׳ יעקב עמדן און די פון ר׳ יהונתן אייבשיץ, האָט די ציעכאַנאָוויעצער קהילה מיט איר רב געהאַלטן מיט ר׳ יעקב עמדן.

דער ווילנער גאון האָט אַ שטיק צייט געלעבט אין ציעכאַנאָוויעץ. אָט וואָס ער האָט פאַרצייכנט: „אין מיין יוגנט האָב איך אויף מיינע וואַנדערונגען דערגרייכט טשע־כאַנאָווצי, אַ שטאָט פול מיט סופרים און חכמים. דער דאָרטיקער רב ר׳ מאיר, איז געווען מיין רבי און נסתר (קבלה) און מיין חבר אין נגלה" (תורה).



Shabtai Kaplanski שבתי קפלנסקי

ראש־הקהל, ר׳ שבתי קפלנסקי, בן הרב נחמן־דוד מאוסטרולנקה, עמד בראש הקהילה עד פטירתו בשנת 1927

דער ראש־הקהל, ר׳ שבתי קאַפּלאַנסקי, דער זון פון נחמן־דוד אסטראלענקע. געשטאַנען אין שפיץ פון דער ציעכאַנאָוויעצער קהילה ביז זיין פטירה אין יאָר 1927

R' Shabtai Kaplanski son of Rabbi Nachman-David of Ostrolenka, was Head of the Ciechanovtzer Community until his Passing away in 1927

אין יאָר 1765 איז אין ציעכאַנאָוויעץ געווען רב ר׳ דוד שאול קאַצענעלבויגן. ער האָט געהאַט 4 זין — 4 „חיות": צבי־הערש, זאב־וואָלף, אריה־לייב, און דוב־בער. זיי זענען אַלע געווען רבנים גאונים. דער דריטער זון, ר׳ אריה־לייב, איז געווען אַ גאָר נאָענטער חבר פון ווילנער גאון. אין דער הקדמה צום פירוש „אדרת אליהו" אויף „ויקרא" געפינען מיר: „ווען ער איז אַלט געווען צען יאָר האָט דער גר"א (דער גאון ר׳ אליהו) געהאַט אַ חבר מובהק, נעענטער ווי אַ ברודער, דער באַוווסטער גאון מורנו ורבנו אריה־לייב פון טשעכאַנאָווצי".

מיר זעען אַז דער ווילנער גאון האָט געהאַט אַ שייכות צו, און מסתמא אויך אַן איינפלוס אויף ציעכאַנאָוויעץ. דאָס דערקלערט אפשר וואָס די חסידישע באַוועגונג האָט אין ציעכאַנאָוויעץ קיין דערפאָלג נישט געהאַט, הגם אין דער סביבה זענען געווען א סך חסידים.

אַ ציעכאַנאָוויעצער מחבר, ר׳ שבתי בן אליעזר זוסמאַן, האָט אין תקנ״ג (1793) אָפּגעדרוקט אַ ספר „מאיר נתיב״, אין דער שטאָט אַלטונאַ, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו דענמאַרק־נאָרוועגיע, ווען עס האָט דאָרט געקיניגט קריסטיאַן דער זיבעטער. דער ספר האָט הסכמות פון רבנים פון האַמבורג, קעלן, אַמשטערדאַם און האַג. אַזוי אַרום איז ציעכאַנאָוויעץ באַרימט געוואָרן אויך אין מערב אייראָפּע.

אויך אין 19־טן יאָרהונדערט זענען די ציעכאַנאָוויעצער רבנים געווען צווישן די באַרימטסטע אין פוילן, ווי ר׳ רפאל יום־טוב ליפּמאַן היילפּערן, וועלכער איז פון ציעכאַנאָוויעץ אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק. נאָך אים האָט ציעכאַנאָוויעץ געהאַט אַלס רבי איר אייגענעם זון, הגאון ר׳ יעקב לייב העלער. די לעצטע צען יאָר פון 19־טן יאָר־הונדערט איז אויף ציעכאַנאָוויעצער כסא־הרבנות געזעסן הגאון ר׳ אליהו ברוך קאַמאַי, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן ראש ישיבה אין מיר.

(איבערזעצט אין יידיש : צבי מאַטיסאָן)

מפתח המשתתפים בספר

(סודר בידי אליעזר לאוני)

---

* המפתח מכיל 106 שמות.

מפתח המקומות

(סודר בידי אליעזר לאוני)

מפתח השמות

(סודר בידי אליעזר לאוני)

המפתח מכיל את כל השמות המוזכרים בספר, פרט לשמות הנספים המופיעים ב„יזכור", עמ' 719—839

א

ב

ג

ז

ח

ט

מ

ע

פ

צ

ק

ר

